STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04452

KVALN ARUM GETSELT

I. Z. Shargel

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב צבי שאַרגעל / קוואַלן אַרום געצעלט

צום פֿריינט ברוך [illegible]
מיט אַ סך גרוסן —
ניו-יאָרק, 24 סעפּטעמבער 1982. י. צ. שאַרגעל

יעקב צבי שאַרגעל

קוואַלן אַרום געצעלט

צווישן שרײַבער און ווערק

בוך צוויי

פֿאַרלאַג „ישׂראל־בוך"
תל־אביב תשמ"א — 1981

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון
קרן תל־אביב לספרות ולאמנות, אליעזר פּינעס־פאָנד
פאַר ליטעראַטור און קולטור, פאָנד פון ייִדישן
ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־פאַראיין אין ישראל
און זײַנע אַ סטיפּענדיע א. נ. פון ח. באָלער ז״ל.

י. צ. שרגל / עיינות סביב לאהל
על סופרים וספרים, ספר ב׳
פאַרלאַג „ישראל־בוך״, תל־אביב, רח׳ איתמר בן־אבי 4

I. Z. SHARGEL / KWALN ARUM GETZELT
(Essays)
Israel-Book, Publishing House, Tel-Aviv P.O.B. 1777

©
כל הזכויות שמורות

Printed in Israel 1981 נדפס בישראל

דפוס „להב״ בע״מ, תל־אביב, סמטת ענתבי 13, טל. 335310

*

מיַין ערשט בוך מאמרים, וועלכן כ׳האָב אַ נאָמען געגעבן „פון אָנהייב אָן״, האָט אייגנטלעך געמעגט און געדאַרפט הייסן „פון „אָ נ ה י י ב״ אָן׳ כדי קלאָר אָנצוּווייַזן, אַז עס גייט דאָ אַ רייד וועגן אָן אָ נ ה י י ב וואָס הייבט זיך אָן מיטן דערשיַינען פונעם ייִדישן זאַמלהעפט „אָנהייב״ (ירושלים, אויגוסט 1928), וואָס איז פּאַקטיש געווען דאָס ערשטע זאַמלהעפט אין ייִדיש פאַר ייִדישע ליטע־ראַטור־ און קולטור־פּראָבלעמען, וואָס איז דערשינען אין ארץ־ישראל, און האָט מכריז ומודיע געווען דאָס אָנקומען און אויפקומען פון אַן אָרגאַניזירטער ייִדישער שריַיבער־גרופּע, וואָס הגם זי וואַרפט אָפּ דעם ייִדישיזם ווי אַן אידעאָלאָגיע, מעלדט זי אַז זי איז דאָ, אַז דאָס לאַנד איז א י ר לאַנד מיט אַלע געראַנגלענישן און פריידן, אַז העברעיִש איז איר אייגן און טיַיער, אָבער זי שאַפט און וועט שאַפן אין ייִדיש אַזוי נאַטירלעך, ווי נאַטירלעך זי אָטעמט די לופט פונעם אַלט־ניַיעם לאַנד ישראל. דאָס וואָלט אפשר באַרוּיִקט די געמיטער פון ד י צווישן אונדז וואָס מיינען און האַלטן, אַז ע נ־ל ע כ ע ד ע ר ש יַ י נ ו נ ג ע ן זענען דאָ געווען פאַרן „אָנהייב״ אויך, נאָר מ י ר זענען זיי נישט באַקאַנט...

טו איך דאָס איצט.

*

מיַין צווייט בוך מאמרים און רעדעס, דאָס איצטיקע, רוף איך: „קוואַלן אַרום געצעלט״. לאמור: קוואַלן אַרום מ יַ י ן געצעלט. איך מיין דאָ די שפּרודלענדיקע קוואַלן פון וועלכע כ׳האָב געטרונקען אין טעג פון דורשט און נויט, אָבער געטרונקען פון זיי בלויז געלעגנ־הייטלעך, ביַי באַגעגענישן גיַיסטיקע צי פיזישע, וואָס אַ גרויסער טייל פון זיי זענען אויך געווען צופעליקע, נישט סיסטעמאַטישע. מיט איינעם זיך געטראָפן דאָ אין לאַנד, מיט איינעם זיך „באַגעגנט״

דורך בריוו, און מיט אַ דריטן — זיך באַקענט דורך זיינע ווערק, וועלכע זענען מיר געוואָרן אייגן און נאָענט. לאָמיר געדענקען, אַז נישט אַלע זענען אַהער געקומען, נישט אַלע האָבן אַהער געשיקט זייערע יצירות, און נישט אַלע וואָס זענען יאָ געקומען אַהער, האָבן געהאַט דעם מוט און דעם ווילן זיך אַנטקעגנצושטעלן די הערשנדיקע אינסטיטוציעס צו וועמען זיי זענען געקומען כדי זיך מיט אונדז צו באַגעגענען...

ווען איך דאָס בוך אָנהייבן מיט די חוץ־לארצדיקע, פון וועמענס קוואַלן און קוועלכלער איך האָב זיך געקוויקט אין יענע שווערע, טרוקענע דורשט־טעג, ווי אויבן דערמאָנט, און זיי ברענגען לויטן א״ב. איך דערלויב זיך אויך צו ברענגען צוויי פון ב. אַלקוויט־בלומס בריוו צו מיר, וואָס זאָגן עדות אויף געאָגראַפישער שייכות, און מחמת כבוד און ליבשאַפט צו איינעם פון די אָריגינעלסטע יידיש־דיכטערס און דערציילערס אין דער „נייער וועלט", וואָס רעדן וועגן דעם אַזוי נאַטירלעך און אָפנהאַרציק אין די דאָזיקע בריוו. כ׳וואָלט זאָגן, זיי זענען אַ מזמור צו אונדזער שטאָט.

דער קומענדיקער אָפּטייל: „פון „אַנהייב" אָן", וואָס איז אַ המשך פונעם ערשטן בוך, וועט אויך קומען לויטן א״ב, בלויז דעם דריטן שער, וואָס דאַרף דינען ווי מאַטעריאַל פאַרן היסטאָריקער און זיין — ווי צוגעזאָגט אין מיין ערשטן בוך — אַ מין „עטיודן צו דער געשיכטע", רעדוציר איך צוליב כמה וכמה טעמים. די מאמרים וועלן קומען לויט די טעמעס און דער אָפּטייל וועט הייסן „פון דעמלט ביז היינט".

י. צ. ש.

מכוח געאָגראַפֿישער שייכותדיקייט

צוויי בריוו פֿון ב. אַלקוויט־בלום

ליבער חשובֿער יעקבֿ צבֿי שאַרגעל,

אַ דאַנק, אַ גרויסן האַרציקן דאַנק אײַך פֿאַר דער מתּנה, אײַער נײַ בוך — „פֿון וויי און גלויבן" — און האָט נישט פֿאַראיבל, איך בעט אײַך, וואָס כ'האָב אײַך נישט גלײַך געשריבן. ס'האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז איך האָב נישט געקענט. אָבער ס'האָט מיך באמת געפֿרייט צו קריגן די מתּנה.

צי כ'האָב געוווּסט, אַז דער פּאָעט י. צ. שאַרגעל איז אַ כעלעמער? געוווּסט, אָבער נישט אַזאָ ווי איר זענט אין דער נײַער לידער־זאַמלונג. איך האָב אוודאי געדאַרפֿט זען אין די באַזונדערע לידער אַן אָנזאָג אויף דעם דיכטעריש אויסגעוואָקסענעם שאַרגעל, ווי אין „פֿון וויי און גלויבן". קאָן זײַן אַז כ'האָב געזען, מסתּמא יאָ, אַ סימן האָב איך, אַז ווען כ'האָב געזען גלאַטשטיינס אָפּשאַצונג — איידער כ'האָב געקענט דאָס בוך — האָב איך טריאומפֿירט: מײַנער אַ בן־עיר!

דאָ, מיין איך, איז נייטיק אַ וואָרט וועגן דער דאָזיקער קרובֿהשאַפֿט אונדזערער, דער עיקר צוליב דעם וואָס מיר האָבן דאָ פֿאַר זיך אַ מענטשלעך רעטעניש, אויב נישט טאָקע — אַ מיסטעריע. שטעלט אײַך פֿאָר, איך בין אַוועק פֿון כעלם אַ ייִנגל, קלענער ווי איך בין געווען — און נאָך פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. ס'איז נישט געווען די כעלם וואָס איר האָט געקאָנט, אין ניו־יאָרק בין איך נישט אַרײַנגעפֿאַלן אין דער דאָ לאַנדסמאַנישער וואַרעמקייט. און דאָ — ווי לאַנג איז שוין אין דעם? פֿעלקער זענען אונטערגעגאַנגען, נײַע מדינות זענען אויפֿגעקומען, ייִדן זענען צוריק אין זייער לאַנד, אָבער אָט — אַ בוך לידער פֿון אַ כעלעמער!

און איך כאַפּ, איך לייען, איך בלעטער און ס'אויג פֿאַרצייכנט די זײַט, דאָס ליד, אַ פֿערז, אַ זאָג: „ער וועט אַ טאַנץ טאָן קעגן לאַנד", און „דאָס פֿעלד נאָכן שניט איז מידער פֿונעם שניטער"; די שוועסטער לידער און די מאַמע, „אין זכות פֿון גלויבן" און „מײַן בענקשאַפֿט" און דאָס ליד „באַרג אַרויף" — אַלע לידער פֿון גלויבן, אַלע אין דער נאָענטער לאַנדשאַפֿט — און די וווּנדערלעכע ליבשאַפֿט־לידער.

נו, מײַן ליבער שאַרגעל, דאָ זענען מיר, נאָך האַלבער נאַכט, בײַ אַ קליין לעמפּל, מיט אַ ציטער צווישן די ציין. און אַז כ'בין אויפֿגעשטאַנען, בין איך שטיין געבליבן — ווי זאָל איך עס אײַך זאָגן? ווי פֿאַר דעם תּחית־המתים פֿון אַ געפֿיל וואָס איך האָב דאַכט זיך קיין מאָל נישט געהאַט — דאָס געפֿיל פֿון שטאָלץ מיט אַ דיכטער אַ בן־עיר, מיט זײַן נײַ בוך, מיט דעם ווי ער ווערט אָנערקענט און געלויבט.

זײַט געזונט. כ'שיק אײַך דאָס בוך „אויפֿן וועג צום פּרץ סקווער".
מיט די וואַרעמסטע גרוסן אַלע אײַערע.

ב. אַלקוויט

15.2.1960

ליבער, ליבער יעקב צבי שאַרגעל,

דערהאַלטן אײַער אַרטיקל וועגן די דערציילונגען „אויפֿן וועג צום פּרץ סקווער", דערהאַלטן, געלייענט און נאָט אײַך מײַן וואָרט — איך ווייס קוים ווי אַזוי אײַך צו דאַנקען.

עס איז אַן אָפּשאַצונג געשריבן פֿון אַ דיכטער, וואָס האָט „זיך געצאַמט מיט אַלע כוחות", ווי עס זאָגט דאָס בײַגעלייגטע בריוול, ווײַל אַנדערש „ווער ווייסט וואָס פֿאַר אַ לויבגעזאַנג עס וואָלט דערפֿון אַרויסגעקומען". אָבער דער לויב זינגט בײַ אײַך פֿון צווישן די שורות, פֿון דער גאַנצער וואַרעמער, נאָענטער, קינסטלעריש־תּוכיקער אינוואַזיע, וואָס איז, פֿאַר מיר — סײַ מיט דעם צוגאַנג און סײַ אין דעם פּאַטאָס־אָנגעלאָדענעם קפֿיצת הדרך דורך די דערציילונגען — אַ באַדײַטנדיקער צוגאָב צו דער געשטאַלט פֿון דעם דיכטער י. צ. שאַרגעל.

פֿאַרפֿאַלן. עס האָט זיך אײַך נישט אײַנגעגעבן — דאָס צאַמען זיך מיין איך. דאָס מיינט מען אַפּנים, אין אונדזערע מקומות, ווען מ'זאָגט: בינדטס מאַ הענט און פֿיס נאָר וואַרפֿטס מאַך צווישן אייגענע. בײַם סוף פֿון צווייטן אָפּשניט שרײַבט איר: „דוכט זיך איר לייענט טויזנט־און אײן־נאַכט־מעשהלער, דוכט זיך — היסטאָרישע געשעענישן, נאָר אַז איר טיפֿט זיך אין זיי אַרײַן זענען דאָס פּראָזאַיִש־פּובליציסטישע כראָניקעס געשריבן אין הויכער ליטעראַרער פּאָעזיע". אַזוי שרײַבט איר און איך וואָלט דאָס נישט אָפּגעגעבן אַפֿילו נישט פֿאַר אַ גאַנצן דזשאַז אָרקעסטער פֿון לויב־מוזיק.

פֿאַר דעם אַליין, נעמט אָן מײַן האַרציקן דאַנק. אָבער איך טייל דאָס נישט אויס פֿון דעם גאַנצן. איך שאַץ די באַהאַרצטע כוונה, דעם טיפֿן ערנסט, דאָס געפֿיל פֿאַר די מענטשן אין דעם בוך, ווי זיי גייען דורכן לעבן, יעדער מיט זײַן גורל, זײַנע פּאַרוואָסן, יעדער מיט זײַנע צוויטן פֿון לעגענדע, און —

אחרון אחרון, אויב עמעץ האָט עס נאָך נישט געוווּסט, ווייסן שוין איצט אַלע, אַז דער פּאָעט י. צ. שאַרגעל און דער דערציילער וואָס וועגן אים שרײַבט ער דאָ, ביידע זענען כעלעמער — און נישט אויף קאַטאָוועס.

זײַט זשע מיר געזונט און האָט אַ גליקלעכן זומער.

חבריש אײַער,

אליעזר בלום

המכונה ב. אַלקוויט

6.6.1960

קוואַלן
אַרום געצעלט

שמואל איזבאַן
ברוך אָליצקי
אליעזר אַלקוויט-בלום
יצחק בורשטיין-פינער
שלמה ביקל
בען
יעקב גלאַטשטיין
חיים גראַדע
מרדכי געבירטיג
מאַרעק האַלטער
פערל האַלטער
מלכה חפץ-טוזמאַן
דוד טושינסקי
שיִע טענענבוים
בינה לאַנדאַו
ה. לייוויק
מיכאל מילבערגער
ג. סאַפּאָזשניקאָוו
שמשון פערשט
אַרטור קאָלניק
מעינקע קאַץ
מלך ראַוויטש
משה שולשטיין
משה שטאַרקמאַן

די „וואַלפיש" פון שמואל איזבאַן

א

...אַז איך מאַך צו די אויגן און קוק דורך די לעפלען צו די שטראַלן וואָס רייַסן זיך דורך דורך מייַן פיטאַנגאַ־פלויט, און אַזאַ ראַז נישט־דאָ־יק ליכט לייַכט אין מיר אַרייַן, ווי אין אַ פּאַרטאָגיקן חלום, דערזע איך פּלוצעם יענע טעג, די ערשטע, בעת מיר האָבן זיך דאָ פאַרמאָסטן, ווי פּראָפּ׳ דב סדן באַצייכנט דאָס, „אַ מיעוט קעגן אַ רבים" און מיט פרומער מסירת־נפש, מיט אַן אמונה ווי ביי אונדזערע פאָטערס, גענומען אויף זיך אַ דעמלט אומגעווייַנלעכע מיסיע: שאַפן דאָ אין לאַנד יידישע ליטעראַטור.

בשעת איך זאָג מיר, און רעכן אַרייַן אויך מייַן ווייניקייט, און עפן צוריק אויף די אויגן כדי אַרויסצוגיין פונעם חלום, טרעט אָבער נישט אָפּ פון מייַן בליק דער שיינער, פולפּנימדיקער און פוללייַביקער קאַנדיטאָר איזביצקי פון דער נחלת־בנימין־גאַס אין תל־אביב, וואָס, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז שוין דעמלט געווען דער מחבר פון עטלעכע באַדייַטנדיקע פּראָזע־ווערק אין יידיש, און זייַן נאָמען איבער זיי איז אויפגעשריבן: שמואל איזבאַן.

איך וועל נישט איבערטרייַבן אויב כ׳וועל זאָגן, אַז כאָטש כ׳האָב שוין דעמלט געקענט פערזענלעך אַזעלכע שרייַבערס ווי פּרץ מאַרקיש, מלך ראַוויטש, אליעזר שטיינבאַרג און איציק מאַנגער, איז מיר דאָס באַקענען זיך און דאָס נאָענט ווערן מיטן יינגסטן און, מעגלעך, אומבאַקאַנטן פון צווישן זיי — שמואל איזבאַן — געווען ווי אַ היילונג, ווי אַ זאַלב צו די וווּנדן, וואָס האָבן מיר גורם געווען נישט נאָר און בלויז די „שפּראַך־לעגיאָנערן" נאָר אויך „אייגענע", וואָס האָבן „געקוקט קרום" אויף וועלכער ס׳איז יידיש־טעטיקייט אין לאַנד און אַרויסגעוויזן „שטערונג" אויף טריט און שריט.

שמואל איזבאַן האָט שוין דעמלט באַוויזן, אַז מ׳מוז גאָר נישט זייַן אָרגאַניזאַציאָנעל פאַרבונדן מיט דער פּאַרטיי וואָס קעמפט פאַר דער רעכט פון יידיש אין ארץ־ישראל — די לינקע פּועלי־ציון — כדי צו

שאַפֿן ווערק, דערצו באַטײַטנדיקע און וואַגיקע, דאָ אין לאַנד, אין ייִדיש לשון. האָט מיר טאַקע ווי׳ גענטאָן זײַן פּאַרלאָזן אונדז און דאָס לאַנד, נאָך דעם ווי ער איז שוין דאָ געווען אײַנגעזעסן און אייגן און מיט אַ נאָמען אַן אײַנגעוואָרצלטן אין דער ייִדישער וועלט־ליטעראַטור, כ׳האָב אָבער די גאַנצע צײַט פֿון זײַן וווינען אויסער די גרענעצן פֿון אונדזער לאַנד נאָכגעקוקט און נאָכגעגאַנגען די טריט פֿון זײַן שאַפֿן און ער איז געוואַקסן אין מײַנע אויגן פֿון ווערק צו ווערק.

ב

צוועלף ביכער, דערציילונגען, ראָמאַנען און רײַזע־באַשרײַבונגען זענען ביז איצט אַרויס פֿון אונטער איזבאַנס פּעדער. לאָמיר זיי דאָ אויס־רעכענען: מאָסן (ראָמאַן, ווילנע 1929), נאָכן שטורעם (דערציילונגען, וואַרשע 1929), קוועד 1914—1918 (ראָמאַן, ווילנע 1934), אויף רושטאַ־וואַניעס (ארץ־ישראל־דערציילונגען, וואַרשע 1936), צווישן הונדערט טויערן (דערציילונגען, ניו־יאָרק 1942), אומלעגאַלע ייִדן שפּאַלטן ימען (געשיכטע פֿון אַן אומלעגאַלער רײַזע קיין ארץ־ישראל, בוענאָס־אײַרעס 1948), פֿאַמיליע קאַרפּ (ארץ־ישראל־ראָמאַן, בוענאָס־איירעס 1949), די שטאָט פֿון צאָרן (ניו־יאָרקער דערציילונגען, מאָנטעווידעאָ, 1955), די שפּעטע יורשים (ראָמאַן, בוענאָס־איירעס 1958), די קעניגין איזבל (היסטאָרישער ראָמאַן, בוענאָס־איירעס 1959), יריחו (היסטאָרישער ראָמאַן, בוענאָס איירעס 1966) און איצט: אַ וואַלפּיש אין יפו (דערציילונגען, תל־אביב, 1980). אויב מיר זאָלן נאָך צוגעבן, אַז פֿינעף פֿון אָט די ווערק זענען דערשינען אין לאַנד אין העברעיִשער איבערזעצונג, וועט ש. איזבאַנס ליטעראַריש פּאַרמעג נאָך מער וואַקסן און שטײַגן.

איז דאָך דאָס אַליין, דער כמות, פֿון געגנוג באַטײַטנדיקער אַנזעעוו־דיקייט, עס דאַרף אָבער באַזונדער אונטערגעצייכנט ווערן זײַן פּערמאַנענטע פֿאַרבונדנקייט מיט ארץ־ישראל, דער הײַנטיקער און דער אייביקער, מיט אירע אײַנוווינער — ייִדן און אַראַבער — מיט איר געשיכטע — די אַלטע און די נײַע, מיט אירע זיטן און פּירעכצן, מיט אירע הייליקייטן און טומאהס — ערשט דעמלט וועלן מיר האָבן דאָס סאַמע פֿולע און אַרומנעמענדיקע בילד פֿון אָט דעם שרײַבער.

און עס גייט נישט אין דעם, אַז מיר זאָלן זיך קאָנען באַרימען מיט דער אווירא דארץ־ישראל — דאָס טאַקע אויך! — מסתמא האָט עס שוין באַצייכנט און אונטערגעצייכנט נישט איין קריטיקער און באַהאַנדלער פֿון ש. איזבאַנס

ווערק. וואָס עס ווילט זיך מיר זאָגן אינעם איצטיקן פאַל — לייענענדיק דאָס בוך דערציילונגען „אַ וואַלפיש אין יפו" און קודם כל טאַקע די קרוין־דערציילונג וואָס טראָגט אָט דעם נאָמען איז — אַז עס ווילט זיך מיר צוריק־כאַפּן יענע ווונדערלעכע זעונג — וואָס כ'האָב אויבן דערמאָנט— ווען ש. איזבאַן איז געווען מיט אונדז אין תל־אביב און אונדז באַשײַנט מיט דער שײַן פון אַ רײַפן, קראַפטיקן און זאַפטיקן ייִדיש־שרײַבער.

אָט דאָס בוך איז ווערט מיר זאָלן זיך דערמאָנען אין יענע טעג און עס איז דערצו אויך גורם.

ג

פון נחלת־בנימין־גאַס, ווו איזבאַן האָט אין אָנהייב געוווינט, ביז דער דעמלט אַראַבישער יפו, איז ממש געווען מיט דער האַנט צו דערלאַנגען, און אַוודאי איז מעגלעך געווען מיט דער פעדער צו „דערלאַנגען", און מיט דער רײַכער שרײַבערישער פאַנטאַזיע, אַזש צו יענע הערשער און עפענדיס וואָס גרײַכן אַרײַן אין דער טערקן־עפּאָכע, צו דעם פאַרבלענד און צויבער פון יענעם האַפן, ווו אַ וואַלפיש האָט אײַנגעשלונגען אין די תנ"ך־צײַטן דעם נביא יונה... און אָט דאָס בוך איז דער בעסטער באַווײַז.

און ווען מיר זאָלן אַפילו זאָגן, אַז יונה הנביאס וואַלפיש האָט דאָס אַרויפגעבראַכט דעם ניו־יאָרקער ייִדיש־שרײַבער שמואל איזבאַן אַסאָציאַטיוו אויף דעם דאָזיקן רעיון, וואָלט עס נאָך אַלץ נישט אויפגעדעקט דעם סוד פון אַזאַ רײַכקייט פון זען, פון געדענקען, און פון אַרויסרופן צום לעבן ליטעראַריש אַזאַ שלל מיט העלדן, בעלי־עגלות, זונות, גנבים, קאַליפן, גובער־נאַטאָרס און אַנדערע, כדי אָט דעם וואַלפיש אויפצולעבן.

ווער טאַקע קיינער נישט „פעסטשטעלן" צי אַזאַ וואַלפיש איז געווען אין יפוער פאָרט צי נײַן, צי האָט ער טאַקע אָנגעוואָרפן אַזאַ אומגעווייַנלעכן פּחד אויף דער דאָרטיקער באַפעלקערונג צי ס'איז בלויז שרײַבערישער אויס־טראַכט, ס'איז אָבער לײַכט, וואָס לײַכטער קאָן שוין נישט זײַן, צו שטוינען און צו באַוווּנדערן אָט די אומפאַרגלײַכלעכע, אין דער ייִדישער ליטעראַטור, שילדערונג פון אַזאַ וואַלפיש, פון אַזאַ בויכטענצערין ווי חמדה, און פון אַזאַ הויך־פאַנטאַסטישער שילדערונג פון דעם גאַנצן פאַרלויף אין דער דערציי־לונג. ס'איז איין מאַליק.

אויך די אַנדערע דערציילונגען, די כלומרשט מער רעאַליסטישע, פאַלן מיט גאָרנישט ניט אָפּ פון אָט דער דערציילונג. וואָרעם ווי קאָן מען פאַר־בײַלויפן גלײַכגילטיק אַזאַ דערציילונג ווי „דער תקיף", ר' טודרוס מילגרוים פון טבריה, און נישט אויפכאַפּן, כאָטש אויפצילען די אַלע ווערטלעך און

גלײַכװערטלעך, װעלכע אונדזער דערצײלער לײגט אַרײַן אין די מײַלער פון זײַנע העלדן? און זײ צײלן זיך דאָך אין די צענדליקער. און דאָס עצם שילדערן די מענטשן, די סביבה, די מיליע? אָבער דער עיקר אין אָט דעם באַנד דערצײלונגען זענען פּאָרט די „װאָלפיש" — די פאַנטאַסטיש־לעגענדאַרע אגדתא׳ס מיט װעלכע דער שרײַבער אונדזערער איז אַזױ רײַך און ער ברענגט זײ אַרױס מיט גרױס טאַלאַנט, מיט אַ סך קראַפט, אין אַ זאַפּטיק פליסיק ידיש לשון, מיט אױסגעפײַנטער לומדות, אַז מיר װערן מיטגעצױגן און אַרײַנגעצױגן.

אָט װי אַזױ עס הײבט זיך אָן די דערצײלונג „דער טלית": — „װער עס האָט אַמאָל געלעסטערט די הײליקײטן אין ירושלים און װער עס האָט פאַרלײקנט די קדושה פון אירע מױערן, דער איז נישט אימשטאַנד געװען צו שטײן פּנים אל פּנים מיט גדליה דעם טעפּעך־הענדלער, װאָס האָט מיט די אײגענע אױגן צוגעזען ניסים אין זײַן זינדיקן דור". און ש. איזבאַן „באַװײַזט" אונדז פאַנטאַסטישע ניסים װאָס דער טעפּעך־הענדלער האָט צוגעזען...

נישט װײניקער לעגענדאַר־ און אגדתא־אַרטיק איז די דערצײלונג „אַ חלום אין מדבר", כאָטש ער הײבט זי אָן שיער־נישט זשורנאַליסטיש־רעאַליסטיש: —

„ער איז געבליבן אַלײן אין מדבר נאָך דער לעצטער שלאַכט אין סיני. אַ פאַרװאָגלטער זעלנער אין דער אָפּװער־מלחמה פון ישראל קעגן מצרים — — — דער אומענדלעכער אױסשפּרײט אונטער דער פלאַקערדיקער זון האָט אים נישט געשראָקן, אָבער ער איז געװען אָפּגעשניטן פון דער װעלט. אױסגעשטעלט צום גנאַד פון הימל און צום צאָרן פון פאַרצוקנדיקע חיות". איזבאַן לעבט דאָ אױף געשטאַלטן פון „טױזנט און אײן נאַכט" און די דערצײלונג װערט אַ העכערער פאַרמעסט מיט דער װאָלפיש־דערצײלונג, סײַ אין דער אומגעװײנלעכער שילדערונג סײַ אין רײַכן פּעכער פון דער פאַנטאַסטיק.

און אָט פירט אונדז צו דער מחבר צו אַן „עכט־רעאַלער" מעשה, װאָס טראָגט דעם נאָמען „צירעלע, מײַן קרױן", הײבט ש. איזבאַן אָן אַזױ: „צירעלע מײַן קרױן, װי אַזױ האָט ער דיך פאַרכישופט? — — — מלך איז געשטאַנען אַן אײַנגעבױגענער פאַר זײַן װײַבס בעט — — — פּאָטער אין הימל, פאַרװאָס קומט מיר אַזאַ שטראָף?" און מיר גרײטן זיך דאָ צו לײענען אַ נאָרמאַלע דערצײלונג, קומט דער מחבר און גיט אונדז דאָ אַ צפתער „װאָלפיש"־דערצײלונג, װאָס איז פול מיט פאַרבאָטענער ליבע,

מיט טריפהנע רעיונות, מיט הוריות און ניסים, און צירעלע שטאַרבט אין קינפּעט...

איז דאָ דאָס אָרט צו לאָזן רעדן דעם מחבר:

„מלך האָט אויפגעהויבן די אויגן צו דער סטעליע. אַ געדיכטער נעפּל האָט זיך געשטעלט פאַר זײַנע אויגן, דער דאַך האָט פּלוצים זיך אונטער־געהויבן. דער רווישיקער ווינט, וואָס האָט אַרײַנגעבלאָזן פון די הייכן, האָט איבערגעשטעלט די צײַט. דער שלאָף־צימער איז פול געווען מיט זיפצן פון חבלי־לידה. נישט צירעלע איז געלעגן אין קימפּעט, נאָר די מאַמע רחל אַליין האָט זיך געקאָרטשעט אין יסורים. ער האָט זי דערזען אין אירע ווייען. ער האָט דערהערט די קרעכצן פון דער שטאַרבנדיקער יולדת איידער דער וולד איז אַרויס פון איר טראַכט, און דער דערשראָקענער מלך האָט אַרויסגעלאָזט אַ געשריי: — ער וועט הייסן בנימין!“...

ה

איזבאַן איז אַ בקי אין די עדה׳ס, אין די שבטים. ווייסט און קאָן זייער אָרט רעדן, זייער פּירונג, קליידונג. אָבער איבער דעם אַלעם איז דער ספר־הספרים דער גייד זײַנער, זײַן וועג־ווייזער בײַם שילדערן יעדן עדה־מענטש באַזונדער.

אָט דערציילט ער אין דער דערציילונג „אַ ווײַנגאָרטן“ וועגן דעם אַלטן סאַלאָניקער ספרדי רפאל תורג׳מן, זענען אַלע זײַנע רייד און פאַר־גלײַכענישן אַרויסגענומען אַזוי פּשוט־נאַטירלעך פון תנ״ך:

„דער אַלטער ספרדי האָט אַ קוק געטון אויפן ווײַב ווי אויף אַ ביטערן שונא. די אויגן האָבן געברענט ווי די קוילן אויפן האַלדז פון דער נאַרגילע:

— און דו, מרשעת, ווילסט מיך מאַכן פאַר אַן אחאב און זיך פאַר איזבל? כ׳בין נישט דער מלך פון ישראל, און דו ביסט נישט קיין געצנ־דינערין פון צידון! כ׳וועל נישט משיג גבול זײַן אַ שכן! כ׳וועל נישט צולייגן אַ האַנט צום רויב“. און אַזעלכע רייד און פאַרגלײַכונגען געפינען זיך אין אַלע דערציילונגען דאָ.

פון דאַנען, אַז אויך די וואָס זענען נישט גורס אַזאַ פאָרעם, וואָס האַלטן נישט פון אַזאַ סאָרט דערציילונגען, וועלן על־כורכם זאָגן „אָמן“ אויף דעם וואַלפיש־בוך און אויף זײַן מחבר, און וועלן, ווי מיר, באַוווּנדערן אָט דעם רײַכן טאַלאַנט זײַנעם און זאָגן: —

ער הייסט און וועט הייסן אויף לאַנגע יאָר שמואל איזבאַן.

סעפּטעמבער, 1980

ברוך אָליצקי

אין זאַל פון פּ. קורסקי־ביבליאָטעק אין תל־אביב, איז פאָרגעקומען אַ פייערלעכער אָוונט געווידמעט דעם דיכטער און לערער ברוך אָליצקי, איינגעאָרדנט דורכן ישראלדיקן פאַרבאַנד פון געוועזענע שילער און לערער פון די ייִדיש־וועלטלעכע שולן. עס האָבן זיך באַטייליקט מיט אָפּשאַצונגען און געדענק־רייד די שרייבער און דיכטער א. גאָפּלאַט, נחמן מייזיל, בינם העלער, לייב אָליצקי און דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות, וואָס האָט געזאָגט צווישן אַנדערס:

...דער דיכטער ברוך אָליצקי, דער באַזונדערער און אייגנאַרטיקער אין זיין לעבן און שאַפן, איז אויך געווען לערער. ער האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך שילער — אַזוי האָפן מיר — פון דרויע און מעזריטש, פון לונע און זשעטל, פון לאָדזש, פון גראָדנע און פון לאַכאָוויץ, וואָס דערמאָנען מיט ליבע און פאַרערונג זיין נאָמען.

די קורצע, צניעותדיק־צונויפגעשטעלטע ביאָגראַפיע אינעם בוך איבערגעבליבענע לידער און געזאַנגען פון ברוך אָליצקי א. נ. „מיין בלוט איז אויסגעמישט" (איקוף־פאַרלאַג ניו־יאָרק, 1951, רעדאַקטירט: ל. אָליצקי), אַ ביאָגראַפיע וואָס וויינט־אויס בקול דממה דקה דעם יחידישן צער און דעם שבר בת עמי, דערציילט, אַז אין אָט דעם ליאַכאָוויץ, מיטן אַריינמאַרש פון די דייטשישע קולטורווירטע קאַניבאַלן, ווערט פאַרשניטן די דאָרטיקע ייִדישע באַפעלקערונג, ווי אומעטום ווו זייער אויף אייביק־פאַרשאָלטן זאָל זיין געביין, האָט זיך באַוויזן — ווערט פאַרטיליקט מי און יצירה, עס גייט אונטער די ייִדישע שול און עס ווערן פאַרווישט און פאַרמישט די טריט פונעם 34־יאָריקן אויסדרוק־רייכן ייִדישן רעוואָלוציאָנערן פּאָעט ברוך אָליצקי.

ווען נישט די ליבע פון זיינע געוועזענע שילער און לייענער וואָלט גאָרנישט לייכט געווען אַזאַ שפּרונג צו טאָן אויף־צוריק פון אונדזערע קלוגע, אויסגעהוילטע ניכטערע טעג, אַזש ביז צו יענע צייטן, וואָס הייבן זיך אָן מיט אַ פופציק יאָר צוריק און דויערן אַ פינף און צוואַנציק יאָר אינגאַנצן, וואָס זענען שוין אַזוי וויט, אַזוי אומגעהייער ווייט פון אונדז;

צו יענע צײַטן פון גלויבן און האָפן, פון פּחדלאָזן אַרויסרוף צו אַן אײַנגע־פונדעוועטער וועלט, וואָס האָט זיך געוועדט ווי אַ פאַרוווּנדעטע חיה און נישט געוואָלט אָפּטרעטן דאָס אָרט פאַר אָט־די גלויביקע יונגען אין וועמענס טשופּרינעס עס האָט געווייעט דער ווינט פון נײַעם אָנקומענדיקן טאָג; אין וועמענס אויגן עס האָבן געגליט די זעונגען פון אַ נאָענטן אחרית־הימים און אין וועמענס הערצער עס האָט געזאָטן דאָס בלוט פון מענטשן־ליבע אין זכות פון אָקטאָבער — דאָס באַלײַכט אויך די ירושה, די ליטעראַריש־קינסטלערישע, פון אַזאַ יונגן מענטשן, ווי ברוך איז געווען און דער ברויזנדיקער, שטורעמדיקער פאַרמעסט זײַנער וואָס קומט צום אויסדרוק אין זײַנע לידער; און אַוודאי די ירושה פון דער באַדײַטנדיקער, אומפאַרגעסלעכער פּלעיאַדע יידישע דיכטער און שרײַבער פון יענע צײַטן, וואָס האָבן געצונדן פײַערן אין די הערצער פון די דערשלאָגענע יידישע היימען און זענען אין אָט די הייליקע פײַערן אַליין פאַרברענט געוואָרן.

סײַ היסטאָריש, סײַ ליטעראַריש איז אמת דאָס אָנרופן די פאַרבליבענע ירושה נאָך ברוך אַליצקין מיטן נאָמען „מײַן בלוט איז אויסגעמישט".

ס'איז אמת ליטעראַריש, ווײַל ס'איז ווויל באַוווּסט, אַז דער דעמלט יינגעטשקער בחור פון טריסק (קוים 17 יאָר אַלט!) האָט אין יאָר 1925 פאַרעפנטלעכט אין די דעמלט באַרימטע „ליטעראַרישע בלעטער" (וואַרשע), אַ רײַף דראַמאַטיש־אָנגעלאָדן ליד אונטערן נאָמען „מײַן בלוט איז אויס־געמישט"... —

מײַן בלוט איז אויסגעמישט מיטן בלוט פונעם פּשוטן פּויער,
און ס'זינגט אין מיר דאָס ווילדע געזאַנג פון די טײַכן.

זײַן ווייטיק צעאַקערט מײַן הארץ, ווי דער אַקער זײַנע פעלדער,
באַזאָמענדיק עס מיט ווילדע זאָמען,
און זײַן פרייד צעפלאַקערט זיך אין מײַנע אויגן,
ווי ראָזע זריחה־שײַן אין שײַבעלעך פון זײַנע כאַטקעס.

עס פלאַטערן מײַנע טעג רעשיק און פילפאַרביק,
ווי זונטיק די סטענגעס אויף די פלייצעס פון די טאַנצנדיקע שיקסעס.

עס באָדט זיך מײַן קאָפּ, אַ לאַנד מײַנס, אין דײַנע ווינטן ווי אַ וואַלד,
ווען כ'מעסט מיט מײַנע פיס דײַנע דאָרפישע שליאַכן.
און בין־השמשות־צײַט ציען זיך אומעטן פון מײַנע גלידער,
ווי נעפּל־לײַלעכער פון דײַנע שלווה'דיקע לאָנקעס.

ס׳איז אָבער אויך אמת היסטאָריש, אַז אין יענער צייַט, בעת דער הערשאַפט פון די פּילסודסקיס און זייערע יורשים, ווען די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן זענען אין פּאַנישן פּוילן באַפאַלן געוואָרן מיט פּורעניות און גזירות מצד די הערשער, האָט זיך צווישן אַנדערע אַ הייב־געטון פון אַ שול־באַנק — פון דער העברעיִשער שול־באַנק! — אַ יונגער, שיינער, לייַדנדיקער און מיטפילנדיקער ייִד, פון וועמען די שירה האָט אַ פלייץ־געטון ווי פון אַן אויפגעברויזטן קוואַל, און זייַן געזאַנג אַ זונג־געטון... „צום וואָלינער פּויער".

זייַט דעמלט, זינט דעם ערשטן ליד, וואַקסט זייַן כוח, זייַן ווילן און זייַן טאַלאַנט, און אונטער אָט־דעם נאָמען פּאַרעפנטלעכט ער אין יאָר 1927 אין די זעלבע „ליטעראַרישע בלעטער" (דער אָפּיציאָז פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין דער וועלט דאַן!) 15 סאָנעטן. אין גאָלדענע לידער (= שירי זהב, ווי סאָנעטן ווערן אָנגערופן אין עברית) זינגט ער מיט אַ פעסטער און דרייסטער מענער־שטים דאָס געזאַנג צום וואָלינער פּויער און זאָגט: —

אָ, אויפגעקומענער, געזונטער און באַבערדיקטער מיט מאָכן,
ווי דייַנע נידעריקע פּלויטן די געפלאָכטענע און כאַטעדיקע דעכער,
דו, טיף־פּאַראַקערטער אין ערדן — ביסט פון דעם
דערהויבנסטן נאָך העכער,
און מער ווי זונטיק ביסטו זונטיקדיקער בייַ דייַן אַרבעט
אינדערוואָכן

און אויב דאָס איז ווייניק, גיט דער דיכטער צו: —

דו ביסט דער טרייסטער, אַ באַפרייַער אייַנגעשפּאַנטערהייט
אין יאָכן!

און איר קענט זיך נישט באַפרייַען פון דעם אייַנדרוק, ווי אין דער איידעלער פאָרעם פון סאָנעטן האָט דער יונגער ברוך אָליצקי אויסגע־פורעמט זייַן שיר השירים, זייַן ערשט ליבע־ליד צום פּויער וואָס

עס שפּרודלט דייַן מגושמדיקע גבורה נאָך און קוואַלט
אין אַלע גלידער.

און הייַנט, נאָך דעם ווי אָט־די פּויערים האָבן מיט דער אַזוי־פּרעכטיק באַזונגענער „מגושמדיקער גבורה" אויסגעזעסיקעט זייער שלאַנגן־

גיפּט און אים „אַריַנגעגאָסן" מיט העק און מיט ביקסן אין זייערע ליבהאָבער־באַזינגער און זיי אומגעברענגט צוזאַמען מיטן וויטאַלסטן חלק פון אונדזער פאָלק, היינט בעת מיר קאָנען אַזוי גרויליק־ריכטיק פּאַראַפראַזירן ברוכס ערשטע ליד און זי לייענען: „מײַן בלוט איז אויס־געמישט מיטן בלוט פון די זעקס מיליאָנען ברידער און שוועסטער, זקנים וטף, וואָס דער געזונטער פויער, דער באַבערדיקטער מיט מאָכן האָט פאַרגאָסן"... היינט צו טאָג, כאָטש עס פאַלט דיר אַזוי שווער אָט־דער ביטערער פאַרגלײַך, קאָן מען נאָך לייענען אָט די לידער און גאַפן איבער זייער סאָנעטישער שיינקייט און איבער זייערע פּרעכטיקע געמעלן, שטוינען איבער זייער פּאָעטישער ריַיפקייט און עכטקייט, און באַלויכטן דעם אָנדענק פון זייער שעפער מיט רייד פון ליבע און פאַרערונג. ווײַל קינסטלעריש עכט איז דער גאַנצער איבערבלײַב זײַנער, די גאַנצע ירושה וואָס איז נאָך אים געבליבן. זײַן דיכטונג איז אַ ריַיפע, אַ מענערלעך־שטאַרקע כאָטש ער אַליין איז קוים אַריבער דעם דריטן צענטליק. זײַן ליד איז דראַמאַטיש געשפּאַנט און אָנגעלאָדן מיט אידייע און גלויבן. פאַראַן בײַ אים לידער ווו יעדעס וואָרט איז אַ בילד, יעדע שורה — אַן אימאַזש... דאָס איז דרײַסטע רעוואָלוציאָנערע שירה אויסגעטראָגן און געשאַפן דורך אַ יידישן בחור (און שפּעטער: יונגערמאַן) פון טריסק, וואָס שלאָגט־אָן צום ייחוס פון ר' לייב שרהס און ר' אַהרעלע קאַרלינער. אַן אייניקל פון דעם גבאי ראשון בײַם טריסקער רבין און דער מיטלסטער פונעם באַקאַנטן דיכטער־דרײַלינג — די ברידער אַליצקי.

אַוודאי וואָלט מען געקענט אַ פרעג טון: —

נו, און כרמי שלי? ווו איז געווען דאָס יידישע לעבן דאָן, פאַרוואָס האָט עס נישט איבערגעלאָזט קיין רושם אויפן יונגן ייד?

זאָל איך זאָגן, אַז „אין געראַנגל מיט די זיידעס" — אָט די וווּנדער־לעכע זעקס סאָנעטן, אין וועלכע ער גיט אונדז מאָלעריש אַ פיר אַרײַן אין זייערע וווינונגען, אין וועלכע

פאַרטשעפּעט מיטן לינקן פוס דאָ שטיי איך נאָך
בײַ אײַערע צעפוילטע, באַמזוזהטע און כורעים־פאַלנדע אושאַקן

אין וועלכע

איך האָב געלאָזן איין און צוואָנציק יאָר
אויף פּאָוועטינע־הענגערס אין די שטיבלעך אײַערע צעהאָנגען

זאָל איך זאָגן, אַז אָט־אָ־דער דיכטערישער וויכוח און אָנקלאָג קעגן זײַנע קליינשטעטלדיקע ייִדעס „אָט די תולה־על־בלימהניקעס", ווי ער רופט זיי אָן, אַז דאָס איז זײַן גאַנצער צושטײַער צו די ייִדישע בויטן דאָן? אמת, אין זייער קינסטלערישקייט, אין זייער רײַפקייט, אין זייער פּולבלוטיקייט און זאַפטיקייט, שטײַגן זיי העכער ווי די סאָנעטן צו די פּויערים, אָבער בעת דאָ קומט ער מיט ויכוח און מיט טענות צו די ייִדעס, ווען אַפילו מיט פולסטער רעכט, קומט ער דאָרט מיט אומבאַגרענעצטער ליבע און צוטרוי ביזן „פּאַרמישן די בלוטן".

אָט זינגט ער דאָס קרעפטיקע ליד „געזאַנג צו מאַרוסיען":

וי קרענעצעס מיט ראָסע דײַנע פיס די באָרוועסע, גיטאַרעס
בלויע שפּילנדיקע — דײַנע אויגן.
אויב נישט פאַר דיר, פאַר וועמען־זשע דאָס שווימענדיקע
עמערל מיט האָניק אין די רוימען?

פאַר וועמען־זשע? — פאַרשטייט זיך, פאַר מאַרוסיען...

איז עס ווידער אַמאָל היסטאָרישער אמת: מאַרוסיע האָט געמאַכט האָניק און נישט — מירל. אָבער איר פאַרצייכנט מיט ווייטיק: כרמי שלי לא נטרתי! פאַרוואָר, נישט נאָר ברוך אָליצקי אַליין האָט געגלייבט און געלעבט אין זיין וווּנדערלעכער ליבשאַפט־מיסיע. אַ באַדײַטנדיקער טייל פון די ייִדיש־שרײַבער האָבן דעמלט געגלייבט באמונה שלימה און זיך מקריב געווען פאַר דער אַלגעמיינער מענטשהייט־באַפרײַונג, דערבײַ אויסגעמיטן דאָס ייִד־פּראָבלעם, ווי אַן ענין וואָס שטייט אין סתירה צו דעם אַלגעמיינעם, כאָטש דער גורל פונעם ייִד איז שוין געווען אַן אָנגעצייכנטער און זײַנע קאָנטורן זענען שוין געווען געבוג אָנזעעוודיק. רופן מיר נישט צו חשבון דעם נעכטן. מיר דאַרפן אָבער פון אים לערנען, לערנען און לערנען.

און אַז מיר וועלן זוכה זײַן צו אַ ישראלדיקן ברוך אָליצקי, וואָס וועט אַזוי יאָדערדיק־זאַפטיק, מיט אַזאַ פולקייט און אָנגעלאָדנקייט אויסזינגען דאָס ליד צום ייִדישן פּויער, צו ייִדישער ערד, וועט עס זײַן אַ מצבה דעם יונג־פאַרשניטענעם פולבלוטיקן פּאָעט, וואָס האָט אין אַן אַנקעטע אין יאָר 1930 דערקלערט:

„אַלץ וואָס שמעקט מיט ערד איז געזאַנג, און אַלדאָס איבעריקע איז פאַר מיר אַ פליִענדיקע שפּינוועבס אין אַ זוניקן טאָג.

אַלץ שטאַרבט און פאַרגייט, בלויז די ערד איז געווען די אייביקייט און וועט זײַן די אייביקייט.

במילא איז דער פויער פאַר מיר מער ווי אַ יגיע־כפּיימניק; ער איז אַלץ: זון און כמאַרע, פרייד און טרער, מוזיק און ריטם, ווילדקייט און צעשוויבערטקייט, בלוטדורשטיקייט און מענטשלעכקייט, אוראַלט און סוף כל הדורות".

*

ברוך אַליצקיס ברידער, לייב און מאַטעס, ווײַזן אַרויס גרויס פּיעטעט און ליבע צו זייער פּריצײַטיק אומגעקומענעם ברוך. זיי זאַמלען, רעדאַק־טירן, ווידמען לידער און גיבן אַרויס זײַנע ווערק — דער עיקר טוט דאָס דער דיכטער, משלים־שרײַבער און איבערזעצער לייב אַליצקי. זאָל דאָס פאַרצייכנט ווערן און דערמאָנט ווערן מיט ליב און באַוווּנדער צו די דאָזיקע מענטשלעכע, שעפערישע ברידער.

אָקטאָבער, 1964

אויפן וועג צום פּרץ־סקווער

אליעזר בלום: „אויפן וועג צום פּרץ־סקווער", דערציילונגען. ציקאָ־ביכער־פאַרלאַג. ניו־יאָרק, 1958. 328 זײַטן.

א

דערציילונגען געשאַפענע פון אַ מאָדערנעם ראַפינירט־רוטינירטן דיכטער זענען זיכער אָטעם־פויזעס, אַנטשפּאַנונג־שאַפונגען נאָך גרויסער אײַבערמידקייט. דאָס מיינט נישט, ווי טייל ווילן האָבן, אַז דערציילונגען פון אַ דיכטער זענען דעם דיכטערס שיחות־חולין. ס'איז גיכער אַ מין דעסערט־ווײַן, וואָס פאַרמאָגט אַלע טעמים פון אָט־דעם געטראַנק און איז דערבײַ לינדער, האַרציקער.

„אויפן וועג צום פּרץ־סקווער" איז אַ בוך דערציילונגען פון אַ דיכטער. אליעזר בלום, דער מחבר פון די דאָזיקע דערציילונגען, איז דער באַקאַנטער דיכטער־אינזיכיסט ב. אַלקוויט.

ווייסן מיר נישט די סיבה, עס אַנטדעקט זי נישט פאַר אונדז דער מחבר אין זײַן קורצער הקדמה, און מיר ווילן זיך נישט אַרײַנלאָזן אין קיין חקירה, פאַרוואָס האָט פריִער דער שרײַבער אליעזר בלום זיך באַנוצט מיט אַ פען־נאָמען (ב. אַלקוויט) און איצט — מיטן אייגענעם נאָמען (א. בלום), אָבער די אוממיטלבאַרע ווירקונג פונעם דערציילטן אין דעם דאָזיקן בוך ווערט דערגאַנצט מיטן היימישן ייִדישן נאָמען. עס זעט שיער אויס ווי אַ מעטאַמאָרפאָזע: אַ מחבר דערגייט אין זײַן טעמאַטיק, ווי מאַנגערס ייִד אין ליד — פון גראָ צו בלאָ...

עס איז אינטערעסאַנט און באַלערנדיק. די גרעסטע טייל פון די דערציילונגען זענען פריִער געדרוקט געווען אין זשורנאַלן אונטערן נאָמען פון ב. אַלקוויט און האָבן נישט געוועקט די אויפמערקזאַמקייט ווי עס קומט זיי. איצט, נאָכדעם ווי זיי זענען דערשינען אײַנגעזאַמלטע אין טאָוולען און אונטערן ריכטיקן ייִדישן נאָמען פון זייער אויטאָר האָבן זיי געקראָגן זייער תיקון סײַ אין די אויגן פון די קריטיקער, — דאָס בוך איז באַערט געוואָרן מיט דער ל. בימקאָ־פּרעמיע — סײַ אין די אויגן פון די

לייענער און דער עיקר — אין די אויגן פון מחבר אַליין. אַ סימן — די אינטימע באַציונג, דער אייגענער נאָמען.

קומען מיר צוריק און פרעגן: —

איז דאָס שיחות־חולין פון אַ דיכטער? —

ניין. דאָס איז דער גאַנג צו זיך, צו אַרום זיך. דאָס איז דאָס ליד אויסגעטײַטשט פאַר זיך און פאַרן אַרום — לינדער און האַרציקער.

ב

ב. אַלקוויט האָט אין די רייען פון די עפּאָכע־מאַכנדיקע „אינזיכיסטן״ צוגעטראָגן אַן ערנסטן צושטײַער צום אויסהאַמערן, אויספּאָרעמען דאָס מאָדערנע, הײַנטצײַטיקע יידישע ליד. זײַן פּערז איז געווען פון געהאַקטן שטיין (גזית), אַרומגעטעסעט מיט אַ געניטער האַנט און שאַרפע כלים. האָט זײַן ליד אַריסגערופן דרך־ארץ און... קאַלטקייט. אליעזר בלום ווי מיר זעען אים אין דעם בוך האָט, דוכט זיך, זיך נישט באַמיט באַזונדער און ספּעציעל צו זײַן אַנדערש ווי אין זײַן דיכטונג, — די גרויסוועלטישע ראַפינירטקייט און די קולטור־אַנגעלאָדנקייט שרײַט־אַרויס פון כמעט יעדער שורה פון זײַן דערציילונג, נישט ווייניקער ווי פון זײַן ליד — און דאָך, און פונדעסטוועגן איז ער נעענטער, ליבער, היימישער.

ווײַל אויפן וועג צום סקווער וואָס טראָגט בלויז פּרצ׳ס נאָמען גייט ער געאָרעמט מיט זײַנע העלדן און סיטואַציעס וואָס באַווײַזן, אַז... כעלעם, דאָס יידישע כעלעם, האָט זיך צעלייגט אין אַמעריקע ווי בײַ איר טאַטן אין ווײַנגאָרטן. און דאָס, פאַרבונדן מיט פּרצ׳ס נאָמען, איז אי סימבאָליש, אי כאַראַקטעריסטיש.

אָט נעמט ער אײַך אַן בײַ דער האַנט און פירט אײַך איבער היימען און איבער גאַסן, איבער געזעלשאַפטן און איבער געשעענישן. און ער טוט דאָס מיט חכמה, מיט וויסן און מיט היסטאָרישן זכרון. מיט מוח, מיט אינטעלעקט, אָבער מיט אַ סך האַרץ. און נישט וויכטיק צי איז דאָס דער טראַגיש־קאָמישער דיאַלאָג פון איינעם אַ ייִד, וואָס איז געקומען קיין אַמעריקע אויף אַ וויזע פון אַ געשטאָרבענעם און פרעגט: „צי קען מען דעפּאָרטירן אַ טויטן אימיגראַנט?״ — צי דאָס זענען די אַלטע לײַט, די וואָס זיצן אין די סקווערס און קומען צו לווית נישט וויסנדיק אַפילו ווער „ס׳מת״ איז, איר זאַפּט אין זיך אײַן אַ גײַסטיקע הנאה לייענענדיק די דערציילונגען און איר פילט דערבײַ אַזאַ מין שטאָלץ: לא אלמן ישראל, — עס געפינט זיך נאָך ווער צווישן אונדזערע טאַלאַנטירטע שרײַבער, וואָס שעמען זיך נישט מיט זייער שטאַם, וואָס ברענגען אַרויס זייערע בני־דור

מיט ליבשאַפט־הומאָר און מיט מיטפילנדיקן ווײ. און זייער גורל — דער גורל פון „ראַכטשע כיל־בענדעטס שיקלדיקע ציג פון לעבן דער ראַגאַטקע״, וואָס האָט זוכה געווען אויף דער לודלאָוו סטריט אין ניו־יאָרק צו הויכגע־בילדעטע קינדער, וואָס שעמען זיך גראָד נישט מיט דער מאַמען, קושן די מאַמע אַפילו אין האַרוואַרד־אוניווערסיטעט, שרײַבן דער „מוטער רעיטשל״ אַ בריוועלע אין יידיש, נאָר... גייען אַוועק מיט אַ „טאַליענערקע״ — זייער גורל, וואָס איז דער טראַגישער גורל פון די יידישע מאַמעס אין אַלע לענדער ווו דער ייד קאָן זיך פרײַ אַסימילירן, רירט אָן דעם מחבר ביז אין די טיפסטע טיפענישן. דאָס איז יידישע ציל־באַוווּסטקייט. דאָ ווייסט דער שרײַבער פון פאָרויס, ווי אויף באַשטעלונג, להבדיל, וואָס ער וויל, וואָס ער דאַרף און וואָס ער מוז זאָגן. דאָ ווערט נישט דער קינסטלער דיקטירט פון עמעצנס „שטאָלענעם״ ווילן, נײַערט פון זיך אַליין, פון די אייגענע נויטן קומט אַרויס דאָס ווערק.

איז אַזוי ערלעך־שיין „דאָס גרויסע ליכט״, איז אַזוי לעגענדאַר־פאַנ־טאַסטיש, מיט אַ בולטן סאָציאַל־פאַרדראָס „דער קאָמעט און דאָס איי״. — „פונדעסטוועגן, איז עס נישט אַ ווייטיק? — האָט עלקע געטענהט — אַ שטאָט באָדט זיך אין אייער, נאָר אָן איי פאַר אַ קראַנק קינד, אַ לויז איי, אַ רוי איי — אוי, טאַטע פאָטער אין הימל — יושר?״. און אין עלקעס פּוסטריט גייען מיר און זאָגן: איז דאָס יושר? — אַז די יידישע קריטיק האָט נישט אויסגעשאַלט איר באַגײַסטערונג פאַר אַזאַ אַ דערציילונג? כ׳האָב מורא צו זאָגן, אַז זי איז איינע אין דער וועלט־ליטעראַטור. און „אַ גזלן אין כעלעמער וואַלד״. דאָ שטעלט דער מחבר אַ ליבשאַפט־מצבה זײַן געבוירנשטאָט דער אַל־יידישער כעלעם. דוכט זיך איר לייענט טויזנט־און־איין־נאַכט־מעשהלעך, דוכט זיך — היסטאָרישע געשעענישן, נאָר אַז איר טיפט זיך אין זיי אײַן זענען דאָס פּראָזאַישע־פּובליציסטישע כראָ־ניקעס געשריבן אין הויכער לויטערער פּאָעזיע.

ג

דער נאָמען „אויפן וועג צום פּרץ־סקווער״ איז אויסגעקליבן בײַ איינער פון זײַנע טראַגישסטע, הײַנטצײַטיקע, אַקטועלע יידישע דערציילונגען פון דעם זעלבן בוך. דאָ ווערט דערציילט, ווי אַזוי אַלטער, ווײַל ר׳האָט קיין צײַט נישט געהאַט צו זײַן בעת דער פײַערונג פון אָנרופן אַ סקווער אין ניו־יאָרק אויף י. ל. פּרצ׳ס נאָמען, איז געגאַנגען אין אַ קורצער צײַט אַרום אַליין אָנקוקן, זיך צו קוויקן מיט דער דערשײַנונג: אין אַ גוישער וועלט־שטאָט אַ פּרץ־גאָס! גייט ער, אַלטער, און זוכט דאָס אָרט, דווקא אין דער

געדיכטעניש פון ייִדישער קאָמפּאַקטקייט אין ניו־יאָרק און קיין שום ייִד ווייסט נישט, נישט פון אַ פּרץ און אַוודאי נישט פון אַ פּרץ־סקווער. און אַז שיִער־נישט אַרונטערפאַלנדיק אונטער אַן אויטאָ איז אים געלונגען אָפּצו־געפינען דאָס נאַר־וואָס אויפגעהאָנגענע שילדל „פּרץ־סקווער״. —

„ער האָט זיך געראַטעוועט אַרויף אויפן טראָטואַר, שטיין געבליבן מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ פאַר דעם סלופּ און געלייענט: „פּע־ע״. —

אַלטער האָט קוים געקענט גלייבן זײַנע אויגן. עפּעס אַזוינס האָט ער נאָך אין זײַן לעבן נישט געזען:

זשאַוועט אויף דעם נאָמען פון אַ גאַס!״

איז אָט־דער זשאַווער, און דער צאָרן קעגן דעם דאָזיקן זשאַווער, דער ווייטיק און די שאַנד, שרײַען דאָס אַרויס פון יעדער שורה, פון יעדן וואָרט אין דעם דאָזיקן בוך. די דיאַלאָגן וואָס אַלטער פירט מיט דעם גראָסערי־באַלעבאָס מר׳ רובין זענען גראָטעסקעס, וואָס לאָזן אײַך שוין מער נישט צורו נאָכן איבערלייענען זיי.

דערפאַר דערלויבט זיך דער דיכטער־דערציילער אויף גאַנצע שטיקער זשורנאַליסטיק. ער פאַרגעסט זיך אַליין, פּונקט ווי מיר פאַרגעסן, אַז דאָס איז „דערציילונג״, ער לעבט עס מיט און צערעדט זיך אין פּשוטער טאָג־טעגלעכער אַרטיקל־שפּראַך, פול מיט פּײַן און פּראָטעסט: —

„אָבער געוואַלד געשריגן, ווי האָט דאָס קיינער נישט באַמערקט? איז זשאַווער אויף דעם נאָמען פון אַ גאַס אַזאַ געוויינלעכע זאַך, אַז מ׳האָט עס נישט באַמערקט אָדער יאָ, געזען און גאַרנישט געזאָגט, ווײַל „הו קעירז — וועמען אַרט עס?״ און מ׳האָט דאָך אַזויפיל געשריבן וועגן דעם פּרץ־סקווער, מ׳האָט געשריבן וועגן דעם אין דער גאַנצער וועלט, און ווו איז געווען דער אַלטוועלטלעכער ייִדישער קולטור־קאָנגרעס?״

איז עס אַ בוך, אַ ייִדישס, וואָס דאַרף ווערן געלייענט. און עס איז אַ בוך וואָס לייענט זיך. און ווײַל מיר האַלטן נישט פון פאַרגלײַכן, פון פאַרגלײַכן דעם קינסטלער צו יענעם, דעם שרײַבער צו אַן אַנדערן, — כאָטש מיר קאָנען געפינען אַ סך ענלעכס און השפּעהדיקס — וועט גענוג זײַן צו זאָגן, אַז דאָס בוך דערציילונגען פון אליעזר בלום „אויפן וועג צום פּרץ־סקווער״ האָט כשר פאַרדינט די פּרעמיע. הלוואַי אויף אַ סך פּרעמירטע ביכער געזאָגט געוואָרן.

מאַי, 1960

מכוח ווידער און ווײַטער

אַרײַנפיר צום בוך „מײַן מאַמע" פון יצחק בורשטיין־פינער

א

כ'בין זיך מודה ומתוודה: בשעת איך בין פאַרבעטן געוואָרן דורך דער פאַרלאַג־לײַטונג צו זײַן דער איבערגעבער, בהשגחה טובה, פון דער דאָזיקער זאַמלונג צום דרוק, ווי דאָס רופט זיך אין ספרים־לשון: המלבה"ד (המביא לבית הדפוס), האָב איך אַרײַנטראַכטנדיק זיך געפרעגט צי איז דאָס נאָך אַ בוך פונעם באַקאַנטן דערציילער י. פינער, גיט ער ווידער אַרויס אַ באַנד דערציילונגען, אָדער איז דאָס אַ ווײַטערדיקער גאַנג אין זײַן שרײַבערישער טעטיקייט. און עס איז דאָך דאָ אַ וועזנטלעכער חילוק צווישן דעם ווידער און ווײַטער.

אָט, אַ שטייגער, ווען אין יאָר 1934, בעת מיר זענען אין ישראל, נאָך אַ לענגערן איבעררײַס, צוגעטרעטן אויפסנײַ אַרויסצוגעבן אַ ליטעראַרישע שריפט אין יידיש, האָט אונדזער דעמלטיקער רעדאַקטאָר דניאל לייבל (אַלכסנדר) זיך אָוועקגעלאָזט מיט מיר צום ים און דאָרט, אויפן הייסן זאַמד, אין מיר אַרײַנגעטעהט מכוח דעם נאָמען, זאָגנדיק, בערך, אַזוי: אמת, מיר גיבן ווידער אַרויס אַן אויסגאַב, און עס פּאַסט זיך דער נאָמען ווידער. נאָר ווײַל עס זעט זיך שוין אַרויס אַן ערנסטער פּאַרויסגײ בײַ דער היגער יידישער שרײַבער־גרופּע, דאַרף דאָס ערנסטע העפט הייסן ווײַטער, ללמדך, אַז דאָס איז נישט בלויז נאָך אַן אויסגאַב נאָר אַ... ווײַטערדיקער שריט.

צום קלאָרסטן האָט דאָס געטאָן ה. לייוויק אין זײַן ליד „אייביק". ער האָט דאָרט סימפּאָניש איבערגעחזרט די פּראָזע: „איך הייב זיך אויף ווידער און שפּאַן אָוועק ווײַטער", דערמיט שאַרף אָפּגעטיילט דעם ווידער פונעם ווײַטער.

ב

דער שרײַבער י. פינער, וואָס לאָזט זיך איצט דערקענען צו זײַנע ברידער און צייכנט אונטער, ממש דעמאָנסטראַטיוו, אַז זײַן עכטער נאָמען

איז יצחק בורשטיין המכונה י. פינער, איז שוין לאַנג, לאַנג נישט קיין פּנים חדשות אין דער ייִדישער ליטעראַטור. זײַנע ביז־איצטיקע ביכער און דערציילונגען זײַנע, די פאַרעפנטלעכטע אין פאַרשידענע צײַטונגען און זשורנאַלן אין דער „ייִדיש־אימפּעריע" האָבן אים מזכה געווען מיט אַ שפע פון אָפּרופן, וואָס נישט אַלע דערציילערס אונדזערע אין דער איצטיקער צײַט האָבן דערצו זוכה געווען. אויך דאָס בוך, וואָס איז פאַקטיש אַן אַנטאָלאָגיע פון זײַנע סקיצן, דערציילונגען און נאָוועלן וועמענס בשות־פותדיקע טעמע איז די מאַמע, וועט זיכער אויך נישט פאַרשוויגן ווערן. וואָרעם, לויט מײַן באַשיידענער מײַנונג, וועט אַ גרויסע טייל פון די אַ דערציילונגען נישט לאָזן דעם לייענער גלײַכגילטיק. און אַז מיר וועלן נאָך דערמאָנען, אַז צו זײַן בוך דערציילונגען „די פיר צײַטן" (1966) האָט אין זײַן אַרײַנפיר געשריבן דב בער מאַלקין, אַז „די וואָר פון פוילישן ייִד איז (בײַ פינערן) ווי באַהויכט געוואָרן מיט ראָמאַנטיש־נאָסטאַלגישן חלום־נעפּל און דער חלום פון אַ ייִדישן פּראָנצויז האָט באַקומען וואָר־קאָנטורן פון ממשותדיקער רעאַליטעט" — און דערציילונגען פון דעם איצטיקן בוך געפינען זיך אויך דאָרט — איז דאָך דאָס אַליין אַ גענוגנדיקער אַטעסטאַט פאַר אַ שרײַבער, וואָס וווינט אין אונדזער ליטעראַרישער „פּראָווינץ" — פּאַריז, און אַזאַ שרײַבער דאַרף נישט פאַרגעשטעלט ווערן.

ס'איז אָבער דאָ אַן אָרט פאַר אַ באַגלייט־וואָרט צו אַזאַ ערנסטן אָנשטרענג, ווי דאָס צונויפברענגען העכער פערציק מאַמעס אונטער איין דאַך — צווישן די טאָוולען פון איין בוך.

ג

אין די איצטיקע טעג, בעת די מאָדערנע דערציילונג שטרעבט מיט אַלע אירע כוחות נאָכצולויפן דעם דזשאָיס־ראָמאַן און ווערן אַנטי־דער־ציילונג, בעת דער עקזיסטענציאַליזם, וואָס איז שוין פאַרלאָפן דעם וועג די אַלע „אַלטע" דערציילונג־פאָרמען און אינהאַלטן ווי היימווי, האַרצ־רײַסנדיקע בענקשאַפטן און סענטימענטאַלע מוטער־ליבע זענען געווען אירע הויפּט־קאָמפּאָנענטן, איז נישט אַזוי לײַכט צו גיין אין די טראַדיציאָ־נעלע וועגן. דאָס לעבן איז הײַנט אַנדערש, דאַרף די ליטעראַטור אויך זײַן אַנדערש. עס זענען אָבער דאָ אמתן — און י. בורשטיין־פינער גלייבט אין זיי — וואָס זענען אייביק ווי די וועלט. מ'קאָן פליִען צו דער לבנה און בענקען נאָך דער מאַמען. מ'קאָן זיך געפינען אויפן מלחמה־פעלד אין אַ מאָדערנסטן עראָפּלאַן, און אַז מען פאַלט אַראָפּ זאָל זיך דאַכטן, אַז די מאַמע, דאָס ווײַב, די קינדער קומען אײַך ראַטעווען, אָדער — פאַלן

צוזאַמען מיט איַיך. בײַ די מאָדערנסטע טעכנאָלאָגישע מעגלעכקייטן וועט איר זיך אָנטרעפן אויף טריט און שריט, אויף מענטשן און געשעענישן, וואָס דער גורל און גורל־איַינרעדענישן „פירן" אָן מיט זייער וועלט. איז נישט מער ווי נאַטירלעך — און אפשר טאַקע מערער! — צו דערבליקן דאָס בילד פון דער מאַמען בעת עס כאַפּט אַרום אָן אומגעריכטע בענקעניש צו היים, צו משפּחה, צו אייגענע, און, דער עיקר טאַקע, צו דער מאַמען.

י. בורשטיין־פינער ווייסט און פילט דאָס, ברענגט ער דאָס אַרויס אין דער אַנטאָלאָגיע זײַנער כמעט אויף אַלע קרוב צו 350 זײַטן פונעם בוך. שוין אין זײַן דערציילונג „עמבלעמען" זאָגט דער מחבר: „פּאַראַן אויך אַ באַזונדערער טאַלאַנט — אַ טאַלאַנט ליב צו האָבן. דאָס דערקענט זיך בײַ די וואָס האָבן אויף זיך גענומען דעם זאָג „ואהבת לרעך כמוך", ווי אַ געבאָט. גאָר גאָר באַזונדער זעט זיך דאָס אָן בײַ מאַמעס. אַפילו איצט, אין די מאָדערנע צײַטן, אין די אונדזעריקע, איז מאַמע־ליבע אַ מין איַינ־געבוירענער טאַלאַנט, וואָס גייט מיט מיטן ווערן מאַמע, — און גאָר־גאָר באַזונדער — בײַ ייִדישע מאַמעס". (ז' 39). זענען דאָס דברי אדם חיים און וואָלטן געזאָלט קומען אויבנאָן, ווי אַ מאָטאָ צו אָט דער אַנטאָלאָגיע זײַנער. אמת, עס קאָן קרײַלעך זײַן, אַז די אומבאַגרענעצטע ליבע און פּאַרערונג וואָס נעסטן אינעם האַרץ און נשמה פון אונדזער מחבר צו זײַן אייגענער מאַמען — און פּסיכאָאַנאַליטיקער וועלן דאָס אָנרופן מוטער־קאָמפּלעקס — אַז אָט די ליבשאַפט זײַנע צו איר האָט דאָס אים געבראַכט צו זוכן און געפינען נאָך אַ סך, אַ סך מאַמעס און זיי אַרומרינגלען מיטן אָרעאָל פון גוטסקייט און באַוווּנדערונג, אַזש זײַן אייגענער מאַמעס מסירות־נפש און איבערגעגעבנקייט צו אירע קינדער, ווי דער מחבר געדענקט זיי, דינען אים פאַר אַ מוסטער און מאַכן אים מעגלעך צו צעטיילן און אײַנטיילן דאָס מאַמעדיקע כל־הגוטס צו צענדליקער אַנדערע מאַמעס, פּאַקטישע און אויסגעטרוימטע, און דעריבער רופט ער אָן אָט די איַינ־זאַמלונג מיטן אינטימען און כללדיקן נאָמען: „מײַן מאַמע" — אָבער ערשט דאָס באַווײַזט, אַז זײַן צוריקבליק צו דער „אַלטער" וועלט, איז פּאַק־טיש אַ צוריקבליק צו אַ וועלט וואָס איז אייביק נײַ. זי איז מיט אונדז און אין אונדז און וועט זײַן מיט אונדז אַזוי לאַנג ווי עס וועט זײַן און געדײַען די קולטור פון מענטש.

ד

דרײַ און פערציק סקיצן דערציילונגען און נאָוועלן פאַרמאָגט אָט דאָס בוך. זענען דאָס פּונקט אַזויפיל פּנימער?

אַ מדרש זאָגט, אַז גאָט האָט באַשאַפן די מענטשן, אַזוי, אַז איין פּנים זאָל נישט זײַן ענלעך צום צווייטן, כדי אַ מאַן זאָל נישט קאָנען צוגיין צו יעדער אַנדער ווײַב וואָס וועט אים געפעלן ווערן און זאָגן: זי איז מײַן... פון דאַנען, אַז י. ב. פינער, בעתן שאַפן די צענדליקער מאַמע־געשטאַלטן, האָט געמוזט זאָרגן דערפאַר, אַז יעדער מאַמע־בילד באַזונדער זאָל האָבן איר אייגן פּנים. זאָל זײַן אַנדערש. דוכט אונדז, אָבער, אַז בײַ אונדזער מחבר זענען גראָד די גוטע אייגנשאַפטן פון די „מאַמעס" שטאַרק ענלעך, וויניקסטנס בײַ אַ סך פון זיי און — אידענטיש. אַ שטייגער, די מאַמע פון „שנירל פּערל", וואָס כאָטש זי איז מאָדערנער, געבילדעטער און אַנדערש געקליידט, איז זי אָבער אין איר כאַראַקטער און אין איר באַציִונג צו די קינדער, ענלעך, ווי צוויי טראָפּן וואַסער, צו דער מאַמען וואָס לאָזט איר ייִנגעלע „גנבענען" פונעם שופלאָד אירע אָפּגעשפּאָרטע מעשענע מטבעות, אָדער צו דער מאַמען וואָס לויפט באַצאָלן דער בעקערין פאַרן בולקעלע וואָס איר זונעלע האָט „געגנומען"... וועט דאָס זיכער זיך אָנטרעפן אויף דער קעגנערשאַפט פון דער נײַעסטער ליטעראַטור־וויסנשאַפט, וואָס פאַר־לאַנגט טעכניק במקום סענטימענטאַלקייט. און מיט רעכט. אָבער, ווידער קומען מיר צוריק צו די אייביקע אמתן. יצחק בורשטיין־פינער, וואָס טעמאַטיש און לעקסיש שטעקט נאָך כאילו אין די „אַלטע געוווינהייטן", האָט אָבער פאַר די אויגן די אמתן וועגן דער טראַדיציאָנעלער מאַמע. נישט נאָר גייט ער נאָך פוס־טריט דער אשכנזישער ייִדישער מאַמען, ווי מיר האָבן זי געקענט אין תחום המושב, מיט איר פאַרגעבערישקייט, ותרנות און אומבאַגרענעצטער ליבע צו אירע קינדער, — דאָס טאַקע קודם כל! — נײַערט ער זעט אויך די הײַנטצײַטיקע מאַמעס אין קאַמף, בעיקר אין דער רעזיסטאַנס, ווי אַ שטייגער, „העלען", „די שטומע מאַמע", „דער משפּט" און אַ סך אַנדערע, און דאָס איז שוין אַ ווײַטערער שפּאַן אין דער אַנט־וויקלונג פון דער ייִדישער דערציילונג אין כלל גענומען. וואָרעם ס'איז נײַ דאָ דער סוזשעט און אייגנליניק די באַהאַנדלונג — אַ באַהאַנדלונג וואָס פליסט אַרויס פון דער ליבשאַפט צום באַהאַנדלטן, און נישט נאָר צו זײַן איבערלעבן.

„דער מאַמעס אויג", „דער הונט און די מאַמע", „מערי און איר מאַמע". „דער בריוו" א. אַ. זענען שוין בפירוש הײַנטצײַטיק. אין זיי און דורך זיי איז י. ב. פינער אָפּגעגאַנגען אַ היפּשן מהלך ווײַטער פון זיך אַליין און פון אַלטן נוסח. באַזונדערס איז נײַ, אייגנאַרטיק און אויסגעמלעך זײַן נאָוועלע „דער סופּערמאַרקעט", וועלכע איז, לויט מיר נאָך, אַ יחידה במינה אין אונדזער דערציילונג־ליטעראַטור.

נישט אַ סך ווײַטער פון איר איז די דערציילונג „אַ צעבראָכענער שפּיגל". דאָ האָבן מיר אַ פּרווו, און אַ געלונגענעם, אָפּצולייקענען די גאַנצע אַזוי־גערופענע פאַרגעשריטנקייט פונעם מאָדערנעם מענטש. אַן אויטאָ־עקסידענט וואָס ברענגט דעם העלד, דעם סעקולאַר־הײַנטוועלטישן, אין שפּיטאָל אַרײַן, ברענגט אים אויך זיך צו דערמאָנען, אַז זײַן טיש־שפּיגל איז אים הײַנט אין דער פרי אַראָפּגעפאַלן און צעבראָכן געוואָרן... פאַרשטייט זיך, אַז ער „זעט" אין דעם די סיבה פון זײַן אומגליק. יאָ, וועלטן, וועלט־אַנשויונגען ברעכן אײַן און קראַכן בעת דער מענטש איז אין נויט, אין צרה.

ווען די דאָזיקע זאַמלונג אַרײַנברענגען צוזאַמען מיט געוועזנס אויך אַ סך נײַס אינעם אוצר פון אונדזערע דערציילונגען און ווען אַזוי אַרום זײַן אי נאָך אַ בוך זײַנס און אי אַ ווײַטערער שפּאַן אין זײַן שאַפן, וואָס דאַרף באַצייכנט און באַגריסט ווערן.

מאַי, 1979

שלמה ביקל

(צו די שלושים)

פון דער יידישער קולטור־וועלט איז אַוועק אַן אָריגינעלער שפּרודל־דיקער שאַפער, וואָס האָט אַרײַנגעפּירט אין אירע שפּײַכלערס עסיי, קריטיק און מעמואַריסטישע דערציילונג, וועלכע האָבן באַשײַנט און באַקריינט דאָס יידישע וואָרט, באַרײַכערט דעם יידישן ליטעראַטור־אוצר און־ די יידישע קולטור־וועלט איז איצט געוואָרן אָרעמער.

נישטאָ מער שלמה ביקל.

אויב מיר זאָלן זיך צוהערן צו אונדזערע אינעווייניקסטע וויי־געשרייען אין די רגעס פון צער, וועלן אַ ציטער־טון אונדזערע קני און אַן אומעט וועט באַפאַלן אונדזער געמיט — ווו האַלטן מיר אין דער וועלט? ווער איז געבליבן פון אָט דעם שיינעם פּאַן, פון אָט דער ייחוסדיקער משפחה, כדי מיר זאָלן קאָנען אין טרייסטונג זאָגן: פּנו דרך, מאַכט אַ וואַרע, אָט גייט דער יורש! די „שרײַבער פון מײַן דור" — פון שלמה ביקלס דור — זענען שוין צו ציילן אויף די פינגער. אויב עס זענען נאָך פאַראַן צווישן זיי אַזעלכע וואָס זענען געשטאַנען אין איין גלײַך מיט אים און אַפילו „אויב נישט נאָך העכער" — און צו אונדזער גליק, זענען אַזעלכע נאָך דאָ! — זענען זיי אָבער ביאָלאָגיש נישט מער אין דעם מעמד פון יורשים. ווערזשע וועט אויספילן דעם חלל וואָס עס לאָזן נאָך זיך איבער די אַוועקגייענדיקע מורי־דרך, די גײַסטיקע בויערס און שאַפערס?

*

עס דערמאָנט זיך.

אָנהייב 20־ער יאָרן. נאָך אַ קורצער תקופה פון יידיש־קולטור־רענעסאַנס אין דער בוקאָווינע, מיט דער „פרײַהײַט" — אונטער דער רעדאַקציע פון ד"ר מאיר ראָזנער, ד"ר פײַוול שטערנבערג און דערנאָך שלמה ביקל — בראש, האָט זיך ווינטיק־שנעל דער שווערפּונקט אַריבערגעטראָגן קיין בוקאַרעשט, — די מעטראָפּאָליע פון גרויס־רומעניע — און קיין טשערנאָוויץ זענען בלויז דערגאַנגען אָפּקלאַנגען אָדער גרוסן פון אַ קערנדיקער

גרופּע שרײַבערס און קולטור־טוערס, אין וועמענס שפּיץ עס זענען דאָרט געשטאַנען דער דיכטער און דראַמאַטורג יוקל (יעקב) שטערנבערג און ד״ר שלמה ביקל — עסייִסט און רעדנער. טשערנאָוויץ האָט אַרויסגעקוקט קיין בוקאַרעשט מיט גלויבן און רעספּעקט, הגם עס האָבן זיך שוין געהאַט אין איר אײַנגעבירגערט און זי באַלויכטן מיט זייער אויפגייענדיק פּזרניש ליכט אליעזר שטיינבאַרג און איציק מאַנגער. אָבער שלמה ביקל איז אַריבערגעפאָרן אין דער הויפּטשטאָט — ווי ער דערציילט דאָס אין זײַן חנעוודיקן סטיל און אויסגעצירטן לשון, אינעם פאָרוואָרט צו זײַן עסייִסטיש־קינסטלעריש היסטאָריע־בוך „רומעניע״ — ווײַל ס׳איז געווען בײַ אים „דער באַגער נאָך אַן ,אייגענעם באַלעמער אין רומעניע׳ און דער ווילן צו צעוויגן אונדזער אייגענעם שיינעם טרויעריקן ניגון, ווי ס׳האָט אין זײַנס אַ ליד פּאָעטיש פאָרמולירט דער דיכטער יעקב שטערנבערג״...

און אַז עס איז שפּעטער דערגאַנגען צו אונדז קיין תל־אביב שלמה ביקלס ערשטע זאַמלונג פון פּאָלעמיש־קריטישע עסייען א. נ. „אינזיך און אַרומזיך״ האָב איך ערשט דאַן גוט־גוט פאַרשטאַנען פון וואַנען אַזאַ גרייסן זיך מיט אים, פון וואַנען אַזאַ ליבשאַפט צו אים אין טשערנאָוויץ, נישט ווייניקער ווי אין בוקאַרעשט. אין אָט דער זאַמלונג מאמרים, וואָס האָט נישט דערגרייכט די 200 זײַטלעך, האָט זיך בולט אַרויסגעזען דער אינטעלעקטואַל און פּאָלקסמענטש, די חסידיש־ייִדישע חריפות און די קאָקעטערײַ פון געבילדעטן (ווי ער וואָלט מקיים זײַן דאָס ווערטל: „תורה און סחורה און געפּוצטע שטיוול״...), טיפע ידיעות אין ייִדישקייט און נאָך טיפערע זאָרג פאַר ייִדישער עקזיסטענץ, ברענענדיקער באַגער צו ייִדישליטעראַטור־אויסברייטערונג איבער גאָר דער וועלט, געשריבן און געוועבט אויף אַן עלעגיש־לירישער קאַנווע, און הייסע, רעוואָלוציאָנערע, בײַסנדיקע פּאָלעמיק אין דער פאָרעם, וועדליק דער גלויבן אין „מזרח״ האָט דעמאָלט דיקטירט די מענטשן פון גײַסט...

אמת, זינט זײַן קומען אין אַמעריקע און זינט די אײַנברוכן און אײַנפאַלונגען אין דעם גרויסן משיחישן אָנזאָג, האָט ער אָנגעהויבן אַנדערש זען, אַנדערש רעאַגירן און זיך דערנענטערט צו די, וועמען ער האָט אין ערשטן בוך באַקעמפט. זײַן לשון איז געוואָרן אויפגעבונדענער. רײַכער. פרײַער. און ער האָט אַ פולי געטון פאָרויס מיט ווערק, וואָס האָבן אים אַרײַנגעשטעלט אין דער פאָדערשטער ריי פון די שרײַבער פון זײַן דור, אָבער ער איז געבליבן דער גאַליציאַנער־בוקאָווינער בר־דעת, דאָס אייניקל פון די גרויסע ייִדעס, וועמענס ייִחוס מיר פילן אַרויס פון אַלע זײַנע

יצירות, אין זײַן מחייהדיקן לשון, אין זײַנע טרעפֿלעכע פֿאַרגלײַכן און ערודיטישע אײַנפֿאַלן.

אָבער די „שטאָט מיט ייִדן" ווו עס לעבן־אויף געשטאַלטן און געשעע־נישן, כדי דער דערהויבענער מחבר זאָל קאָנען זען דאָס אומגעקומענע ייִדישע לעבן „אַלץ דערהויבענער, אַלץ הייליקער, און אונדזער בענקשאַפֿט נאָך יענע ייִדן — אַלץ טיפֿער און מאָנענדיקער" ווערט פֿאַמעלעך און ביסלעכווײַז אַלץ מער דערווײַטערט פֿון דור, וואָס לייענט שוין נישט ביקלס ווערק; פֿון דעם דור, וואָס זײַנע טאַטעס האָבן גאָרנישט נישט געטון, כדי די „שטאָט מיט ייִדן" זאָל נישט פֿאַרגעסן ווערן.

*

שיינקייט איז געווען איינע פֿון די אַטריבוטן וואָס האָבן באַוויגן ש. ביקלען צו שאַפֿן, און איינער פֿון די מאַטעריאַלן פֿון וועלכע זײַן שאַפֿן איז באַשטאַנען. אויף טריט און שריט האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט זײַן ליבע און באַגער צו שיינקייט. שיין איז געווען זײַן לשון, זײַן סטיל. עסטעטיש — די געשטאַלטן פֿון דורות ייִדן, וואָס קומען אַרויס פֿון אונטער זײַן פֿען. טיילמאָל — שענער ווי שיין. איז ווי סימבאָליש פֿאַר אים די נאָרוואָס דערשינענע זאַמלונג עסייען זײַנע וועגן אברהם סוצקעווער א. נ. „די ברכה פֿון שיינקייט". ביקל דערגייט דאָ, אין די טריט פֿון דער שיינקייט, צום העכסטן שטאַפּל פֿון זײַן שאַפֿן.

אין זײַן אַרײַנפֿיר צו אָט דער שיינער (תרתי משמע) און פֿײַן־אַרויס־געגעבענער עסייען־זאַמלונג זאָגט דער מחבר זייערער, שלמה ביקל, אַזוי צו זאָגן:

„אַזאַ מאַגישע עשירות פֿון פֿאַרב און קלאַנג אין סוצקעווערס פּאָע־טישער שפּראַך, אַזאַ מײַסטעריש געצוימטער פּערז און אַזאַ אויסערגעוויינ־לעכע באַהערשונג פֿון דער עמאָציע אין פּאָעטישן בילד. און פֿון אָט דער געמאָסטנקייט און שלווה — אַ לייב קוקט אַרויס, אַ גבורהדיקער באַשיצער פֿון ייִדישן וואָרט און אַ שטאָלצער אָנזאָג פֿון אומפּאַרכטיקייט צו אַלע שונאים פֿון ייִדישן פֿאָלק און פֿון זײַן שעפֿערישקייט".

חזרן מיר דאָס איבער, וואָרט בײַ וואָרט, אויף דעם אָוועקגעגאַנגענעם שלמה בן יצחק און זאָגן:

אַ לייב קוקט אַרויס פֿון אָט די שורות און פֿון די אַן אַ שיעור און אָן אַ צאָל ענלעכע שורות אין זײַנע 11 אַרויסגעגעבענע ביכער מיט עסייען, ליטעראַטור־קריטיק, פּאָלעמיק, זכרונות און זכרונותדיקע דערציילונגען, און — אַ גבורהדיקער באַשיצער פֿון ייִדישן וואָרט.

סעפּטעמבער, 1969

בען אין ישראל

וועגן קינסטלער בען, וועמענס פֿאַנטאַסטישע שיר השירים־בילדער עס ווערן איצט אויסגעשטעלט אין לאַנד — צו ערשט אין שדה בוקר, דערנאָך אין בית החיל אין תל־אביב און איצט אין בית יד־לבנים אין פתח־תקווה — קאָן מען זאָגן: כשמו כן הוא, ער פּאַסט דעם נאָמען און דער נאָמען — אים. ווײַל בען איז אַן איבערגעגעבענער זון [=בן] דעם פֿאָלק זײַנעם און זײַן קונסט. זײַן ייִדישקייט קוקט אַרויס נישט נאָר פֿון די אָנגענומענע און טראַפֿאַרעטע סימבאָלן וואָס זענען אונדז אַזוי באַקאַנט, נאָר אויך און גאָר פֿון דעם אופֿן ווי זיי ווערן דערלאַנגט, געדעמט. און ווען אַפֿילו אויבנאויפֿיק איז עס נישט אַזוי שטאַרק ניכּר, איז עס אינעווייניק דורכאויס און אינגאַנצן ייִדיש. וואָרעם איר דערפֿילט, אַז בען האָט אײַנגע־טונקען זײַן פּענדזל אינעם פֿאַרבאַרגענעם ליכט פֿון אונדזער אומה, אַ ליכט וואָס ווערט נתגלה אין צײַטן פֿון איר דערהויבנקייט און פּראַכט און ווערט פֿאַרטונקלט, ווען שנאה לאָזט זיך אויף איר אַראָפּ און פֿאַרלענדונג. בען האָט דאָס אויפֿגעהיטן אין זיך און — נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער איז אויך צווישן גויִים אַזוי געאַכפּערט. איז אויב מיר וועלן נאָך צוגעבן, אַז הײַנט צו טאָג וווינען אין בענס שטאָט, פּאַריז, בײַ אַ 70 טויזנט קינסט־לערס און ער זעט זיך צווישן זיי גאָר נישט קשהדיק אַרויס — ר׳האָט אַפֿילו זוכה געווען, אַז דער פּאַריזער שטאָט־ראָט זאָל אים באַערן מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל — ווערט דאָס אונדז נאָך מער קלאָר און מיטן גאַנצן האַרץ קאָנען מיר לייענען אויף אים דעם פּסוק: עם לבן גרתי...

מיר וועלן אָבער נישט האָבן אַלץ געזאָגט וועגן קינסטלער בען, אויב מיר וועלן נישט שטאַרק אונטערצייכענען דעם אייגנאַרטיקן תּוכן, וואָס קומט צום אויסדרוק אין זײַנע מאָלערײַען און צייכענונגען, דאָס ספּעציפֿיש־באַזונדערע וואָס אין זיי, און דאָס איז: דאָס גײַסטיקע ציִען זיך צו תנ״כישע מאָטיוון, צו געשעענישן וואָס אין ספר הספרים.

און לאָמיר דאָ זאָגן קלאָר:

איך בוי נישט מײַן מבינות אויף דער פּרעטענזיע צו דערשײַנען, חלילה, ווי אַ קונסט־קריטיקער. זײַנע בילדער, וואָס באַצירן די ווענט

פֿון פּראָמינענטע אויסשטעלונג־זאַלן, זענען ראוי' אַ לויטערע פּאַכמענישע קריטיק. אויך דאָס דין־דינע אין דעם אַלגעמיינעם אויסדרוק זייערן, די חלומדיקע פֿאַרבן זייערע, די איידעלע וויברירנדיקע ליניעס פֿון דער שולמית־דערציילונג וועלכע ער ברענגט אַרויס מיט שיִער־שיִער אַדעקװאַטן תּורה־כּתב, זענען דאָך פֿאַרשריבן אינעם ספֿר שיר השירים אשר לשלמה, און שוין די פּסוקים וואָס זענען אַזוי געטרײַ און מסורהדיק צוגעפּאַסט צו זײַערע בילדער, זאָגן עדות, אַז מיר האָבן פֿאַר זיך אַ פּעַנאָמען אין דער מאָלערײַ־קונסט פֿון אונדזער פֿאַרוּוירטער תּקופֿה — אלא, אויב איך קום זיך אָנזעטיקן מיט דער צאַרט־צאַרטער לויטערקייט פֿון אָט די פֿאַרבן און שטריכן, איז עס דערפֿאַר ווײַל כ'האָב בענס צייכענונגען שוין באַגעגנט ערגעץ־אַנדערש־ווו און זיי האָבן צו מיר גערעדט פּונקט אַזוי, נאָר — פֿון ביכער אַרויס.

איך האָב געזען זײַנע צייכענונגען אין פֿאַרשיידענע ייִדישע לידער־ביכער און זיי האָבן דאָס מיך צוגעבונדן צו זיי און צו אים.

מיר ווייסן אַלע וויל, אַז קונסט — יעדע קונסט — צי דאָס איז דיכטונג אָדער דערציילונג; מוזיק, סקולפּטור צי מאָלערײַ, קאָן אויפֿוועקן אין אונדז דאָרשט אָדער הונגער צו ווערן זיך זעטיקן מיט איר נאָך און נאָך, אָדער פֿאַרקערט — אונדז לאָזן קאַלט, געפֿרוירן און אונדז ווײַט דערווײַטערן פֿון זיך. און דו מוזט נישט זײַן דווקא אַ „ספּעציאַליסט" כּדי צו דערפֿילן אַנטקעגן וואָס אָדער אַנטקעגן וועמען דו שטייסט. — האָב איך אַ בלעטער געטון די צוויי מאָל געפּרײַזטע פּאָעמע „פֿונקען פֿון תּיקון" פֿון דעם חבֿר פֿון קיבוץ עין שמר, פּאָעט אריה שמרי, און דאָרט, צווישן אַנדערע, געפֿונען אַ צייכענונג — אַ דינע, אַ לויטערע, אַ וויברירנדיקע — בענס אַ צייכענונג. איך קוק זיך אײַן: צוויי האַנט־פֿלאַכן מיט זייערע צען פֿינגער. ווילסטו, זענען דאָס די צאַרטע הענט פֿון אַ ייִדישער מאַמע, וואָס בענטשן ליכט; און אויב דו ווילסט, זענען דאָס די אויסגעשטרעקטע הענט פֿון אַ כּהן וואָס בענטשט דאָס פֿאָלק ישׂראל מיט שלום. אָבער, ווײַזט אויס, אַז די ווי די האָבן נישט צו רו געלאָזט דעם קינסטלער און אים נישט באַגנוגנט, ביז וואַנען ער האָט נישט אויף יעדן איינעם פֿון די פֿינגער אַרויפֿגעשטעלט אַ ספֿירה־קרוין, צוזאַמען: — די צען שטאַפּלען פֿון דער געטלעכער אצילות, וואָס לויט דער קבלה האָט גאָט מיט זיי באַשאַפֿן די וועלט, און דאָס זענען: כּתר, חכמה, בינה, חסד, גבֿורה, תּפֿארת, נצח, הוד, יסוד, מלכות. האָב איך שוין דערפֿון זיך דערוווּסט, אַז דאָ געפֿינט זיך אַ קינסטלער, וואָס שטייט מיט ביידע פֿיס

אויף יידישן באָדן און איז טיף פאַרוואָרצלט אינעם יידישן זײַן. ר׳איז מיר געוואָרן אייגן.

נאָר אָט האָב איך זיך באַגעגנט מיט נאָך אַזאַ מין צייכענונג: איינע פון בענס אילוסטראַציעס צום באַרימטן לידער־בוך פון דעם פאַריזער יידישן דיכטער משה שולשטיין „בלומען פון באַדויער״: — אַ פלאַם, צי גאָר אַ רויך, גייט אויף פון די טיף־געבויגענע הײַזקעס פון דער יידישער אָרעמקייט אין שטעטל, הימלט זיך הויך און העכער, און ערגעץ־ווו, אַוודאי אין זיבעטן הימל, קומען זיך צונויף די בען־ליניעס און שאַפן מיט זיך אַ קרוין פון הוד און תפארת. אַ פאַרגאַפטער, מיט אויפגעריסענע מויל־און־אויגן בין איך שטיינגעבליבן אַנטקעגן אָט דער התגלות.

*

ווייס איך דערפאַר און בין זיכער, אַז אָט די בילדער, וואָס זענען אינספּירירט פונעם שיר השירים, און יענע וואָס דער תהלים האָט ביי אים אַרויסגערופן, און זענען פאַרטראַכט געוואָרן און טיילווײַז געשאַפן געוואָרן אין יענעם גרויליקן קעלער, ווו בען מיט זײַן טאַלאַנטפולער פרוי געראַ האָבן זיך אויסבאַהאַלטן פון דער נאַצישער פעסט — ווײַזן אונדז דעם יידישן געניוס אין זײַן שטײַגן און אויפגיין און וועלן אַרויסרופן התפעלות בײַ אַלעמען ווי די פריער־דערמאָנטע צייכענונגען בײַ מיר, און ווי זײַן גאַנצע שאַפונג אין דער ברייטער וועלט.

און וואָס קאָן זײַן מער און וויכטיקער פון דעם?

(פון אַ וואָרט בײַ דער דערעפענונג
פון זײַן אויסשטעלונג אין פתח־תקוה)

יאַנואַר, 1972

יעקב גלאַטשטיין אין ישראל

אין טעג פון שאַפונג, פון בוי און אויפנעם, וואָס ברענגען פרייד און נאָכטראַכט וועגן מאָרגן — וועגן מאָרגן פון ישראל, מאָרגן פון דער וועלט און וועגן אייגענעם יעדער־איינעמס מאָרגן, איז געקומען צו גאַסט איינער פון די באַדײַטנדיקסטע ייִדישע שעפער פון אונדזער צײַט און אַ מיש־געטון אַ בלאַט, אַ ווייע געטון מיט פרישן ווינט, צערודערט ס'אײַנגעשטילטע געמיט, און אַ רעד־געטון מוטיק, קלוג און מיט האַפּער־דיקער בשורה.

איינער פון די גרונט־זײַלן אויף וועלכע עס האַלט זיך אַ גרויס ייִדיש פאַרמעגן — אַ דורותדיק־פאַרוואָרצלטע, עטיש־מענטשלעכע, אינעם פאָלק פאַרדבקותטע ייִדיש־ליטעראַטור, וואָס אָן איר וואָלט געוועזן ווי חיים נחמן ביאַליק האָט זיך וועגן דעם אויסגעדריקט „ווי אַ גרויס ליכט וואָלט מיטאַמאָל פאַרלאָשן געוואָרן״. —

יעקב גלאַטשטיין.

נישט ווי אַן אורח אויף שבת, וואָס וואַרט אַ הכנעהדיק־געבויגענער, אַז עמעץ אַ בעל־הבית זאָל אים נעמען און ברענגען צו זיך, און אים אַוועקזעצן אַ פאַסיוון בײַם פרעמדן טיש. דאָ איז געקומען צו גאַסט אַן אייגענער, אַ היימיש־לײַבלעכער, צו אייגענע און היימישע, און געברענגט מיט זיך אַן עשירות פון פריילינגדיקן אָפּטימיזם און טיילט פולע זשמע־ניעס בײַ יעדן אויפטריט זײַנעם, סײַ אינטימען סײַ עפנטלעכן: „אונדזער לשון, דאָס ייִדישע, וואָס גראָד אין ישראל ווײַזט אַרויס ווונדערלעכע באַנײַונג־סימנים, חלומט נישט וועגן אונטערגיין. אונדזערע שעפער חלומען גאָר וועגן אַ נײַעם פאַרמעסט. און וואָס האָט אַ שײַכות ישראל, ווילן מיר בלויז פאָדערן פון די וואָס פירן אָן מיט אָט־דעם פּרעכטיקן לאַנד דעם געהעריקן דרך־ארץ צו אונדזער שפּראַך און צו דעם וואָס עס ווערט אין איר וויכטיקס געשאַפן. דאָס איבעריקע וועט שוין קומען אַליין״.

גלאַטשטיין שאַפט נישט קיין נײַע טעאָריעס, כאָטש ער זעט אין די אַלע, וואָס זענען געבליבן פאַרשטיינט אין זייערע נעכטיקע איזמען —

„טויטע נשמות", „גײַסטיקע סקעלעטן". ער טרייסלט זיך אָפּ פון די וואָס האַלטן אין איין שטעלן דעם טראָפּ אויף דער באַזונדערער דאָליע פון יידיש אין ישראל. ער ווייסט דאָס, ער זעט דאָס, ער פילט דאָס, נאָר טאָקע דערפאַר רעדט ער קלאָר און איינדײַטיק וועגן דעם געראַנגל פאַרן כבוד און חשיבות פון יידיש אין ישראל. בשער בת רבים רופט ער אויס, אַז די יידישע ליטעראַטור איז אַ וווּנדערלעך־הומאַנישע, אַן אָנגעזאַפּטע מיט גלויבן, ליבע, צער און קאַמף, און פול מיט מאָראַלישע און עטישע זאַפּטן. ער שטעלט אַנטקעגן די יידישע חורבן־ליטעראַטור, דער פּאַראַלע־לער ליטעראַטור בײַ אַלע אַנדערע פעלקער אין דער וועלט און איז מכריז: הגם די פעלקער פונעם מלחמה־פעלד אין אייראָפּע האָבן פאַר־לוירן צענדליקער מיליאָנען מענטשן, האָט קיין שום פאָלק נישט אַרויס־געבערענגט אין דער ליטעראַטור און קונסט אַזאַ מעכטיקן אויסדרוק, ווי מיר אין יידיש. אָבער דאָס לעבן פון די יידן, אפילו בלויז פונעם יידיש־רעדנדיקן ייד, קאָן נישט און טאָר נישט זײַן אָפּהענגיק נאָר און בײַערט פון דעם, ווי אַזוי די מאַכט־און אָנפיר־אָרגאַנען פון ישראל באַציִען זיך צו יידיש. עס זענען פאַראַן אַן אַ שיִעור ענינים וואָס קומען פאַר דעם. יידיש אָבער לעבט און שאַפט און וועט לעבן און שאַפן, און וועט נאָך לאַנג זײַן דער טראַקט וואָס פירט צו אַל־יידישקייט אין דער גאַנצער תפוצה. און ווײַל מדינת ישראל איז און וועט זײַן דער לעבעדיקסטער יידישער צענטער, לייגט ער אויף ישראל די גרעסטע האָפענונגען.

*

יעקב גלאַטשטיין איז דער אויסגערופנסטער און אָנדערקענטסטער וואָרט־זאָגער פון דער יידישער ליטעראַטור הײַנט צו טאָג. זײַנע אָנגע־זאַמלטע שײַערן מיט די הונדערטער עסייען „אין תוך געגומען" זענען די בעסטע עדות. עס שפּרודלט פון זיי מיט וויסן און חכמה, מיט ליבע און אחריות, מיט טיפן געפיל פאַר לערע און אָנוויזונג. וואָלטן בלויז אָט־די ביכער געווען זײַן איינציק ליטעראַריש פאַרמעג, וואָלטן מיר אַן שום קווענקלען זיך געמעגט זאָגן: דיינו, דאָס איז יעקב גלאַטשטיין! ווײַל ווייל איז צו אַ ליטעראַטור וואָס פאַרמאָגט אַזאַ פּאָטערלעכן זאָגער און אָרײַנזאָגער, פאַרזאָגער און אָנזאָגער. איז אָבער יעקב גלאַטשטיין געבענטשט מיט אַן אַלזײַטיקן פאַרבנרײַכן טאַלאַנט און זײַנע צען ביכער שירה און דרײַ ביכער פּראָזע (דערווײַל) זענען זײַן בכבודיקער צושטײַער צו דער גרויסער יידישער וועלט־ליטעראַטור מיט וועלכער ער איז אַזוי שטאָלץ. און זאָלן דאָ אויך צוגערעכנט ווערן זײַנע ווערק אין עברית,

וועלכע זענען — אַ דאַנק דער מײַסטערישער איבערזעצונג פֿונעם ייִדיש־העברעיִשן דיכטער שלמה שנהוד — אַרויסגעקומען מאַיעסטעטיש אין זייער שפּראַכלעכן לבוש און אויסגעהאַמערט אין זייער נײַער פֿאָרם, דערבײַ געבליבן גלאַטשטייניש־אייגן, — און מיר וועלן דערזען גלאַטשטיינען אין זײַן גאַנצער גרייס.

נאָר גראָד יעקב גלאַטשטיינען, מער ווי יעדן אַנדערן ייִדישן שעפֿער, טאָר מען נישט מעסטן לויט דער כמות נאָר לויט דער איכות.

אַט האָט דאָ נישט לאַנג אַברהם שלאָנסקי, רעדנדיק וועגן דעם סוד פֿון איכות קעגן כמות, געלאָזט הערן וועגן דעם וווּנדערלעכע רייד: „אונדזער כּוח איז געווען, איז און וועט זײַן אין דעם וואָס איז העכער פֿון אים, העכער פֿון דעם כּוח, העכער פֿון דער כמות, אונדזער כּוח איז געווען, איז און וועט זײַן — אין דער איכות”. און הגם אָט־דער באַרימטער העברעיִשער דיכטער רעדט און האָט אין זינען אַנדערע דימענסיעס, זענען אָבער זײַנע רייד אידענטיש און כּ׳ינקטלעך צוגעפּאַסט צו אונדזערע רייד וועגן יעקב גלאַטשטיין און זײַן שאַפֿונג. שוין אין זײַן ליד „קיביא” רופֿט ער זיך איבער מיט א. שלאָנסקין וועגן אונדזער גורלדיקן דעוויז: איכות קעגן כמות. —

מײַן פֿאָלק, מײַן פֿאָלק פֿון רחמנות,
ייִד פֿון מײַן גאַנץ לעבן.
כ׳וועל דיך נישט אָוועקשענקען
פֿאַר די גרעסטע אַרסענאַלן פֿון גבורה.

איז טאָקע בײַ גלאַטשטיינען דער איכות, די קוואַליטעט, דער דאָמי־נירנדיקער עלעמענט אין זײַן שאַפֿן, די לייטער וואָס פֿירט אים אַרויף צו איר העכסטן שטאַפּל.

אין זײַן יצירה איז פֿאַראַן אורשפּרונג און נײַ־שאַפֿונג, וווּנדערלעכע חכמה און הייסע ליבע, מאָדערנער, אַפֿילו היפּערמאָדערנער זאַץ און פֿערזנ־בוי און לײַכטע, שפּילעוודיקע פֿאָלקסטימלעכע חנעוודיקייט, צעפּלאַטערט ווי דער באַבעס שטערנטיכל אויף אַ שמחה... און הגם „אינזיכיזם”, וואָס יעקב גלאַטשטיין איז געווען איינער פֿון די דרײַ פּאַטערס פֿון אָט דער ריכטונג אין דער ייִדישער פּאָעזיע (ב. מינקאָוו, א. גלאַנץ און י. גלאַט־שטיין), ד. ה. די אינטראָספּעקטיווע דיכטונג, איז נישט געוואָרן דער וועגווײַזער פֿאַר דער קלאַסאַל־צעוואַקסענער ייִדישער ליטעראַטור אין

דער וועלט, און אַפּילו נישט אין ניו־יאָרק, איז אָבער דער אויפקום זײַנער און זײַן ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג געווען אַ ווענד־פּונקט אין דער ייִדיש־שאַפונג און האָט געהאָלפן, כמעט בגוואַלד, דער ייִדיש־פּאָעטישער יצירה אַרויפצוציִען אויפן דרך המלך פון גלײַכע מיט גלײַכע. ייִדישע פּאָעזיע — אַ פּאָעזיע וואָס לעבט אַ נאָרמאַל לעבן אין דעם מאָנסטערישן קעסלגרוב, אָן טרערן, אָן דעם שטענדיקן גלות־קנייטש אויפן שפּיגל פון דער שאַפונג. ייִדיש לשון — אַ לשון וואָס וואַקסט און געדייִעט אין אַ מדבר פון אומ־פאַרגלײַכלעך־רײַכע שפּראַכן און קולטורן. און באַזונדער — אין דער ספערע פון דער אַמעריקאַנער, און זי בליט ווי אויף אַ מאַנדלשטעקן... — און ער ברענגט דאָס אַרויס מיט טויזנט חנען און טעמים, דורך וווּנדער־לעכע אומפאַרגלײַכלעכע געפינונגען, דורך נאָך־נישט־געוועזענע מײַסטער־רישע וואָרט־שאַפונגען וואָס האָבן אַ ריס־געטון מיט זיך אויף פאָרויס די ייִדישע שירה און אַרויסאַנטפּלעקט איר יכולת, איר עשירות, אירע מים־חיימדיקע קוואַלן. ווי אַ שטייגער:

מיט מײַן לײַב וואָס איז צעפּײַניקט
ליג איך און האָרך,
ווי ס׳ווערט יעדער שפּאַן פאַרמײַניקט

אָדער גאָר:

און איך האָב האָפן, אַז כאָטש ער זאַמט זיך,
גייט אויף טאָג־אײַן־טאָג־אויס מײַן וואַרטן.
ס׳וועלן נאָך רויטן גרינע בלעטער
אויף אונדזער בוים דעם פאַרקוואַרטן

טרעפט אויך, אַז נישט מיט אַלץ און נישט מיט אַלע זײַנע מיינונגען און פּרוּוון זענען מיר מסכים, און מ׳מוז נישט מיט אַלץ און צו אַלץ מסכים זײַן. — אָבער מיר קאָנען נישט אָפּטרעטן פון דעם אַרויסשטאַרצנדיקן אמת: זײַן פּאָעטישע דעקלאַראַציע, אַז „ווער ס׳האָט געשטעלט דעם טראָפּ אויף וועלט, איך — אויף ייִד״; זײַן שטרעבונג־ייִדישער צוגאַנג צום אייגענעם ברודער, צום אייגענעם פאָלק, צו אייגענער עקזיסטענץ און שטייגער האָט אים געפירט, און פירט אים אויף אַ פעסטן וועג, אָן וואַקלונגען און אָן קענטיקע אָפּנייגונגען, מער ווי יעדן אַנדערן ייִדישן שרײַבער פון זײַן דור און זײַנע ווערק זענען דורכגעדרונגען מיט הייסער ליבע און אַפּאָלאָגעטיק צו ייִד און ייִדישקייט.

אַט נעמסטו אַרויס פֿון זײַנע אַלטע „ייִדישטײַטשן" (פֿאַרלאַג ה. בזשאָזא, וואַרשע 1937) די אייגנאַרטיקע שאַפֿונג „יאָסל לאָקש פֿון כעלעם", וואָס האָט אַזאַ נאָענטע שייכות צו די לידער וועגן בראַצלאַווער, און דו דערזעסט דאָס גאַנצע דעמלטיקע ייִדישע לעבן אין איין געשטאַלט. —

ווער קאָן פֿאַרטראָגן אַ יונגן יתומס געוויין?
אָדער די טרערן פֿון אַן אָרעמער אלמנה?
דעם עלנט, ווי אַ שטיין, פֿון אַן עקרה,
אָדער די פֿאַרשעמטקייט פֿון אַ מיאוסער עגונה?

און עס גייט אַוועק אַ גאַנג פֿון אַ רב'ל אין אַ ק"ק כעלעם, וואָס בעט זיך בײַ קהל און בײַ גאָט: „טוט מיר נישט אָן דעם ספּאָדיק און רופֿט מיך נישט רבי יאָסל", ווײַל ער זעט זיך נישט באַרופֿן און בכוח אויסצוגלײַכן אַלע סאָציאַלע עוולות. „פֿאַרוואָס איז איינער הונגעריק און דער צווייטער זאַט, פֿאַרוואָס זאָל איינער לעבן אין שווילטאָג און שאַרן גאָלד מיט ביידע הענט און דער צווייטער זאָל דאַרן פֿאַר אַ לעפל געקעכץ" ביז ער דערקומט צום אַפּאָטעאָז, בעת דאָס ווײַב, די כעלעמער רביצין, וואַרפֿט אים פֿאַר דעם גוט־באַקאַנטן פֿאָלקס־וויץ: „שפּײַזער מײַנער, ס'איז דאָך צו עפּענען מויל און אויערן. ער גערעכט און דער גערעכט, איך גערעכט און דו גערעכט". דוכט זיך, אַז דער באַרימטער ביאָגראַף פֿונם ייִדישן ווערטל, פּראָפֿ' דב סדן, וועט תּיכּף אויסגעפֿינען פֿון וואַנען אָט דער וויץ, אָדער ווערטל, שטאַמט. אָבער דערווײַל האָט יעקב גלאַטשטיין אויסגעזוּנגען אויף אַ וויר־טואָזן אופֿן מעסער־שנײַדנדיקן רעאַליזם באַהאָפֿטן מיט גרויליקן גראָטעסק, און פֿון וויצן און ווערטלעך איבערגעשאַפֿן אַ העלד, אַן אַרויסגעעמערטן פֿון ייִדישע ברונעמס, און אים אַרײַנגעפֿירט אויף אייביק אין אונדזער ליטעראַטור. און אַז מיר וועלן אַזוי נאָכגיין פּוס־טריט זײַנע וויכטיקערע שאַפֿונגען וועלן מיר אויסגעפֿינען, אַז דאָס זענען מאַרמאָר־פֿיגורן אין וועלכע זייער מײַנסטער האָט אַרײַנגעגאָסן הייסע, קאָכעדיקע האַרץ־ליבע.

און אויב וויזיטן פֿון ייִדישע שרײַבער אין ישראל רופֿן אַרויס באַטראַכ־טונגען און נאָכטראַכטונגען, און באַוועגן די בעסטע שעפֿער פֿון דער העב־רעיִשער ליטעראַטור זיך אַרויסצואָגן וועגן זיי, וועגן זייערע יצירות, און דערבײַ אויך וועגן דער אַלגעמיינער שאַפֿונג אין ייִדיש און זי פֿאַרגלייכן, און טיילמאָל אויך זי אַנטקעגנשטעלן, דער העברעיִשער — איז עס אין איינקלאַנג מיט יעקב גלאַטשטיינס רייד וועגן ראַנגלען זיך בײַ דער מדינת ישראל פֿאַר פֿולער חשיבֿות פֿון דער ייִדיש־שאַפֿונג.

אַט זאָגט וועגן דעם חיים הזז:
„ייִדיש איז לײַכט, קלוג, רירעוודיק און אויסלאַכנדיק, וואַרפט זיך מיט וואַיוועגדיקער פלינקקייט, איז ליב און פול מיט חן".
„אהבת ישראל, פשוטע אהבת ישראל, צו יעדן איינציקן ייִד, ווײַל ער איז אַ ייִד, אָן גרויסע חשבונות — איז דאָ אין ייִדיש".
גיבן מיר צו: —
ויעקב גלאַטשטיין יוכיח.

דעצעמבער, 1962

יעקב גלאַטשטיין אין העברעיִשן לבוש

יעקב גלאַטשטיין, מכל עמלי, שירים ופואימות.
תרגם מאידיש שלמה שנהוד, בלווית מבוא מאת
דב סדן. מוסד ביאליק, ירושלים 1964. 188 ז"ז.

דיכטונג איז תמיד פאַרשיידן, דיכטונג איז כסדר אַנדערש. און אַט־די אַנדערשדיקייט פונעם געשאַפענעם און דאָס באַזונדערע פונעם דיכטער — דאָס איז די אידענטיטעט־קאַרטע פון יעדן עכטן קינסטלער.

דיכטער זענען געווען, זענען דאָ און וועלן זײַן — עפּאָכע־מאַכנדיקע און אין דער עפּאָכע בלײַבנדיקע. בלויז די אַנדערשדיקייט פונעם שאַפער און די קענטלעך־בולטע באַזונדערקייט פון דער שאַפונג, בלויז אָט די קען־צייכנס באַשטימען דאָס אָרט פונעם פּאָעט אין דער אייביקייט.

טיילמאָל בלײַבט איר שטיין פאַר אַ דילעמע: צו וועלכן גראַד, צו וועלכן מין דיכטונג זאָלט איר צושטעלן אַ פּאָעטישע יצירה, וואָס רײַסט אײַך מיט, וואָס ווירקט אויף אײַער האַרץ און פאַרשטאַנד, באַר עס פעלט איר דאָס באַזונדערע, דאָס אַנדערשדיקע, דאָס נישט־פאַרגלײַכלעכע? —

אָבער ווי אַנדערש ווירקט אויף אײַך אַ ווערק, ווען דער חותם פון אַנדערשקייט ליגט אין מהות דערפון און במקום צו זוכן, אָדער — זיך גלײַך אָנצושטויסן אויף פאַרגלײַכונגען, גאַפט איר און שטוינט פון דעם באַזונדערן, דעם אַנדערשדיקן וואָס לײַכט־אַרויס פונעם ווערק.

יעקב גלאַטשטיינס שאַפונג געהערט צו אָט־דעם מין.

די אײַנזאַמלונג פון זײַנע לידער צווישן צוויי פעסטע טאָוולען, אונטער דעם אַלגעמיין־אַרומנעמענדיקן נאָמען „פון מײַן גאַנצער מי" פירט אײַך אַרײַן אין אַ ייִדיש־היימישער שטוב ווו איר טרעפט זיך מיט נאָענטע און אייגענע, איר הערט „ערדענע רייד", פון אַ „זונטאָג־שטעטל" ווו דער

טראַגיש־קאָמישער קרוב איַיערער, דער ייִד, שטעלט־אָן אין זיַינע וויַיטסטע באַהעלטענישן דעם וועקזייגער אויף שמע ישראל („דיַין כּזית קדושה״)؛ איר זעט „דעם טאַטנס שאָטן״ און באַגעגנט זיך מיטן „גאָט פון מיַינע אָבות״ און מיטן בראַצלעוור און זיַין סופר נתן און מיט „שטראַלנדיקע ייִדן״. וואָס „דורכן קרעמאַטאָריע־קוימען / קרויזט אַרויף אַ ייִד צום עתיק יומין״, און איר זעט די פּעטערס און מומעס שלום־עליכמדיק צעלויכטן און מיט דער אייגנאַרטיקער שלום עליכמדיקער גלאַטשטיין־שפּראַך אויף זייערע לעפצן. און איר קוויקט זיך מיט זייער וואָכעדיקער יום־טובדיקייט, און איר קרעכצט־מיט מיט זייער קרעכץ, נאָר — עפּעס זענען זיי אַנדערש. און איר מוזט זיך נישט אידענטיפיצירן מיט אַלץ, וואָס דער מיַיסטער זאָגט אָדער ווינקט־אָן. ניין, דאָס איז נישט דער עיקר. דער עיקר: עס וואַקסט פאַר איַיך אויס לובלין אין ברייטסטן און טיפסטן זין, אין אַן אַנדער ליכט, אין אַן אייגנאַרטיקער באַלויכטונג. אָט איז דער בראַצלעווער, אָט איז יאָסל לאָקש פון כעלעם, — דוכט זיך דער זעלבער הייליקזהיימישער בראַצלעווער, דוכט זיך אונדזער ליבער שטעטלדיקער שוין־אַזויפיל מאָל אויסגעלאַכטער יאָסל לאָקש, נאָר אַז איר קוקט זיך אין זיי איַין דערבליקט איר די אויס־שטראַלונג וואָס צעברעכט אַליין די ליכט־ליניעס און ווי דורך אַ פּריזמע דערזעט איר אָן־צאָליקע בראַצלאַווערס, אָן־אַ־שיִעור יאָסל לאָקש׳ס, ענלעכע און נישט ענלעכע؛ זיי ריַיסן איַיך מיט, זיי ווערן איַיך אַזוי מחיהדיק ליב, איר טרויערט מיט זייער טרויער, ווערט שפּלדיק אין זייערע געפאַלענע מינוטן און שטראַלט אויף אין זייער אויפשטראַלונג. מיט איין וואָרט: איר בליַיבט פאַרבליפט פונעם קינסטלערישן אויפטו.

אויפטו? — ווי קומט אַהער אַזאַ פּראָזאַיִשער אויסדרוק? נישט אַנדערש נאָר אַפילו בעתן רעדן אָדער שריַיבן וועגן גלאַטשטיינס שאַפן ווערן מיר באַווירקט און מיטגעריסן מיט זיַין לעקסיק, ווו דורך דעם מינדסטן פּראָ־זאַיִשסטן וואָרט זיַינעם באַוויַיזט ער זיַין פּאָעטישן ווונדער.

און איר פרעגט: —

ווו און אין וואָס ליגט דער כוח פון יעקב גלאַטשטיין און זיַין פיל־מינימדיקע, פיל־פאַרביקע יצירה? זאָלן מיר זאָגן אין וואָרט? — איז דאָך זיַין וואָרט, טיילמאָל, אַזוי פּאָסנע, אַזוי האַרב, פול תוכחה און טאָג־טעגלעכקייט, אַז איר ווייסט גאָרנישט ווי אַזוי פּאַסט מען דאָס אַריַין אין פּאָעזיע? ווו האָט איר געזען אין פּאָעזיע: „בין איך אויף געהאַקטע צרות / וויַיל כ׳בין אַ ייִדעלע קאָטאָרע״, „ליג איַינגעלייגט אין דיַין באַהעלטעניש״, „פאַראַן אַזעלעכע שטייגער ליַיט, / וואָס טראַכטן אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך״,

„נתן, דאַוואַי הײַנט נישט טראַכטן”, „כ׳וועל דיר דערלאַנגען אַ פּראַסק, / אויב וועסט הײַנט אויסקוועטשן אַ געדאַנק”. אָדער גאָר: „איכעלע, וויש זיך אָפּ דאָס נעזעלע, / זײַ נישט אַזוי פאַרריסן בײַ זיכעלע”? זאָלן מיר זאָגן אין דער נאַראַציע, אינעם דערציילן דעם סיפּור המעשׂה? — ווערזשע האָט דאָס נישט געפּרוּווט צו דערציילן, אין פּראָזע צי אין פּערזן, וועגן דעם מ׳שטײנסגעזאָגטן לעבן אונדזערן צווישן אונדזערע „גוטע פרײַנט” און אַפּוטרופּסים אין יענע געגנטן, ווי „די סוכאָטנע פעלדער קוקן אויס אַ ביסל גרינער / נאָך דעם וואַש פון רעגן” און ווי „אַ מאַליער האָט גענומען צייכנען דעסענעס אויפן הימל”? — פון וואַנען־זשע די אומגעווײנלעכע ווירקונג פון גלאַטשטיינס ליד אויף אונדזער געמיט און פון וואַנען — דער אומגעהײַערער ליטעראַרישער גענוס וואָס זײַנע ווערק פאַרשאַפן? נישט אַנדערש נאָר דער וווּנדערלעכער אייגנאַטיקער צוזאַמענהעפט פון וואָרט, פאָרעם און תּוכן — דער חוט המשולש — וואָס גייט האַנט־בײַ־האַנט מיט זײַן חכמה, וויסן און טאַלאַנט זענען דאָס דער געבענטשטער גורם דערצו. און דאָס אַלץ איז אין אַן אומפאַרגלײַלעכער איבערזעצונג פון שלמה שנהוד אַריבערגעגאָסן געוואָרן אין העברעיִש.

*

איבערזעצונגען פון ייִדיש און אין ייִדיש זענען נישט קיין נײַס פאַר דער ייִדיש־ליטעראַטור. און אַוודאי נישט, ווען עס גייט אַ רייד וועגן אונדזערע ביידע שפּראַכן. שוין אָפּגערעדט פון די „זיידעס”, וואָס האָבן זיך אַליין איבערגעגאָסן פון איין כּלי אין דער אַנדערער, ווי מענדעלע, ווי ביאַליק (פון עברית אין ייִדיש) א. א. י. ד. בערקאָוויטשס איבערזעצונג פון שלום עליכמס ווערק האָט געשאַפן אַ שיִער־העברעיִשן שלום עליכם. און נאָך און נאָך. לעצטנס איז כּמעט געוואָרן נאַטירלעך דאָס איבערזעצן ווערטפולע ווערק פון ייִדיש אין העברעיִש. עס דאַרף אָבער קלאָר און אָפן ווידעראַמאָל געזאָגט ווערן: פונקט ווי אַ ווערק אין אָריגינאַל קאָן זײַן עפּאָכע־מאַכנדיק אָדער — אין דער עפּאָכע בלײַבנדיק, אַזוי אויך אַן איבערזעצונג. נישט מער, וואָס אַן איבערזעצונג האָט דערצו צוויי שותּפים: דעם מחבר און דעם איבערזעצער. —

אין זײַן רעדע געהאַלטן אויפן פּלענום פון דער העברעיִשער שפּראַך־אַקאַדעמיע אין כ״ה בכסלו תשכ״ה (לויטן „על המשמר” פון 26.3.65) האָט געזאָגט דער פענאָמענאַלער העברעיִשער איבערזעצער פון דער קלאַסיק שלמה דיקמאַן ז״ל, צווישן אַנדערס:

„דאָס איבערזעצן איז אַ געוואַלדיק ברייט פעלד, וואָס האָט זײַן אוראַלטע טראַדיציע אין דער קולטור פון דער וועלט״. אונטערצייכענענדיק די באַזונדערקייטן פון איבערזעצן פּראָזע, וויסנשאַפט, פּאָעזיע און קלאַסישע פּאָעזיע גאָר באַזונדער, זאָגט ער: „דער איבערזעצער פון קלאַסישער דיכטונג מוז קענען ביידע שפּראַכן פּערפעקט, סײַ די שפּראַך פון דעם אָריגינאַלן ווערק, סײַ די שפּראַך אין וועלכער דאָס ווערק ווערט איצט דורך אים איבערגעזעצט, און וואָס גרינטלעכער אַלץ בעסער... דער איבערזעצער איז איבערגעלאָזט אַליין מיט זײַן גורל, קענטעניש און פעיִקייטן... נישט די ווערטלעכע פּינקטלעכקייט העלפט געטרײַ איבערזעצן, ווי עס מיינען טעותדיק פיל געלערנטע, נײַערט די אויפנעם־פעיִקייט פון איבערזעצער און דער טאַלאַנט פון אויסדריקן זיך אויפן געביט פון קונסט, וואָס לאָזן זיך נישט אַרײַננעמען אין די ראַמען פון געוויסע כּללים״.

פון דאַנען אונדזער באַוווּנדערן דעם העברעיִשן לבוש צו יעקב גלאַטשטיינס יידיש־יצירה, וואָס איז איר אַזוי בכבודיק צוגעפּאַסט געוואָרן דורך דעם קינסטלער־איבערזעצער שלמה שנהוד, וואָס איז אַליין אַ דיכטער אין אונדזערע ביידע לשונות, און איז מיט אַזויפיל געטרײַקייט און ליבע צוגעגאַנגען צו יעקב גלאַטשטיינס עפּאָכע־מאַכנדיקער יצירה. דאָס איז אַן אמתדיק־עכטע קונסט־געשעעניש, וואָס מיט איר פּערפעקטער מלאכת מחשבת האָט שלמה שנהוד אַרײַנגעבראַכט אין דער אוצרות־רײַכער העברעיִשער ליטעראַטור אַ קלאַסיש, אייגנאַרטיק ווערק, וואָס פאַרשאַפט גרויס כּבוד דער יידישער יצירה און וועט מיט זײַן ספּעציפיש־אייגענעם יעקב גלאַטשטייניִשן תוך און תוכן באַלײַכטן זי און אַרויסלײַכטן מיט אַ רײַכער יידישקייט.

און נישט אומזיסט איז די גאַנצע העברעיִשע פּרעסע אַרויס מיט אַזויפיל באַגײַסטערטע אָפּרופן אַזש ביזן אָנרופן שנהודן „דער צויבערער פון ביידע לשונות״. די מזיגה פון יידישן גלאַטשטיין מיטן העברעיִשן שנהוד האָבן אַרויסגעבערנגט אַ העברעיִשן גלאַטשטיין, וואָס בעתן לייענען אים אין שנהודס וווּנדערלעכן אין יידיש־וואָרצלענדיקן העברעיִש פאַרגעסט איר, אַז אָט די ספּעציפישע יידישע גלאַטשטייניִשע קונסט־ווערק זענען געשאַפן געוואָרן אין אַן אַנדער יידישער שפּראַך.

מיט איין וואָרט: „מכל עמלי״ קלינגט עכט, ווירקנדיק און גלאַטשטייניש־אייגן און איז אַ באַשטעטיקונג פאַר ש. דיקמאַנס רייד, אַז בלויז דער גורל פונעם איבערזעצער, זײַנע פעיִקייטן האָבן געקענט אַרויסברענגען אַזאַ איבערזעצונג.

טיפקייט, ברייטקייט, הויכקייט

וואָרט, ווי מענטש, פֿאַרמאָגט אייגענע, שיִער־נישט גופֿישע, סימנים. וואָרט קאָן זײַן טונקל, שוואַרץ אָדער רויט, גרויס, פֿאַרנעפּלט צי גאָר ווײַס ווי געפֿאַלענער שניי; הויך, נידעריק, ברייט אָדער שמאָל — ממש ווי אַ מענטש. ס'איז, אָן ספֿק, פֿאַראַן אַ ממשותדיקע שייכות צווישן מענטש און וואָרט. אַוודאי מוז נישט אַט די שייכות תמיד זײַן אַ פֿיזיש ענלעכע — דער בלאָנדער בן־אָדם קאָן אַ מאָל רעדן שוואַרצע אָדער רויטע רייד, דער הויכגעוואָקסענער קאָן אַ מאָל רעדן גאָר נידעריקע רייד, און — פֿאַרקערט. אָבער ערגעץ ווו, אין די ספֿערן פֿון גײַסט, גייט דאָס וואָרט פֿוס־טריט מיטן מענטש, זיי ווערן ביידע איינס, און עס ווערט געבוירן אַ שלמות, אַ גאַנצקייט. און אַז עס געשעט און דער מענטש ווערט העכער ווי ער איז, ער גרייכט מיט זײַן קאָפּ די הימלען, נאָר מיט ביידע פֿיס שפּאַנט ער פֿעסט אויף דער ערד, ווערט זײַן וואָרט — דאָס דערהויבענע, דאָס געהימלטע — אָן ערדיש־פֿאַרוואָרצלט פּרוכט־אַרויסברענגענדיק מענטשלעך וואָרט.

יעקב גלאַטשטיין איז געווען איינער פֿון די געבענטשטע, וואָס זײַן קאָפּ האָט עס געגרייכט די הייכן און זײַנע פֿיס האָבן געשפּרײַזט אויפֿן גרויען ממשותדיקן באָדן. ער איז נאָכגעגאַנגען זײַן „יאוש", ווען ר'איז געפֿאָרן צו דער ערב־אונטערגייענדיקער אַלטער היים און ווען ער איז געקומען צוריק; זײַנע פֿיס האָבן באַטראָטן, מיט טיפֿער היסטאָרישער אחריות, די ערד, די דורכגעווייקטע מיטן ייִדישן מאַרך און ייִדיש בלוט, פּונקט ווי זיי האָבן געהיפּערט ווי ווידערס איבער די הייכן און טאָלן פֿון דער אַלטער אויפֿגעלעבטער ערד פֿונעם לאַנד ישׂראל. איז זײַן וואָרט, דאָס געאייניקטע, דאָס סינטעזישע, געווען הויך און ברייט, העל און צעלויכטן, אײַנגעוואָרצלט אין באָדן פֿון דורותדיקער ייִדישקייט און דערהויבן אין ייִדישער דורותדיקייט, ווי דאָס איז געווען ער אַליין — יעקב גלאַטשטיין.

און זײַן וואָרט האָט געזונגען און געזאָגט. ס'איז דאָך אַזוי פֿיל פֿאַר־געקומען פֿאַר אָט דער צײַט זײַנער, פֿאַר אָט די פֿינעף און זיבעציק יאָר. אַזוי פֿיל פּײַן און אומקום און אַזוי פֿיל האָפֿענונג, גלויבן און אויפֿקום. האָט דאָס געשפּרײַזט זײַן וואָרט, און אים, צו גלײַך מיט אַ סך אַנדערע, צו זינגען שירה און צו זאָגן קינה, צו דערציילן אין פּראָזע און אין קנעלן מיט אַנדערע, ווי אַזוי מען זאָל אין אַזאַ צײַט באַניצן דאָס וואָרט, דאָס ערדישע, דאָס פּשוטע.

אַוודאי האָט מאיר ב"ר יצחק, דער בעל ה„אקדמות", כּלל נישט

געגלייבט אין אַזאַ מעגלעכקייט — צו קאָנען באַשרײַבן גאָטס אַלע מעשים און די מעשים פון זײַנע ברואים אויף דער וועלט, אַפילו —

וועו אַלע הימלען זאָלן זײַן פּאַרמעט,
וועו אַלע וועלדער זאָלן זײַן פּענעס,
וועו אַלע טײַכן זאָלן זײַן טינט,
וועו אַלע איינוווינערס פון דער וועלט זאָלן זײַן שרײַבערס

אקדמות, ג׳ — ד׳

דערפֿאַר, כדי צו קאָנען כאָטש אַ טײלעכל דערפון יאָ באַשרײַבן, האָט דאָס וואָרט פּונעם לובלינער יעקב, געמוזט לויפן אויף יאָרהונדערטער צוריק און אויף אַ סך דורות פּאָרויס, כדי עס זאָל זיך אויף אַזאַ אופן באַקומען דער וווּנדערלעכער סינטעז פון הימלישער הויכקייט מיט ערדישער טיפקייט, פּונקט ווי עס האָט פון זײַן לשון אַזוי בולט אַרויסגעקוקט די קאָנטינוּיִטעט, דער יום ליום יביע אומר. און מ׳דאַרף נישט אויסטײַטשן.

יעקב גלאַטשטיין האָט אָנגעהויבן שרײַבן צו אַכט יאָר און אַלט זײַענדיק אַכצן, אָפּגעדרוקט זײַן ערשטע דערציילונג. ווען נישט די מזל־ברכהדיקע באַזונדערקייט זײַנע, וואָלט ער אַוודאי געבליבן אַ שרײַבער פון זײַן תקופה; יענער תקופה פון אָרעמער יִדישער אײַנוואַנדערונג אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, פון דעם שוויצשאַפּ און דעם אויסגעפּײַניקטן, אויסגענוצטן אַפּרײַטער. איז אָבער גלאַטשטיין געווען געבענטשט מיט וויזיע און טאַלאַנט, האָט ער צוזאַמען מיט א. לעיעלעס, נ. ב. מינקאָוו און מיט ב. אַלקוויט ביגוואַלד אַ ריס געטאָן דאָס יִדישע שאַפן צו העכערע ספערעס, צו העכערע מדרגות, מיט דער הילף פון זייער אַזוי גערופענעם אינזיכיזם — דער אינטראָספּעקטיווער גאַנג אין דער דיכטונג. און הגם דער אינזיכיזם איז נישט געוואָרן דער מורה־הוראה פאַר דער אומגעהײַער צעוואַקסענער יִדישער ליטעראַטור, ווי שוין פריִער דערמאָנט, איז אָבער זײַן עצם אויפקום, דער אַרויסרוף זײַנער און זײַן ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג געווען אַ ווענדפּונקט אין דער יִדיש־יצירה אין דער וועלט. אָט די אינטעלעקטועלע אײַנגעשפּאַרטקייט זייערע האָט געשטויסן די שאַפערס אין יִדיש אַרויפצוגיין אויפן דרך־המלך. יִדישע פּאָעזיע — אַ פּאָעזיע וואָס לעבט אַ נאָרמאַל לעבן אין דעם מאָנסטערישן קעסלגרוב, אַ פּאָעזיע וואָס זעט ווײַטער און העכער פון דעם „אין זיך״ און „אַרום זיך״ און די גלות־גרימאַסע אויפן פּנים הערט אויף צו זײַן דער איינציקער קענצייכן. און אַז גלאַטשטיין האָט דאָס אַליין דערפילט, אַליין דערזען אַז פון די אַלע פּרווונגען איז געוואָרן ממשות און

ס׳איז געווען אַ פֿאַקט דאָס וואַקסן און געדייַען פֿונעם לשון אונדזערן אינעם וואַלד פֿון שפּראַכן און ליטעראַטורן, האָט דער דיכטער אין אים זיך צעזונגען אין אַ זאַפֿטיק־פֿאַרוואָרצלטן ייִדיש:

ס׳ייִדישע וואָרט בליט אויף אַ מאַנדלשטעקן.
און יעדער ברכה איז באַטעמט,
יעדער קללה איז געגראַמט,
יעדער וואָרט טוט שמעקן,
יעדער וואָרט טוט טריפֿן,
און יעדער וואָרט איז באַזאַפֿט
מיט באָבעשאַפֿט.
אָ, געטרייַע לאַנדשאַפֿט פֿון אַמאָליקייט —
אין אַ זאַמדיקען מדבר.
(פֿון מייַן גאַנצער מי, ז. 232)

איז דאָס געווען נישט נאָר שירה צום ייִדישן וואָרט וואָס האָט זיך דעמאָלט אַזוי שיין פֿרילינגדיק צעבליט אויף אַן אויסגעקוואַרטן מאַנדל־שטעקן, נייַערט אויך אַ פֿאַרקניפּונג מיטן אַמאָל פֿון תנ״ך, מיטן אַמאָל פֿונעם חדר אין לובלין און מיטן הייַנט, מיט אַלע זייַנע שפּראַכיקע אויפֿבליצן און פֿאַרוואָרצלטקייטן. ווייַל אָט די גלאַטשטיין־ווערטער טראָגן אויף זיך די בלענדנדיקע פֿאַרבן פֿון אונדזערע באָבעס שטערנטיכלעך און פֿאַרמאָגן אַלע דרייַ דימענסיעס פֿון זייער דיכטערס רייַכער גייַסטוועלט: טיפֿקייט, ברייט־קייט, הויכקייט.

אין אַ תקופה פֿון אַ גרויסן און טראַגישן דור איז יעקב גלאַטשטיין געווען איינער פֿון די אייַנדרוקספֿולסטע און אָנערקענטסטע וואָרטזאָגערס און גוטזאָגערס פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. בעת ער האָט מיט זייַן וואָרט פֿון ליבע און אויסרעדונג געפֿירט דעם ייִדישן שרייַבער און אים געוויזן די האַרטע וואָרע ערד, אַ באַלויכטענע פֿון אייבערשטן ליכט און אַ פֿאַרפֿינצ־טערטע פֿון אומאויפֿהערלעכע ליקוי־חמה׳ס, האָבן מיר געהאַט דאָס געפֿיל אַז אַ פֿאָטערלעכע האַנט נעמט אונדז אָן, גייט מיט אונדז אַ שטיק וועג און ווייַזט ווו עס איז צו דערוואַרטן שטרויכלשטיינער און ווו דער וועג איז גלייַך, אויסגעפּלאַסטערט, זיכער. אַפֿילו דאָרט ווו זייַן אָנווייַזונג איז נישט געווען צום האַרץ, האָט דער ווענעמס האַרץ ס׳איז נאָר געווען אָפֿן, געקאָנט פֿאַרשטיין דאָס פֿאָטערלעכע, דאָס תלמיד־חכמדיקע, דאָס ליב־מענטשלעכע וואָס האָט אַרויסגעטריפֿט פֿון זייַן מוסר זאָגן. און אָט זאָגט ער דאָך אַליין וועגן דעם אין דער הקדמה צו זייַן בוך אויף גרייטע טעמעס:

„אַן אמתער שעפערישער קריטיקער קען בטבע נישט זײַן קיין רשע. ווען די רישעות שטעקט אַרויס פון דער קריטיק, טוט זיך דער קריטיקער אַליין קיין טובה נישט: רישעות אין קריטיק פירט צו סטיללאָזיקייט... דער קריטיקער דאַרף זיך געבן די מי אַז דער קריטיקירטער זאָל הנאָה האָבן פון אַן אָפּהאַנדלונג וועגן זיך, אַפילו ווען ער זאָל עס נישט קענען צו־געבן"...

אַזוי זאָגט גלאַטשטיין און אַזאַ איז געווען זײַן וואָרט. און דערפאַר האָט זײַנע אַ לידער־זאַמלונג געטראָגן אַזאַ טאָג־טעגלעכן ערדישן נאָמען ווי די פרייד פון יידישן וואָרט. וואָרעם אָט די פרייד, אַן אָנגעזאָפּטע מיט פּײַן און צער, האָט אויסגעפּילט זײַן גאַנצן תוך. און מיר האָבן זי באַגעגנט אין אַלע דרײַצן לידער־זאַמלונגען זײַנע און אין זײַנע עסייען און אָפּהאַנד־לונגען וואָס זענען אַרײַן אין זײַנע ביכער אין תוך גענומען, מיט מײַנע פאַרטאָגביכער און אויף גרייטע טעמעס. אין אָט דעם האַרבעריק זײַנעם האָט ער אײַנגעזאַמלט די פרייד פון יידישן וואָרט ווי די פרייד פון יעדן סימן פון יידישן אויפלעב, — צוזאַמען מיטן געקלאָג איבער די פּײַנען און לײַדן פונעם ייד, ווײַל ער איז אַ ייד. די פרייד פונעם יידישן הײַנט, ווי פון יידישער שטענדיקייט, האָבן געהויזט אין אים אין אַן אומגעוויינטלעכער האַרמאָניע מיט דעם אָנסופיקן צער אין וועלכן יידן ווייקן זיך און הערן נישט אויף. דערפאַר אַז מיר לייענען זײַן וווּנדערלעכע שאַפונג „דער בראַצלאַווער צו זײַן סופר" זעען מיר בפירוש און באַשײַנפּערלעך, אַז ער איז דאָ אויסן צו לערנען און ווײַזן ווי אַזוי און וואָס עס דאַרף זײַן אַ ייד; וועלכע דאַרפן זײַן זײַנע עיקרדיקע מידות: אַ ייד ווײַנט־מיט מיט אַלע ייד ־און מענטש־געוויינען, אַ ייד זינגט־מיט מיט אַלע געזאַנגען וואָס די נאַטור און אירע באַשעפענישן — די מענטשן אַרײַנגערעכנט — זינגען פון זיך אַרויס. ערשט דעמלט איז ער מענטש און ייד. און ווײַל אַזוי, וועט זײַן יאָסל לאָקש פון כעלעם זיך בעטן בײַ קהל און בײַ גאָט: „טוט מיר נישט אָן דעם ספּאָדיק און רופט מיך נישט רבי יאָסל", וואָרעם ער האַלט זיך נישט בכוח אויסצו־גלײַכן די קרומקייטן אין וועלכע זײַן קהילה קדושה געפינט זיך, ער פאַר־שטייט נישט „פאַר וואָס איז אייגער הונגעריק און דער צווייטער זאַט", און דער בראַצלאַווער, יעקב גלאַטשטיינס בראַצלאַווער, וועט זיך אַליין וואָרענען און זיך מוסרן דורכן מחברס פעדער:

איכעלע, וויש זיך אָפּ דאָס נעזעלע,
זײַ נישט אַזוי פאַרריסן בײַ זיכעלע.

כ׳האָב געהערט זאָגן, ווילסט ווערן אַ מנהיג ביַי ייִדן,
לאָז זיי צופרידן.
ווייסטו אַזוינס, וואָס ס׳הייסט ייִד צווישן פעלקער,
צווישן אַזויפיל פאַרדאַרבער און פאַרוועלקער?
פאַרמאָגסטו דעם כּוח, איז דיַין וואָרט דערהויבן,
דו שטויב פון שטויבן?
איכעלע, נעם אַרויס אַ נאָז־טיכעלע,
וואַקס פריִער אויף און וואַקס אַריַין,
אַ ייִד צווישן ייִדן.
דרך־ארץ פאַר דיַין גרויס פאָלק —
לאָז זיי צופרידן.

(פון מיַין גאַנצער מי, ז. 168)

דוכט זיך, פון פּאָעטישן קוק איז עס ממש פּראָפאַנאַציע, חילול הפּאָ־עזיע: איכעלע, זיכעלע, טיכעלע, נעזעלע — דאָס זענען דאָך גראָבע, טונ־קעלע, נידעריק־קריכנדיקע ווערטער. אָבער אַז דו לעבסט זיך אין זיי איַין, אין קאָנטעקסט מיטן געזאָגטן און געמיינטן, אַז דו צעקיַיסט און פאַר־דיַיעסט די אומפאַרגליַיכלעכע קלוגשאַפט, אַן אַרויסגענומענע פון די טיפסטע ייִדישע פאָלקסקעלערס, פון דעם זאַפטיקן לשון־ייִדיש פון וועלכן דער גאַנצער רעגיאָנאַלער שטייגער קוקט אַרויס מיט זיַין עצבות און איראָניע, פילסטו די גרויסע אהבת־ישראל, וואָס שיַינט פון זיי אַרויס און עס ווערט דיר ליכטיק אין מוח און אין האַרץ. אַזוי האָט מאָדערן ייִדיש נאָך נישט געזונגען. איז דאָס טאַקע אינטעלעקטועלע יצירה, דורכגע־טראַכט מיט דער שאַרפקייט פון אַ מוח וואָס נאָר אַ גרויסער גיַיסטריַיכער מענטש קאָן פאַרמאָגן, אָבער — דורכגעזאָטן און דורכגעפּיבערט אין אַ הייס, ריַיך מיט ליבע קאָכנדיק האַרץ.

אַזאַ איז געווען דער גיַיסטמענטש יעקב גלאַטשטיין און אַזוי איז געווען זיַין ערדיש וואָרט: מיטן קאָפּ צו די הייכן און מיט די פיס — אויף דער ממשותדיקער גרויער ערד.

דערפאַר לאָזט ער שפּעטער דעם בראַצלאַווער זיַינעם זאָגן צו זיַין סופר:

הער און שטוין, נתן.
כ׳בין דיר מוחל דעם לוין
פון פעטסטן שטיק לויתן,

אויב מ׳זאָל פון מיר צונעמען
מײַן שענסטע קרוין — דאָס וואָרט.

(דאָרט ז׳ 188)

האָט קיינער פון גלאָטשטיינען די „שענסטע קרוין — דאָס וואָרט״ נישט צוגענומען. נאָר זײַן גרויס, פשוט „ערדערן״ וואָרט איז געוואָרן „אי־בערגעשלאָגן״, איבערגעריסן — צו אונדזער גרויסער פּײַן, צו אונדזער גרויסן באַדויער.

(פון אַ הספּד־רעדע בײַ די „שלושים״, אין לייוויק־הויז אין ת״א)

דעצעמבער, 1971

חיים גראַדע

צו זײַן באַזוך אין ישראל

א

אויב חלום גיט דעם הונגעריקן ברויט, דעם יתום — טאַטע־מאַמע, דער פאַרזועסענער — אַ מאַן, דעם עלנטן — אַ יונגפרוי, און פאַרקערט: דעם וואָס איז שוין געקומען אל המנוחה ואל הנחלה פאַרטרײַבט אים דער חלום אין פינצטערע לאַבירינטן, און נעמט בײַ אים צו דאָס בעסטע, — איז דיכטונג, און דיכטערישע פּראָזע, דער חלום פון אין־מיטן־העלן־טאָג, וואָס שפּאַנט מיט דיר אין דײַן שפּאַנען, וואָס איז מיט דיר אין דײַן זײַן, גיט דיר דאָס וואָס דיר פעלט און דערגאַנצט דיר דעם אינהאַלט, דעם תוכן פון דײַן זאָרג, פון דײַן הו־האַ, פון דײַנע ספיקות, פון דײַן ווילן צו דער־גרייכן מענטש־שלמות.

דער פּאָעט, דער קינסטלער־שאַפער איז דער מײַנסטער, דער אויספאָר־מירער פון אָט־דעם וואַכזײַנדיקן חלום. דורך זײַן פּערז, דורך זײַן אמת־טראָגנדיקער שורה — אויב דאָס דערגרייכט נאָר צו דײַן האַרץ און מוח — גייסטו אַ ווערטיקער אויף אַלע דײַנע וועגן און אומוועגן. און כאָטש, אין דײַן וואַכעדיקן גאַנג, דו האָסט דיר אין זינען דײַנס, וועט זיך דיר תמיד אַרויסכאַפּן דער באַרויִקנדיקער, גלעטנדיקער פאַרפירנדיקער — און דערפאַר פון די חז״ל פאַרבאָטענער — „מה נאה אילן זה״!

— ווי שיין איז אָט דער בוים! ווי שיין איז אָט דאָס ליד!

ב

ווילנע 1935.

אין מײַן חלום צו זען אַמאָל דעם מקדש מעט פון יידישער יצירה אין איינער פון די קרוינשטעט פון יידישלאַנד — און יידישלאַנד האָט נאָך דעמלט פאַרמאָגט גאַנצע דרײַ אָדער פיר קרוינשטעט! — האָט זיך אַרײַנ־געוועבט דאָס פרישע, דאָס צאַפּלדיק־יונגע, דאָס שאַלנדיקע „יונג ווילנע״. זייער נאָמען וואָס איז דערגאַנגען אויך אַהער צו אונדז, אין מיטן דער

פאַרמיאוסונג פונעם ייִדישן וואָרט דאָ, האָט אונדז אָנגעפילט מיט שטאָלץ און מיט שיינקייט... בין איך געקומען אַהין אין אַ הייסן שטיקנדיקן אויגוסט טאָג און דערזען אויף די שמאָלע, אָרעמע געסלעך און זאַוליקלעך פון דער אַלטער האַרינטע ווילנע אַ ווונדערלעך־אויסטערלישע דערזעונג: אַ יוגנט אין נויט און אין הונגער, אַרומגערינגלט מיט גוישער שׂנאה, אין אָרעמער קליידונג און אָרעמער וווינונג, איז אָנגעגאָסן פול מיט התלהבותדיקן ברען אין געראַנגל פאַר בעסערס און פאַר שענערס, לערנט און שאַפט, שאַפט און לערנט. און עס זעט זיך שוין אָן די ריחות־פולע שפּראָצונג אויף די נאָך דינע צאַרטע ביימלעך פון אָט דער יונגער יצירה וואָס טראָגט דעם פיל־צוזאָגנדיקן נאָמען „יונג ווילנע”, און שוין געניסן פון איר און שוין גרייסן זיך די באַגייסטערטע ייִדישע פאָלקס־יוגנט מיט זייערע שעפער; און ס'איז ליכטיק און שיין אויף די פינצטערע געסלעך פון דער ייִדישער ווילנע.

אין שפּיץ פון אָט דער דאָזיקער חברותא, גייט מיט אַן אומגעזעענער קרוין און שפּאַנט מיט זיכערע טריט, דער פוללייביקער און זשוואַווער, מיט דעם הויכן שטערן און קיילעכדיקע ברילן, אַן אָנגעזאַפּטער מיט תורה און חכמה דער יונגער טאַלאַנטפולער פּאָעט חיים גראַדע.

ג

„יונג ווילנע” איז אויפגעקומען אין די יאָרן פון ערב חורבן. די אָ צייט, וואָס ליגט אונדז גוט אין זכּרון, ליגט אַן אייגנעקאָרטשעט־קאָנוולסיווע אין די אייגנאַרטיקע שאַפונגען פון אָט דער חברותא. קאָן מען אָט די שאַפונג זייערע פאַרגלייכן צו אַ דרייפאַרבנדיקער פאָן — איר ערשטע פאַרב: די דיכטונג פון סימבאָלן און מעטאַפאָרעס, וואָס אַנטפּלעקט אַ טפח און פאַרדעקט צוויי, און איר פאָרויסגייער איז אלחנן וואָגלער; די צווייטע פאַרב: די שיינקייטן פון יפת — אייראָפּעיִשע עסטעטיק פאַר עקסעלאַנס — פאַר די געצעלטן פון שם, און איר גרויס־מייסטער, ווירטואָז, איז דער אומפאַרגלייכלעכער אברהם סוצקעווער: און די דריטע פאַרב, די בולט־דאָמי־נאַנטע, דער עיקר העיקרים פון דער ייִדיש־דיכטונג איידער אומברענג, די פאַרטיפטע און נאַראַטיווע, פון וועלכער עס קוקן אַרויס גורל, פּחד און האָפענונג פונעם ייִדישן מענטש אין דעם אייראָפּעיִשן וויי־גלות, אין וועמענס שפּיץ עס שפּאַנט, ווי שוין דערמאָנט, מיט קעניגלעכע שטאָלצע טריט דער בן־יקיר וואָס האָט נאָר־וואָס פאַרלאָזט די בית־מדרש־באַנק — חיים גראַדע.

מיר האָבן זיך שוין נישט איין מאָל געפרעגט, צי דאַרף טאַקע די

סביבה, די פיזישע ווי די גײַסטיקע, קאָרעלירן אָדער, ווייניקסטנס, זיך אָפּשפּיגלען אין דער שאַפונג, וואָס ווערט געשאַפן אין אַ געוויס אָרט, און תמיד געפינען דעם ענטפער אַז נישט נאָר דאַרף זי, נאָר זי ווערט ממילא אָפּגעשפּיגלט אין יעדער שאַפונג, אויב — זי איז עכט. און עס קאָן גאָר אַנדערש נישט זײַן. און אַז מיר וועלן אַ קוק טאָן אויף צוריק אויף דער גײַסטיקער און פיזישער סביבה פון ח. גראַדע און פון איר אויף זײַנע ווערק, וועלן מיר דאָס גאָר לײַכט אויסגעפינען.

יאָ, דאָס איז געווען אַ סביבה פון אומבאַגרענעצטער ליבע צו די יידישע מאַסן און צו זייער קולטור, סײַ סעקולאַרער סײַ מסורהדיקער. גראַדעס יצירות שײַנען אַרויס פון דער אווירא דקדושה פון אַ סטראַשון־ביבליאָטעק און פון די אָפּהילך־קולות פון אַ הירשקע לעקערט. דאָס איז געווען אַ סביבה פון אביונדיקן דלות פון וועלכן עס האָט אַרויסגעשטראַלט אצילות, מיט אַן אַטמאָספער פון שׂנאה און פּחד וואָס האָט אַראָפּגעבויגן די רוקנס פון זײַנע ברידער; אַ סביבה פון שכנים שקלאַפן, וואָס האָבן אָבער גוט־גוט געוווּסט ווי צו דערגיין די יאָרן פון יידישע קינדער, פון יידישע מענטשן. אין אַזאַ אַ סביבה און אין אַזאַ אַטמאָספער איז געבוירן געוואָרן, זיך אויפגעהאָדעוועט, געלערנט און אַרײַנגעשפּרײַזט אינעם היכל פון אונדזער פּאָעזיע חיים גראַדע.

— וואָס מיינט עס, אָט די סביבה?

בײַם באַרימטן שפּאַנישן דיכטער כואַן ראַמאָן כימענעז געפינען מיר אַזאַ שילדערונג:

„בשעת פּאַלעטראַ און איך קומען אַרײַן אין שטאָט אין דער אָוונט־דעמערצײַט, געפרוירענע פון קעלט, רײַטנדיק אין דער לילאַ־טונקעלניש אויף דער שמאָלער סטעזשקע וואָס פירט צום אויסגעטריקנטן טײַך, דערזעען מיר ווי אָרעמע קינדער שפּילן זיך, איבערשרעקנדיק איינער דעם צווייטן, פאַרשטעלן זיך פאַר אָרעמעלײַט וואָס בעטן נדבות. איינער לייגט זיך אַרויף אַ זאַק אויפן קאָפּ, דער צווייטער פאַרשטעלט זיך פאַר אַ בלינדן, דער דריטער — פאַר אַ הינקענדיקן. שפּעטער, ווי דער שטייגער איז פון קינדער־רישער זיך־אײַלנדיקער איבערראַנדערונג, פאַרוואַרפן זיי זייער פאַרשטעלעכץ און בלײַבן צוריק אין זייערע פריערדיקע שיך און מלבושים, עסן דאָס עסן וואָס די מאַמעס גיבן זיי (וואָס נאָר די מאַמעס אַליין ווייסן ווי אַזוי זיי האָבן דאָס געקריגן) און די קינדער זעען זיך שוין ווי פרינצן.

מײַן טאַטע האָט אַ זילבערנעם זייגער!
און מײַן טאַטע אַ ביקס!

און מײַן טאַטע אַ פערד!״
און דער דיכטער כימענעז גיט צו:
„אַ זײגער װאָס װעט אױפװעקן נאָך פּאַר קאַיאָר; אַ ביקס װאָס װעט נישט דערשיסן דעם הונגער; אַ פערד װאָס װעט פירן צו דחקות און נויט״.
האָב איך אין גראַדעס סביבה, אין יידישן װילנע, געהערט: —
אין אַ פּסח־טאָג זענען גאָר פרי זיך צונויפגעקומען יידישע קינדערלעך אין אַ הויף זיך צו שפּילן. און „װי דער שטײגער איז פון קינדערישער זיך־אײַלנדיקער איבעראַנדערונג״, זענען זײ גאָר גיך פאַרװאַנדלט געװאָרן אין פּרינצן, אין קיניגלעכע טראָן־פאָלגער און זיך אָנגעהויבן באַרימען:
אַבע, כ׳האָב אַ נײַ היטעלע!
אַבע, כ׳האָב אַ נײַ העמדעלע!
אַבע, כ׳האָב נײַע שיכעלעך!
שטײט אַ פּערט יינגעלע, װעמענס טאַטע, דער שנײַדער, איז קראַנק געװאָרן גראָד ערב יום־טוב, און נישט נאָר האָט ער נישט באַװיזן צו פאַר־דינען אויף מצות און װײַן, נאָר... אַפילו נישט געקאָנט אַרויסענדיקן דעם גבירס אָנצוג, שטײט ער צװישן די פּרינצן אַ פאַרטראַכטער, װאָרעם ער װײסט אַפילו נישט װי צו זײַן דערשלאָגן, און װילנדיק זיך גלײַכן צו זײ, הײבט ער אויף זײַן העמדעלע און זאָגט:
אַבע, כ׳האָב אויך אַ פּופּיקל!... און פאַלט בײַ זיך נישט אָפּ.
איז אין אָט דער סביבה פון אָרעמע „פּרינצן״, מיט װעמען די יידישע ליטעראַטור איז פול װי אַן אויג, איז געקומען חיים גראַדע, װי חיים נחמן ביאַליק אין זײַן צײַט, צו װעקן און מוטיקן, אַליאַרמירן און לערנען, אַז מ׳מוז לעבן, ס׳איז כדאי צו לעבן, מ׳דאַרף בלויז זיך ראַנגלען און קעמפן כדי דאָס לעבן בעסער צו מאַכן, שענער; מ׳דאַרף זיך שטאַרקן איבער אַלע מכשולים און אויסשרײַען: יאָ!

יאָ, דאָס ענטפערן די שטערן, אמן,
אויף מײַן יאָמער, װאָס פאַרקלײדט זיך אין געזאַנג.
אַלץ װאָס האָט אי יאָ אי נישט קײן נאָמען,
קעמפט אין מיר אַנטקעגן אונטערגאַנג.

גלויב! — די פינגער מײַנע ציִען זיך װי שטראַלן,
װי טרערן רינט פון מײַן געזיכט דער בלאָ.
מײַן האַרץ, דערשלאָג זיך צו דעם קװאַל פון אַלע קװאַלן, —
דערשלאָג זיך צו דעם ערשטן זאָגנדיקן: יאָ!

און ער האָט זיך געריסן און זיך דערשלאָגן אין אָט דער סביבה און ספּערע צום ליכטיקן ברעג פון דער שירה, וואָס אין איר צענטער שימע־רירט דער דאָזיקער שײַנענדיקער „יאָ״.

ד

פון „יאָ״ ביז זײַן איצט דערשינען לידער־בוך „דער מענטש פון פײַער״ און ביז זײַנע פּראָזע־ווערק איז אַ ווײַטער מהלך. אָקעאַנען בלוט איז אָפּגע־רונען און פאַרגאָסן די תקופה. די לייענער פון דער ייִדישער שאַפונג זענען אַוועק מיטן רויך פון מאַידאַנעק און אָשוויענטשים, זענען לעבעדיקערהייט באַגראָבן געוואָרן אויף פּאָנאַר און אין באַבי־יאַר, האָבן פאַרלוירן זייער צלם־אלוהים אין פּײַן, הונגער, גרויל און דערדריקונג אין אַלע לאַגערן פון דער פאַרפעסטעטער ייִדנפײַנטלעכער אייראָפּע. איז גראַדעס וועג אין דער ייִדישער ליטעראַטור נישט קיין גראַדער, איז גראַדעס אַרויפגאַנג צו די הייכן פון ייִדישער יצירה אַן אַנדערער ווי דער פון די אויף־אייגענעם־באָדן־אײַנגעזעסענע קינסטלער, און אפשר דערפאַר טאַקע — ווײַל זיג־זאַגיש און מיט ביטערע נסיונות פון די באַזונדערע איבערלעבונגען — אינטערע־סאַנטער און פאַרביקער.

גראַדע איז דער דיכטער פון ייִדישן אומרו. זײַן שירה רופט דורכ־אַנאַנד און מאָנט. זײַן שורה איז אָנגעפּילט מיט שליחות. אין זײַן ייִדישער אין זיך־פאַרטיפונג — אַ רעזולטאַט פון ישיבה, פון קלויז, פון מוסר און־גורל אײַנשטעלונג, — נורעט ער און טויכט און דערגרייכט צו די עלטער־עלטער זיידעס, וואָס אין אים און דורך אים מאָנען זיי, די זיידעס, באַצאָלונג און תיקון.

אַ סך פון חיים גראַדעס לידער דערמאָנען אונדז אין דער באַקאַנטער קינה פון ר׳ מאיר בן ברוך מרוטנברג: שאלי שרופה באש, לשלום אבליך... אַ קינה וואָס באַגלייט אונדז פון דרײַצנטן יאָרהונדערט אָן, און דערפאַר מסתמא דער אַסאָציאַטיווער נאָמען פון זײַן איצטיקער גרויסער לידער־זאַמלונג „דער מענטש פון פײַער״. וועקט טאַקע אויף נישט איין פּאָעמע וואָס אין אָט דעם בוך אין אונדז דעם אײַנגעשלאָפענעם זכרון, ווי ס׳איז געווען די זכיה פון אַ סך פון ח. נ. ביאַליקס שירים. עס הויזט אין זיי, אין די לידער גראַדעס, קינה און פּראָטעסט, ווײַ־געשריי און אַ מאַכטיקער רוף צום לעבן: רוף צו המשך, צו זײַן און צו שאַפן. וואָרעם דער דיכטער גייט דאָ נאָך ווי אַ געפאַנגענער נאָכן ווונטש פון זײַן האַרץ, ווי ער האָט זיך דאָס געווונטשן אין „יאָ״, אַ האַרץ וואָס טראָגט אין זיך ליבע און מיסיע,

און ווייסט אַז עס איז נישטאָ קיין צופעליקייט אין לעבן פון אַ מענטש, פון אַ פאָלק. און אָט דער דעטערמיניזם באַגלייט אים פון זינט ער האָט אין זײַן ערשטער לידער־זאַמלונג אויסגערופן אַזוי צײַטיק־פּאָעטיש: „פאַר מיר איז אַלץ אין לעבן אומבאַדינגט". און אַז אַ דיכטער גלייבט נישט אין צופעליקייטן, ווערט אָפן פאַר אים דער וועג צו דער ווונדערלעכער שירה „דאָס געוויין פון דורות".

אין אָט דער שירה, וואָס איז דורכגעווייקט און אָנגעזאַפּט מיט צער און געקלאָג פון ייִדישע דורות, און פאַרמאָגט אַלע קאָמפּאָנענטן פון אייביקער ייִדישקייט, באַווײַזט זיך זײַן פאָטער צו אים אין חלום און וואָרנט אים:

חשבון מאָנען דײַנע זיידעס.
אויב דײַן געבורט איז געווען בלויז צופאַל, איז עס מאָרד.

ווײַל עס איז נישטאָ קיין צופאַליקער געבורט בײַ אַ פאָלק ווי אונ־זערס. ניין!

און מיט אָט דעם פלאַמיקן טעמפּעראַמענט מיט וועלכן עס האָבן זיך אויסגעצייכנט זײַנע יוגנט־ברידער אין דער ערב־חורבן־תקופה און געוואָרפן זייערע רויטע פענער אויף די טעלעפאָנען־דראָטן, וואָרפנדיק אַנטקעגן זייערע יונגע לעבנס, מיט אָט דעם טעמפּעראַמענט און מיט דעם לייבן־כוח, וואָס שטאַמט אַוודאי פון די צוויי לייבן, וואָס האָבן געהיט די עשׂרת הדברות אין דער קלויז אין וועלכער ר'האָט פאַרברענגט זײַן יוגנט, שאַפט ער און שאַפט ליד נאָך ליד, ווערק נאָך ווערק. און עס גייען דורך ווי שוין דערמאָנט, אין אַלע זײַנע שאַפונגען ווי אַ רויטער פאָדעם דער צער און דער ווייטיק, דער פּראָטעסט און די מאָנונג איבער דעם ייִדישן גורל — אייגענעם און כּללישן — פון זינט זײַן „יאָ" אין וועלכן ער האָט פּראָקלאַמירט: —

דער הימל האָט אין מײַנע שײַבעלעך געגנעכטיקט,
און איך האָב אויסגעטרונקען ביזן דעק
מײַן ווייטאָג אין דער נאַכט — און שוין באַרעכטיקט
מײַן ווייטאָג אין די קומענדיקע טעג.

דורך די לידער „מיט דײַן גוף אויף מײַנע הענט"

— ווען איך זאָל לעבן טויזנט יאָר,
וואָלט טויזנט יאָר געווען מײַן ברוסט אַ קבר פון מיליאָנען,
און אַ געשריי וואָלט אויפגעריסן מיך קאַיאָר
פון שלאָף — דעם חשבון מאָנען.

איז דאָס אַ קלאָרער און במתכוונדיקער וועג, אַ וועג וואָס ווייסט פון פאָרויס זײַן גאַרנדיקן ציל: רופן צום משפט אַלע די וואָס האָבן גורם געווען און זענען נאָך הײַנט צו טאָג גורם יסורים און ווייטיקן זײַן פאָלק. דער וואָס לייענט און וועט לייענען חיים גראַדעס שאַפונגען, וועט זיך נישט דאַרפן אָנשטרענגען כדי אויסצוגעפינען דעם פאַרבינד פון אַלע זײַנע ביז איצט דערשינענע ווערק. אַפילו די טעמעס זענען די זעלבע. דער ווייטיק האָט נישט נאָכגעלאָזט, דער זכרון נישט אָפּגעשוואַכט, אַדרבא, ער איז געוואָרן שטאַרקער און טיפער, דעם דיכטערס פאָדערונגען און מאָנונגען פון זינט זײַן „יאָ" ביז „דער מענטש פון פײַער" זענען נישט נאָר ניט שוואַכער געוואָרן, נאָר פאַרקערט — שטאַרקער און ווירקנדיקער. מעגלעך אַז אין דעם איצטיקן בוך קומט אים צוהילף דער קלאָרער און ציל־באַוווסטער נאַראַטיוו. מיר הערן דאָ ווי ער שמועסט זיך דורך מיט זײַנע „געהיימע געסט", וואָס, ווי ער דערציילט אונדז וועגן זיי: „די אורחים מײַנע דאַרפן מער נישט עסן", זיי פאַרמאָגן אָבער נאָך אין זיך געגנוג „כוח" אויף צו באַפעלן אים: „פאַרשרײַב!". און אָט דערציילט ער וועגן „מעבל"־שטיק וואָס טענהן זיך מיט אים אויס און זאָגן: „מיר, חורבות, האָבן זיך פאַרשטעלט אין שטוביק מעבל"...

און פונקט ווי אין זײַן „ספינקס" אין סטאַלינאַבאַד, אין וועלכן ער איז זיך מתווכח מיט באַהאַלטענע מחשבות, מיט געהיימע כוחות און זאָגט צו זיי, אַז דער סוף פון חשבון וועט נאָך קומען, אַזוי אויך דאָ, אינעם ליד „מעבל", לאָזט ער זיך באַשולדיקן פון אָט דעם „מעבל", פון וועמען עס שרײַט צו אים אַרויס: —

איז לאָמיר אויסטאָן זיך פון אונדזערע פּרצופים,
און ווײַזן אים אַז מיר — מיר זײַנען חורבות נאָר,
אויך ער איז בלויז אַ גילגול פון פאַרברענטע גופים,
אַ מת וואָס ס'וואַקסט אים נאָך די נעגל און די האָר.

און אַזוי ליד בײַ ליד, ביז ער קומט אין אַ וויכוח מיטן כביכול, וועמען ער וואַרפט פאָר דאָס נישט פאַרהיטן ס'פאָלק פון פאַרטיליקט צו ווערן, און זאָגט: —

די וועלט איז די זעלבע און גאָט ברוך הוא איז דער זעלבער,
די תורה איז אָבער געבליבן אַ תורה אָן ייִדן.

ה

חיים גראַדע איז אַ דיכטער פון אַ סך און פאַרשיידנאַרטיקע דימענ־סיעס, וואָס נאָר ביי אַזאַ גרויסן טאַלאַנט ווי זיינעם איז זיי מעגלעך צו הויזן צוזאַמען „אונטער איין דאַך" און נישט נאָר ניט קומען צו קיין קאָנ־קלוזיעס, אלא, פאַרקערט, שאַפן אַ שלימותדיק־האַרמאָניש דיכטער־ווערק וואָס נישט יעדער קינסטלער איז צו דעם זוכה.

דער וויי־געשריי איבער דער פאַלקסבראָך און דאָס מאָגנען חשבון, דער צער איבער דעם פשוטן מענטש ווע מען דאָס מזל האָט נישט צוגעשפּילט, די גרויסע אומפאַרגלייכלעכע ליבע צו זיין מאַמע און דאָס אומאויפהער־לעכע ביטערע געוויין איבער איר אומקום אין דער שואה, ווי ער דריקט דאָס אויס אין דער עפּענונג צום דריטן שער פון זיין בוך „מיין מאַמעס צוואה" —

דיין לעבן, דיין טויט, דיינע פרומע געבאָטן
איך האָב אויסגעוויינט אין מיין איטלעכער שורה,
אַז דו זאָלסט ניט אומוואָגלען שטום ווי אַ שאָטן,
האָב איך דיך אין לידער געבראַכט צו דער קבורה.

זיי אַלע שאַפן אַ וווּנדערלעכע קאָנגלאָמעראַציע וואָס פאַרמאָגט אַ צונויפ־נעם פון פאַרשידענע נוסחאות און פאָרמען, וועלכע היטן אָפּ זייער ווערט און שאַפן צוזאַמען אַ הערלעכע שלימות וואָס האָט נישט קיין פאַרגלייך אין דער דיכטונג פון אונדזער דור. און אויב מיר רעדן שוין וועגן דער פאָרמען־רייכקייט, וועט דאָס בילד נישט זיין גאַנץ אויב מיר וועלן נישט אונטער־צייכענען, אַז — נישט געקוקט דאַרויף וואָס גראַדע האָט זיך באַמיט צו זיין פריי און אומאָפּהענגיק פון די פאַרשידענע היינטצייטיקע איזמען, האָט זיך אים אָבער נישט אינגאַנצן איינגעגעבן זיך צו באַפרייען פון דער השפעה פון דער רעוואָלוציאָנערער תקופה, פון אירע ווירקונגען אויף דער קונסט. ביישפּילן זענען דאָ נישט נייטיק, מחמת זיי געפינען זיך ביי אונדזער דיכטער לרוב.

זענען פאַראַן קריטיקער און ליטעראַטור־מבינים וואָס פּרוּוון אונטער־שטרייכן דעם רעאַליזם וואָס אין זיין יצירה, און מיט רעכט. פאַראַן אַזעלכע וואָס הייבן אַרויס די עפּישקייט אין גראַדעס שאַפן, אויך זיי זענען גערעכט. אַ סך ווייזן אָן אויף דער שפע פון התלהבות, אויף דער שטורמישער ליבע

און אויף דעם אומגעהייערן אויפבריוז וואָס שפּאַרט אַרויס פון זײַן האַרץ. זענען דאָס אַלץ גוט־דורכגעפּאַרשטע און פּאַקטיש פּאַראַנענע סימנים פון זײַן שאַפן. ס'איז אָבער דאָ, לויט מיר נאָך, נאָך איין קען־צייכן וואָס דאַרף און מוז אונטערגעצייכנט ווערן: גלויבן! פון זינט ער האָט געשטעלט זײַן ערשטן טריט אין שער בת רבים און אויסגערופן „יאָ!" באַלייט אים דאָס גרויסע פײַער פון אמונה, וואָס איז געווען און געבליבן זײַן גײַסטיק פּאָטער־לאַנד, און אָן איר — נישט נאָר ער וואָלט נישט געקאָנט אויסזינגען אַזאַ גרויס געזאַנג, נאָר אַפילו לעבן וואָלט אים געווען אוממעגלעך. ווארעם פון אַלע זײַנע שורות, אָדער: כמעט פון אַלע, קומען מיר צו דער איבערצײַגונג, אַז נאָר דער פלאַם פון גלויבן און די אויפגעפּראַלטע האָפונג, נאָר זיי זענען דאָס די פונקען פונעם פענאָמענאַלן פײַער וואָס אינעם פאָלק, פון וועלכן דער דיכטער איז אַן אָרגאַנישער טייל פון זײַן עצם זײַן.

איצט קומט ער, דער דיכטער, אויף אַ ווײַל, צום לאַנד צו וועלכן ער האָט אַ לעבן־לאַנג געשטרעבט. ווען ער קאָנען זען אויף מײַלן ווײַט דעם ענטפער אויף אַ סך פּאַרוואָס'ן אין דער שאַפנדיקער פּראַכט פונעם לאַנד. צו זײַנע מאָנונג־מאָטיוון וועלן צוקומען מאָטיוון פון היים און פּאַרוואָרצלט־קייט, פון אייגן פעלד, פון אייגענער אַרבעט און קיבוצישער יצירה, און דאָס ייִדישע און העברעיִשע ישראל וועט אים אויפנעמען מיט האַרץ און נשמה, ווי עס קומט אים, דעם גרויסן מאָנער און דערמאָנער אין דער הײַנט־צײַטיקער ייִדישער דיכטונג — חיים גראַדע.

סעפּטעמבער, 1962

מרדכי געבירטיג

אין חודש יוני הײַ־יאָר איז געוואָרן 20 יאָר זינט עס איז אומגעקומען פון אַ נאַצישער קויל דער באַרימטער און באַליבטער ייִדישער פאָלקס־דיכטער פון אונדזער צײַט מרדכי געבירטיג.

אַז אַ פאָלקס־דיכטער שטאַרבט, גייט אַוועק פון דער וועלט, בלײַבן זײַנע לידער און ניגונים אינעם האַרץ פונעם פאָלק און ווערן ליבער נאָך, טײַערער און אייגענער. דער וואָס זינגט זיי גיט זיי צו אַ שענערע און טיפערע אינטימקייט, און דער ניגון ווערט פאַרבענקטער נאָך, מתיקותדיקער און היימישער.

אָבער — וואָס איז אַזוינס אַ פאָלקס־דיכטער? מיט וואָס איז ער אַנדערש פונעם געוויינלעכן דיכטער, מיט וואָס טיילט ער זיך פון אים אָפּ?

זייער אָפט קומט־אויס צו לייענען אָדער צו הערן די טיטולירונג „פאָלקסדיכטער" און תמיד באַקומט זיך דער אײַנדרוק, אַז דערמיט ווערט געמיינט אַ נידעריקער גראַד, אַ נידעריקער שטאַפּל אין דער לייטער פון דער דיכטונג־קונסט, געננוג אַז אַ קריטיקער שרײַבט וועגן אַ דיכטער, אַז... „ער גייט אויף די וועגן פון רייזענען", פון פאָלקס־דיכטונג, א.א.וו. ס'זאָל געמיינט ווערן — ווייניקער ווי עכטע דיכטונג. פונדעסטוועגן וועלן מיר זײַן נענטער צום אמת אויב מיר וועלן זאָגן, אַז פאָלקס־זינגער, ד. ה. די אמתע נישט־געמאַכטע פאָלקסזינגער, וואָס זענען געבענטשט מיט חן און מיט חוש פאַר אינטימער קאָנווערסאַציע, פאַר אַ לעקסיק וואָס איז נאָענט דעם האַרץ און דעם אויער פונעם מענטש פון אַ גאַנץ יאָר; אַז זינגער און ניגונים־שאַפער פון וועמען עס זינגט־אַרויס ליד און ניגון אין דער אורשפּרינגלעכער, נישט געהובלעוועטער, כ'וואָלט זאָגן: נאַטירלעכער פאָרם, זענען בלויז אַ מין, אַ סאָרט אין דער פּאָעטן־אַרמיי און נישט קיין גראַד.

אַוודאי זענען געווען און עס זענען פאַראַן דיכטער, וואָס — אָדער זיי ווילן זיך „חברן" מיטן המון און דעריבער באַמיִען זיי זיך צו זײַן „פאָלקס־טימלעך", און דאָס קומט־אַרויף ווי בוימל אויפן וואַסער... אָדער, ווי אין די צײַטן פון דער השׂכּלה, בעת געוויסע דיכטער וואָס האָבן פײַנט געהאַט

ייִדיש בתכלית השנאה, און נאָר צוליב אויסגערעכנטע סיבות האָבן זיי אויך געשריבן אין ייִדיש — איז זייער שאַפונג, די „פאָלקסטימלעכע", געלעגן אין אַ זייער נידעריקער מדרגה; אָדער אַזעלכע וואָס באַהאַלטן זייער וואָרט־אָרעמקייט, זייערע באַגרענעצטע מעגלעכקייטן זיך צו דערהייבן צו די הייכן פון עכטער, אמתער דיכטונג אין די שלייערן, די נישט־זייערע, פון פאָלקס־דיכטונג.

געוויס זענען אויך דאָ גרויסע אומבאַגרענעצט־טאַלאַנטירטע דיכטער, ווי איציק מאַנגער און יעקב גלאַטשטיין, וואָס קולטיווירן דאָס פאָלקסטימ־לעכע, הייבן דאָס אויף פון די אַביוניסטע הייף און דערהייבן דאָס צו די העכסטע ספערן פון דער דיכטונג־קונסט. אָבער דאָס זענען געציילטע מײַסטערהאַפטע קולטיווירער.

נאָר ווי אַנדערש, ווי וווּנדערלעך־אַנדערש איז די באַגעגעניש פּנים אל פּנים און האָרץ צו האַרץ מיט דער שאַפונג, דער באמת אוממיטלבאַרער, פונעם עכטן פאָלקס־דיכטער. ווערסט מיטגעריסן מיט זײַן נאָענטן, היימישן אויף דער ערד־שפּאַנענדיקן וואָרט־אוצר, אײַנגעהילט אינעם נאָגנדיקן פאָלקס־ניגון, וואָס זײַן דיאַפּאַזאָן פאַרכאַפּט קודם דאָס האַרץ און דערנאָך ערשט — דאָס אויער. דערפילסט, אַז דאָ רעדט, דערציילט און זינגט צו דיר אַן אייגענער, אַ היימישער, אַ גאָר־גאָר נאָענטער, פון וועמענס ליד דו ווערסט גערירט ווי פון אַ לאַנג־דערוואַרטן בריוו, ווי פון אַ לעבעדיקן גרוס...

מרדכי געבירטיג האָט געהערט צו אָט דעם מין.

*

די צײַט אין וועלכער עס האָט געלעבט און געשאַפן דער דאָזיקער ליבלינג פון פאָלק, וועט זיכער פאַרצייכנט ווערן ווי די פינצטערסטע תקופה אין לעבן פון דעם צעזייטן און צעשפּרייטן פאָלק ייִדן. דאָס איז געווען די תקופה פון צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, ווען די ייִדישע מאַסן־קולטור האָט דערגרייכט אומפאַרגלײַכלעכע הייכן און איז אונטערגעגאַנגען אין בלוט און אין פײַער צוזאַמען מיט די מאַסן. אָבער, ס'איז אַ סברה, אַז אין אָט דער צײַט איז דער פאַל געבירטיג געווען איינער אויך אין אַלגעמיינעם פאַרנעם.

יעדער פאָלק פאַרמאָגט זײַנע שעפער פון דער האַרציקער פאָלקס־נגינה. יעדער פאָלק פאַרמאָגט זײַן פאָלקס־דיכטער. און די קולטור־געשיכטע איז רײַך מיט זייערע נעמען. און בײַ יעדן פאָלק, כמעט, פרווט די אָפיציעלע קריטיק זיך אָפּצוגרענעצן פונעם המונישן קינסטלער, דאָס פאָלק אָבער אייגנט זיי צו צו זיך און זיי ווערן איינס מיטן פאָלק.

לאָמיר בלײַבן אין דער ספערע פון מרדכי געבירטיג און זײַנע געניסער. װעמען, למשל, גייט אָן, אָדער: איז אָנגעגאַנגען, װער עס איז געװען און װי עס האָט געהייסן, און װאָס האָט געזאָגט װעגן אים די ייִדישע בירגערלעכע קריטיק, — דער שאַפער פון „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען״? מיר, די װאָס װייסן, װייסן אַז דאָס איז געװען אַן איינמאָליקער פאַל בײַ ייִדן, בעת איינער, אַ געװיסער אברהם גאָלדפאַדן, האָט געשאַפן היסטאָרישע און אַנדערע צום פאָלק־אַראָפּגעלאָזטע פּיעסעס, װעלכע זענען געװען באַגלייט מיט האַרציקע, ליבע ניגונים און זענען געװאָרן פלייש פון אונדזער פלייש און בלוט פון אונדזער בלוט.

עס טרעפט אויך אַמאָל, אַז אַן אָנערקענטן דיכטערס אַ ליד קריגט פליגל און פליט־אַרויס פונעם העלפאַנטביין־טורעם פון דער רייַנער קונסט, לאָזט זיך אויף די מערק פונעם פאָלק ולא נודע, און מ׳דערקענט עס נישט, און מ׳װייסט נישט, און מ׳װיל אַפילו נישט װיסן, װער עס איז געװען דער מחבר דערפון: מ׳זינגט עס, װײַל עס זינגט זיך. אַזוי איז געװען מיט פיל לידער פּושקינס אין רוסלאַנד און אַזוי איז אויך געװען בײַ אונדז. װער האָט געדענקט און װעמען איז אָנגעגאַנגען, װי עס האָט געהייסן דער מחבר פונעם ליד „די סאָכע״? און פּרצעס לידער, און רייזינס, און י. פּאַפּיערניקאָװס „זאָל זײַן״? אָבער גאָר אַנדערש, און פון אַ גאַנץ אַנדערן פאַרנעם איז די באַציִונג און די שייכותדיקייט צו דעם פאָלקס־דיכטער און צו זײַנע אַלטעג־לעכע לידער, דאָס איז די באַציִונג און די שייכות צו דער אייגענער נויט, צו דעם אייגענעם פּײַן, צו דער אייגענער ערדישער שמחה אָדער צער. ס׳איז אייגן, ס׳איז נישט צום צעטיילן.

װייל מרדכי געבירטיג האָט געשאַפן זײַן ליד זינגענדיק, בעת אין אים האָט געגאָסן רעגנס מיט טרערן. פּונקט װי זײַנע געניסער האָבן דאָס געזונגען װיינענדיק, האַרץ־רײַסנדיק. ער האָט אויסגעשפּילט זײַן ניגון אויף אַ פײַפל נישט קאָנענדיק קיין סימן פון נאָטן, בלויז זײַנע פרײַנט האָבן זײַנע לידער שפּעטער פאַרצייכנט און זיי פאַרהיט פאַר דער אייביקייט, און געזונגענע דיכטונג, װי באַקאַנט, ציט איר יחוס־קייט פון דורות און דורות: פון זינט משה האָט אויסגעזונגען דעם נס פון יציאת־מצרים ,דעם „אָז ישיר״ בײַם ים; פון זינט דבורה האָט אויסגעזונגען סיסרא׳ס מפּלה, — פון דעמלט, זינט די קינות נאָך פאָלקס־אומגליקן. פּונקט װי פריידי־געשאַלן זענען אין עפּאָסן אויסגעזונגען געװאָרן אויף די מערק פון די פעלקער דורך װאַנדער־זינגער, שפּילמענער־טרובאַדורן, ביז צו אונדזערע פּורים־שפּילער, װאָס פלעגן אין דער טראַפּאַרעטער פּורים־שפּיל אַרײַנפלעכטן געשעענישן פון

אָרט און פון טאָג, ביז צו די בדחנים, וואָס פלעגן אויף אַ געשיקטן אופן צופּאַסן לידער און זאָגעכצן צו יעדער חתונה באַזונדער; ביז צו די בראָדער זינגער, וואָס האָבן אָנגעהויבן ווירקן מיט העכער הונדערט יאָר צוריק (אַרום יאָר 1857) און האָבן אַליין פאַרפאַסט לידער און צו זיי — מוזיק אין פאָלקס־טאָן און אין פאָלקס־גײַסט, וואָס האָבן פאַרמאָגט אַ געפיל פון רחמנות און פון יושר.

און אין אָט די וועגן איז געגאַנגען מרדכי געבירטיג. „רייזעלע" און „יענקעלע" און „מאָטעלע"; „הוליעט, קינדערלעך", „קאַרטאָפל זופּ" און „דריי טעכטערלעך", און נאָך און נאָך איז געטרײַ אָט דעם וועג. און פונקט ווי די באַרימטע, זייער אָפט: בלינדע, זינגער בײַ אַלטע פעלקער, באַזונדער אין מזרח, וואָס זינגען־אויס פאָלקס־געשעענישן, באַגלייטנדיק זיך אַליין מיט אַ פרימיטיווער מוזיק־כלי, האָט אויך מרדכי געבירטיג אויסגעזונגען זײַן ליד, נישט־נעמענדיק צו הילף די גרויסע קולטור־מעגלעכקייטן פון זײַן צײַט. אָבער נישט בלויז דאָס — בעת די דערמאָנטע זינגער בײַ פעלקער פאַרמאָגן ברייטע פעלדער און וועלדער, טײַכן און בערג, טאָלן און געמאַרקן האָט מרדכי געבירטיג פאַרמאָגט אַ בייזע שנאהדיקע שכנהשאַפט, וואָס האָט אים באַגלייט, פון האַלערן ביז היטלערן ימש"ו. גאָרנישט נישט איז געווען זײַן. בלויז אַ פאָלק האָט ער פאַרמאָגט, וואָס האָט זיך געניייטיקט אין אַן אייגן ליד, און אַ טיף מוזיק־טריפנדיק האַרץ.

צו 10 יאָר פאַרלאָזט דער קליינער מרדכי'לע דאָס „חדר" און הייבט אָן לערנען סטאָלעריי. איז ער געבליבן אָן נאָרמאַלער בילדונג, און אַוודאי נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט פאַר מוזיקאַלישער אויסבילדונג. און ווי איציק מאַנגער מאָלט אָט־די מינים זינגער און שעפער בײַ ייִדן, אין זײַנע אומפאַרגעסלעכע „נאָענטע געשטאַלטן", האָט געבירטיג און זײַנע שאַפונגען געטיילט דעם ענלעכן גורל מיט זיי. זײַן ליד האָט ער אויסגעזונגען אין וואַרשטאַט, דערנאָך פאַר זײַן פרוי, און דערנאָך פאַר זייערע דריי טעכטערלעך. אָבער אָט דאָס ליד וועמענס מחבר עס איז געווען אַ געטאָ־ייִד אין דער משטיינסגעזאָגטער קולטורעלער אייראָפּע איז אַוועק אין דער ייִדישער וועלט אַרײַן און געעפנט פאַר זיך טיר און האַרץ אומעטום ווו אַ ייִד רעדט און פאַרשטייט ייִדיש, אָט־דאָס סענטימענטאַלע פאָלקיש־אַרבעטאָריש ליד האָט אַרויסגערופן וויי און בענקשאַפט נאָך אַן אייגן, אינטים, אַמאָל אויך: געזעלשאַפטלעך לעבן, וואָס שוין אין דער לעקסיק ווי אינעם ניגון — דאָס פאָלקסטימלעכע לשון און די מינאָרע טענער — האָט זיך געפילט דאָס לעצטקייט, דער אָנקומענדיקער סוף.

*

ווי עס דערציילט די כראָניק, איז אויף דער נאַכט פון דריטן אויפן פערטן יוני 1942, אָפּגעשלאָסן געוואָרן די גאַס אויף וועלכער דער דיכטער און בעל־הניגון מרדכי געבירטיג האָט געוווינט. מ׳האָט פון יענע גאַסן צונויפגעטריבן אַלע ייִדן, יונג און אַלט; זיי אויסגעשטעלט אין קאָלאָנעס, באַפוילן לויפן צו די וואַגאָנעס און אויפגעהויבן אויף זיי פון הינטן אַ שיסעריי. דער ערשטער איז פון די נאַציש־פאַשיסטישע קוילן, בײַ דער בלוטיקער שווײַגעניש פון די שכנים, געפאַלן געבירטיג׳ס פרײַנט, דער קינסטלער אברהם ניימאַן, נאָך אים איז געפאַלן און אויף אייביק פאַר־שטומט געוואָרן דער זינגער פון זײַן אייגענעם און פון זײַן פאָלקס־טרויער — מרדכי געבירטיג.

און עס איז פאַרשטומט געוואָרן אַ גרויס ייִדיש־מענטשלעך זינגער הערץ. אַ האַרץ וואָס האָט נאָך מיט אַ יאָר צוויי פאַר דעם איבערפאַל פון די היטלער־האָרדעס אויף פוילן, פאָרגעזען און פאָרגעפילט די שרפה און די פאַרלענדונג און זי אַזוי וווּנדערלעך־רירנדיק אויסגעשריגן־אויסגע־זונגען:

„ס׳ברענט! ברידערלעך, ס׳ברענט!\
אוי, עס קען חלילה קומען דער מאָמענט;\
אונדזער שטאָט מיט אונדז צוזאַמען\
זאָל אויף אַש אַוועק אין פלאַמען,\
בלײַבן זאָל — ווי נאָך אַ שלאַכט,\
נאָר פּוסטע, שוואַרצע ווענט!\
און איר שטייט און קוקט אַזוי זיך מיט פאַרלייגטע הענט״.

(פון אַ רעדע)

אָקטאָבער, 1962

אַן אויסשטעלונג, וואָס לאָזט נישט גלײַכגילטיק

מאַרעק האַלטער אין דער טשעמערינסקי־גאַלעריע אין תל־אביב

גרוי איז אַ פאַרב, וואָס רעדט נישט פרײַנטלעך צו מײַן געמיט. גרוי איז די פאַרב, וואָס רופט־אַרויס בײַ מיר רעפּלעקסיעס פון פּחד, פון גלותדיקער קינדהייט, פון סליחותדיקע פאַרטאָגן און פון זיך יאָגן, און יאָגן נאָך הילף איבער גאַסן, איבער וועגן, איבער גרענעצן. גרוי דערמאָנט אַן טאָג־פאַר־גאַנג. אַן עלנט, אַן אַ סך, אַ סך גרויע זאַכן. אָבער גרוי, אויב איר ווילט, קאָן אין דער האַנט פון שעפער, פון קינסטלער, פון בויער ווערן די פאַרב פון ערב־טאָג, פון אָנזאָג, פון אָנקום.

גייט אַרויס פאַרטאָג צום ליידיקן שלאָפנדיקן דרויסן און איר וועט זען, ווי עס רײַסט זיך פון ווײַטן, ווײַטן העט אַ מאַכטיקער באַגין, אַ געוואַל־דיקער אָנהייב פון אַ ליכט, וואָס וועט בלענדן און לײַכטן אַ גאַנץ גייענ־דיקן טאָג.

קוקט־אָן אַ בנין, וואָס בויט זיך, וואָס רײַסט זיך צו די הייכן און ברייטן — זײַן פאַרב איז גרוי פונעם צעמענט און בעטאָן, ער זאָגט אָבער אָן מיט זיך אַ נײַע, נאָך־נישט־געזעענע יצירה.

דאָס איז די פאַרב, וואָס דאָמינירט אין מאַרעק האַלטערס שאַפן. גרוי. טונקל. כמעט־מעלאַנכאָליש. קוקט זיך אָבער גוט צו און איר וועט זען, אַז זי זאָגט אָן דעם אָנקום פון טאָג, זי הייסט מאַכן אַ וואַרע פאַרן גרויסן ליכט, וואָס שײַנט אַרויס פון דעם יונגן באַגאַבטן קינסטלערס שאַפונגען.

*

זענען מיר געשטאַנען אין אַ שבת־חנוכּה פאַרמיטאָג אין דער טשעמע־רינסקי־גאַלעריע אין תל־אביב און באַטראַכט מיט אָפענע אויגן און מיט צעפּראַלטע הערצער די בילדער פון מאַרעק האַלטער און גערעדט וועגן אים, דעם יונגן רײַפן מאָלער, און וועגן זײַן מוטער, די ייִדישע דיכטערין פּערעלע האַלטער, וואָס זינגט אויס אירע ייִדישע „דערמאָנונגען" אין דער גרויסער וועלט־שטאָט פּאַריז.

זאָגט צו מיר מלך ראַוויטש: איר זעט אָט דעם אָקס, אויפֿן ווײַסן גרויען פֿאָן? קוקט זיך נאָר גוט אײַן. דוכט זיך, עס גייט אַ שניי און ער, דער אָקס, שטייט אַזוי אַן עלנטער און טאַפּטשעט אין ווײַסן פּוך. איר געדענקט דאָס ליד וועגן אָקס אין שניי פֿון ייִדישן דיכטער...

אַוודאי, ענטפֿער איך פֿון אַלטער עסעלין. פּונקט אַזוי ווי אַלטער עסעלין האָט אויסגעדיכטעט זײַן אומפֿאַרגלײַכלעך ליד פֿונעם אָקס אין מילוואָקי, אַזוי האָט מאַרעק האַלטער אויסגעזונגען מיט פֿאַרב און פּענדזל דאָס ליד פֿונעם אָקס אויפֿן גרויען שנייִקן פֿאָן, ערגעץ אין אייראָפּע. ס׳איז איין וועלט. ס׳איז דאָס דיכטערישע אויג, וואָס זעט דעם עלנט און דעם צער פֿון דער שטומער חיה און טראָגט דאָס צו צו די אויגן און הערצער פֿונעם מענטש, זײַן מיטצײַטלער, און ווײַזט אים: נאַ, זע, וואָס עס איז אַזוינס עלנט!

זענען זײַנע בילדער מלא חן. ווילט זיך זיי זען נאָך און נאָך. פֿאַרגעסט, אַז דער קינסטלער איז נאָך אַזוי יונג, פֿאַרגעסט, אַז דער יונגער שעפֿער איז שוין אַזוי באַרימט (אינגאַנצן 23 יאָר אַלט און שוין באַשאַנקען געוואָרן מיט וועלט־אויסצייכענונגען). עס גייען דיר נישט אָן די געזעצן און די איזמען אין דער מאָלער־קונסט בכלל און בפֿרט בײַ אים. דו זוכסט נישט אין זיי קיין שום אַבסטראַקטן „אמת״, — דאָס איז דער אמת פֿון לעבן, פֿון עכטער יצירה, וואָס רעדט אַראָפּ צו דיר פֿון יעדן בילד. דער ווינטער איז אמתער ווינטער, דער מענטש פֿונעם פּאָרטרעט איז אַן אמתער מענטש. איז דאָס אַן אויסשטעלונג וואָס לאָזט דיך נישט גלײַכגילטיק.

אָקטאָבער, 1955

פערל האַלטער — די דיכטערין פון דערמאָנונגען

צו איר באַזוך אין ישראל

אַ נאָמען ווי אַ ריח, ווי אַ ניגון איז בכוח דיך צו דערמאָנען אין עפּעס אַזוינס וואָס איז דיר אַרויס פון זכרון אינעם לויף פון די יאָרן. אָט גייסטו זיך אַ פאַרטראַכטער אין רעיונות, צי אַ פאַריאָגטער אין עסקים און פּלוצים: אַ ריח, אַ בלום, אַ פרוכט, אַ מענטש. עס גיט דיך אַ וואָרף אויף צוריק, צו אַ שוין־פון־לאַנג־פאַרגעסענער איבערלעבונג, צו אַן עפּיזאָד וואָס די צײַט איז איבער אים אַריבער. אים פאַראַקערט, פאַרטראָטן, און עס איז שוין אַפילו איבער אים אָנגעוואַקסן גראָזן. אָט דערהערסטו אַ ניגון אָדער גאָר אַ נאָמען און דו צעשמייכלסט זיך אין זיך מיט אַזאַ זיסער וואַרעמקייט. אָדער — עס גיט דיך אַ צעטרייסל און אַ צערודער. פּערל! ווי היימיש מאַמע׳ש עס קלינגט אָט דער נאָמען. פּערל, מײַן שוועסטער, אַ מאַמע פון קינדערלעך אַכט. אַ דאָרף, אַ מאַן, אַ קאָלאָניע אין פּוילן. פּאָליאַקן, דײַטשן...

לייען איך פּערל האַלטערס „דערמאָנונגען״ און דערמאָן זיך.

*

מאַי 1953.

די מאַראַנצן האָבן שוין אײַנגעזאַמלט דעם וווּנדערלעכן ריח פון זייער ערב־פּסחדיק בלי׳ען. ס׳איז הייס, טרוקן. אין מײַן שיכון־הויף צע־וואַקסט זיך די מאַטיאָלאַ (מאַטשעיקע) און פאַרשפּרייט אַ פאַרבענקטן, פאַרשיכּורנדיקן ריח פון אַ פּוילישן זומער, און אַ צאַרט, שיין, איידל ווײַבספּערזאָן, וואָס רופט זיך פּערל, טרעט איבער די שוועל פון מײַן הויף און שרײַט אויס: שלמה, מאַטשעיקעס!...

פּערל איז די ייִדישע דיכטערין פּערל האַלטער, וואָס קומט דאַן פון פּאַריז אַ געהילטע אין אַלע זיבן חנען און עס באַלייט זי איר מאַן, דער דרוקער־אַרבעטער שלמה (ז״ל) — אַ סובטילער, אַ האַרציקער, אַ פּאָל־קישער, מיט אַ טרוים־ליכט אין די אויגן. קומען די דערמאָנונגען און דער־מאָנען: אין רעליגיעזן עקסטאַז האָט זיך אין מיר דעמלט צעדאַוונט אַ ברכה: ברוך אתה, געבענטשט זײַ דו באַשעפער, וואָס האָסט באַשאַפן אַזאַ

הערלעכע מזיגה פון פאַרהאַרעוועטן פאָלק־מענטש מיט תפארתדיקער שיינ־קייט פון גײַסטיקער יצירה.

*

פערל, די ייִדישע דיכטערין פערל האַלטער, וואָס איז געקומען איצט, צום צווייטן מאָל, באַזוכן ישראל, איז די דיכטערין פון דערמאָנונגען, וועלכע רײַסן־מיט אירע מיטצײַטלער פון דער ספערע ייִדיש.

איינמאָל, כ׳געדענק — כאָטש געווען בין איך קליין —
אַ מאַן איז פאַמעלעך און פאָרכטיק אַרײַן
צו אונדז אין דער שטוב, זיך געשטעלט בײַ דער וואַנט
אַ פרעמדער, אַ מאָדנער, אַ רענצל אין האַנט.

אָט אַזוי מאַני לייב׳דיק וועגן יענעם. און וועגן זיך:
אַזויפיל צערטלעכקייט עס ריזלט אין מײַן גוף;
אַזויפיל ליבשאַפט הויזט אין האַרץ, אין דער נשמה.

ווײַל פערל האַלטער, די ייִדישע דיכטערין אין דער וועלט־שטאָט פאַריז — איז צאַרט אין איר וואָרטשאַפט, איז פאַרבענקט אין איר יעדער שורה, איז ווײַבלעך־פאַרליבט אין איר ליד, דעקט זי דאָס פאַר אונדז אויף קלאָר און אָן אָנשטעל. זי איז אפשר פון די געציילטע עכטע פרויען־דיכטערינס וואָס וויל נישט פאַרהילן און פאַרהילן איר ווײַבלעכקייט אין דער דיכטונג.

איז דאָס אַ קאָמפּלימענט פאַר אַ דיכטערין?

עס איז שוין פאַראַן אַ גאַנצע ליטעראַטור אַרום אָט דעם פּראָבלעם. די פרוי האָט שטענדיק געשטרעבט צו זײַן גלײַך מיטן מאַן. אַלע פּראָגרעסיווע באַוועגונגען האָבן מיטן אַרויסשטעלן די פאָדערונג פאַר גלײַכבאַרעכטיקן די פרוי מיטן מאַן, געפּרוווט באַווײַזן מיט אותות און מופתים, אַז עס איז נישט פאַראַן קיין שום גייסטיקער און כוחדיקער אונטערשייד צווישן ביידע געשלעכטער. זאָל נאָר די פרוי ווערן באַפרײַט פון די קייטן, וואָס די צוריקגעשטאַנענע געזעלשאַפט האָט אויף איר אָנגעהאַנגען, וועט מען זיך איבערצײַגן, אַז די פרוי קאָן באַווײַזן צו אַרבעטן און שאַפן גלײַך ווי דער מאַן. און דאָך איז די דיכטונג פון אַ פרוי, — אויף וויפל זי איז עכט און אייגן, — צאַרטער, סענסיטיווער און דופטיקער (— כ׳וואָלט זאָגן: לופטיקער) ווי די דיכטונג פון אַ מאַן. דעריבער ווילט זיך אונטער־צייכענען, אַקצענטירן פערל האַלטערס דיכטונג, ווי עכטע פרויען־דיכטונג, וואָס שיידט זי שאַרף אָפּ פון מאַן־דיכטונג. די בענקשאַפט ווי די ליבע, די רעמיניסצענצן און די קינות גייען אַרום אין איר בוך „דערמאָנונגען"

אין פליושענע רויט־ און בלויע שטעקשיכלעך, אין זײַדענע דורכזיכטיקע וואָלן, וואָס באַרוישן אײַך מיט זייער רויש, צערודערן אײַך מיט זייער דופט און רופן בײַ אײַך אַרויס די ליבע צו פרוי, צו ווײַב, צו מאַמע.

די נאַכט גיסט מיט אומעט און שרעק,
צוזאַם מיטן טריבן רעגן.
דו ביסט אַוועק —
וויל דיך מײַן בענקשאַפט דעריאָגן און פרעגן:
פאַר וואָס?

פאַר וואָס מוזן שטענדיק אין פּײַן
צו דיר זיך ציִען מײַנע הענט?
פאַר וואָס מוז דאָס שטומע געוויין
בלײַבן פון דיר נישט דערקענט?
פאַר וואָס?

און אין צווישן האָט פערל האַלטער אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג לידער „יונגע טעג״, לידער פאַר קינדער וואָס אויך גרויסע קאָנען פון זיי געניסן. ווײַזט אויס, אַז נאָך אירע לידער פון צער, פון גרוי, פון פּײַן־דערמאָנונגען האָט פון איר אַ שפּאַר־געטון מיט ליכט, מיט זון, מיט קינדהייט, מיט שפּיל; איז אין אונדזערע אויגן פערל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פערעלע — אין אַ ליבער מאַמע, וואָס זינגט צו אירע קינדער, און די קינדער ענטפערן איר מיט ליבע און דאַנק.

זענען דאָס געצײַלטע דערמאָנונגען לכבוד דער דיכטערין פערעלע וואָס איז ווידער געקומען צו אונדז, און אַ האַנט־דרוק מיט דער טראַדיציאָנעלער ייִדישער ברכה: ברוכה הבאה!

דעצעמבער, 1963

פערעלע, זכרונה לברכה!

נאָך אַ שווערער קראַנקייט איז געשטאָרבן אין פּאַריז די באַקאַנטע און באַליבטע ייִדישע דיכטערין, די מאַמע פון באַרימטן מאָלער מאַרק האַלטער יבל״א פערעלע.

פערעלע האָט פאַרמאָגט חוץ אַ דיכטערישע נשמה אויך אַ מענטשלעך האַרץ, אַן אָנגעפּולטס מיט ליבע און פרײַנטשאַפט. איר הויז אין פּאַריז איז געווען אַ בית וועד פאַר ייִדישע שרײַבערס און קינסטלערס. האָט זיך דאָס אָפּגעשפּיגלט און אַרויסגעזען אין איר דיכטונג.

זי האָט פֿאַרמאָגט אַ דינעם ליריש־פּרויִזשן טאָן, מיט אַ צאַרט נאַראַטיוו לשון, וואָס שוין אין איר ערשטער לידער־זאַמלונג „דערמאָנונגען", האָט עס זיך אַרויסגעהערט און אַרויסגעזען. דאָס זענען געווען, — ווי עס זאָגט דב סדן אין זײַן „מבוא" צו איר לידער־זאַמלונג, איבערגעזעצטע אין עברית דורך חיים רבינזון, א. ג. „שירים" — „לידער פֿון אירע זכרונות און פֿון די זכרונות פֿון אַ ייִדישער טאָכטער, אַ געבוירענע אין איינער פֿון די גרעסטע ייִדישע קהילות אין פּוילן, וועמען די וועלט־מלחמה האָט פֿאַרוואָרפֿן אין די רוסישע ווײַטקייטן, אין די פּליטים־לאַגערן, און אירע פּײַן און יסורים טראָגן אַוועק איר לעכצנדיק האַרץ צום הויז פֿון אירע עלטערן, צום פּײַזאַזש פֿון איר קינדהייט, צו די סביבות פֿון איר יונגשאַפֿט".

אָבער נישט נאָר זכרונות האָבן געהויזט אין איר דיכטונג. זי האָט וויל געוווסט, אַז דער שוואַרצער שטורעם האָט פֿאַרווישט, און פֿאַרשיט דאָס שיינע און דאָס מיאוסע, די גליקלעכע רגעס און די שווידערלעכע שעהען. זי האָט אויך געוווסט — און דאָס מאַמעש־צאַרט אַרויסגעבראַנגט אין אירע לידער — אַז צו איר חלום וועגן אַן אַנדערער, שענערער וועלט, וועט דער באַשייד נישט קומען אין אירע טעג, אלא דער אויסמיש און צוזאַמענמיש פֿון זכרונות, אַסאָציאַציעס און איצטיקער ווירקלעכקייט האָבן געגעבן דער ייִדישער ליטעראַטור אַן אייגנאַרטיקן פּערל האַלטער־צושטײַער.

פּערל האַלטער פֿלעגט אָפֿט קומען קיין ישראל. אויך דאָ האָט זיך געלאָזט אַרויסזען סײַ איר פּערזענלעכער סײַ איר דיכטערישער כאַראַקטער. אירע באַגעגענישן מיט פֿרײַנד און חברים זענען געווען סײַ האַרציק־אינטימע סײַ פּײַערלעכע, דאַמע־מעסיק. און ישראל מיט אירע פּײַזאַזשן און פּראָבלעמען האָבן געפֿונען אָרט אין איר האַרץ און נשמה און זי האָט עס שפּעטער אויף איר אופֿן אַרויסגעזונגען.

וועלן אירע ביכער און איר לידער־איבערלײַב, פּונקט ווי אירע פּערזענלעכע קאָנטאַקטן און אויסערלעכער פּראַכטיק־שיינער אויסזע, נישט לאָזן זי פֿאַרגעסן ווערן, וואָרעם שוין די דרײַ לידער־זאַמלונגען „דערמאָנונגען", „יונגע טעג" און „אויף יענער זײַט באַרג" און דאָס פּערטע — „שירים", אירע לידער אין העברעיִשער איבערזעצונג, האָבן איר פֿאַרזיכערט אַן אָנגעזען אָרט אין דער ייִדישער פּאָעזיע.

עס טוט ווײ און עס פּײַניקט, אַז די האַרציק־שיינע פּערעלע איז פֿאַר דער צײַט אַוועק פֿון אונדז, אַוועק פֿון איר זון, אַוועק פֿון אונדזער ליטעראַטור.

יאַנואַר, 1975

מלכה חפץ־טוזמאַן

א. „לידער"

מלכה חפץ־טוזמאַן איז געבוירן געוואָרן אין אוקראַיִנע און געקומען קיין אַמעריקע אין יאָר 1912. זי איז אַ לערערין אינעם „אוניווערסיטי אָף דזשודאַיִזם" אין לאָס־אַנדזשעלעס בײַ קורסן פון ייִדיש און ייִדישער ליטעראַטור. אַלזאָ, קנאַפּע 40 יאָר אין אַמעריקע און דיכטעט אין ייִדיש. צי איז איר ליד ווײַט, נישט היימיש, ווי ס'איז איר וווין־אָרט לאָס־אַנד־זשעלעס? ניין, און דאָס איז דאָס וויכטיקסטע און באַוווּנדערונגס־ווערטע אין איר דיכטונג — אַ צאַרטע היימישקייט, אַ בענקענדיקע, אַזאַ ביז־גאָר נאָענטע, פּילט זיך אַרויס פון יעדן ליד אירן. אַזאַ ליבע ייִדישקייט, אַז עס איז ממש אַ מחייה צו לייענען דעם גרעסטן טייל פון די דאָזיקע לידער.

דאָ וואַרפט זיך קודם אין אויג אַרײַן די עשירות און דאָס רחבות פונעם אַרויסגעגעבענעם בוך — אין אַ מילך־ווײַסן לעדער־באַנד געפינען זיך בײַ אַ 130 זײַטן נאָרמאַלער בוך־פאָרמאַט פון ליכטיקן לוקסוס־פּאַפּיר, און... עס לוינט זיך נישט זוכן קיין פאַרגלײַכן, בעת מען קען נעמען פון גרייטן... —

> אין אַ ווײַסער פּאַסמע זײַד
> ליגט מײַן לײַדנשאַפט געבונדן.

אַזוי זינגט די דיכטערין אויף זײַט 83 אין איר צווייטן טריאָלעט. אײַ וואָס, מיר רעדן פון ווײַסן לעדער און די דיכטערין פון ווײַסן זײַד? — ס'איז קיין חילוק נישט. איר לײַדנשאַפט, די פּאָעזיע אירע, איז געבונדן אין צאַרטן ווײַס.

זענען אין דער דאָזיקער לידער־זאַמלונג פאַראַן זעקס אָפּטיילונגען, ווי די זעקס טעג פון דער יצירה: מײַנע יאָרן, איך טו רופן, שפּורן, טריאָ־לעטן, פרויען און איבער זיך געבויגן — זענען דאָס אַ שלל פון פראַב־

לעמען, פראַגן און ווינקלען פון לעבן, וואָס נאָר אַ פרוי אַ דיכטערין קאָן זיך פאַרגינען צו באַרירן. דאָ באַזינגט זי דעם 29־טן נאָוועמבער 1947, ווען „אַ קמצן דורך פינגער אַ בשורה אונדז זיפּט", אַז „ישראל איז אייביק, איז אייביק!" דאָ רעדט זי גאָר צו אַ ייִדישן בנין אין גלות ערגעץ און גיט אים צו מוט: „— לאַנד, / איז אייביקייט ניט ערוב. לענדער מעכטיקע / ווערן אויכעט חרוב./פעלקער ערדישע קומען אויף און/קומען אום. ייִדן, אָבער —/ אייביק, אומעטום!" און אָט שרייַבט זי אויס אין צאָרן: „פאַרוואָס שעלט איר מייַן ייִדיש הויז?" דאָ ווענדט זי זיך צו די ייִדישע קינדער און זאָגט זיי אין לשון פון אונדזערע מאַמעס און באָבעס: „מיר פאַר אייַך, ייִדישע קינדער". און דאָ שרייַבט זי בריוו צום זון אין דער מלחמה אין אַמעריקאַנישן נוסח. הקיצור — אַ ייִדישע מאַמע אין דער ייִדישער שירה! זי וויינט אויפן ייִדישן חורבן, זי וויל דערציִען דעם יונגן ייִדישן דור, זי זינגט־אויס פּרעכטיק־טרויעריק קינדער־לידער („ווו איז מייַן פעטער פיניע"), ביז זי מאַכט אונדז אָפן־קלאָר איר פּרצוף־פּנים מיטן דערקלערן:

„איך בין אַ פרוי"

„איך בין די עקזאַלטירטע רחל ווע מעס ליבע האָט באַלויכטן דעם וועג פון די רבי עקיבאס.
איך בין דאָס קליינע, שעמעוודיקע דאָרף־מיידל, וואָס איז צווישן הויכע טאָפּאָלן געוואַקסן און זיך געגרויטלט בייַם „גוט מאָרגן" פון ברודערס מלמד.
איך בין דאָס פרומע מיידל, וואָס האָט זיך געבלייַכט בייַ דער מאַמעס ציטערדיקע פינגער אויף די אויגן אַנטקעגן די בענטשליכט.
איך בין דאָס געהאָרכזאַמע כלה־מיידל, וואָס האָט הכנעהדיק דאָס קעפּל אונטערגעטראָגן צו דער שער ערב חופּה.
איך בין אָט די אַלע און נאָך אַ סך, אַ סך ניט דערמאָנטע.
און אומעטום
און אַלעמאָל
בין איך
פ ר ו י".

און —

אַ רייַפע טאַלאַנטירטע דיכטערין!

נאָוועמבער, 1949

ב. „מילד מײַן ווילד"

מיט אַ יאָר צען צוריק איז אָנגעקומען פון זוניקן פּאַסיפיק, פון איינעם פון די רײַכסטע יידישע מושבים אין דער וועלט — לאָס־אַנדזשעלעס — אַ בוך לידער אין אַ ווײַסן, ציכטיקן פּראַכט־באַנד פון אַ דיכטערין, פון אַ יידישער דיכטערין.

דער נאָמען מלכה חפץ־טוזמאַן איז צו יענער צײַט אונדז נישט געווען צופיל באַקאַנט, הגם לייענענדיק דאָס בוך אירס „לידער", איז געוואָרן קלאָר, אַז פאַר אונדז געפינט זיך אַ רײַפע, רוטינירטע, אויףביידע פיס גייענדיקע פּאָעטין.

פון ליד צו ליד, פון דף צו דף איז געוואַקסן די הסכמה, איז געוואַקסן די אָנערקענונג.

און הגם זי הייבט־אָן איר בוך „לידער" מיט „מײַנע יאָכן" און קלאָגט זיך (חנוועדיק, ווײַבעריש).

ווי צו מיר!
כ'טראָג הויך מײַן קאָפּ,
קאָנען די וואָס איך האָב ליב
מיך נישט דערלאַנגען —

איז אָבער דער עיקרדיקסטער טייל פון דעם בוך: דער ציקל „פּרויען" אין וועלכן זי באַווײַזט דאָס שיינע, צאַרטע, סובטילע און טראַגישע וואָס איר דיכטונג פאַרמאָגט. און דער דאָזיקער ציקל איז פּאַקטיש דאָמינירנדיק. ער גייט־איבער די ראַמען פונעם באַשטימטן קאַפּיטל און פאַרשפּרייט זײַן ווירקונג אויף דער גאַנצער זאַמלונג. פון „אַ געליבטע ווײַב", ווו זי מאָלט די יונגע צאַרטע געליבטע, וואָס אַלץ וואַרט אויף איר מיט בענטשונג: די וואָגע, דער זייף, די דרײַ פּאָר שיך בײַם בעט און דער חלום אויף נאָך אַזאַ נאַכט, דורך „וואָס קאָן איך טאָן" — „שוין נישט איינמאָל / האָבן מײַנע ליפּן מיד / דעם אַש אָוועקגעבלאָזן / פון אַ נעכטיקן צאַפּל", ביז „רייזלס ברויט איז שוואַרץ" ווו רייזל „חלומט צאַרט / חלומט בענקט און גאַרט / כאַטש אַ קוק אַ מילדן", ביז נאָך אַ סך, אַ סך פּאָרטרעטן און שטריכן פון פרויען געזען מיט „אויגן" פון עכטער דיכטונג, אַרײַנגע־רעכנט דאָס שטילע געזאַנג, וואָס דאַוונט זיך ווי אין אַ שבת בין השמשות: —

שטיל אין האַרצן וועל איך זינגען
צו די גרויסע, שוואַרצע רינגען,
וואָס ס'האָבן אומזעבאַרע פינגער
אַרום די אויגן מיר געמאָלן,
אַז ס'זאָלן
אייביק בלײַבן אין זכרון
יענע אויגן
וועלכע האָבן אויסגעזויגן
פון מײַן פּנים מיר
דאָס בלוט
און געלאָזן מיך אַ בלאַסע
אומגעטיק און
גוט.

— דאָס אַלץ ווײַזט אויף אַ דיכטערין, אַ זינגערין, מיט אַלע זיבן חנען, וואָס פרויען־דיכטערינס פאַרמאָגן.

*

איז געווען אָנגענעם ווידעראַמאָל, ווען אַפילו מיט אַ הפסקה פון באַלד צען יאָר, צו דערהאַלטן אַ נײַ בוך לידער פון דער זעלבער דיכטערין.

נאָר —

דאָס נײַע בוך טראָגט אַ נײַעם נאָמען, און דער נײַער נאָמען וואַרפט־אָן אַ שרעק: „מילד מײַן ווילד"!

— וויל טאָקע „מילד מײַן ווילד" אָנדײַטן אויף לעצט־נײַס, אויף פריש־היינטיקס, אויף היפּער־מאָדערנס? זענען טאָקע די לידער פון אָט־דעם בוך אַזוי ווי זייער נאָמען — מילד און ווילד?

מ'מוז צוגעבן צום שבח פון דער דיכטערין, אַז... נישט אַלע לידער אין דער נײַער זאַמלונג לײַדן פון דעם דאָזיקן „מאָדערניזם". אדרבא, פאַראַן שיינס און דערפרישנדיקס אין מ. חפץ־טוזמאַנס פרווון אַרײַנצוגעבן נײַס אינעם ווערטער־אוצר און אינעם זאַץ־בוי אירן. גאָר שיין און אינטערע־סאַנט — פאַר מלכה ח.ט'ס שאַפן — איז דער געלונגענער פרווו אירער צו עפענען אָדער שליסן אירע לידער־רינגען מיטן אַריסטאָקראַטישן טריאָ־לעט. און גראָד דער טריאָלעט איז דאָך הימל־ווײַט פון דער מילדער ווילדקייט וואָס דער נאָמען זאָגט צו...

און פאַראַן אין דעם בוך לידער, וואָס ציִען זייער יחוס־שנור פונעם

באַנד „לידער", פון זײַן ציקל „פרויען", אָבער — — דער נאָמען ווײַזט אויס, איז פּאַרט צו עפּעס „מחייב". און אָט וואָס עס קומט דערפון אַרויס: „מיט קינדישן פאַרחידוש האָב איך אויפגעכאַפּט / מײַן טאַטנס אײַנאָויגן אין מיר טיף און לאַנג" (אויף זײַט 8) „אויפגעהיט דעם שטויב פון דעם געבלאָזן" (זײַט 11), „מײַן מאַכטזיכניטווויסנדיק בליק" (זײַט 12), אַזאַ איינשוועער ריטואַל / נאָכדעם איז מען דאָ לעגאַל" (זײַט 33) און נאָך, און נאָך, און נאָך.

און איר שטוינט און גאַפט: דוכט זיך די זעלבע צאַרטע, מילדע, שטילע פּרוי־פּאָעטעסע, איז פון וואַנען אַזאַ קאָקעטישער ווילן זיך אָפּצור־רײַסן פונעם אייגענעם קוואַל און גאָר פּרווון פּראָווען ווילד, ווען אַפילו מילד, ווילעריש, הײַנט־צוטאָגיקס?

אָבער דיכטונג, אויב זי איז עכט, וועט אײַך שוין אַרויספירן פון אַלע לאַבירינטן, פון אַלע ווילדקייטן.

און מלכה חפץ־טוזמאַן איז אַן עכטע, אייגנאַרטיקע דיכטערין. זי איז דאָס אין איר בוך „מילד מײַן ווילד" נישט ווייניקער ווי אין בוך „לידער". זי איז נאָר עלטער, דרײַסטער און געוואַגטער, ווי זי דערציילט עס אין איר ליד „צום שמייכל אין גיפּס" —

די קליינע טאָכטער דײַנע, מאַמע,
די יונגע ציג
רונצלט שוין דעם שטערן באַלד ווי דו:
ווײַ! די שפּרונגען וואַלדיקע האָבן נישט געגאָלטן.
איז דאָס יונגקייט אירס נישט אָפּגעוואַשן זויבער,
איז דאָס יונגקייט אירס צעשויבערט
און אַלע שיינע כלים זענען אָנגעשפּאָלטן,
בלעזלען זיך אויף אָרעמס אירע אָדערלעך־געוועבן
און זי בײַסט און קײַט די נעגל,
און זי צופּט די הויט פון האַלדז
און דאָס קליינוואַרג
רײַסט פון איר דאָס לײַב און לעבן.

איז טאַקע „דאָס יונגקייט" אירס צעשויבערט און דאָס „קליינוואַרג", קאָן זײַן, רײַסט פון איר דאָס לײַב און לעבן, אָבער זי זינגט דאָס ליד פון דער ייִדישער פרוי־דיכטונג מיט טאַלאַנט, מיט חן און מיט מילדער שיינקייט.

מערץ 1959

ג. מלכה חפץ־טוזמאַן — צו גאַסט אין ישראל

אין לאַנד אַרײַן איז געקומען ווי אַ גאַסט, אויף צו זען, הערן און איבערלעבן, די באַקאַנטע ייִדישע דיכטערין פון לאָס־אַנדזשעלעס מלכה חפץ־טוזמאַן. ווען דאָס וואָרט וואָלט נישט געווען אַזוי אָפּגעניצט, אַזוי באַנאַל, וואָלטן מיר לײַכט געקאָנט זאָגן: זי האָט עולה־רגל געווען! ווײַל אַ דיכטער, אַ קינסטלער, וואָס גייט אין ווײַטע לענדער אַרײַן, כדי זיך אָנצוזען און אָנצוזאַפּן מיט נײַס, מיט נאָך־נישט־געזעענס, „גייט" בדחילו ורחימו, מיט האַרץ־קלאַפּונגען און אויף די שפּיץ פינגער, מיט גלויבן, אַז עפּעס שיינס, נײַס און דערהויבנס וועט זיך זיכער באַווײַזן, און על אחת כמה וכמה — אַז ייִדן־דיכטער גייען אויף קיין ארץ־ישראל. און אויב דאָס איז אַזוי פאַרשטענדלעך און נאַטירלעך פאַר דיכטער, פאַר קינסטלער אין כלל גענומען, איז עס אַוודאי און אַוודאי פאַר דער האַרציקער ייִדיש־ייִדישער דיכטערין מלכה.

ווײַל —

מיט איר גאַנצן מאָדערנעם גאַנג אין אונדזער דיכטונג איז זי דורכ־אויס ווײַבעריש־ייִדיש. יעדעס ליד אירס, יעדע שורה פירט זי צוריק צום קוואַל, צום שטאַם. שטאַמיקער זכרון, מאַמעשע ליבשאַפט און טיפער גלויבן גייען האַנט בײַ האַנט אין איר ליד מיטן מאָדערנעם, געשליפענעם וואָרט. איר קרעדאָ־ליד אינעם בוך „לידער" איז דער בעסטער עדות דערפאַר.

און אויב אין אַ בריוו ערב איר אַרויספאָר, בעט זי זיך: „גרייט מיר צו אַ ליכטיק פנים", וועלן מיר איר ווינטשן, אַז דאָס לאַנד, דאָס גאַנצע לאַנד אונדזערס, מיט די וואָרהייטן און חלומות, מיט די דערגרייכונגען און מיט די שטרויכלונגען, מיט אירע לייענערס און מיט די וואָס לייענען נישט קיין דיכטונג בכלל, זאָלן זי אויפנעמען מיט ליכטיקע פנימער.

עס קומט איר. זי איז דאָס ווערט!

דעצעמבער, 1959

מיטן „פרינץ פון דער מיניאַטור"

א

דוד טושינסקי איז אַ יידישער קינסטלער און — אַ יידישער ייד. אַ ייד פון בזשעזשין, אַ טיפיש יידיש שטעטעלע אין פוילן. נישט נאָר רעדט ער יידיש און פירט זיך ווי אַ היימישער, אייגענער, נאָר זיין גאַנצער וועלט־באַנעם, וואָס קומט אַזוי אויסטערליש צום אויסדרוק אין דער אומפאַרגלייכ־לעכער הייַנטצייַטיקער מיניאַטור זייַנער, איז כולו יידיש. שלמה המלך, דוד המלך, ראָזשינקעס מיט מאַנדלען, משה, אהרון, כוסו של אליהו, אַנאַ פראַנק, אלף בית, די באָבע, דער וועג צום כרמל, חד גדיא, פלאַצק, יפו א.א. זענען אַן עיקר־טייל פון די טעמעס און די נעמען פון זייַנע דערהייבנדיקע ווערק. נאָר זע ווי מאָדנע: גראָד ביי אים, ביים קינסטלער טושינסקי, וואָס גייט אין אַ זייַט פונעם יידישן קינסטלער־געדריש אין פאַריז, גראָד ביי אים האָט זיך צום בולטסטן באַשטעטיקט דער דערוויז, אַז וואָס מער מ׳איז שע־פעריש נאַציאָנאַל, ווי, אַ שטייגער, שלום עליכם, אַלץ מער ווערט מען אַל־וועלטלעך. והא ראיה — די גאָלדענע מעדאַלן (נישט קיין יידישע!), די פרעס־טיזשפולסטע אויסצייכענונגען, דער טיטל „פרינץ פון דער מיניאַטור" מיט וועלכן די וועלט האָט אים באַקריינט, די אָפענע טויערן פאַר אים און פאַר זייַנע שאַפונגען אומעטום, אין אַלע לענדער וווהין ער קומט. זענען דאָך די בעסטע באַווייַזן פאַר דער אַלוועלטלעכקייט זייַנער, פאַר דער אומפאַר־גלייַכלעכער וועלט־רעפּוטאַציע צו וועלכער ער האָט דערגרייכט. אָבער, ווי מיר זעען און זענען איבערצייַגט וועט דאָס מיט גאָרנישט ניט אַנדערשן דעם ייד וואָס אין אים, דעם קינסטלער־ייד, דעם האַרציקן מענטש דוד טושינסקי. און אַז מיר וועלן נאָך צוגעבן צו דעם אַלעם זיין לעבנסבאַליי־טערין עדה, מיט איר חן און פאַרשטיין, וועט דאָס בילד ווערן פולער, גאַנצער.

ב

אויף איינעם פון די דערעפענונג־בלעטער צום אַלבאָם „30 מיניאַטורן פון דוד טושינסקי" וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן דער מוזיי פאַר דרוק־קונסט אין צפת, געפינען זיך געציילטע אָבער הויכבאַדייַטנדיקע שורות פונעם באַרימטן פראַנצויזישן שרייַבער אַנדריי מאָרואַ, וואָס זאָגן:

„דעיווי טושינסקי איז געבענטשט מיט אַ מאָדערנעם און טראַדיציאָנעלן טאַלאַנט גלײַכצײַטיק. מאָדערן, ווײַל ער ברענגט אַרויס, דורך די סימבאָלן זײַנע, דעם זכר פון נישט־ווײַטע אומגליקן, און טראַדיציאָנעל צוליב דער דעליקאַטישקייט פון זײַנע צייכענונגען, וואָס דערמאָנען אין די גרויסע מײַסטערס פון אַמאָל. מאָדערן אין די אָריגינעלע קאָנצעפּציעס, און קלאַסיש אין דער פּערפּעקציע פון זײַן פאָרעם. דעיווי טושינסקי איז אַ גראַנדיעזער מיניאַטוריסט".

בין איך אין איינעם אַ האַרבסט־טאָג, זײַענדיק צוגאַסט בײַ קאָלעגן אין פּאַריז, פאַרבעטן געוואָרן דורך אָט דעם גראַנדיעזן מיניאַטוריסט אויף אַ שפּאַציר צו איינער פון די פּאַריזער מערקווערטיקע געגנטן — די געגנט פון דער ליורק וואָס פאַלט אַרײַן אין דער סען. דאָס איז אַ געגנט ווו עס האָבן אין זייער צײַט געלעבט די באַוועלטסטע פון פּאַריז, די עמיל זאָלאַ־העלדן און זייערס גלײַכן.

מיר זענען צו ערשט אַרײַן אין אַ קאַפע וואָס געפינט זיך קעגנאיבער דעם Villete (שעכטהויז) און טראָגט דעם נאָמען Comete, אין וועלכן עס זיצן און פאַרברענגען זייער צייט פילם־סטאַרן, מאָלערס און אַנדערע באַהעמע־לײַט, ווי Marcel Achard א.א. מײַן פאַרבעטער האָט געצויגן מײַן אויפמערקזאַמקייט אויף צוויי מערקווערטיקייטן: אויף די קאַפע־הײַזער, רעסטאָראַנען און ענלעכע געשעפטן, און אויף דער פלייש־פאַר־פלייצונג פון אָט דער געגנט. פלייש און בלוט. בלוט און פלייש.

ער האָט מיך צוגעפירט צו דער קאַפע Veau D'or וואָס דאָס מיינט: „דאָס גאָלדענע קאַלב" און מיר געוויזן, ווי מ'ווײַזט אַ פאַרגאַפטן: „זע און געדענק!" און כ'האָב זיך טאַקע אײַנגעקוקט און געזען ווי פאַרשווינען וואָס זעען אויס ווי אַטלעטן, אָנגעטאָנענע אין ווײַסע כאַלאַטן, מיט פּנימער — ווי דאָס שמאַלץ וואָלט פון זיי גערונען, פירן פון דאָרט אַרויס צעשניטענע אָקסן, קעלבער, חזירים און לאָדן זיי אויף אין די אויטאָס וואָס שטייען און וואַרטן אין דער ריי... אַ ביסל ווײַטער האָבן מיר געזען קאַפע־הײַזער און רעסטאָראַנען וואָס טראָגן אויף זיך אַזעלכע כאַראַק־טעריסטישע נעמען ווי „דאָס פּענעצל ברויט", „דער מילכיקער חזיר", „דאָס ווײַסע שעפעלע", „דער קליינער... לאָך" אדג"ל.

איבערן ליורק ציט זיך אַ בריק וואָס דערמאָנט אַלט־אַמסטערדאַם מיט די רויט־ברוינע ציגל אײַנגעהילט אין גרינס, און עס שווימען אונדז פאַרבײַ קליינע שיפן וואָס פירן זאַמד. אַזוי אַ שפּאַצירנדיק זענען מיר אַרײַן אין אַן אויסטערלישער דעמער־שעה. דוד טושינסקי, כאָטש

ער באַניצט זיך אין זײַן מאָלערײַ בלויז מיט איין פאַרב — שוואַרץ — האָט געשלונגען די פאַרבן פונעם אויסגייענדיקן טאָג מיט געוואַלדיקן דורשט און מיט אַ פֿײַערלעך שטילשווײַגן.

זעצט זיך די זון אין דער ליורק־געגנט פֿײַער־פלאַמיק און פאַרגיסט מיט איר גאָלדרויט די שטיקער געשאָכטענע פליישן, וואָס די פעסטע פאַרשווינען האַלטן אין איין טראָגן, און דער הויכוווקסיקער עלעגאַנטער אייראָפּעער רײַסט איבער דאָס שווײַגן, נייגט־צו צו מיר זײַן קאָפּ, ווי ער וואָלט מיר אַנטרוימען אַ סוד. זײַן פּירקאַנטיק פאַרשניצט בערדל, וואָס פאַרמאָגט שוין אַ סך מער ווײַסע פעדעם ווי בלאָנדע, זעט איצט אויס ווי אַ וווּנדערלעכער פליגל וואָס איז אַראָפּ פון זײַנער אַ פאַנטאַסטישער אויסגעציזילירטער מיניאַטור, און אין זײַן בזשעזשינער ייִדיש דערקלערט ער מיר שטיל אַזוי דעם תוכן פון די סטאַטועט און גראַווירן פון אַן עטלעכע־הונדערט־יאָריקער מויער און עס קוועלט פון אים אַרויס אַזאַ קראַפּטיקע פרייד צוזאַמען מיט אַ היימיש־ייִדישער צופרידנקייט פון מה נאה בית זה!...

און די מענטשן גייען דאָ איצט רויִק און פאַמעלעך. דער אַרבעט־טאָג איז שוין הינטער זיי, און דו פאַרגעסט אַז דו ביסט אייגנטלעך אין איינער פון די אַזוי פיל קוואַרטאַלן פון דער ריזיקער פּאַריז.

אַ גרויסער מיר־אומבאַקאַנטער פויגל האָט אַ קרײַז געטאָן איבער אונדז און כ'האָב דערזען איינעם פון די אַזויפיל וווּנדער־פייגל וואָס לײַכטן אַרויס פון טושינסקיס מיניאַטור־צייכענונגען און צערודערן אונדזער געמיט.

ג

בײַם קינסטלער אין שטוב.

קליינע, ענגע צימערלעך, אין אַ הויז וואָס איז שוין אַריבער די הונ־דערט און צוואַנציק יאָר. אַז איר ווילט איז עס אַ פּשוטע דירה פון אַ ייִדיש מסורהדיק פאַרפאָלק, און אַז איר קוקט זיך גוט אײַן, איז עס אַ הויכוווער־טיקער מוזיי. דאָ וואַרפט זיך נישט אין די אויגן ס'מעבל. נישט קיין אַלטס און נישט קיין נײַס. איר גייט דאָ אַרום און ווערט נשתומם פון אָט דער דאָזיקער קינסטלער־היים, וואָס זאָגט אײַך צו בלויז איבערראַשונגען. אָט טרעף איך זיך אָן אויף אַ ספרל וואָס איז דערשינען אין תימן, אין דער שטאָט צנעאָ. דער יאָר־אויפשריפט לייענט זיך: בלי"ג — תאה קץ לביאת משיחנו אכי"ר [אמן כן יהי רצון]. מיר רעכענען אויס אַז עס איז שוין אַ 500 יאָר אַלט. הייסן הייסט דאָס ספר שערי קדושה פון יחי' און יוסף אמסדס

ישׂ"ל. אין זייער אַרײַנפיר בעטן זיי זיך: ואני הייתי יגיע ביגיעה של תורה והייתי מלמד תנוקות של ביר"ב [= בית רבן] וכל המוצא בה שטוט שטות, בבקשה מכם תדינונו לכף זכות. דאָס איז אַ ספרל פון דינים און מינהגים געשריבן אין רש"י־כתב. און אַט שטייס איך זיך אָן אַן חנוכּה־לאָמפּן פון פּוילן, פון מאַראָקאָ, טוניס, פּערסיע, און אַפילו פון די בלאָע יידן פון די אַטלאַס־בערג, וואָס זייערע מײַסטערס האָבן אויסגעמײַסטרעוועט מיט די בלויזע הענט און מיט פּרימיטיווע הילף־כלים, — פון מעש.

אין דער נאָצי־צײַט האָט אין איינעם אַ לאַגער זיך געראַנגלט אַ ייִד וואָס האָט געהייסן קרײַצער. האָט דער דאָזיקער דערשלאָגענער קרײַצער, מיט דער הילף פון אַ געפונענעם טשוואָק, אויסגעמײַסטרעוועט אַ קליי־נעקע האַרציקע סקולפּטורקע — אַ ייִד אַ חסיד פון פּוילן מיט אַ שטעקן אין האַנט. איז אָט די איינציקע קונסט־אַרבעט, אַוודאי פון יענעם לאַגער, אַרײַן אין דער פּריוואַטער זאַמלונג פונעם קינסטלער דוד טושינסקי.

און איר קאָנט דאָ געפינען מענטעלעך אַלערליי פון ספר־תורהס, ידן, קמיעות פון פאַרשידענע לענדער און פאַרשידענע שבטים, און בילדער.

דריי איך זיך אַרום אין אָט די צימערן און קוק, און געפין, און קוויק זיך און באַוואונדער, און אין „הינטערגרונט" הערן מיר מוזיק פון שאָפּען, מאָצאַרט און פּאַגאַניני, אויסגעפירט פון בענווענוטי, דער מאַן פון דיאַנאַ דע ראָטשילד, וואָס האָט געשפּילט לכבוד דעם מײַסטער דעיווי טושינסקי.

קלערט מיר אויף מײַן אויפנעמער:

פאַר מײַן קומען קיין פּאַריז האָט ער אָנטייל גענומען אין אַ מוזיק־פעסטיוואַל, וואָס איז פאָרגעקומען אין וואַנס, דרום־פראַנקרײַך. דאָרט האָט ער אויסגעשטעלט זײַנע אייגנאַרטיקע צייכענונגען אויף מוזיקאַלישע טעמעס. צווישן אַנדערע — די הענט פון טשיפּראַ און לעאָפּאָלד סטאָקאָוו־סקי. זײַן אויסשטעלונג האָט זוכה געווען צו אַ גאָר גרויסן דערפאָלג, קודם כל צוליב דער אָריגינעלקייט פון דער טעמע, אָבער דער עיקר: צוליב דעם באַזונדערן ספּעציפישן אופן פון דער אויספירונג, אַ פאַקט, וואָס אַלע מומחים האָבן מיט באַגײַסטערונג אונטערגעשטראָכן — די דין־דינע פען־שטריכן אין שוואַרץ, וואָס „רעדן" אַראָפּ פונעם ווײַסן הינטערגרונט אין טויזנטער פאַרבן... און דעמלט האָט טשיפּראַ געווידמעט דעם באַרימטן צייכענער די אויבנדערמאָנטע מוזיק־ווערק.

האָב איך זיך געטראַכט: אַשריך, אַז ווייל איז דיר פאָלק מײַנס, וואָס נאָך אַזאַ וויסטן אומברענג עס האָט זיך פאַרהיט כאָטש אַ טייל פון דײַנע אויסדערוויילטע, כדי מיט זייערע יצירות מבשׂר זײַן דער וועלט אַז מיר לעבן, מיר שאַפן און וועלן אייביק שאַפן.

דעצעמבער, 1980

דער אמת זאָל זײַן דײַן שטערן

אין ניו־יאָרק, דער שטאָט אין וועלכער עס וווינט דער אייגנאַרטיקער, שפעדיקער שרײַבער, דערציילער, עסייִסט און בעל־זכרונות ש׳יע טענענ־בוים איז מיט אַ יאָר־צוויי צוריק (1960) דערשינען זײַנס אַ בוך פון אַ נײַעם מין דערציילונגען: אויטאָביאָגראַפישע שריפטן (ערשטער באַנד) א. נ. „דער אמת זאָל זײַן דײַן שטערן". איז דאָך ש׳יע טענענבוים נישט קיין פנים חדשות אין אונדזער ליטעראַטור. אויך זײַן קיניגלעכע רײַכקייט פון לשון, פאַנטאַזיע און שילדערונג, איז שוין גוט־גוט באַקאַנט, דאָך בלײַבט איר שטיין פאַר אַט דעם בוך ווי פאַר אַן אומגלייבלעכער אַנט־פלעקונג.

אַוודאי האָבן שרײַבער און קינסטלער, אין גאַנג צום אחריותדיקן שאַפן, אין אַלע צײַטן און אין אַלע לשונות, געמוזט אַדורכגיין אַלע מדורי גהינום כדי אַרויסצוברענגען, כדי אַרויסצואַנטפּלעקן דעם אמת. נישט איינער איז געפאַלן אין קאַמף, פשוטו כמשמעו, מיטן טויבן אַרום, מיט דער האַרט־נעקיקער סביבה, מיט קאַנאָניזירטע באַגריפן. מיר מײַדן בכיוון אויס פאַר־גלײַכן, ווײַל זיי זענען דאָ אָן אַ צאָל, און נישט אַלע משלים זענען אויפ־געגנייט פאַרן נמשל... די מענטש־געשיכטע ווייסט צו דערציילן פון מ[שה]׳ן אָן און נאָך פריִער, אַז דער דענקער, דער שרײַבער, דער מוכיח איז נישט איינמאָל פאַרשריגן און פאַרשטיינט געוואָרן פון די, וועמענס גוטס ער איז גראָד געוועזן אויסן.

און אין אונדזערע טעג, בעת די ליטעראַטור ווערט אַלץ מער פאַר־וואַנדלט אין אַן אַגיטאַטאָרישער, אין דער פאַרקערטער ריכטונג, (אינעם ערגסטן זין פון דעם וואָרט): ללמדך, אַז אויב דעם פאַטענט פאַר אַגיט.־ליטעראַטור האָבן געהאַלטן אין אַרענדע די פּראָלעט.־פּעטניקעס, דאַרף ווי אַ רעאַקציע אויפקומען — גראָד איצט, בעת די צײַט האָט פון זיך אַרויסגעשלײַדערט אָט דעם מין — אַ נײַע אַגיט.־ליטעראַטור, אַ רעאַק־ציאָנערע, אַ בייזע און בייזוויליקע, אַ ניהיליסטיש־פּאָרנאָגראַפישע, פול סעקס, „לאַנגווײַל", „עצבות", „נאַקעט" אדגל. — איז אַ בוך, וואָס וויל

דיר ווייַזן דאָס מענטשלעכע פּנים אַזוי ווי עס איז, וואָס וויל דיך צוריקפירן צום אמת, בבחינת אוניקום. און אוניקום איז תמיד אינטערעסאַנט אַנדערש.

וועגן וואָס דערציילט אונדז דער מחבר פון דעם בוך „דער אמת זאָל זייַן דייַן שטערן"?

ער דערציילט וועגן אייגענעם פּשוטן לעבן, וועגן לעבן פון זייַנע טאַטע מאַמע, זיידע־באָבע, קרובים. לכאורה, אַ ביאָגראַפישע דערציילונגען־זאַמלונג, אַ קלאָרע ביז שווידער, אַ ממשותדיקע מיט אייגצלהייטן און פּרטים וועגן לעבן פון ייִדן אין געדיכטן פּוילישן ישוב, און דאָך — ווייַל אמת — זענען דאָס הויך־קינסטלערישע נאָוועלעס, רעאַליסטישע סקיצעס און מיניאַטורן, וואָס אין זיי איז אַלץ אַזוי „אויסגעטראַכט", „פאַנטאַזירט", וואָס יעדער קינסטלער, דער מאָדערנסטער, וואָלט דאָס געבוג געהאַט אויף שאַפן די שטוינענדיקסטע ווערק.

און ש. טענענבוים איז אַ קינסטלער. און ער שאַפט טאַקע פון אָט־דערווירקלעכקייט, פון אָט דעם נאַקעטן אמת דערציילונגען, וועלכע רייַסן אייַך מיט און דערשטוינען אייַך.

אָבער טענענבוים פאַרמאָגט אַ גרויסן „חסרון": אין זייַן אייַנגעגלויבט־קייט אין זייַנע אייגענע אמתן, וועלכע קיינער קען נישט און וועט נישט אָפּפרעגן, פאַרלויפט ער דעם וועג זייַנע קינסטלערישע כּלים, און אין פאַר־גאַפּטקייט און פאַרכליניעטקייט פון דעם וואָס עס גיט זיך אים אייַן לעבעדיק צו מאַכן, אין זייַן שאַפן, זייַנע נאָענטע — איבערלאָדט ער די דאָזיקע פּרעכטיקע שילדערונגען מיט איבעריקס, מיט נישט־נייטיקס, מיט אַ שלל פון רייד.

טענענבוים שרייַבט מיט געוואַלטיקער אומפאַרגלייַכלעכער הייסקייט. מיטן בלוט פון זייַן האַרץ פילט ער אָן יעדן זאַץ, יעדעס וואָרט. טיילמאָל דוכט זיך אייַך, אַז ש. טענענבוים זיצט מיט אייַך ערגעץ־ווו און רעדט צו אייַך, און דערציילט אייַך, פּנים אל פּנים, אוממיטלבאַר וועגן אַלץ וואָס האָט געטראָפן, זיך פאַרלאָפן און געשען אין זייַן משפּחה. אָבער אַ שרייַבער — אין קעגנזאַץ צו דעם פּריזער־דערמאָנטן פּריוואַטן דערציילער — איז מחויב זיך אַליין צו קאָנטראָלירן, צי האָט ער נישט פאַרנאַכלעסיקט דעם סטיל, דעם זאַץ־בוי, דאָס לשון. צי דערציילט ער נישט אַמאָל צופיל... איז דאָס און בלויז דאָס, דער שטער, וואָס לאָזט נישט זייַן ווערק „דער אמת זאָל זייַן דייַן שטערן" ווערן דאָס וואָס עס איז: דאָס אמתדיקסטע, דאָס נאָענטסטע ווערק, וואָס איז דערשינען אין די לעצטע יאָרן.

געגוג צו דערמאָנען צוויי קאַפּיטלעך פון אַט דעם בוך „דאָס טויטע געלט פון אַן אימפּעריע" און „דעם זיידנס יינגסטע טאָכטער געניע" כדי צו קריינען דאָס ווערק מיטן נאָמען: עכטע יצירה! דאָ גייט איבער דער אמת פון אַ שרייבער איבער אַלע פאַנטאַזיעס. און זע: אַט האָסטו דאָ גראָטעסק, וואַנזין, גייציקייט און אַפילו קעגנערישקייט צו דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע (אין דער ערשטער דערציילונג), און אַט — „סעקס", פּרעס, אויסגעלאַסנקייט און יידישקייט, און מענטשלעכקייט, און נביאישע שטראָפונגען (אין דער צווייטער דערציילונג) און — ווי הימל־וויט די דאָזיקע צוויי קאַפּיטלעך זענען פון דער הייַנטצייטיקער „מאָדערנער" נאָוועלע, ווו די אויבנאויסגערעכנטע ווערטן זענען אין זיי דער עיקר. ווי הימל־ווייט! אַ טאַטע פול מיט אַזויפיל קעגנזאַצן, מיט אַזויפיל שלעכטע מידות, און אַזוי מענטשלעך, און אַזוי אמת־זוכעריש, ביז שטראָפעריש־נביאיש כלפּי אייגענע עלטערן און שוועסטער! און ווי גרויסמוטיק, ווי מאָראַליש־עכט דאַרף זיין אַ שרייבער אַזוי צו שילדערן אַן אייגענעם טאַטן! איר פילט, אַז שיע טענענבוים וויל, מיטן אויפדעקן אַט־די אַלע אמתן, לייטערן זיך, זיין משפחה און באַזונדער זיין טאַטנס נשמה פאַר דעם אומבאַגרענעצטן בייז, וואָס ר׳האָט אַרויסגעוויזן כלפּי דער פאַר־אָרעמטער שוועסטער געניע און פאַר די צרות וואָס ר׳האָט פאַרשאַפן די קינדער זיינע און דער מאַמען, די דורותדיקע שרה־בת־טובים־מאַמע מיט וועלכע דאָס יידישע לעבן איז אַזוי געבענטשט געווען. און די ליטעראַטור האָט זי נישט ווייניק.

איז עס אַ ווערק, וואָס מוז געלייענט ווערן און... קריטיקירט ווערן; איז עס אַ וווּנדערלעכע שאַפונג פון אַ יידישן שרייבער, וואָס מוז דורכן מחבר אַליין געשליפן און געפוצט ווערן. וואָרעם ש. טענענבוים מוז זיך אַליין צוימען, כדי נישט צו שטערן אונדז מיטגעריסן צו ווערן פון די לאַווע־כוואַליעס וואָס פליסן אַרויס פון זיין האַרץ. פון זיין נשמה. עס מאַכט דיך שטוינען און גאַפן. דו ווייסט נישט וואָס פריער צו באַוווּנדערן אין אַט דעם טאַטן זיינעם: די אומגאָרמאַלע איינפאַלן פון אויפקויפן און איינזאַמלען דאָס צאַרישע פּאַפּיר־געלט נאָכן פאַלן פון רוסישן צאַריזם, גלייבנדיק, אַז די ראַמאַנאָוו׳ס מוזן צוריקקומען, צי דאָס נישט גלייבן דער אייגענער אָרעם־געוואָרענער שוועסטער, און סאַמע ערב־יום־כפּור, בעת זי שווערט מיט בלוטיקע טרערן, פאַלט און חלשט, אַז זי האָט אין מאַרק נישט געגנבעט; צי זיין מאָראַליש ריין געוויסן און שטראָפעריש מויל קעגנאיבער זיין רייכער פאַרשווענדערישער מאַמע און כלפּי זיינע מיט

צאַרישע אָפּיצערן פאַרברענגענדיקע שוועסטערן, צי זײַן שוידערלעכע אכזריות נישט צו דערלאָזן, אַז אַ קרוב פון אַמעריקע זאָל געבן אַ וועלכע ס׳איז שטיצע זײַן אָרעמער לײַדנדיקער שוועסטער.

עס איז שטוינענדיק, גראָטעסק־אַרטיק און אויפשוידערנדיק, אָבער רײנער אמת! שיִע טענענבוים באַווײַזט עס אונדז מיט זײַן הייס האַרץ און סובטעלער נשמה, אויפן קלאָרסטן, רעאַלסטן אופן. מיר גלייבן זײַן יעדע שילדערונג. מיר לעבן עס מיט.

איז עס אַ ווערק וואָס דאַרף געלייענט ווערן. איז עס אַ שאַפונג וואָס דאַרף איבערגעזעצט ווערן און צוגעטראָגן ווערן צו אַלע די וואָס לייענען אמתע עכטע ליטעראַטור.

פּעברואַר, 1962

אַ זינגערין אַ ייִדישע

קליין, צאַרט און זשוואַווע, מיט אַ פיגור פון אַ נאַר־וואָס רײַף־געוואָרענער יונגפרוי, נאָר הינטער איר ליגן מײַדאַנעק, אַשוויענטשים און בערגן־בעלזען. אויגן וואָס ברענען מיטן פאַרבאָרגענעם ליכט פון דורות על־קידוש־השם־גייענדיקע ייִדן, גיבן אַ לײַכט, אַ שפּיל בעתן פאַרטײַטשן אײַך דעם תוכן און דעם טעם פונעם ליד, פונעם ייִדישן ליד, וואָס זי זינגט און שפּילט־אויס.

זי ווערט הויך, העכער, פאַרנעמט מיט זיך דעם גאַנצן שטח פון דער בינע און דאָס גלעקערדיקע קול פון דער מיטליאַריקער זינגערין דרינגט־אַרײַן אין אײַערע אָדערן און צעציטערט אין אײַך געפילן, דערמאָנונגען, סענטימענטן. נאָסטאַלגיע? — ריכטיק: עס דערמאָנט, עס רודערט אויף, עס דערוואַכן בילדער פון אַמאָל.

אָט זעט איר זיך אַליין, אײַער יוגנט, דאָרט אין מזרח־אייראָפּע, בעת לערמאָנטאָווס ליד אין רוסיש, צי אין רייזינס וווּנדערלעכער איבערזעצונג, האָט אײַך נאָך מער פאַרדעמערט אין אײַערע שטעטלדיקע בין השמשותן. אָט איז לייוויק מיט זײַן „אייביק" — און איר פרעגט זיך: ווי לאַנג איז דאָס, אַז לייוויק איז דאָ געווען, אַזאַ ווײַסער איידעלער פּריסטער, און נאָך אינעם קליינעם „יאַשאַ חפץ־זאַל" אין תל־אביב, געלייענט פאַר אונדז זײַנע אויפטרײַסלענדיקע לידער, און צווישן זיי: —

> די וועלט נעמט מיך אַרום מיט שטעכיקע הענט
> און טראָגט מיך צום פײַער און טראָגט מיך צום שײַטער,
> איך ברען און איך ברען און ווער נישט פאַרברענט.
> איך הייב זיך אויף ווידער און שפּאַן אַוועק ווײַטער.

און אָט איז מאַנגער. אָ, ווי זי שפּילט אים, דעם שפּילעוודיק־טרויעריקן פּרינץ פון ייִדישן ליד, מאַכט אים צוריק לעבעדיק פאַר אונדזערע אויגן: „ווי זשע גייט מען שפּעט בײַנאַכט איינינקער אַליין" — — —

און אָט שפּרינגט „רייזעלע" געבירטיג מיט „אירע דראָבנע פיסעלעך" איבער אַלע טרעפּ פון אונדזער זכרון — אין איר וויברירנדיקער שטים, אין אירע צעצונדענע אויגן.

און אַזוי גייט איר נאָך אירע פֿאָלקסלידער און די ליטורגישע (חזנישע) ניגונים, נאָך וועלכע עס ציט איר נאָך פון אירע עלטערנס היים, די היים פון חסידים ותמימים אין יידישן ראַדאָם —

און זי וואַקסט אין איינערע אויגן צוזאַמען מיט אירע לידער, און עס ווילט זיך הערן נאָך און נאָך אָט דאָס קאַלירפולע קול, וואָס אָט איז עס שטאַרק, מיטרייסנדיק, סאָפּראַניש באַרג־אַרויפיק, טייל־מאָל אַפילו סכנותדיק הויך, און אָט איז עס צאַרט, שטיל, פאַרבענקט, שיער נישט טענאַריש טיף־אַראָפּיק און עס פאַרמאָגט אַזאַ יידישן, עכט יידישן נאָמען — ניגון!

*

אונדזער ליבע זינגערין, ווי שוין אויבן אונטערגעשטראָכן: די יידישע, לאָזט אויך הערן אירע געזאַנגען דורך פּלאַטן. קלאָר, אַז איר לעבעדיקע שטים און דאָס עצם זען זי אויף דער בינע ווירקט... אוממיטלבאַר. זי רייסט אונדז פשוט אַרויס פון דער טאָג־טעגלעכקייט. נאָר אָט איז פון פילאַדעלפיע אָנגעקומען אַ נייע לידער־פּלאַטע פון דער באַרימטער זינגערין בינה לאַנדאַו און אונדז איבערצייגט, אַז אויך דורך פּלאַטן איז אַ מחיה זי צו הערן. דאָס מאָל לאָזט זיך הערן איר געבענטשטער סאָפּראַן אין העברעישע און יידישע לידער פון ח. נ. ביאַליק. זי רופט אָן די פּלאַטע „אל הציפור״ און ווי נאָר איר הייבט זי אָן הערן, רופט זי שוין אַרויס בענקשאַפט. יאָ, אַ טאָפּלטע בענקשאַפט רופט אַרויס אָט די „אל הציפור״, — אַ בענקשאַפט נאָך די צייטן ווען מ׳איז נאָך יונג געווען און ביאַליקס לידער האָבן געלאָקט, האָבן צוגעזאָגט, האָבן געוועקט פאַנטאַזיע און געגלעט דאָס אויער און דאָס האַרץ פון דעם אַליין־זינגער און פונעם צוהערער, און — אַ בענקשאַפט נאָך דער זינגערין גופא, וואָס אירע קורצע וויזיטן און אויפטריטן דאָ אין לאַנד האָבן זיך איינגעקריצט אין די הערצער און געמיטער פון די וואָס האָבן זי געהערט.

די יידישע ראַדיאָ־שעה אין ירושלים לאָזט טאַקע, פון צייט צו צייט, הערן אַ יידיש ליד אין בינעס וווּנדערלעכער אויספירונג, דאָס איז אָבער צו ווייניק. בינען דאַרף מען הערן און זען. בינעס שטים קלינגט גלעטנדיק און דערוועקנדיק. דאָס יידיש־ליד, דאָס פאָלקסטימלעכע ווי דאָס פּאָעטישע, קומט אַרויס פון איר מויל ריין און לויטער, אָן פגימות און אָן פאַרקריפּלונגען.

אויף די איצטיקע פּלאַטע מיט די ביאַליק־לידער איז שפּראַכלעך אָפּגעהיטן. דאָס קלאַסישע ביאַליק־ליד קומט דאָ אַרויס מיט זיבן חנען. איז אויב פון פילאַדעלפיע קיין ישראל פאָרט זיך נישט אַזוי גיך, קומען אירע פּלאַטן און פּאַרגיטיקן.

דעצעמבער, 1969

אונדזער לייוויק

א

בשעת ה. לייוויק האָט געדאַרפֿט אָנקומען צו אונדז קיין ארץ־ישראל, שפּעט־זומער 1937, האָב איך געהאַט די זכיה, אַז דער „קלוב" פֿון די ייִדישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין ארץ־ישראל זאָל מיך אַרײַנרע־כענען אינעם באַשטאַנד פֿון דער דעלעגאַציע וואָס וועט פֿאָרן אויפֿנעמען דעם גרויסן גאַסט. מיט אַ נאַכט פֿריִער בין איך געקומען פֿון פּתח־תקוה קיין תּל־אביב, צו נעכטיקן דאָרט (אויף אַ ליג־שטול...) בײַ איינעם פֿון אונדזערע קלוב־חברים, וואָס אויך ער איז צווישן די אויפֿנעמער, און — באַגינען זענען מיר געפֿאָרן קיין חיפה צום פּאָרט.

מיר זענען געפֿאָרן אויפֿנעמען בדחילו ורחימו אונדזער ה. לייוויק.

פֿאַרוואָס קלאַמער איך זיך אַזוי אין דעם טערמין אונדזער?

ווער ס'איז דאָ דעמלט נישט געווען, און אַ פּשיטא שוין דער וואָס האָט צו די ייִדיש־שרײַבערס הי נישט געהערט, וועט עס בפירוש נישט קאָנען פֿאַרשטיין. וואָרעם אַנטקעגן דעם חרם אָדער דאָס אויסמײַדן אונדז צוליב „טאַקטישע" טעמים, וואָס עס האָבן אָנגעהאַלטן אַ גאַנצע ריי ייִדיש־שרײַבערס וואָס האָבן באַזוכט ס'לאַנד, זענען די גרויסמײַסטערס פֿון דער ייִדישער יצירה יוסף אָפּאַטאָשו און ה. לייוויק געקומען צו אונדז, ווײַ־ניקסטנס — אויך צו אונדז. איז זייער קומען געווען פֿאַר אונדז נישט נאָר אומגעהייערער יום־טוב און גײַסטיקע דערקוויקונג, נײַערט אויך ווירקונג און באַווירקונג אויף אונדז און אויף אונדזער שאַפֿן.

ה. לייוויקס רײַכע אידעען־וועלט, וואָס האָט אַזוי זוניק אַרויסגעשײַנט פֿון זײַן שירה, האָט דאָ נאָך מער, און ממש אוממיטלבאַר, זיך אַרויסגעזען און אַרויסגעשטראַלט פֿון זײַן כמעט־סקעלעטיש צאַרטן פּנים און שניי־ווײַסן קאָפּ האָר, און זיך נאָך מער אַרויסגעהערט פֿון זײַן איידעלן מויל.

זײַנע רייד, זײַנע רעדעס און זײַן לייענען די אייגענע לידער זײַנע האָבן איבערגעלאָזט אַ קיין־מאָל־נישט־פֿאַרגעסוודיקן רושם.

ב

איז געקומען צו אונדז דער גרויסער גאַסט ה. לייוויק און האָט דערזען:

צוזאַמען מיטן נס פון אַ בליִענדיקן אויפקומענדיקן געזונטן ייִדישן ייִשוב, צוזאַמען מיטן צעוואַקסן זיך פון דעם וווּנדערלעכן רעטונג־ווינקל פאַר די פאַרפּײַניקטע און פאַרפאָלגטע ייִדן בײַ היטלערן צי בײַ קוזאַ, בײַ קאָץ צי בײַ האָרטי, וואַקסט דאָ אויך און בליט עקספּלואַטאַציע און נישט־דערבאַרעמדיקייט. די שפּראַך פון דעם פאָלק פאַר וועמען מיר שאַפן דאָ און בויען, איז צו שאַנד און צו שפּאָט. די ייִדישע מאַסן וואָס לײַדן און ווערן געפּײַניקט אויף די גאַסן פון דער וועלט — זייער קרעכצן, זייער זינגען און וויינען, זייער קעמפן און שאַפן איז דאָ פרעמד און פאַרפרעמדט. אויך די אידעען וועגן ברידערלעכקייט און באַציִונג צום מיט־מענטש, צום שכן, ווערן אָפּט פאַרלעצט. האָט ער, אונדזער אומפאַרגלײַכלעכער גאַסט, מיט מוט און מיט ליבשאַפט אויסגעשריגן דאָ:

„...זאָלן געבענטשט זײַן די הענט וואָס בויען! זאָלן געבענטשט זײַן אײַערע גאַסן, אײַערע הײַזער! אָבער געדענקט דעם מענטש! זאָל נישט בײַ אײַך קיינער פאַרשעמט און באַליידיקט ווערן. נישט דאָס מויל זײַנס און נישט זײַן נאָז. נישט זײַן וואָרט און נישט זײַן גאַנג...״

איז געוואָרן ליכטיק אויף אונדזער גאַס, ליכטיק אין אונדזערע היימען. מיר האָבן, אַדאַנק דער פיזישער נאָענטקייט, ממשדיק דערפילט, אַז ה. לייוויק איז דאָס גרויסע האַרץ אונדזערס. ער איז דער דיכטער־מענטש, וואָס וויל נקמה נעמען פאַר די אָן אַ שיעור אויטאָ־דאַ־פע׳ס און עקדה׳ס, וואָס האָבן געפלאַקערט און פלאַקערן אין נאָמען פון געטער און אידעען, איז פול מיט רחמים צו די געפּלאָגטע און געפּײַניקטע. אַפילו די ווײַסע קראָליקלעך, וואָס קומען־אום צוליב דער מעדיצין — לטובת מענטשלעכע לעבנס! — באַזינגט ער אַזוי עכט מענטשלעך, איז זיי מספיד אַזוי רירנדיק־האַרציק:

קראָליקל, דו ברודער מײַן,
כ׳נעם דײַן טויט אין זיך אַרײַן.

און עס איז אונדז דערפאַר געוואָרן אַזוי אייגן, אַזוי נאָענט דער זאָג פון ר׳ נחמן מבראַצלעוו, אַז „דאָס מינדסטע בעגעלע פון האַרץ פון דער וועלט איז האַרציקער פון אונדזערס אַ האַרץ״, ווײַל הומאַניזם — דאָס איז דאָס האַרץ פון דער וועלט.

דער געזעגענונג־אָוונט. אַן אויסטערלישער, שטימונגספולער אָוונט. ס'איז דער אָוונט פון יידישן ליטעראַטן־קלוב. דער „יאַשאַ חפץ"־זאַל איז נישט אומשטאַנד אַלעמען אַרײַנצונעמען אין זיך. שטראַלט אַ ליכטיקייט פון די געזיכטער, יום־טובדיקייט שוועבט אין זאַל.

דער דיכטער יוסף פּאַפּירניקאָוו עפנט דעם אָוונט. ס'איז באַגריסונג און געזעגענונג גלײַכצײַטיק. נישטאָ קיין נייטיקייט פאָרצושטעלן דעם גאַסט. פאַר אַט דעם עולם איז יידישע ליטעראַטור — לופט, און לייוויק איז אייגן און זײַן באַזוך איז במילא יום־טוב.

עס רעדט דניאל לייבל:

„לייוויק האָט דאָ אויפגעהויבן דעם כבוד פון דער יידישער שפּראַך און קולטור. האָט דאָ צוגעגעבן כוח דעם יידישן וואָרט. ער האָט געגעבן אַ מאָס דעם יידישן ליטעראַרישן שאַפן אין ארץ־ישראל, ווי ווײַט מ'דאַרף נאָך שטרעבן, כדי צו דערגרייכן די הייך פון אַזאַ ליטעראַטור, ווי לייוויק טראָגט. לייוויקן איז נישט שווער געווען אויפצונעמען ארץ־ישראל, ער האָט נישט געדאַרפט זיך איבערברעכן... דערפאַר איז ער אונדז אַזוי נאָענט, דערפאַר זענען מיר אים אַזוי אייגן".

„גיט איבער אַ גרוס, חבר לייוויק, די יידישע מאַסן, די יידישע שרײַבער, אַז עס זענען דאָ אין יידישן לעבן אין ארץ־ישראל מענטשן, וועלכע שטייען אין קאַמף און אין בוי פון לאַנד און טראָגן ווײַטער דאָס יידישע וואָרט, און בינדן עס צונויף מיטן גאַנצן יידישן שאַפן".

עס רעדט לייוויק.

בילד נאָך בילד פירט ער דורך פון דעם וואָס ר'האָט געזען דאָ אין לאַנד מיטן פאַרשטאַנענעם; פונעם באַמערקטן דאָ און דערשפּירטן. ליכט און שאָטן. העל און טונקל. לעבעדיק בילד ווערט בײַ אים אײַנגעפלאָכטן אין וויזיע, אין זעונג. אָט איז ער בײַם אויפבוי פון ארץ־ישראל און אָט בײַ דער רעוואָלוציע. אָט באַוואונדערט ער אַ קיבוץ, אַ קבוצה, און אָט רעדט ער שוין מיטן אייביקן געשפּענסט — טויט.

די שפּראַך ווערט פון מינוט צו מינוט ליכטיקער, דורכזיכטיקער. באַפליגלט. באַפליישט. אַ רעדע — אַ געשעעניש.

עס שליסט דעם אָוונט מיט אַ דורכלײַכטנדיקער רעדע י. זרובבל. דאָס איז געווען אַ רעדע וואָס האָט געפּאַסט דעם אָוונט, דעם גאַסט און דעם רעדנער.

און עס ווערט אונדז קלאָר: ה. לייוויק, אונדזער ה. לייוויק, האָט דאָ דורכגעפירט אַ היסטאָריש נויטווענדיקע שליחות, דורך דעם וואָס חוץ זײַן פּאָעטישן גרויסווערט האָט ער מיט גרויס מוט אַלע פראַגן וואָס האָבן אים געמאַטערט אויפגעהויבן, און דערמיט דערוועקט רעספּעקט צו די געראַנגלענישן, קאַמפן און דערגרייכונגען פונעם יידישן לעבן אין גאָר דער וועלט, און דורך דעם אויך — צו דער שאַפונג אין דער יידישער שפּראַך.

מיר וועלן דאָס נישט פאַרגעסן!

נאָוועמבער, 1937

תוך און עיקר אין ה. לייוויקס שאַפן

לאָמיר זאָגן שוין בײַם אָנהייב:

מיר וועלן נישט און ווילן נישט שאַפן קיין נײַע טעאָריע וועגן ה. לייוויקס יצירה. זי איז אַלעמען וואויל באַקאַנט. ה. לייוויק איז האַרץ, איז געוויסן, איז שומר החומות, איז רעוואָלט קעגן אומרעכט און איז מזווג אָנהייב מיט לעצטקייט. און מען דאַרף נישט זײַן קיין פּוסק אין הלכות לייוויק־שאַפונג כדי צו זאָגן, אַז אין יעדער שורה זײַנער, אין זײַן יעדן ליד, אין זײַן יעדן ווערק געפינט מען אָט די עלעמענטן — אַ טייל פון זיי, אָדער אַלע אינאיינעם — ווי קאָמפּאָנענטן פון זײַן שאַפונג.

וואָס זשע לאָזט עס אונדז צו הערן? —

אַז דער תוך און דער עיקר פון לייוויקס שאַפן — אָט די אויסגערעכנטע אייגנשאַפטן — זיי אַליין און נאָר זיי הייבן אַרויס דעם מענטש־פּאָעט ה. לייוויק פון די ערדישע געצעלטן פון אַ הײַנטצייטיקן דיכטער און ברענגען אים אַרײַן אין די ספירות און ספערעס פון יידישער און במילא מענטשלעכער אייביקייט.

ס'איז די אומאויפהערלעכע לײַטערונג, אין פּײַן ווי אין פרייד, אין וועלכער אָט דאָס גרויסע דיכטער־האַרץ האַלט זיך אין איין לײַטערן, זיך און דאָס וואָרט, פונעם ערשטן טאָג זײַנעם אָן, ער זאָל פון דאָרט־אויס קאָנען זינגען צו דער לעצטקייט און איר זאָגן —

כ'וועל זינגען אויפסנײַ
דאָס געזאַנג פון די אָ נ ה י י ב ן
לעצטקייט.

מעגן מיר זיך פרעגן:

וואָס איז געווען און איז זײַן אייגענע וועלט, און פון וואָס באַשטייט זײַן דיכטער־וועלט? —

*

זײַן נאָמען איז געווען לוי האַלפּערין. געבוירן געוואָרן אין יאָר 1888, אין דריטן טאָג חנוכּה, אין שטעטל איהומען, וואָס הייסט הײַנט טשערוויען, מינסקער גובערניע. דער בכור פון אַ געזינדל וואָס האָט געציילט נײַן קינדער, בײַ אַ טאַטן אַ בייזן, אַ יורד פון אַ געוועזענער רײַכער משפחה. זײַן דערשלאָגענע גאווה פלעגט ער אויסלאָזן צו לוי׳ן, ווען מ׳האָט גערופן פאַרצויגן לײוויק. מסתמא דערפאַר וואָס לײוויק איז געווען ס׳עלטסטע קינד און אַ געראָטנס דערצו.

אויב מיר זאָלן זוכן דעם שליסל צו ה. לײוויקס כסדרדיקן וואָרענען אונדז קעגן דעם שלעכטס וואָס איין מענטש איז עלול צו טאָן דעם צווייטן און דער אַלמעכטיקער — זײַנע אונטערטעניקע, וואָלטן מיר, דוכט זיך, זייער לײַכט אים געפונען אין זײַן היים, אין זײַן קינדהײט, אין זײַן בייזן רויט־באָרדיקן טאַטן.

שוין אין זײַן ערשטן סאָנאַטן־רינג זינגט דער דעמלט יונגער פּאָעט און דערציילט וועגן זײַן אָפּשטאַם, זײַן טאַטן: —

אַ דאַרער ייִד, אַ רויטער, אויגן צוויי
אַט זינקען זיי און אַט פאַרשנײַדן זיי זיך ברייטער
ברעמען איבער זיי — ווי שפּיזן אָנגעשאַרפטע פאַר מאָרד;
און גערעדט האָט ער — געשטורעמט שטאַמלעניש
פון וואָרט...

גאַנצע ציקלען לידער, געווידמעטע — דירעקט צי אומדירעקט — זײַן טאַטן, זײַן מאַמען, זײַן היים און סביבה האָט ה. לײוויק געשאַפן זינט זײַן אָנהייב ביז הײַנט צו טאָג. אויף די וועגן און שטעגן פון זײַן יצירה קאָן מען צונויפנעמען און אַרײַננעמען אין זיך די בילדער און בילדער־שפּליטערס וואָס טויכן־אויף מיט אַזאַ וווּנדערלעכער צעשטראַלונג, און אָן באַזונדערער מי צונויפשטעלן פון זיי דאָס פולע און אומבאַפלעקטע לעבנסבילד פון דעם מאַכטיקן רופער און וועקער צו שלום און גוטסקייט, צו האַלטן הייליק דעם מענטש, זײַן גוף און זײַן לעבן.

אָבער נישט נאָר דאָס.

בײַ זײַנע ווערק קאָן מען לערנען ווי עס גשטאַלטיקט זיך דער מענטש, און באַזונדער — דער ייִד־מענטש; ווי אַזוי ווערט אמת און ווירקלעכקייט

פאַרוואַנדלט אין ליטעראַרער פּאָעזיע, ווי אַזוי פּשוט ייִדיש וואָרט איז בכּוח אַרויסצוגעבן פֿון זיך הויכע, הימלגרייכנדיקע רעיונות און אײנציִיטיק אויפטרייסלענדיקע אַליאַרם־רופן, וואָס צעשטורעמען געמיטער מיט זייער עטישער מסירות און מאָראַלישע אימפּעראַטיוון. ווייל אַלץ לעבט אין אים און אין זיין וואָרט, אַפילו דער טויט.

גאָר יונג באַקאַנט ער זיך מיטן טויט, בעת זיין פיר יאָריק שוועסטערל ווערט אַרומגעכאַפּט מיט פלאַמען, צוליב אַ פונק וואָס איז אַרויס פון אויוון, אין וועלכן זיין מאַמע האָט געבאַקן בייגל אויף צו קאָנען שפּייזן מיט זיי איר געזינדל — בייגל־פּרנסה — און ס׳שוועסטערל מאַטערט זיך אָפּ אַ יאָר און שטאַרבט, אָבער גאָר פרי באַקאַנט ער זיך אויך מיטן לעבן.

ער לערנט אין „חדר״, אין ישיבות, עסט „טעג״ ביי פרעמדע טישן, לעבט איבער בזיונות און פּיינען, הייבט ער גאָר פרי אָן דאָס אַלץ צו באַשרייבן אין לידער (צו ערשט אין עברית); ער ווערט אַ רעוואָלוציאָנער, מ׳זעצט אים איין אין דער מינסקער תּפיסה. אַ געקאָוועטן אין קייטן שיקט מען אים מיטן עטאַפּ קיין סיביר, טרעפט ער אויף זיין מאַטער־וועג מענטשן וואָס רופן ביי אים אַרויס באַוואונדערונג, אָבער אויך אַזעלכע וואָס זענען אים גורם ביטערע אַנטוישונגען. זאַפּט איין דאָס סענסיטיווע האַרץ פון דעם יונגן אין יסורים־אויסגעפּרוּווטן לייוויק אָט דאָס גאַנצע בייזס און שלעכטס, ביז עס שפּאַרט פון אים אַרויס אין ליד, אין פּאָעמע, אין דראַמע און אין זכרונות.

אויך דאָס פרוכטבאַרע שאַפן זיינס איז אַן עדות און באַווייז פאַר דער גרויסקייט און ברייטקייט פון זיין ברויזנדיקן האַרץ. חוץ די לידער זיינע אין עברית און די דראַמע אין עברית וואָס איז אים געגאַנגען לאיבוד, זענען דערשינען לייוויקס ניין ביכער לידער און פּאָעמעס, אַכצן דראַמאַטישע ווערק און עטלעכע ביכער זכרונות און רייזע־באַשרייבונגען, דערצו פיל הונדערטער רעדעס און מאמרים. אָבער נישט די שפע זיינע איז געווען די סיבה פון זיין באַליבט און באַרימט ווערן. פאַר יעדן פאַל — נישט נאָר דאָס. מיר זענען תמיד געווען און געבליבן אונטער דער פאַרכאַפּנדיקער השפעה פון זיין וואָרט, וואָס דער ווייסער צויבער פון העכערער מאָראַל האָט פון דעם אַרויסגעלויכטן. ס׳איז גענוג צו הערן פון זיין מויל אַ ליד, אַ רעדע אָדער דאָס אַליין לייענען, כדי צו ווערן אין אים פאַרגלייבט און פאַרליבט, כדי צו ווערן באַצוווּנגען פון דעם מאַגישן כוח פון זיין יצירה, פון זיין פּערזענלעכקייט. וואָרעם געלייטערטער ציטער איבערן לעבן און פאַרנעמיקע אידעיִשע אַריינטראַכטונג זענען געווען דער תּוך און דער עיקר פון זיין שאַפן, פון זיין זיין. זיין אייגענער יחידישער צער, וואָס לכאורה איז ער דאָך

דער אַנצינדער פון זײַן הייס אידעענפול האַרץ, איז קיין מאָל נישט געבליבן בײַ דער שוועל פון זײַן אייגן לעבן, נײַערט תמיד זיך באַהעפט און צונויפ־געגאָסן, ווי אין אַ זודיקן קעסל, מיט קאָלעקטיווער צעפּײַניקטקייט, געזעל־שאַפטלעכער דערשלאָגנקייט, קלאַסן־אויסנוץ און פאַרדאָרבנקייט. נאַציאָנאַלע פאָלקישע בעיות זענען בײַ אים געווען געבונדן און געקניפּט מיט אַלוועלט־לעכע, אַלמענטשלעכע פלאָגן און קלאָגן. אָט דאָס אַלץ, מיט אַ צולאָג: ווי ווערט מען פון דעם אויסגעלייזט? — איז געווען דער קווינטעסענץ פון זײַן יצירה.

אָט איז ער, דוכט זיך, פאַרזונקען אין ווײַטס, אין פרעמדס, ער דערזעט ווי „אויף אַ ווײַסן וועג שפּאַנט אַ גייער" און ער טוט צו אים אַ זאָג: „כ'וועל קומען צו דיר, כ'וועל קומען"... און אָט ווײנט אין אים יעדער אות אויפן צער פון געשלאָגענע לײַבער; אָט רעדט ער און זינגט „לידער צום אייביקן" און עס דוכט, אַז דאָ גייט אַ כהן גדול אָפּריכטן זײַן עבודה דעם אַלמעכטיקן בורא, צום סוף הערן מיר רייד פון פּראָטעסט און מרידה, איז טאַקע דאָס דער תוך און עיקר פונעם גאַנצן לייוויק.

*

לאָמיר געדענקען:

זינט לייוויקס לידער „פון קיינעמס לאַנד" (1923) ביז זײַנע „נײַע לידער" (1932), וואָס דאָס מיינט: צען באַדײַטנדיקע יאָר פון זײַן שאַפן, ווען עס האָט געברויזט און געזאָטן אין דער יידישער ליטעראַטור, — פון די אָנהייב צוואַנציקער ביז די אָנהייב דרײַסיקער, — דאָמינירן בײַ אים די טעמעס פון פּײַן און פון טויט. דאָס קאָן קיינער נישט אָפּלייקענען. אָבער אַז עס קומט אַרויס די קריטיק, וואָס אין איר גרויסן רוב איז זי אין יענער צײַט געווען אָריענטירט, לפּחות, אויף די אויסזיכטן, אַז אָט־אָט ווערט די וועלט אַ גן־עדן... און צעשרײַט זיך, און באַפאַלט אים, הלמאַי שפּײַזט ער אונדז מיט בלוט און מיט אײַטער. פאַרוואָס ווײַזט ער אונדז, אין זײַנע שאַפונגען, בלויז בלוט, וווּנדן און טויט, קומט לייוויק אַרויס מיט אַ ליד א. נ. „ליד וועגן זיך" און קלערט אויף די סיבות אין זײַן כאַראַקטעריסטישן לשון: —

איך האָב געזען געשמיסענע לײַבער
און בלוט איז גערונען פון זיי;
אַז איך בין געוואָרן דערנאָך אַ שרײַבער,
האָב איך געשריבן לידער פון שניי.

האָבן מענטשן ליב געהאַט די לידער,
ווײַל זיי זענען געווען ווײַס ווי שניי.
און מיר זענען זיי געווען אָפּט דערווידער,
ווײַל איך האָב פֿאַרדעקט בלוט מיט זיי.

האָב איך גענומען איינמאָל די פּעדער
און אָפּגעשאַרט דעם שנייִקן שיכט.
און דערשפּירט האָט מיט שרעק אַ יעדער,
ווי די ערד וואַרפֿט אים בלוט אין געזיכט.

דאָס בלוט איז געווען נאָך וואַרעם,
ווי פֿאַרגאָסן אין דער לעצטער מינוט;
האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ בייזער ליאַרעם:
צו וואָס פֿײַניקט ער אונדז מיט בלוט?

א. אַז. וו.

אָבער נישט נאָר דאָס. לייוויק פֿאַרגעסט אויך נישט אָנצוווײַזן „וועמען מען דאַרף", אַז נישט נאָר זענען זיי נישט גערעכט כּלפּי אים, נאָר אַפֿילו אויך כּלפּי זיך אַליין, כּלפּי די גלייבערס אין אַ באַלדיקער וועלט־אויס־לייזונג. והא ראיה: אָט ווי עס זעט אויס אין ניו־יאָרק אַן ערשטער מאַי־דעמאָנסטראַציע: —

אויף יוניאָן־סקווער מאַרשירן קאָמוניסטן,
אויף פֿינפֿטער עוועניו מאַרשירן סאָציאַליסטן,
און צווישן זיי — אַז אַך און וויי — די פּאָליציי!...

און אַזוי פֿון ליד צו ליד, פֿון ווערק צו ווערק. און הגם ער פֿאַרמישט די מאָטיוון, אָט דערציילט ער אונדז, ווי שוין אויבן דערמאָנט, וועגן אַ ווײַסן, ווײַטן וועג אויף וועלכן עס שפּאַנט אַ מיסטישער גייער און אָט פֿאַלעמיזירט ער דיכטעריש־מוטיק מיט פֿאַרפֿירנדיקע אידעען, פֿאַרגעסט ער אויף איין מינוט נישט, צו אויסרופֿן און מעלדן דער גאַנצער וועלט, אַז ר'איז אייביק, אַז דאָס פֿאָלק איז אייביק, אַז נישט געקוקט וואָס די „וועלט" נעמט אים אַרום מיט שטעכיקע הענט און פֿאַרראַט רינגלט אים אַרום אַפֿילו אין תּפֿיסה־צעל, הייבט ער זיך אויף ווידער און שפּאַנט אַוועק ווײַטער. און לייוויק רופֿט מיט טראַציקער כּוונה אָן אָט דאָס ליד מיטן נאָמען אייביק, ללמדך, אַז אַ ייִדישער דיכטער, כאָטש ער זעט און פֿילט אויפֿן אייגענעם

לײַב אָט דאָס גאַנצע מיאוס׳ און שלעכטס פון דער וועלט, וועט נישט און טאָר נישט פאַריאושט ווערן. שבע יפּול צדיק ויקום — זיבן מאָל, הונדערטער מאָל זיבן וועט דער גערעכטער, רעכטפאַרטיקער מענטש פאַלן און וועט אויפשטײן, גײן ווידער און װײַטער.

איז אַוודאי נישטאָ אין דעם קײן נײַס. דאָס איז דאָך דאָס נצחדיקע, דאָס אײביקע וואָס דער ייִד טראָגט מיט זיך, און אַוודאי אויך יעדער רעכט־פאַרטיקער מענטש פון צווישן די פעלקער, אָבער שוין די־אָ אומפאַרגלײַכ־לעכע אַרויסברענגונג אין פלאַמיקער שירה, ז׳ באַשטימט. דאָס איז די וואָרצלדיקייט וועלכע איז באַזירט און אַנגעשפּאַרט אויפן ייִדישן גורל און אויף דעם ייִדס מסורהדיק שטרעבן אויסגעלײזט צו ווערן. פון תמיד אָן האָט דער ייִד געגלייבט אין נצח ישראל און אין דער אַלמענטשלעכער שליחות וואָס איז אויף אים אַרויפגעלײגט געוואָרן. דערפאַר, אַז ה. לײוויק שפּאַנט מיט זײַן פּאָעטיש־מאָראַלישן שפּאַן איבער די שליאַכן פון ייִדישן לעבן, זעט ער אומעטום דאָס לויערן פון טויט, די האַק, דעם שטריק, די קייטן, און גראָד דורך זײ, און טראָץ זײ, דערגרייכט ער און דערגרונטעוועט זיך צום ייִדישן היסטאָרישן גאַנג איבער דער וועלט און איבער די צײַטן — צו מענטשנליבע, צו שײנקייט, צו שלום.

*

האַרבסט 1937.

לײוויק באַזוכט ארץ־ישראל. צווישן אַנדערע ערטער אין לאַנד באַזוכט ער אויך פּתח־תקוה, מײַן שטאָט. שטײט ער אויף דער בינע פונעם גרויסן טעאַטער־זאַל „היכל" אַ לויטערער אַזאַ, אַ װײַסער, אַ װײַטער און אַ ביז גאָר נאָענטער. דער גאָר גרויסער עולם — צווישן זײ אַ סך יוגנטלעכע, וואָס לכאורה פאַרשטײען נישט קײן ייִדיש — האַלטן אָפן מויל און אויערן און זאַפּן אין זיך אײַן די באַצויבערנדיקע רייד וועגן גאולה פון מענטש, פון פאָלק, פון פעלקער. עס איז זײ אָבער באַשערט צו טרינקען פון זײַן לויטערן מויל ביטער־ביטערע רייד וועגן דער טראַגעדיע פון די דער־לײזערס, וואָס כדי צו דערהאַלטן אין זייערע הענט די דערלײזערישע מאַכט, פאַרגיסן זײ ימים מענטשלעך בלוט.

דער עקזאַלטירטער רעדנער טוט זיך אַ דירעקטן ווענד צו דער מאַסע צוהערערס און צאַפּלט אויף: —

אין דער פרשה „האזינו" ווערט דערציילט — און יהואש זעצט דאָס איבער אין ייִדיש — אַז גאָט האָט געזאָגט צו משהן: גײ אַרויף צו דעם דאָזיקן באַרג עברים, דעם באַרג נבו וואָס אין לאַנד מואב, וואָס אַקעגן

יריחו און קוק אָן דאָס לאַנד כנען וואָס איך גיב צו די קינדער פון ישראל פאַר אַן אייגנטום, און שטאַרב אויף אָט דעם באַרג״... אַ ביסעלע ווײַטער ווערט געזאָגט: „פון דער ווײַטן וועסטו זען דאָס לאַנד, אָבער קומען אַהין וועסטו ניט״ ...און אין דער פרשה „וזאת הברכה״ ווערט דערציילט: „און קיין מענטש ווייסט נישט זײַן קבר ביז אויף הײַנטיקן טאָג״ — פרעגט זיך און מען מוז דאָס פרעגן: פאַר וואָס אַזאַ שטראָף? פאַר וואָס אַזאַ טראַגישער סוף האָט אויסגעטראַכט די תנ״ך־לעגענדע פאַר דעם גרעסטן, אומפאַר־גלײַכלעכן פירער און אויסלייזער, אויף וועמען די זעלבע תורה זאָגט: „ולא קם נביא עוד בישראל כמשה״ — פאַר וואָס איז אים געקומען אַזאַ באַצאָלונג? ענטפערט דאַרויף דער מדרש, ווײַל זײַנע הענט האָבן געשלאָגן (דעם שטיין) און פאַרגאָסן מענטשלעך בלוט (דעם מצרי). דאָ האָט לייוויק זיך אַ ריס געטאָן אויף דער בינע, און אונדז מיטגעריסן, און אַ פרעג געטאָן: פאַר דערשלאָגן אַ מסוכּנדיקן מצרי און שלאָגן אַ שטיין אין מידבר, כדי ער זאָל געבן וואַסער דער דורשטיקער עדה, אַזאַ שוידערלעכע שטראָף, וואָס זשע פאַר אַ שטראָף קומט שוין אַן אויסלייזער, וואָס אין נאָמען פון אַ „בעסערן מאָרגן״ פאַרגיסט טײַכן און ימים מענטשלעך בלוט?! — — —

מיר האָבן לייוויקן דערזען אין זײַן פולן שטראַליקן ליכט. אָט דאָס איז ער דער דיכטער ה. לייוויק און אַזעלכע זענען זײַנע געדאַנקען, געפילן און ממילא די שאַפונגען זײַנע. דאָס איז דער סוד און די אָפנבאַרקייט פון זײַן בונטאַרישקייט און דאָס זענען דער תוך און דער עיקר, כ׳וואָלט זאָגן: די ווינטן וואָס בלאָזן און באַוועגן די זעגלען פון זײַן מאַכטיקער דיכ־טער־שיף.

פון זײַן ערשטן בוך לידער „הינטערן שלאָס״ (1918) ביז די איצטיקע לידער, שוין געשריבענע אין זײַן קראַנק זײַן, גייט דורך איין רויטער פאָדעם פון בונט און אנטקעגנשטעלונג, פון מאָנונג און פאָדערונג, און פון דער דראַמאַטיש־טראַגישער פראַגע: פאַר וואָס?! אלא, עס דאַרף געזאָגט ווערן קאַטעגאָריש: נישט ווי איינער וואָס האָט כאילו הנאה פון אָט דער פּײַניקונג, ווי די „קריטיק״ האָט אים פאַרגעוואָרפן, נאָר פונקט פאַרקערט. פון זינט „די קייטן פון משיח״ (1908), דורך דעם „גולם״ און די „גאולה־קאָמעדיע״, אַרײַנגערעכנט די דערשיטערנדיקע ליבע־פּאָעמע „אַבעלאַר און העלאָיז״ זעט זיך צום בולטסטן אַרויס ווי ריין און לויטער איז דאָס געוויסן פונעם דיכטער און ווי ער אַליין, לייוויק, לעבט־מיט און לעבט־איבער דאָס אַלץ וואָס ער זינגט און וואָס עס זינגט פון אים אַרויס.

*

אויגוסט 1957. ירושלים.

עס קומט פאַר אַ גרויסער אידעאָלאָגישער וועלט־כינוס און ה. לייוויק רעדט אויף דער טעמע „דער ייִד — דער יחיד”. לייוויק ווײַזט אויף, אַז יעדער ייִד, יעדער ייִדישער יחיד דאַרף זיך אָפּגעבן אַ חשבון־הנפש און „שטיין פאַר אַן אייגענעם באַרופענעם רבים, ווי מען שטייט פאַר אַ שפּיגל אָפּצושפּיגלען אין אים דאָס אייגענע פּנים, און דער שפּיגל זאָל זײַן ריין און לויטער, און אונדזער יעדנס אָפּשפּיגלונג זאָל זײַן אמתדיק און ברענגען דערלײַטערונג, התקרבות און טרייסטונג”. דערבײַ גערעדט וועגן דעם מיאוסן גלות און דער שיינקייט פונעם ייִד אין דעם דאָזיקן גלות. ווער עס איז דאָרט בײַגעווען איז גײַסטיק און פיזיש אויפגעטרייסלט געוואָרן בעת ער האָט אויסגערופן: „די אמתע באַהעפטונג מיטן תנ"ך איז פאָרגעקומען גראָד אין די צוויי טויזנט יאָר לעבן אין גלות... די גלותדיקע שרה בת טובים איז מער אַ תנכישע געשטאַלט ווי בת שבע, צוליב וועלכער דוד המלך איז באַגאַנגען אַ פּשוטן מאָרד קעגן אַן אומשולדיקן מענטש... די געשיכטע ווי אַזוי אַ שוסטער־יונג הירשקע לעקערט האָט אַרײַנגעשאָסן קוילן אינעם ווילנער גובערנאַטאָר פאַרן שמײַסן ייִדישע אַרבעטער דעם ערשטן מאַי, און איז צוליב דעם געקומען אויף דער תליה — איז נישט ווייניקער תנכיש פון דער מעשה ווי דער פאַסטעך דוד האָט געוואָרפן אַ שטיינדל אין גלית הפלישתי”. פון דאַנען איז לייוויק דערגאַנגען צו עקדת יצחק און דערציילט: אַז ער האָט דערהערט ס'ערשטע מאָל אין זײַן לעבן, — לערנענדיק אין „חדר”, — פונעם מלמדס מויל ווי אברהם אבינו בינדט זײַן זון יצחק און נעמט זיך שוין צום חלף, האָט ער זיך זייער שטאַרק צעוויינט, ערשט אַז ער האָט דערהערט ווי דער רבי זאָגט־נאָך דעם מלאכס רייד „שטרעק נישט דײַן האַנט צום ייִנגל” איז ער אַרויס מיט אַ יאָמערלעך געוויין. פרעגט אים דער רבי: „פאַר וואָס וויינסטו איצט? יצחקל איז דאָך געבליבן לעבן”! האָט ער געענטפערט דעם מלמד: „אָבער וואָס וואָלט געווען, רבי, ווען דער מלאך פאַרשפּעטיקט אויף איין רגעלע?!” און אָט, פירט לייוויק ווײַטער, אָט האָבן אַלע מלאכים פאַרשפּעטיקט, קיינער פון זיי איז נישט געקומען העלפן, און עס זענען פאַרשניטן געוואָרן זעקס מיליאָן ייִדן. קאָן מען נישט וויינען?... קאָן מען נישט שרײַען?...

אָבער לייוויק פירט אויס, אַז נישט וויינען דאַרפן מיר, נאָר מאָנען און דערמאָנען. און ער אַליין שטעלט זיך אַוועק אין זײַן יצירה ווי דער גרעסטער מאָנער און באַשולדיקער. טוט ער זיך אַ ווענד צו דעם וואָס האָט, כביכול,

געדאַרפט שיקן זײַנע מלאכים, און זאָגט צו אים: גענוג! איך וויל נישט מער זײַן גערעכט! —

מײַן אוממאַכט שרײַט פון מיר אַרויס
צו דיר, וואָס אייביק ביסטו מעכטיק,
טאָג אײַן — טאָג אויס, טאָג אײַן — טאָג אויס,
כ׳בין קראַנק פון אייביק זײַן גערעכטיק

אַזוי אָ האָט ה. לייוויק, איינמאָליק אין דער ייִדישער פּאָעזיע, אויסגעשריגן אונדזער וויי, זוכנדיק אָ „סיבה״ פאַר אָט דער שרײַענדיקער אומבאַרעכטיקטער מעכטיקייט פון די כוחות וואָס מאַכן אונדז אייביק גערעכטיק. נישט קיין מיטלייד זוכט פאַר אונדז דער דיכטער, נייערט ענדערונג, אויסלייזונג. אָבער דאָ שלאָגט זיך דער גרויסער הומאַניסט אָן אָן אָ צווייטער שרײַענדיקער אומגערעכטיקייט: וואָס טוט מען אַז דער וואָס קומט אויסלייזן זאָל כאָטש האָבן ריינע הענט? אַז די גאולה, אויב זי וועט קומען, זאָל זײַן אָ הומאַנישע, אָ ווײַסע, אָ קלאָרע, אָ געלײַטערטע, נישט קיין בלוטיקע. לייוויקן, ווי אונדז אַלעמען, האָט דערווײַל דאָס „גליק״ נישט צוגעשפּילט צו געפינען אַזאַ דערלייזער. האָט ער געזוכט אין זײַן גאולה־קאָמעדיע צו שאַפן אָ סינטעז צווישן דעם בלוט־פאַרפלעקטן פירער פון די גוג ומגוג־מלחמות, משיח בן־יוסף, מיט דעם ריינעם, אומבאַפלעקטן הייליקן משיח בן־דוד.

דערמאָנט זיך, אַז בעת די העברעיִשע „הבימה״ האָט געשפּילט די פאָרשטעלונג „דער גולם״, ווו דער גולם הייסט יהודה און נישט יאָסעלע, און געהאַלטן בײַ דער סצענע ווי דער מהר״ל איז זיך מתגבר איבער זײַן אייגענעם באַשעפעניש — דעם גולם, און נעמט בײַ אים צוריק אַוועק דעם רוח החיים, קומט אַזוי גרויליק צולויפן דער לץ, דער משוגענער, און טוט אַזאַ שוידערלעכן פרעג: מי יציל? ווער זשע וועט ראַטעווען? — איז דאָס איינס פון די הויפּט־פּראָבלעמען וואָס באַאומרויִקן לייוויקן, וואָס באַאומרויִקן אַלעמען וואָס וואַרטן און לעכצן נאָך אַ רעטער. דאָס איז טאַקע איינע פון די צענטראַלע מאָטיוון אין ה. לייוויקס שאַפן. דער מאָטיוו פון גאולה, געבויט אויף אגדתא׳ס און לעגענדעס, אָבער אויך אויף בלוטיקע פאַקטן פונעם לעבן. און אַוודאי אויף די מיינונגען פון חז״ל און אַנדערע דענקער, אַז אויב אַ דערלייזער באַניצט זיך, ווען אַפילו מיט די בעסטע כוונות צו דערגרייכן אויסלייזונג פאַר זײַן פאָלק צי פאַר זײַן קלאַס, מיט ברוטאַלער פיזישער קראַפט, וועט ער אַליין אומקומען, צוזאַמען מיט די

ווען ער ברענגט אום. און קיין גאולה וועט ער נישט ברענגען. ווי האָט געזאָגט ר׳ אולא און רבה („סנהדרין״): ייתי ולא אחמינא. אויב אַזוי דאַרף אויסזען און זיך פירן דער משיח, זאָל ער קומען און איך זאָל אים נישט זען...

גאָר בולט זעט זיך אויך אָן דער מאָטיוו פון שליחות. ה. לייוויק זעט זיך בפירוש ווי אַ שליח פון זײַן פאָלק, פון מענטש בכלל. ווי עס וואָלט אויף אים געלעגן אַ חוב צו מאָנען און צו היילן, צו אַלאַרמירן און אָנווײַזן. אויך די טאָטע־מאַמע־מאָטיוון און דאָס הייליק האַלטן דעם מענטשס גוף געהערן צו דעם עיקר און תוך פון לייוויקס שאַפן. לייוויק וויל געפינען אַ לעזונג פאַר זײַנע צעריסענע וועלטן. דער דיכטער וויל אונדז באַווײַזן, אַז די עקשנות פון זײַן טאַטן, די פאַרביטערטקייט זײַנע, זענען אויף זייער אייגענעם שטייגער געווען ייִדישע עקשנות, ספּעציפישע. און מכוח זײַן אָננעמען זיך פאַר דער הייליקייט פון גוף, גייט דאָס טאָקע אויך אין די פוס־טריט פון דער מסורה, חז״ל, ייִדישע מידות, ס׳איז אָבער אָן קיין שום ספק אַ רעזולטאַט פון זײַנע אייגענע פיזישע לײַדן. מיר זעען דאָס אין אַ סך פון זײַנע לידער, פון זײַנע אָן צאָליקע פּאָעמעס, אין דער אויפ־טרייסלענדיקער פּאָעמע־טראַגעדיע „אַבעלאַר און העלואיז״, גאָר באַזונדער אין די אומפאַרגלײַכלעכע „לידער פון גן־עדן״.

ה. לייוויק איז דער אומגעהייערער שטורמער און וועקער פון געוויסן אין אונדזער דור. ער גייט און שפּאַנט געאָרעמט און צעבלוטיקט מיט דער עקידה און איוב, מיטן „גולם״ און מיטן „שאָפּ״ און „שמאַטעס״; מיט דער אויסגעלײַטערטער ליבע פון אַבעלאַר און העלואיז און מיט נתן ניומאַן אין דער דענווער סענאַטאָריע, ווי דער פאַרנײַנער פון אַל דאָס שלעכטס; ער פּרוווט פאַרגופן דאָס אַלץ אין זיך, מיט זיך, מיט שטרעבן צו זײַן דער אָפּלייזער און אויסלייזער דורך וואָרט, דורך געלײַטערט פשוט וואָרט און עקסטאַטישער שירה.

פון אַ רעדע, יאַנואַר, 1961

איז אַוועק דער זינגער צו אָפּענע הימלען

(אין דער שבעה נאָך ה. לייוויק)

א

דער טויט וואָס קומט און אַנטשיידט אין אייביקן געראַנגל צווישן מענטש און מענטש, צווישן מענטש און וועלט, צווישן מענטש און גאָט, איז געקומען און אויסגעלייזט דעם זינגער און זעער, דעם פרעגער און מאָנער, דעם פּײַנלעך־באַהאַרצטן בעל־תפילה פון זײַנע גופישע יסורים

און אים אַרײַנגעפּירט אין דער ספערע פון די אָפענע הימלען, צו וועלכע ער האָט געזונגען נאָך אין סאַמע אָנהייב פון זײַן תּאווה׳דיק שאַפן —

...איצטער אין אָוונט,
מסתמא איז אָוונט אויך דעמלט געווען.
געשניטן פעלד, —
מסתמא איז דעמלט אויך שניטצײַט געווען.
פעלד געווען,
אָוונט געווען,
ליד געווען.
דו.
דו.
געווען.
ביסט.
זאָלסט אייביק זײַן. (פון ליד „אָפענע הימלען")

קאָן אַ מענטש אייביק זײַן? קאָן דאָס זײַן אַ ליד? — עס קאָן און עס קאָן. אויב עס טראָגן אין זיך, דער מענטש און דאָס ליד, די אומאויסשעפּלעכע ליבע צו שיינקייט און אמת, די אומאויפהערלעכע זאָרג צו גאַנצקייט און געלײַטערטקייט און „די פּײַן פון אייביק זײַן גערעכטיק", אויב זײַן וויזיע איז איינפאַך ווי דאָס לעבן און פונקט אַזוי פאַרברייט און פאַרטיפט, אויב זײַן איך וואַקסט־אַרײַן אין די טויזנט געוועבן פון דעם נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן איך — איז דאָס ליד געווען, דער אָוונט געווען, דער שאַפער געווען און וועלן אייביק זײַן.

דער טויט וואָס האָט געשוועבט און געהויזט אין זײַן שורה און שירה, פון זינט ר׳האָט אים דערקענט אין זײַנע פריסטע יאָרן אין איהומען, (בעת ר׳האָט אויסגעלייזט, ווי אים איצט, פון פײַנען און ווייען זײַן ברענענדיק פּיר יעריק שוועסטערל); דער טויט וואָס האָט זיך באַוויזן צו אים הינטערן שלאָס און אויף די וועגן סיבירער און געוואָרן מיט אים אַזוי אָרגאַניש און היימיש אין דער דענוועער באַלאַדע, ביז זײַן שטאַרבנדיקער שכן האָט געקאָנט מעלדן —

אַז איך האָב בײַם שטאַרבן נישט געליטן
און אַז איך האָב געזען מיט אויגן קלאָר
די זון אין הימל אויפן רעכטן מיטן,
און אַלץ געווען איז **ווײַסע העלע וואָר.**

דער טויט וואָס נאָך מיט פערציק יאָר צוריק (אין זײַן ערשטן סאָנעטן־רינג פון 1922) האָט שפּאַצירט אין זײַן שאַפן און פאַרבונדן וויזיאָנעריש־ממשותדיק דעם קבר־טראַכט מיט דער מוטער־טראַכט —

אָוונט. נאַכט. סעפּטעמבערדיקע נאַכט.
איך האָב זיך באַהעפט מיט טויט געקרוינטן לעבן.
ווי עס שלענגלען זיך צום האַרבסט געפּלאַנץ־געוועבן,
שלענגל איך זיך אויך פון מוטער־טראַכט צו קבר־טראַכט.

אָט דער היימישער, אינטימער, אייגענער אייביק־דערוואַרטער טויט איז געקומען און אים אויסגעלייזט פון יאָרן געליימט זײַן און אים דערפירט צו זײַנע ווײַסע, קלאָרע, געלײַטערטע אָפענע הימלען.

ב

איז לייוויק געווען בלויז און נאָר דער חוזה פון טויט און פון הימלישער דערלייזונג? האָבן זײַנע פּײַנען און לײַדן, ספיקות און אנטוישונגען אים געמאַכט פאַר דעם פּאָעט־אויסדריקער פון בלויזער ווײ און מאַטער, און פאַרן פאַרניינער פון לעבן? —

ניין, און טויזנט מאָל ניין.

דער טויט וואָס קאָן נישט באַזיגן דאָס לעבן, — אַ טאָג פאַרגייט און אַ נײַער טאָג קומט — האָט אויך דעם דיכטער פון פּײַנען און פּײַניקונג, פון מיסטישן ווײַס און ממשדיקן שוואַרץ, נישט געקענט, בעת זײַן לעבן און שאַפן, אים אַרויסרײַסן פון דעם וווּנדערלעך־שיינעם וואָס דאָס לעבן פאַרמאָגט, און אַפילו דאַן בעת ר׳האָט אויסגעוויינט זײַנע „לידער וועגן דער גועלער לאָטע” האָט ער אויסגעלאָזט מיט אַ „ליד פון פרידן” וועמענס לעצטע שורות עס דערציילן: —

איך גיי צו די אין־סופן
מיט בערגלדיקן שליאַך, —
כאָטש אַלע זאַכן שלאָפן,
באַגלייט מיך יעדע זאַך.
די וועלדער שטייען
אין גלײַכע רייען
אין **נצחדיקער** וואַך.

אַלע זאַכן זענען תּמיד וואַך, אַפּילו די וואָס שלאָפֿן. אַלץ לעבט, אַלץ איז אייביק.

איז וואַך דער שלאָפֿנדיקער אויף נצח ה. לייוויק. זענען וואַך זײַנע ווערק, ווערק פֿון וועקנדיקן געוויסן, פֿון אויפֿרודערנדיקן געמיט, אָנגעפּילטע איבער די ברעגעס מיט געלײַטערטער ליבע ווי די פֿון צווישן אַבעלאַר און העלואיז, פֿון די וואָס לײַכטן אַרויס פֿון „די קייטן פֿון משיח" דורך „הינטערן שלאָס" איבער די „לידער פֿון גן־עדן" ביז זײַן מיט אמונה אָנגעזאַפּטן לידער־בוך „אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים".

ג

איז געשטאָרבן דער מײַסטער און פֿאָן־טרעגער פֿון ייִדישן ליד. איז אָוועק דער גלאָק, וואָס האָט געקלונגען טרעוואָגע קעגן דאָס שמײַסן לײַבער פֿון אומשולדיק־ריינע; איז שטום־געוואָרן אויף אייביק דער נאָענטסטער פּאָעט ווענמעס הייסע וואָרט ס'האָט תּמיד געזאָגט ליבשאַפֿט; איז נישטאָ דער סניגור פֿון אונדזער ביטערער גערעכטיקייט, וואָס איז קראַנק געוואָרן פֿון זײַן אַזויפֿיל גערעכטיק —

האָט זיך אָפּגעשטעלט דאָס האַרץ פֿונעם גרעסטן מאָנער, פֿונעם אומגעהייערן שטורמער פֿון געוויסן אין אונדזער דור, פֿון דעם שפּאַנער און גייער געאָרעמט און צעבלוטיקט מיט דער עקידה און איוב, מיטן גולם אין זײַן אויסוואָקס און מיטן שווינדלענדיקן געראַנגל פֿון די משיחים; פֿון דעם דערהויבנסטן פֿאַרנײַנער פֿון אַל־דאָס שלעכטס און פּרוווער צו פֿאַרגופֿן דאָס אַלץ מיט זיך, מיט זײַן דער אָפּלייזער און אויסלייזער, און ווײַל —

איך האָב געוואָלט אַ זין פֿון גאַנצקייט געבן
די זינד און סתירות פֿון מײַן אייגן לעבן —
האָב איך מײַן וואָרט געקייטלט רינג אין רינג;
איצט זאָל מײַן גאַנצע קייט פֿון פֿולע רינגען
צום קלאַנג צום לעצטן זיך אַליין דערקלינגען —
צום לעצטן אות, וואָס איך אַליין דערזינג.

אַזוי איז ער דערגאַנגען אַ דערזונגענער צום לעצטן אות.

*

אַ צעשטראַלטער אין פֿלאַמען פֿון זײַן „לעצטן געלײַטער", אין ערב סוף, איז געקומען דער נס. צו די ביימער וואָס בליִען בלוי „אַ וווּנדער פֿון

אַ בליִען — / געטובלטע אין טוי / וואָס פאַלט פון הרי־ציון״ זינגט ער זײַן ליד פון אויפלויכט און גלויבן. און כדי זײַן ווערק זאָל באַשערן, שרײַבט דער וואַכנדיקער פּאָעט אין זײַן הקדמה צום בוך „אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים״ (1955):

„פון אַלע ביימער אַרום מײַן קינדהייט איז מיר צום ליבסטן געווען אַן אַלטער עפּלבוים.

קומט ער מיר אָפט צו חלום לעצטנס, אַן אָנגעטוענער אין עפּל און אין בלעטער, און איך הער ווי ער זאָגט צו יעדן עפּל זײַנעם און צו יעדן בלאַט זײַנעם: האָט נישט קיין מורא וואָס איר דאַרפט סוף זומער אַרונ־טערפאַלן. איבעראַיאָר וועט איר צוריקקומען״.

זאָגן מיר אונדזער גרויסן אָװעקגעגאַנגענעם דיכטער ה. לייוויק, בײַ זײַן פרישן קבר:

וועסט צוריקקומען!

וועסט צוריקקומען אין געדעכעניש פון די ברידער, פונעם פאָלק, פון זײַנע וואַכנדיקע שעפער.

2טער יאַנואַר, 1963

בײַם סקולפּטאָר מיכאל מילבערגער

א

ס'איז געווען אַ לינדער שפּעט־אויפגעשטאַנענער סוף־סעפּטעמבער־טאָג, אַ פאַרהאָנגענער מיט דינע דורכזיכטיקע כמאַרעס. אין אַזאַ טאָג אַז דו גייסט אַרויס גוט־מאָרגענען דער גאַס, פילסטו ווי עס נעמט דיך אַרום אַ לעצטע גוטסקייט, אַן אָנגעפילטע מיט חסד, ווי עס זענען די גנאָדישע בליקן פון דער צאַרטער ווײַס־געקליידטער באַרמהאַרציקער שוועסטער, וואָס גלעטן דיך אין וויי...

אויף די גאַסן פון דער שטאָט האָבן זיך גוט־גוט אָנגעזען סימנים פון בײַנאַכטיקן רעגן און די אָפּגעוואַשענע פּנימער פון די פּאַריזער הײַזער האָבן פאַרלאַנגט מ'זאָל זיך אין זיי אײַנקוקן, פון זיי נתפּעל ווערן, אַרײַננעמען זיי אין זיך ווי די גוטע ווײַנען וואָס אויף זייערע טישן און זאָלסט רק טראַכטן וועגן זיי. און ס'איז דאָ פון וועמען. זייער פאַרביקער אומבײַט אין אָט דעם נאָך־נישט־אויסגעשלאָפענעם פרימאָרגן האָט זיך געהנדלט צו די מאַיעסטעטישע ביימער וואָס אַרום דער סען, די הדרת־פּנימדיקע זקנים, וואָס האָבן שוין אָנגעהויבן אַראָפּוואַרפן פון זיך די בלעטער, די פּיאָלע־טענע און פלאַמיק־רויטע, וואָס פאַלן אַלץ מער אַרײַן אין גאָלדיקן אָקער.

אַז כ'האָב געפּרוווט פאַרגלײַכן דעם פּאַריזער סעפּטעמבער מיטן פּוילישן וושעשיען, האָט מײַן אכזריותדיקער זכרון מיר פירגעברענגט פליוכענדיקע רעגנטעג אַרום די האַלעס אין אַ וואַרשעווער נאָך סוכות...

די אומצאָליקע פיגורן, רעליעפן, סטאַטועז וואָס באַשײַנען און באַקריינען די וווּנדערלעכע וועלט־שטאָט, האָבן מיך גערייצט און אָנגערעדט צו גיין און זיך באַגעגענען מיט איינעם וואָס שאַפט אין זייער גײַסט, און כ'בין אַוועק מיט אַן אָפן האַרץ און דורשטיק אויג זיך טרעפן אין זײַן אַטעליע מיטן באַקאַנטן יידישן סקולפּטאָר און צייכענער מיכאל מילבערגער.

ב

מיכאל מילבערגער איז געבוירן געוואָרן אין וואַרשע, בײַ יידישע עלטערן וואָס האָבן פאַרשטאַנען צו געבן זייער זון אַ וועלטלעכע דערציִונג.

ער לערנט אין אַ פּוילישער גימנאַזיע און אין אַ שול פאַר דעקאָראַטיווער קונסט. צוליב דעם וואָס ער באַזוכט די שול פונעם יידישן קינסטלער־פאַרבאַנד אין וואַרשע, וווּהין עס קומען דורכקוקן די יונגע שאַפונגען באַרימטע יידישע קינסטלערס, קומט דער יונגער מיכאל מיט זיי אין קאָנ־טאַקט און ווערט פון זיי באַווירקט. מיטן אויסברוך פונעם צווייטן וועלט־קריג וואָגלט ער אַוועק קיין רוסלאַנד, פאַלט אַריין קיין מינסק, וווּ ער זוכט און געפינט זיינע קרובים, און זיין אַנזעעוודיקער טאַלאַנט דערמעג־לעכט אים, אַז זיינע אַרבעטן זאָלן אַריינגענומען ווערן אין אַן אָפּקלייב פון בילדער פאַר אַן אויסשטעלונג פון דער ווייסרוסישער רעפּובליק. דאָרט ווערט ער אויך אויסגעקליבן צווישן די יונגע קינסטלערס וואָס וועלן געשיקט ווערן קיין מאָסקווע, כדי זיך פאַרפולקומען אין דער מאָלעריי. אין מאָסקווע זעצט ער פאָר זיין שטודיע אין דער דאָרטיקער קונסט־אַקאַדעמיע, אין דעם פאַקולטעט פאַר סקולפּטור, און טרעט דערנאָך אַריין אין דער אַספּיראַנטור ווי אַ סטיפּענדיסט פון דער פּוילישער פאָלקס־רעגירונג. אין יאָר 1955 באַקומט ער דעם טיטל „קאַנדידאַט פון קונסט־וויסנשאַפט", וואָס דאָס מיינט: דאָקטאָראַט פאַר קונסט. אַ ביסל שפּעטער ווערט ער דאָרט אָרדנטלעכער פּראָפעסאָר.

ער פאַרט קיין פּוילן שוין ווי אַן אָנערקענטער און געלויבטער סקולפּ־טאָר, און אויך דאָרט פאַרנעמט ער אַ חשוב אָרט אין דער קינסטלער־וועלט, נאָר די „גרויסע ליבע" צו יידן און יידישע קינסטלערס וואָס דאָס „סאָציאַ־ליסטישע" פּוילן הייבט אָן אַרויסצווייזן, באַוועגן דעם קינסטלער, ווען די רוסישע און פּוילישע קונסט־פּובליקאַציעס לויבן און רימען — צו אַנטלויפן פון דאָרטן, וואָס גיכער.

מיכאל מילבערגער קומט קיין פראַנקרייך און מאַרשירט אַרויס טריומ־פירעריש אויפן ברייטן שליאַך.

די קונסט וואָס הויערט אין זיינע רמ"ח און שס"ה — די סקולפּטור — איז אַלט, כידוע, שיער נישט ווי די מענטשהייט. שוין די געטעכעס און געטלעך וואָס דער קדמון־מענטש האָט זיך געמאַכט פון ליים, פון שטיין, פון ביין צי פון האָלץ זענען דאָך, ווי באַקאַנט, איר אור־שטאַם. דער טורעם אין בבל האָט דאָך שוין אַנגעזאָגט די מאַסיווע סקולפּטוראַלע גמאַכן פון דער שפּעטערדיקער נאָך־נישט־פאַראייניקטער איטאַליע; די אָבעליסקן, פּרעה־דענקמעלער און די פּיראַמידעס אין מצריים און טאַקע אונדזער מידברדיק „עגל" זענען אויך נאָענטע מחותנים מיט דער סקולפּטור־קונסט, אַ פּשיטא שוין די העלעניסטישע מאַרמאָר־פיגורן וועמענס לויטערקייט

און שיינקייט שײַנט און לײַכט ביז הײַנט צו טאָג — האָט זיך אָט די ירושה און אָט דער יִחוס אַרײַנגעפלייסט און זיך אַרײַנגעגבלוט אינעם לײַב־און־לעבן פון דעם וואַרשעווער ייִד — ווען די סאָוויעטישע „פּראַוודאַ" האָט נאָר־וואָס דערמאָנט ווי דעם... פּױלישן מײַסטער־סקולפּטאָר — אים פּאַר־קנסט צו זיך, ווי ער האָט זי אַנטשפּויזט צו זיך, און ער מיט איר, מיכאל מילבערגער מיט דער קונסט, זענען געוואָרן איינס.

נאָר ווי קומט צו מ. מילבערגער, דעם דערצויגענעם אין פּויליש, דערנאָך אין רוסיש און איצטער אין פראַנצייזיש, אַזויפיל ייִדישקייט, אַזאַ לײַבלעכע קרובהשאַפט צו ייִדישער קולטור, צו ייִדישער ליטעראַטור, צום ייִדישן מענטש, אַז ווי נאָר איר באַגעגנט זיך מיט אים דערפילט איר אַזאַ ליבע היימישקייט, אַ היימישקייט וואָס דערמאָנט אײַך אין די זיך־פלעמ־לענדיקע שבת־ליכט, אין שמחותדיקער אויפגעלייגטקייט, אין מסורהדיקע מאכלים? — איז דאָס אַן ענין פאַר פאָרשער.

ג

דאָס געסל רי באַרראָמיי ליגט ווי אַ שמאָלער דורכהויף אין דער מאָנפּאַרנאָס־געגנט, אין וועלכער עס „רוען" אומצאָליקע קונסט־אַטעליעס. אַז דו טרעטסט אַריבער די „שוועל" פון אָט דעם שמאָלן געסל, עפנט עס זיך פאַר דיר ווי אַ ריזן־לײַוונט, געמאָלן פון אַ גאָט־געבענטשטן קינסט־לער, וואָס ווייסט געגוי דעם סוד פון פּערספּעקטיוו... מיט־אַ־מאָל דער־פילסטו, נישט טראַכטנדיק דערפון, אַז דו געפינסט זיך אינעם קדשי־הקדשים פון דער וועלט־קונסט.

אויף הילצערנע טרעפּלעך פון אַ הײַזקע, וואָס דערמאָנט אַ שלאָס פון אַ קינדער־מעשהלע, דערהייבן מיר זיך צו אַ טיפּיש־פראַנצייזישער אַטעליע, וואָס אָט איז עס אַ בוידעם־שטיבל און אָט — אַ פּאַלאַץ מיט אַ גלעזערנעם דאַך. פּראַלסט אַרײַן, און דאָס דרויסנדיקע סעפּטעמבער־ליכט, וואָס אָט איז עס געל און אָט גרוי, רײַסט זיך דורך דורך די שויבן און הילט דיך אײַן אין אַן אומגלייבלעכער מיסטערישער ווירקלעכקייט. דער קינסטלער, ווי וועלנדיק דיך אַרויסרײַסן פון דײַן פאַרלוירנקייט, גלעט דיך און הילט דיך מיט זײַנע שמייכלענדיקע אויגן, און ווי ער — אײַנגעהילט אין אָט דעם פאַנטאַסטישן ליכט — נעמען דיך אַרום און באַגריסן דיך אָן אַ שיעור קעפּ, אָן אַ שיעור אויגן. ווי קאָנען אין אַזאַ באַגרענעצט אָרט זיך אײַנזאַמלען אַזויפיל ביוסטן, אַזויפיל בראָנדזענע אויגן? אָ, אָ, קאָנען זיי. אַ סימן: קומסט צו זיך און דערזעסט קעפּ מיט איידל־געשניצטע פּנימער

וואָס האַלטן דיר אין איין דערמאָנען. זעסט פּנימער וואָס מאָנען. אָט איז ליכט און אָט שאָטן. אָט טויטע שטילשווייַגעניש און אָט דונערדיקער רעש. און אָט שטראַלט צו דיר אַרויס אין קרייַדיקן ווייַס אַ פּרויען־פיגור, וואָס יעדער אבר אירער זינגט צו דיר דעם עראָטישן ניגון פון דער קונסט. אַ רגע און עס דאַכט זיך, אַז זי דערציילט דיר, אָדער וויל דערציילן, דעם סוד פון איר נאַקעטקייט, דאָס געהיימניש פון איר אינטימער גיפּס־וועלט, וואָס ווייעט פון זיך אַרויס אַזאַ אַנגענעמע וואַרעמקייט. און דו ווערסט באַרוישט פון דעם ווונדערלעכן סימפאָנישן צוזאַמענגוס.

איצט דערזעסטו ערשט יעדן בראָנדזן־קאָפּ באַזונדער. און דערזעסט די אויגן.

אָט זענען אויגן טיף־אַרייַנגעהאַמערטע אינעם בראָנדז, וואָס דערמאָנען אין סקעלעטן, און אָט דערזעסטו אַרויסשטאַרצנדיקע אויגן, וואָס רופן, וואָס דערפרייען און וואָס רודערן אויף דייַן געמיט. דאָס זענען אויגן אין קעפּ פון פּאָעטן און דענקערס, פון קינסטלערס און פּאָליטיקערס. פון דער ייִדישער וועלט און פון דער נישט־ייִדישער.

אָט שטייט, אין זייַן טיפן אַרייַנטראַכט, דער קאָפּ פונעם דריטן נשיא פון מדינת ישראל, ר׳ זלמן שז״ר, וועמען מילבערגער האָט מאָדעלירט אין ירושלים, אינעם הויז פונעם נשיא. אָט איז דער אומפאַרגלייַכלעכער פּריציש־ייִדישער י. ל. פּרץ און צווישן זיי — דער קאָפּ פונעם משורר און מקונן יצחק קאַצענעלסאָן. אָט שטייט זיך מיט אַזאַ כיטרע אָפּפרעגעניש־שמייכעלע דער אַרטיסט דזשיגאַן און אָט דער בוטחדיקער אין זיך און אין דער פּאָעזיע, פּאָעט אברהם סוצקעווער. אַ ווענד דעם בליק און דערזעסט דאָס פּרינציש־אַסקעטישע פּנים פון ה. לייוויק און דערהערסט ווי ער לייענט זייַנע לידער אין יאַשאַ חפץ־זאַל אין תל־אביב און אין „היכל" אין פּתח־תקוה: „איך הייב זיך אויף ווידער, און שפּאַן אַוועק ווייַטער"... אים אַנטקעגן דערזע איך דאָס טיף־דענקענדיקע שעפעריש־רייַכע אויסגעפּילטע פּנים פון פרידריך דירנמאַט. און אָט איז די סאָציאַל־שטורמישע ייִדיש־דיכטערין דאָרע טייטלבוים און איר אַנטקעגן — דער פּאַנטאָמימיסט פון גאָטס חסד מאַרסעל מאַרסאָ. און איך דערזע אייִנע נאָך די אַנדערע באַקאַנטע און באַדייַטנדיקע פּנימער פון אונדזער שאַפונג־וועלט: דעם דיכטער משה שולשטיין און דראַמאַטורג חיים סלאָוועס און נאָך. ווער קאָן דען דאָס אַלץ געדענקען? אָבער פאַראַן דאָרט שאַפונגען וואָס קריצן זיך באַזונדער איין אין זכרון, ווי דאָס געשטאַלט פונעם פראַנצויזישן היסטאָריקער און דראַמאַטורג זשאָרזש סאָריאַ און דאָס באַצערטע כמעט־וויינענדיקע פּנים

פון אונדזער גרויסן מאָלער אַרטור קאָלניק. און אַזויפיל פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע טוערס!

יאָ, מילבערגער איז שפּעדיק. שוין אין זיין יונגצייט, זייענדיק אין רוסלאַנד, האָט ער דאָך געשאַפן, צווישן אַנדערע, אַזעלכע ווערק ווי דעם הויך־רעליעף ווו ער וויזט די באַגעגעניש פון מיצקעוויטשן מיט פּושקינען, און דעם דענקמאָל פון אַלעקסאַנדער הערצען, און די סטאַטוע פונעם באַרימטן קלאָון אָלעג פּאָפּאָוו, וואָס געפינט זיך אין מאָסקווער מוזיי. און וויפל פון זיינע ווערק געפינען זיך אין אַנדערע לאַנד־מוזייען? און טאַקע אין „זיין״ וואַרשע.

האָב איך זיך עטלעכע שעה צייט געפונען אין אַ רייכער אימאַזשי־נירטער וועלט פון אַ רייכן באַגאַבטן קינסטלער און כ׳האָב זיך דערפילט אי וויכטיק אי מינער אין איין־און־אין־דער־זעלבער צייט.

ד

איז אַדורך אַ יאָר און די איבערלעבונג האָט דערוואַכט אין מיר מיטן נייעם באַזוך פון מ. מילבערגער אין ישראל.

אוודאי געקומען אין לאַנד זיך אָנצונעמען מיט נייעם שאַפונג־גייסט, מיט נייעם אַריינטראַכט, מיט נייער אינספּיראַציע.

און אַז איך קוק אויף זיין רונדן צעשמייכלטן פּנים, אויף זיין קאָמ־פּאַקטער פיגור וואָס איז אָנגעפולט מיט אַזויפיל גוטסקייט, און באַוווּנדער זיין פּשטות, זיין אַרומגיין מיט מענטשן וואָס מאַכט נאָך מער בולטער זיין גייסטיקע הייך, זע איך ווידער יענץ ענגע, שמאָלע שטיבל אויף רי באַראָמיי — זיין טיפּיש פּאַריזער אַטעליע, זע די קעפּ, די אויגן, די פיגורן וואָס פילן אויס אָט דעם היכל־מעט און מאַכן אים ברייטער און גרעסער, און זע זייער באַשעפער וואָס גלעט זיי מיט זיינע גוטע באַגייסטערטע אויגן און — איך בענטש דער באַשערטקייט, וואָס דאָס אַלץ איז מיר געגעבן געוואָרן צו זען מיט מיינע אייגענע אויגן.

אָקטאָבער, 1976

פון די טיפעניש

„פון די טיפענישן", עסייען פון גרשון סאַפּאָזשניקאָוו, בוענאָס־איירעס, 1958. אַרויסגעגעבן פון אַ קאָמיטעט מיט אַן אַריינפיר פון משה שענדעריי. פּראַכט־אויסגאַבע.

די אָרגאַניזאַציע פון די מעבל־פאַבריקאַנטן אין בוענאָס־איירעס גיט אַרויס אַ יאָרלעך זאַמלבוך, וואָס האַלט שוין ביי נומער 16 און רופט זיך „דער האַלץ־אינדוסטריאַל". איז עס טאַקע אַן אויסנעם אין אונדזער ייִדיש־פעריאָדיק, אָבער גרויס אינטערעס און באַוווּנדערונג רופן אָט די זאַמל־ביכער אַרויס, דער עיקר אין די קרייזן פון די ייִדישע שרייבערס אין גאַר דער וועלט.

אַז עס איז צו מיר דערגאַנגען איינער פון אָט די יאָרלעכע זאַמלונגען, און מיך מיטגעריסן מיט זיין תוכן און מיט זיין אויסזען, האָב איך אין אונדזער פרייַערדיקן וואָכנבלאַט וואָס האָט געהייסן „אויף דער וואַך" [=על המשמר] געשריבן צווישן אַנדערס:

„עס געשעען אַמאָל זאַכן, וואָס דו שטייסט פאַר זיי ווי פאַר אַ ווונדער, אַ רעטעניש: פון וואַנען קומט עס? ווער האָט עס אַרויסגערופן צום לעבן? — אַזאַ זאַך איז „דער האַלץ־אינדוסטריאַל", אַ זאַמלבוך פון הויכוועריקע ליטעראַרישע און פובליציסטישע אַרבעטן ——— וואָס קויפט זיך איין אין אייַזערנעם פאַנד פון דער ייִדישער אייביקייט". — דער גייַסטיקער פאָטער און רעדאַקטאָר פון אָט די זאַמלביכער איז דער שרייבער גרשון סאַפּאָזשניקאָוו.

איז נאַטירלעך אַז כ'בין געוואָרן דערפרייט דערהאַלטנדיק ג. סאַפּאָזש־ניקאָווס פּראַכטיק־אַרויסגעגעבן בוך מיט דעם גאָר פייַנעם אַרייַנפיר פון משה שענדעריי. און מיט גרויס יראת־הכבוד און מיט נישט־ווייניקער ליבשאַפט בין איך צוגעגאַנגען לייענען אָט דאָס בוך, וואָס אַ טייל פון דעם איז מיר גוט באַקאַנט פון די אויבנדערמאָנטע אַרגענטינער אייגנאַר־טיקע יאָר־ביכער „דער האַלץ־אינדוסטריאַל". כ'האָב געזאָגט „גוט באַ־קאַנט" און עס ווילט זיך שוין חרטה־האָבן אויף דעם פשוטן, באַנאַלן

אויסדרוק. ווײַל נישט נאָר באַקאַנט זענען זיי מיר, די עסייען, וואָס כ׳האָב דאַן געלייענט, נײַערט — כ׳האָב געזען אין זיי אַ מין אַנטפּלעקונג אַ הימל־הויכע דערגרייכונג אויפן געביט פון ייִדישער ליטעראַטור־קריטיק, פון ייִדישן עסיי. און זינט דאַן גייט מיר נאָך אָט־די דאָזיקע אַנטפּלעקונג פוס־טריט בעת איך נעם וועגן אין האַנט אַרײַן אַ בוך פון אַ ייִדישן שרײַבער.

און ס׳איז נישט קיין חידוש. ווײַל — האָט דען נאָך עמעצער זיך אַזוי פאַרטיפט, אַזוי זיך אַרײַנגעלעבט, אַזוי אַרײַנגעדרונגען אינעם תוך פון שאַפונגען, פון ייִדישע שאַפונגען, ווי דער אַרגענטינער ייִדישער עסייִסט גרשון סאַפּאָזשניקאָוו? — איך רעד שוין נישט וועגן דעם אייגנאַרטיקן, נײַעם פּסיכאָאַנאַליטישן צוגאַנג צו ייִדישער ליטעראַטור, וואָס דאָס אַליין איז שוין אַ געוואַלדיקער שפּאַן פאָרויס אין דער ייִדישער קריטיק, אָבער צי האָט נאָך עמעצער אַזוי מענטשלעך, אַזוי נשמהדיק־טיף זיך אַרײַנגעלאָזט אין די סוגיא׳ס פון דער ייִדישער יצירה, כדי אַרויס־צוטוּיכן פון דאָרט געלײַטערטע, טיף־מענטשלעכע און טיף־ייִדישע שאַפונגען?

אָט גיב איך אַ מיש דאָס וווּנדערלעכע בוך „פון די טיפענישן״ און שטויס זיך אָן אין... יונה ראָזענפעלד. — אָט דאָס איז דער ייִדישער שרײַבער יונה ראָזענפעלד?! — אונטער דער פּרײַזמע פון ליבע, פון פאַרטיפונג און פון פּראָוידיאַנישן פּסיכאָאַנאַליז וואַקסט אויס פאַר אונדז גאָר אַ נײַער, גאָר אַן אַנדערער ראָזענפעלד — אַ „גאון פון אינטואיציע״! מיט חסידישער התלהבות, מיט אומבאַגרענעצטער ליבשאַפט פירט אונדז גרשון סאַפּאָזשניקאָוו איבער אַ רחבותדיק מלכות פון יונה ראָזענפעלדס שאַפונגען. און אַז איר פּרוּווט אַ הייבטאָן מיט די פּלייצעס, אָדער לײַכט און גוטמוטיק זיך אונטערשמייכלען — פאַרכאַפּן אײַך די וווּנדערבאַרע, אָריגינעלע אייגנאַרטיקע אַנאַליזן, וואָס דער מחבר מאַכט פון יונה ראָזענ־פעלדס שאַפונגען און נישט נאָר גלייבט איר סאַפּאָזניקאָוון, נאָר איר טראַכט פּלוצים פאַרדראָסיק: הלמאי האָט דאָס קיינער נישט באַמערקט פאַר אים, פאַר סאַפּאָזשניקאָוון!

און אַזוי וועגן לאַמעד שאַפּיראָ („דער גלות־קאָמפּלעקס אין דער ייִדישער ליטעראַטור״) און אַזוי וועגן שלום אַש („שלום אַש׳ס מוטער־קאָמפּלעקס״, „שלום אַש׳ס שליחות אין דער ייִדישער ליטעראַטור״), און אַזוי וועגן יוסף אָפּאַטאָשו („אַן אַנאַליטישע עקסקורסיע אין אָפּאַטאָשוס קינסטלערישער שאַפונג״), און אַזוי וועגן י. ל. פּרץ („י. ל. פּרץ — דער דיכטער פון נשמות״) און וועגן אַלץ וואָס ער שרײַבט — סײַ די שרײַבער, סײַ זייערע ווערק דערשײַנען פאַר אונדז לעבעדיקע, אינטע־

רעסאָנטע, באַלויכטן מיטן ליכט פון ליבשאַפט, פון טיפן אמת און וויסנ־שאַפטלעכן אַנאַליז.

אין זײַן הקדמה „צו די לייענער" שרײַבט דער מחבר צווישן אַנדערס:

„אין דער יידישער ליטעראַטור לעבט אַ נשמה־יתרה פון העכערע מאָראַלישע נאָרמען און עטישע ווערטן, און אין יידישן קינסטלער — אַ וואַכער סאָציאַלער געוויסן, וואָס טראָגט זײַן וואָרט צו דער וועלט ווי אַ תפילה פון בטחון און גלויבן אין מענטשן". דאַרף אָפּן און אָן פּניות געזאָגט ווערן: ג. סאַפּאָזשניקאָוו באַמיט זיך צו באַווײַזן אין זײַנע אָרי־גינעלע עסייען די העכערע מאָראַלישע נאָרמעס און די עטישע ווערטן וואָס לעבן אין דער יידישער ליטעראַטור. ער באַמיט זיך בפירוש בולט צו מאַכן דאָס „וואַכע סאָציאַלע געוויסן", וואָס „טראָגט זײַן וואָרט צו דער וועלט, ווי אַ תפילה פון בטחון און גלויבן אין מענטשן" און — עס געלינגט אים וווּנדערלעך, און עס געלינגט אים נשמה'דיק, און עס גע־לינגט אים אויף זײַן אייגענעם באַזונדערן אופן.

דעריבער בעת איר לייענט זײַן אַרײַנפיר און איר שטויסט זיך אָן אין זײַן געבעט, מיר זאָלן אים באַגלייטן מיט צוטרוי און מיט געדולד „אויף דעם וועג, וואָס פירט צו אַ וועלט פון עכטער יידישער שיינקייט, וועלכע איך באַמי זיך אויף מײַן אופן און מיט מײַנע באַשיידענע מיטלען צו אַנטפּלעקן", זאָגט איר מיטן זעלבן לשון:

אמן. מיר באַגלייטן אײַך מיט צוטרוי און מיט געדולד.

און אַז מיר האָבן פאַרענדיקט לייענען אײַער ווערק „פון די טיפע־נישן" האָבן מיר זיך איבערגעצייגט, אַז איר האָט אונדז בפירוש אַרײַנ־געפירט אין אַ וועלט פון עכטער יידישער שיינקייט.

דעצעמבער, 1958

דער גורל פון יידן צווישן די אומות־העולם

גרשון סאַפּאָזשניקאָוו: — דער גורל פון יידן צווישן די אומות־העולם. אַן אַנאַליטישער אַרײַנבליק אין דער מלחמה־טרילאָגיע פון מענדל מאַן. אַרויסגעגעבן דורכן אליעזר פינעס־פאָנד, תל־אביב 1976.

א

די יידישע ליטעראַטור־קריטיק אין די איצטיקע טעג, צייכנט זיך נישט אויס, בעוונותינו הרבים, מיט באַזונדערער רײַכקייט פון נײַע טאַלאַנטן און נײַע שיטות. אויב דער המשך־נס פון יידיש און איר וויטאַלקייט האָט

נאָך זײַן ווירקונג און מאַגישן כוח אויף דער פּאָעזיע און פּראָזע אונדזע־
רער, אין וועלכער ער דערמעגלעכט באַדײַטנדיקע כוחות זיך צו דערפרישן,
זיך צו באַנײַען און אַרויסברענגען נאָך נישט געוועזנס, איז עס אין דער
קריטיק, לײדער, נישט אַזוי. וואָס שייך ווידער אופן און שיטה אין דער
עקזיסטירנדיקער ייִדיש־קריטיק, איז אַרײַנגעטראָטן אַ סטאַנדאַרטער,
כמעט־שאַבלאָנער אופן פון באַהאַנדל: אין מערסטן טייל פּאַלן ווערט
יעדעס באַהאַנדלטע ווערק קודם כל געלויבט. און דאָס איז נישט, חס ושלום,
אַ לויבן על מנת... דאָס איז גיכער פון אַלץ אַ נאַטירלעכער גאַנג, וואָס
לאָזט זיך אין די פּוס־טריט פונעם מצב: אַז אַ ייִדיש־שרײַבער איז זוכה
און גיט שוין אַרויס אַ בוך, האָט מען נישט ס'האַרץ אָנצוווײַזן אויף
פעלערן, אויף נאָנסענסן, שפּראַך־נאַכלאַזיקייטן, דרוק־גרײַזן און אויף
ענלעכע אַזעלכע „קלייניקייטן". איז דעריבער ליב און אָנגענעם צו פאַר־
צייכענען דאָס דערשײַנען דורכן אליעזר פּינעס־פאָנד אין תל־אביב דאָס
בוך פון גרשון סאַפּאָזשניקאָוו: „דער גורל פון ייִדן צווישן די אומות־
העולם", וואָס איז אויסן צו זײַן „אַן אַנאַליטישער אַרײַנבליק אין דער
מלחמה־טרילאָגיע פון מענדל מאַן". ווײַל ס'איז נײַ, ס'איז אַנדערש, ס'איז
ערנסטער אין גאַנג און אין צוגאַנג; ס'איז אַ ווערק אַליין און פאַר זיך אויף
וועלכן „עס ליגט דער חותם" פון קונסט.

דער באַקאַנטער קריטיקער־עסייִסט יצחק קאַהאַן זאָגט ערגעץ אין
זײַנעם אַ מאמר, אַז... ווען ער נעמט לייענען אַ בוך פרעגט ער קודם כל
זיך אַליין, וואָס ער וויל וויסן, וואָס פאַר אַ פראַגן וואַרטן בײַ אים אויף
ענטפערס פון דעם געגעבענעם בוך. ווייס איך נישט אויף וויפל און אויף
וואָס פאַר אַ פראַגן גרשון סאַפּאָזשניקאָוו האָט געוואָלט, אַז מענדל מאַנס
טרילאָגיע זאָל אים פאַרענטפערן, נאָר אַז סאַפּאָזשניקאָוו באַמיט זיך
אויסצוטײַטשן און פאַרענטפערן די פראַגעס און פּראָבלעמען וועלכע האָבן
פאַרפאָלגט און געפּײַניקט אַליין דעם מחבר פון אָט דער גרויסער טראַ־
גישער טרילאָגיע — מענדל מאַנען — וועגן דעם בלײַבט נישט קיין
מינדסטער ספק.

ב

ווי איינער פון די, וואָס זענען נישט דערצויגן געוואָרן אויף פּסיכאָ־
אַנאַליטיק, און זעט נישט אַלץ און אַלעמען נאָר און בלויז דורך די גלעזער
פון פרויד־ברילן, איז מיר שווער פון פאָרויס צו זאָגן יאָ אויף ליטעראַטור־
קריטיק, וואָס גייט צו צו אַ שרײַבער און זײַן ווערק נישט מיטן אָנגע־

נומענעם פּרינציפּ, אַז „די ליטעראַטור איז איינע פון די אויסדרוקן פונעם מענטשס גײַסטיקן לעבן" (ב. קורצווײַל) און זי פּרוווט דערפאַר זען אין יעדן עכטן ווערק דעם וואָס אינעם ווי אַזוי און דעם ווי אַזוי אינעם וואָס, און באַשטעטיקט אָדער פרעגט אָפּ דעם צונויפשמעלץ זייערן — נײַערט קומט מיט פּסיכאָאַנאַליטישע כּלים און געגנג אויסצופאָרשן דעם... פאַרוואָס אינעם ווערק. ווארעם וועדליק אונדז איז ווויל באַוווסט, איז אַ ווערק, און אַן עפּיש ווערק דערצו, אויסן צו דערציילן דעם לייענער דאָס וואָס דער שרײַבער האָט געזען, געפילט, פאַרשטאַנען און פאַרטראַכט, אָדער — געוואָלט אַזוי זען און פאַרשטיין. די פאַנטאַזיע, די מוזעס און דער טאַלאַנט האָבן דאָ, דוכט זיך, אויך וואָס צו זאָגן. דער קריטיקער ווידער האָט אַ ברירה אויסצוגעפינען פעלערן, בלויזן, אָדער — צו געבן דאַרויף זײַן הסכּמה.

ווײַזט זיך אָבער אַרויס, אַז גרשון סאַפּאָזשניקאָוו, וואָס האָט זיך שוין קונה־שם־געווען מיט זײַן בוך „פון די טיפענישן", אין וועלכן ער האָט אַזוי אייגנאַרטיק און אומפאַרגלײַכלעך באַהאַנדלט ווערק פון שלום אַש, פון יונה ראָזנפעלד, לאַמער שאַפּיראָ א. א. און זיי באַלויכטן מיט אַ באַזונדערער באַלויכטעניש, האָט אויך דאָס מאָל בעתן אַנאַליזירן די מלחמה־טרילאָגיע פון מענדל מאַן געוויזן, אַז זײַן וועג און זײַנע כּלים זענען בפירוש אַנדערע, נײַערע, אינטערעסאַנטערע. זײַן לשון איז קערנדיק, פאַרביק און פּליסיק; עס שלאָגט פון דעם אַ הייסקייט פון אַ האַסטיק־קלאַפּנדיק האַרץ, און אַ שטראָמיקייט פון אַן אויפגעפּראַלטן קוואַל.

האָט שוין בלויז דער נאָמען פון דעם בעל־ה„אַרײַנבליק" מיך אַ צי געטאָן צו לייענען אָט די שאַפונג זײַנע, און לייענענדיק זי בין איך אין איר אַרײַנגעצויגן געוואָרן ווי אין אַ שפּאַנענדיקן ראָמאַן. ווײַל קודם כּל געלינגט סאַפּאָזשניקאָוון אויפצולעבן פאַר אונדז די אַ טרילאָגיע מיט כּמעט אַלע אירע „העלדן" און געשעענישן. און דאָרט ווו ער רעדט דירעקט וועגן מחבר, ווערט טאָקע דער בעל־הטרילאָגיע לעבעדיק און שטייט פאַר אונדזערע אויגן אין זײַן גאַנצער הייך; דער „אומענדלעכער שטח פון בלוט און שגעון" וואָס ער, מענדל מאַן האָט מיט אַזאַ קראַפט אויפגעאַקערט, רײַסט זיך אַרײַן אין אונדזער גאַנצן אינעווייניק און מיר לעבן איבער פון דאָס נײַ דאָס אַלץ וואָס דער שרײַבער האָט געזען, געפילט, געחלומט, פאַנטאַזירט, דורכגעלעבט, מיטגעלעבט און איבער־געלעבט.

ג. סאַפּאָזשניקאָוו הייבט אַרויס גאַנצע זײַטלעך, שיִער נישט קאַפּיט־

לעןׂ גאַנצע פון דער טרילאָגיע, באַהעפט זאַך מיט זאַך, סצענע צו סצענע און עס וואַקסט אויס פון דאָס נײַ דאָס גרויליקע מאָנסטער־בילד פון יידן־שנאה בײַם רוסישן קאָמוניסט, פון דעם „פּאָטער פון די פעלקער" ביז דעם קלענסטן פּאַרטיי־באַאַמטן. אַלע, אַלע האָבן איין איינציקן אויפגאַב: פּײַנט צו האָבן יידן, האַסן און מקנא זײַן די יידישע באַזונדערקייט, אויס־מעקן דעם יידישן זכר.

אוודאי איז מענדל מאַנס טרילאָגיע נישט קיין היסטאָריש ווערק, ווי עס איז נישט, אַ שטייגער, „קריג און פרידן" פון לעוו טאָלסטאָי. יעדער מחבר אָבער, האָבנדיק צו זײַן רשות און דינסט אומגעהייערע אינטויציע, געבענטשטן שרײַבערישן טאַלאַנט און אוודאי אויך פאַקטן און באַווײַזן, האָט — יעדער איינער פון זיי, לויט זײַנע השראות און יכולותן — געקאָנט אַוועקשטעלן זײַן שאַפונג אַזוי, אַז דער לייענער זאָל אויף אַ ווײַל פאַרגעסן אַז ער לייענט אַ ראָמאַן, נאָר אָננעמען אַלץ פאַר פאַקטיש געשעענס. דאָ קומט טאַקע גרשון סאַפּאָזשניקאָוו דעם שרײַבער צו הילף און באַווײַזט אונדז מיט זײַן „אַרײַנבליק" צו זען אַזוי מ. מאַנס יצירה און נישט אַנדערש. איז דאָס אָן ספק אַן אָריגינעלער און דרײַסטער וועג פון אַ קריטיקער, וואָס דאַרף און מוז אונטערגעצייכנט ווערן לשבח, ווען אַפילו בלויז צוליב דער אַנדערשקייט.

ג

נאָר —

אפשר גראָד דערפאַר נאָגן מיך געוויסע פראַגן: איז טאַקע דאָס די מיסיע פונעם קריטיקער, צי אַפילו פונעם פּסיכאָאַנאַליטיקער?! דאַרף טאַקע דער קריטיקער פאַרווישן די שפּורן פון קינסטלערישן זען, פון שאַפערישן פילן און אַרויסברענגען, און מאַכן אַזוי אַז מיר זאָלן מיינען, אַז מיר האָבן דאָ פאַר זיך פאַקטישע באַווײַזן, פערזענלעכע איבער־לעבענישן, מעמואַרן? אויב אַזוי, ווו זשע ליגט די שייד־ליניע צווישן מחבר און זײַן קריטיקער?

אָט, אַ שטייגער, אויף סוף זײַט 30, ברענגט סאַפּאָזשניקאָוו אַ ציטאַט פון מענדל מאַנס ווערק, ווו עס „רעדט" דער פּאָלקאָווניק פּיעטראָוו צו מיכאַלן מכוח די באַזונדערע אייגנשאַפטן פון יידן און זאָגט: — „מיכאל, איך בין אַן אַרבעטער געוועזן אַלע מײַנע יאָרן, אַ לעונינגראַדער, אַ פּוטי־לאָוויץ. פאַר וואָס זאָל איך פּײַנט האָבן יידן? דאָס איז נישט קיין שינאה! איך פיל זיך אָבער אומבאַקוועם מיט טשערקאַסן [= אַ פּאָדפּאָלקאָווניק,

אַ ייִד! — י.צ.ש.], מיט די אַכט פּריוויליקע [ייִדן! י.צ.ש.], איך מײַד זיי אויס. דו פֿאַרשטייסט מיך אודאי?״ זאָגט דאַרויף אונדזער אַנאַליטישער אויסטײַטשער: „וואָס פֿאַראַ ווונדערלעכער מענטשלעכער מאַנאָלאָג! אַן אויפֿריכטיקייט אויף וועלכער עס איז נאָר פֿעיִק די אָפֿנהאַרציקייט פֿון אַ רוסישער נשמה. ער איז גערעכט דער געוועזענער אַרבעטער פֿון פּוטילאָווער זאַוואָד, אָבער ער איז דורכאויס אומגערעכט אין שייכות צו ייִדן״ — פּילט נישט סאָפּאָזשניקאָוו, אַז מיר קאָנען דאָ פֿאַרשטיין, אַז דאָס איז נישט קיין ליטעראַריש־געלונגענער אײַנפֿאַל פֿונעם שרײַבער מענדל מאַן, נאָר אַ פּאַקטיש פֿאַרגעקומענער מאָנאָלאָג?! און אַזעלכע פֿאַלן חזרן זיך בײַ אים איבער אין די צענדליקער. — זאָלן מיר דאָס אַזוי פֿאַרשטיין?

און נאָך עפּעס —

עס קאָן זיך דאָך באַקומען אַ חשד, אַז נישט ווילנדיק האָט זיך דער חשובער פּסיכאָאַנאַליטיקער געלאָזט פֿירן און פֿאַרפֿירן פֿון דער הײַנטצײַטיקער אַמעריקאַנער זשורנאַליסטן־רעצענזיע, ווו במקום צו באַהאַנדלען ס׳ווערק, ווי קריטיק איז זיך נוהג, דערציילן זיי איבער די גאַנצע „מעשה״— אָבער —

אַזאַ מײַסטער פֿון פּסיכאָאַנאַליטישער קריטיק ווי ס׳איז גרשון סאָפּאָזשניקאָוו וועט זיך אַליין נישט פֿאַרראַטן, ער, וואָס הייבט אָן זײַן „אַרײַנבליק״ מיט אָט די שורות: „אויף יעדן קונסטווערק ליגט דער חותם פֿון אייביקייט, און עפּעס אַזוינס וואָס איז למעלה מן השכל — — — אויף די פֿליגל פֿון זײַן שעפּערישן טרוים, וואָס שפּײַזט זיך מיט די אינטימסטע באַגערן, דערשפּירט ער מיט זײַן גאַנצן מהות דעם „והיה באחרית הימים״... וועט שוין ברענגען צום סוף פֿון זײַן בוך אויך „וועגן די ליריש־ראָמאַנטישע מאָטיוון אין דער טרילאָגיע און וועט שוין מיט דעם אַליין דערפֿירן זײַן יצירה צום געטרײַסטן פּרוש, כ׳וואָלט זאָגן: צום העכסטן אויסטײַטש פֿון מענדל מאַנס ווערק.

ער וועט זאָגן: „ליריק איז השתפּכות הנפש, אַן אויסדרוק פֿון געפֿיל, פֿון פֿאַנטאַזיע, פֿון גלויבן, פֿון ליבשאַפֿט און טרוים״... און אַזוי איז עס טאַקע! פֿון דאַנען וועט ער אַ שפּאַן טאָן צו י. ל. פּרץ, צו פּרצס „צווישן צוויי בערג״, צו דעם ווונדערלעכן דיאַלאָג צווישן דעם בריסקער רב און ביאַלער רבין; וועט רעדן וועגן „עטישן תכלית״, וועגן „אומגעצוימטער וויטאַליטעט, פֿון גלויבן און ליבשאַפֿט צו כל יצורי עולם״; ער וועט אויך אַ זאָג טאָן, אַז... „די טרילאָגיע איז דורכגעדרונגען מיט אַ געפֿיל

פון חסד און רחמים, מיט גוטסקייט און רחמנות פון קרבן פון רישעות און אויך צום רשע, וואָס איז אַליין אַ קרבן פון פּאַראורטיילן, פון אומ־וויסנקייט"... ביז ער ווערט געלונגען איבערדערציילן מענדל מאַנס אַ הערלעכע ליבע־סצענע צווישן זײַן העלד מנחם מיט אַ דאָרפישער שיקסע, ליאָסקאַ, און ווערט אויספירן, אַז ...„אַזאַ אויסטערלישע סצענע האָבן מיר נישט אין דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור".

איז דאָס בוך פון גרשון סאַפּאַזשניקאָוו אַן אָריגינעל ווערק, וואָס טײַטשט אַרײַן און טײַטשט אויס מיט אַ סך מיטגעפיל און באַוווסטזײַן, מיט הייס־האַרציקייט און מאָדערנעם פּסיכאָלאָגיזם דעם גורל פון ייִדן צווישן די אומות העולם אין ליכט פון מענדל מאַנס מלחמה־טרילאָגיע, און שטעלט דערמיט דעם בעל־הטרילאָגיע אַ ווערטיקע מצבה. אָבער זאָגן, אַז צוליב אָט די אַלע אומפּאַרגלײַכלעכע מעלות קאָן מען פּאַרדייען דאָס אינטער־פּרעטירן די קינסטלערישע באַשרײַבונג, אָט די ווונדערלעכע שאַפונג, ווי פּאַקטיש געשעענס — איז מיר שווער צו פּסקענען.

אויגוסט, 1977

„טרובאַדורישע לידער״ פון שמשון פערשט

שמשון פערשט, טרובאַדורישע לידער, „פאַרלאַג פאַר ליטע־ראַטור״, בוקאַרעשט, 1962, 100 זייטעלעך. „בראָשירט, טיראַזש 230 קאָפּיעס״.

אין „פאַרלאַג פאַר ליטעראַטור״ אין בוקאַרעשט איז דערשינען אַ ביכעלע לידער א. נ. „טרובאַדורישע״ לידער פון דעם באַקאַנטן בוקאָווינער פאָלק־זינגער שמשון פערשט, וואָס איז געגאַנגען און גייט אין די טריט פון די פאָלק־זינגער אין דער וועלט, און באַזונדערס אין מזרח־אייראָפּע.

שמשון, אָדער שאַמשעלע פערשט, ווי דאָס פאָלק האָט אים אין ליב־שאַפט גערופן, וואָס זאָגט־אַרויס מיינונגען אין גראַמען, האָט תמיד רעאַגירט וויציק און גראַמעריש אויף די געזעלשאַפטלעכע געשעענישן אין זיין לאַנד, סביבה און פאָלק, געשמיסן ווי מיט בייטשן די שולדיקע אין זיינע פאָלקס צרות און געצויגן זיין ייחוס פון זיינע פאָרגייער בערל בראָדער און וועלוול זבאַרזשער, וועמען מ׳האָט גערופן „דער טרובאַדור פון די רומענישע ייִדן״. ווי זיי, האָט אויך שאַמשעלע פערשט געזונגען זיינע רעאַגיר־לידער אין קרעטשמעס און אין קאָפע־הייזער, און אוודאי אויך אויף אָרעמע חתונות, ווו מ׳האָט געקענט זאָגן און אַריינזאָגן. עס איז אָבער שווער צו זאָגן, לויט דער זאַמלונג וואָס דער בוקאַרעשטער פאַר־לאַג האָט אַרויסגעגעבן (אין גאַנצע 230 קאָפּיעס: לייען און שרייב: צוויי־הונדערט און דרייסיק!), צי האָט שאַמשעלע זיך אַ רוק־געטון פאַרויס אין אָט דער דאַזיקער עבודה, צי איז ער, ווי זיין מיטצייטלער פון דער אַנדערער זייט גרענעץ מרדכי געבירטיג, מיטגעגאַנגען מיט דער צייט, מיטן לשון, מיטן לבוש. לויט אָט דעם קליינעם ביכעלע זעט מען דאָס, ליידער, נישט אָן.

דערפאַר איז אָבער דאָס עצם אַרויסגעבן אָט אַזאַ ביכעלע אין דער אַסימילאַציע־שטאָט פון רומעניע בוקאַרעשט, און דער עיקר: דאָס אַריינ־פיר־וואָרט פון ישראל בערקאָוויטש, פון גרויסער קולטור־היסטאָרישער באַדייטונג.

יצחק בערקאָוויטש, הגם ער מוז זײַן פּאַרטייִיש־פּאָליטיש און אונטער־שטרײַכן מער דאָס פּראָלעטאַרישע ווי דאָס אייגנטימלעך־פֿאָלקישע און גיט זיך דערבײַ אַ באַרים, אַז... „שמשון פערשט איז הײַנט־צו־טאָג דער איינציקער אין דעם מין שעפֿער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור פֿון דער גאַנצער וועלט", האָט אָבער דאָ געגעבן אַן ערנסטע ביאָ־ביבליאָגראַפֿישע אַרבעט וועגן אַזאַ פֿאַרשווינדנדיקן מין אין דער ייִדישער ליטעראַטור, אַז ווער עס וועט זיך צורירן שרײַבן וועגן ייִדישן פֿאָלקסליד און באַזונדער, וועגן ייִדישע פֿאָלק־זינגער, וועט זיך אָן דעם אַרײַנפֿיר נישט קאָנען באַגיין.

אין יאָר 1925 בין איך געווען אין טשערנאָוויץ, ווי דער „גאַסט" פֿון דעם דאָרטיקן מיליטער־אַרעסט, צוליבן אַריבערגיין אומלעגאַל די גרענעץ פֿון רומעניע, אויף מײַן וועג קיין ארץ־ישראל. געווען איז דאָס פּורים־צײַט און איינער אַ חבר פֿון דרויסן האָט מיר אַרײַנגעשיקט אַ ברויט אײַנגעוויקלט אין אַ צײַטונג — אַ ייִדישע אין לאַטײַנישן אלף־בית. דער נאָמען פֿון דער צייטונג איז געווען Der Grager (דער גראַגער = דער גרעגער). כ'האָב געלייענט און געלאַכט, געלייענט און אָנגעקוואָלן פֿון די חכמות און וויצן. און הגם די סביבה איז מיר געווען פֿרעמד און די נעמען פֿון געוויסע „העלדן" — אוודאי און אוודאי, איז מיר אָבער, דעם דעמלסטיקן פּוילישן ייִנגל, דער שרײַבער פֿון אָט דער צײַטונג — דער אייגנאַרטיק־ציקער שרײַבער פֿון איר! — געוואָרן ליב און נאָענט. זײַן נאָמען: שמשון פערשט.

איצט קומט, פֿאַר מיר אַן אומבאַקאַנטער, שרײַבער און פֿאָרשער, יצחק בערקאָוויטש, און דערציילט בפּרוטרוט, אַז שמשון פערשט איז געקומען פֿון זײַן ייִדישן שטעטל נאָוואָסעליץ קיין טשערנאָוויץ, אַלט־זײַענדיק אַ יאָר צוואַנציק, געדרוקט זײַנע ערשטע פֿאָלקסלידער אין דער דאָרטיקער „פֿרײַהייט" (אָרגאַן פֿון די לינקע פּועלי ציון, אונטער דער רעדאַקציע פֿון ד"ר מאיר ראָזנער) ווו ס'האָבן געדרוקט זייערע לידער אליעזר שטיינבאַרג, יעקב שטרענבערג א.א. און... „נישט אַרויסלאָזנדיק די נאָדל און דעם פֿינגערהוט פֿון דער האַנט, נייענדיק אויך דאָ אין די הײַזער פֿון פֿאַרשיידענע משפּחות, זינגט ער זײַנע לידער און טראָגט־פֿאָר זײַנע משלים, ווערנדיק ביז גאָר פּאָפּולער צווישן די ייִדישע אַרבעטער און באַלמעלאָכעס, ווי אויך בײַ דער טשערנאָוויצער אינטעליגענץ. דאָ הייבט ער אָן אַרויסצוגעבן זײַנע הומאָריסטישע בלעטער: „דער גראַגער", „מצרים־וואָך", „שבועות־קניש", „דער לץ", „טשערנאָוויצער פֿליאַטקעס",

„דאָרנער־הומאָר" (צוזאַמען אַ פופציק נומערן) וועלכע זענען אָנגעשריבן אינגאַנצן פון אים אַליין פון „א" ביז „ת". אין זיי איז אָפּגעשפּיגלט דאָס דעמלטיקע לעבן און אַ ריי לאָקאַלע פּאָליטישע און געזעלשאַפט־לעכע דערשיינונגען פון דער צייט".

איז אָן שום ספק ווערט צו באַגריסן די עצם אויסגאַבע און באַזונדערס, ווי שוין דערמאָנט, דעם אַרײַנפיר. עס דאַרף אָבער צום וויפלטן מאָל געזאָגט ווערן, אַז — דער שטרענג־פּאַרטייִשער צוגאַנג צו אַט אַזאַ שאַפער איז פונקט אַזוי ווײַט פון דער ווירקלעכקייט ווי אַזאַ צוגאַנג צו אַ מאָדערנעם גרויס־קינסטלער. די שמאָלע ענגע ראַם, דער ענגהאַרציקער אָפּקלײַב, ווײַזט נישט דאָס פולע בילד, דערציילט נישט דעם אמת. ס'איז אויך אַ שאָד, וואָס יצחק בערקאָוויטש שטרײַכט נישט אונטער אין וואָס פאַר אַ שריפט, אונדזערע צי לאַטייניש, זענען די 50 נומערן געדרוקט געוואָרן.

שמשון פערשט דער אייגנאַרטיקער פאָלקסזינגער פון בוקאָווינע און שפּעטער: רומעניע איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1886, ד. ה. אַז אין אַ יאָר אַרום וועט ער פײַערן זיין 80 יאָריקן געבוירטאָג, ווינטשן מיר אים אַ געזונטע עלטער עד מאה ועשרים און אַ סך יצירה אויף זײַן שטייגער.

דעצעמבער, 1965

אַ באַגעגעניש מיט אַרטור קאָלניק

האַרבסט, 1935.

כ׳פאָר צוריק פון ייוואָ־צוזאַמענפאָר אין ווילנע.

זײַן ווירקונג אויף מיר איז אין לשער.

כ׳צעשיק באַגײַסטערטע באַריכטן צו דער „נײַוועלט״ אין תל־אביב, ווו דניאל לייבל ז״ל האָט מיט טאַקט און מיט שכל אויסגעבעסערט דעם טיטל — שטאָט „דער יום־טוב פון דער יידישער קולטור״ ווי איך האָב געשריבן, האָט ער געגעבן: „דער יום־טוב פון יידישער קולטור״, אָן דעם באַשטימ־וואָרט „דער״. ללמדך, סאיז דאָ נאָך!... דאַקעגן די „טשער־נאָוויצער בלעטער״ אין וועמענס שפּיץ עס איז געשטאַנען דער וווּנדער־לעכער מענטש א. ש. סופר ז״ל, האָט, — אָנגעשטעקט פון מײַן באַגײַס־טערונג — געברענגט דעם באַריכט אויף דער גאַנצער ערשטער זײַט, מיטן באַשטימ־וואָרט דער און... מ׳האָט מיך דאָרט אָפּגעוואַרט מיט אַ סך ליבשאַפט אויף מײַן וועג צוריק קיין ארץ־ישראל.

אין טשערנאָוויץ — אַ חוץ דעם „קעלער״ מיט די יידישע מאכלים: געפילטע פיש, פּופּיקלעך, לעבערלעך, ווי בײַ וועלפקען אין ווילנע — האָט זיך געפונען אַן אָנגעזעענע גרופּע יידישע שרײַבערס און קינסט־לערס, וואָס האָבן מיט גרויס אמונה אָפּגעוואַרט דעם שופר של משיח־הפראַגרעס, זיך געקהלט און געשאַפן און ליב געהאַט אַן עכטע יידישע יצירה, אַ קינסטלעריש יידיש וואָרט אָדער בילד, וואָס איז צו זיי דער־גאַנגען מתפוצות ישראל. זיי האָבן אויך תמיד אַרומגערינגלט מיט באַגײַסטערונג, מיט ליבע און „רעשפּעקט״ יעדן שרײַבער אָדער קינסטלער, וואָס איז צו זיי געקומען.

האָט זיך דעמאָלט געפונען אין טשערנאָוויץ דער באַליבטער יידישער גראַפיקער און מאָלער אַרטור קאָלניק. האָבן די שוועסטערס פון דעם דאָרטיקן טעאַטער־ און קולטור־טוער משולם סורקיס, מײַן חבר און פרײַנד פון מיט 10 יאָר קעריק, מיך פאַרבעטן צו גיין מיט זיי „אויף באַזוך״ צום וווּנדערלעכן האָלץ־שניצער, וואָס האָט זיך שוין געהאַט קונה שם

געווען צוליב די ערשטע אויסשניטן זײַנע צו י. ל. פּרצעס „אַ גלגול פֿון אַ ניגון" און דער עיקר באַקאַנט געוואָרן צוליב די פּרעכטיקע אויסגאַבן: „דורך די ברילן" — משלים פֿון אליעזר שטיינבאַרג מיט זיינע 12 האָלצ־שניטן: „גראָסבאַרד־געשטאַלטן", אויך מיט צוועלף אויסשניטן, צוואַנציק אילוסטראַציעס צו דער „לעגענדע פֿון גרויס־אינקוויזיטאָר" פֿון פ. דאָס־טאָיעווסקי און — אין דער צײַט פֿון מײַן קומען אַהין — 14 האָלצשניטן צום ערשטן באַנד „מעשאָלים" פֿון אליעזר שטיינבאַרג, וואָס טשערנאָוויץ האָט אַרויסגעגעבן.

*

דער טאָג איז געווען אַ סומנער, אַ שפּעט־האַרבסטיקער. די לעצטע בלעטער זענען נאָך געפאַלן און אָנגעזאָגט דעם אָנקומענדיקן ווינטער. נאָר אָט האָט זיך די זון אַרויסגעריסן פֿון אַ וואָלקן־צאַם און האָט קרענק־לעך־געל געגומען שײַנען און וואַרעמען. די גאָלד־געלע בלעטער זענען פֿון אָט־דער שײַן נאָך געלער געוואָרן און די לאַנגע „דרײַ־פּאַלטיקייטס־גאַססע" אויף וועלכער מיר זענען געגאַנגען, האָט זיך געצויגן לענגער ווי זי איז.

מיר זענען געגאַנגען גאַס־אײַן, גאַס־אויס, ביז מיר זענען אַרײַנגע־קומען אין אַ טונקל צימערל, ספּק קאָרידאָר, ספק קעמערל. גרוי און שטום. דורך אַ זײַטיק קליין פענצטערל האָט זיך געגאָסן פּאַמעלעך און שווײַגנדיק דאָס ליכט פֿון דרויסן מיט פאַרבלאָנדזשעטע שטראַלן פֿון דער קראַנקער זון, און נאָך מער בולט געמאַכט די קאָנטראַסטישקייט: ווײַס און טונקל. כ'וואָלט שיר געזאָגט: שוואַרץ.

מיר האָבן זיך באַגריסט און געבליבן שטיין בײַ דער אינעווייניקסטער שוועל. פֿרײַלן יעטע סורקיס האָט מיך פאַרגעשטעלט, און במקום רייד האָט דער מענטש, וואָס איז געזעסן אינעווייניק — זיך אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען צו אונדז, געדריקט די הענט, געעפֿנט די טיר וואָס הינטער אונדז, עס זאָל אַרײַן וואָס מער ליכט און אָנגעהויבן ווײַזן זײַנע בילדער. בילדער „געוויינלעכע" און בילדער נישט אַזוי „געוויינלעכע". נאָר אָט זענען מיר שטיין־געבליבן פאַר אַ לאַנדשאַפט, וואָס אין פלוג איז זי צוגעפּאַסט צום הײַנטיקן טאָג: האַרבסט, בלעטער־פאַל,ביימער — דרײַ־פּערטל נאַקעט און אַ זון, אַוודאַי אַ קרענקלעכע, רײַסט זיך דורך די כמאַרעס. נאָר — ניין, ס'איז נישט די „טשערנאָוויצער" זון... אַן אויס־טערלישע זון איז עס. אַזאַ וווּנדערלעכע זון גיסט זיך דורך דורך די כמאַרעס און שלאָגט פֿון זיך אַרויס אַזעלכע אומגעוויינלעכע גאָלד־

שטראַלן, אַזש דאָס גאַנצע בילד, דאָס אומעטיקע טונקעלע צימערל, דער מײַסטער, זײַנע געסט, אַלץ, אַלץ ווערט פֿאַרגאָסן פֿון אָט דעם פֿליסיקן גאָלד.

ס׳איז אונדז געוואָרן וואַרעם, זומערדיק.

געדענקענדיק קאָלניקן פֿון זײַנע באַצירונגען צו באַרימטע ווערק, האָלצשניטן, וואָס ווערן געדרוקט שוואַרץ אויף ווײַס, מיט אַ מאָדערן עקספּרעסיאָניסטישער אויספֿירונג און דערבײַ אַזוי עכט און טיף ייִדיש, בין איך געבליבן שטיין אַ פֿאַרווירטער, אַ פֿאַרגאַפֿטער: איז דאָס קאָלניק?! —

אַרטור קאָלניק, אַ מיטליאָריקער באַזאַכטער מאַן מיט אַן אויסזען פֿון אַ געבווירענעם אַריסטאָקראַט, האָט תּיכּף דערקענט אויף מײַן פּנים די שטוינונג און גאַפֿונג. ער האָט זיך געטון אַ שטעל אויף פֿון דער שטול און אײַדל זיך אַ ווענד געטון צו מיר: —

— „הערט זיך אײַן, יונגער דיכטער. איר קומט פֿון ארץ־ישׂראל, ווו די זון איז איבערן קאָפּ. אַז איר שטרעקט אויס אַ האַנט, אַז איר ציט זיך צו איר, דערגרײַכט איר זי. זי איז אײַער טאָג־טעגלעכער מיט־חבֿר. בײַ אונדז אין „גלות״ איז זי בלויז גאַסט. דאָ שײַנט זי זעלטן. דערפֿאַר שאַפֿן מיר זי, פֿורעמען מיר זי אויס לויט אונדזער אייגענער ווײַטזעונג, לויט אונדזער דורשטיקער וויזיע. עס קאָן אָבער גרײַלעך זײַן, אַז גראָד אונדזער זון, די וואָס אין האַרצן, די אויסגעפּאַנטאַזירטע אין די גרויע גלות־טעג, לײַכט שענער און ווײַטער ווי די עכטע...״

כ׳בין נישט זיכער, הײַנט, אַז פּונקט אַזוי, וואָרט־ווערטלעך האָט דער מײַסטער אַרטור קאָלניק אויסגעדריקט זײַן געדאַנק, אָבער אַז אין דעם גײַסט זענען געווען זײַנע רייד — דאָס האָט זיך אויף אייביק שוין אײַנגעקריצט אין מײַן זכרון.

זאָל אָט די דערמאָנונג זײַן אַ בלימל אויף זײַן פֿרישן קבֿר.

יולי, 1971

מעינקע קאַץ — דער דיכטער פון „פשוטן" חלום

א

אין רעגיסטער פון דער ידישער הײַנטצײַטיקער דיכטונג פאַרנעמט מעינקע קאַץ זײַן באַזונדער אָנגעזען און באַדײַטנדיק אָרט. אינעם רוישיק־רעשיקן אַמעריקאַנער ידישן לעבן איז דאָס באַזונדערע, דאָס אויסגע־טיילטע וואָרט וועגן מיכאַלישעק, סווענציאַן און סווירער באַרג, וואָס שוועבט חלומדיק איבערן האָדסאָן און דערהייבט זיך מיט אַלע כוחות צום שטיקל הימלטשינע, וואָס איבערן עמפּייר בילדינג — דאָס רײַנע, דאָס לויטערע היימווײ־געזאַנג. דאָס איז נאָסטאַלגיע־ליד געזונגען על נהרות אמריקה אין פאַרלויף פון אַ פערטל יאָרהונדערט, אײַנגעזאַמלט אין אַכט ספרים. און אויב מיר זאָלן נאָך אָנגעבן די דאַטעס, ווען די ביכער זײַנע זענען דערשינען, וואָס דאָס קומט אויס צווישן 1932 ביז 1954, וועט אונדז אַלץ קלאָר ווערן.

ב

אַז אַן עכטער דיכטער איז אַ טרוימער, אַ חוזה, דאָס איז שוין באַוווּסט און באַקאַנט פון גאָר אַלטע צײַטן. פאַרגלײַכן אַ דיכטער צו אַ בעל־חלומות וואָלט געוועזן אי ביליק, אי — באַנאַל. האָבן מיר דאָ אָבער צו טאָן מיט אַן אמתן אויסנעם: מעינקע קאַץ איז דורך און דורך אַ חלומדיקער דיכטער. און — נאָך מער — הגם ער רופט־אָן איינס פון זײַנע וואָגיקסטע לידער־זאַמלונגען „דער פשוטער חלום", איז דער חלום דאָרט שוין ווײַט־ווײַט נישט קיין פשוטער, אָבער חלום איז עס.

ער חלומט וועגן דער מאַמען, ער חלומט וועגן טאַטן; ער חלומט וועגן שטעטל, ער חלומט וועגן באַרג; ער חלומט וועגן חייקען און וועגן ידיש; ער חלומט וועגן אַ בעסערער, שענערער וועלט, ער חלומט וועגן אַ בעסערער דאָליע פאַר זײַן פאָלק. אַ גרויסער, אומענדלעכער, נישט־איבערגעריסענער חלום.

אין זײַן ליד „ידיש — מײַן ליד, חייקע — מײַן גאָלד", חלומט ער אַזוי־אָ פשוט:

אַ, כײַקע־ייִדיש: איך שרײַב מײַן ליד צו דיר
און ס'איז מײַן אויג אַזוי װאַך, מײַן האַרץ אַזוי קלאָר,
איך דריק אַ װײַטע האַנט דורך פֿאַרקלערט פּאַפּיר,
זע: אַ ייִד לייענט מײַן בוך איבער הונדערט יאָר.

ג

מיט עטלעכע יאָר צוריק, אין אַ װאָכעדיקן מאָנטיק אויף דער נאַכט, האָבן מיר זיך באַגעגנט אין איינעם פֿון די ליטעראַרישע קאַפֿעען אין צפֿון תל־אביב. זיך באַגעגנט, זיך באַקענט און זיך צערעדט װעגן דיכטונג. נעבן אים איז געזעסן אַן איידעלע אידעאַל־אויסזעענדיקע פֿרוי — זײַן פֿרוי — און... אויסגעשוויגן איר אָנטייל אינעם שמועס.

איז דער שמועס געגאַנגען אַרום אַ פּשוטן חלום? שווער צו ענטפֿערן דערויף.

אַז מעינקע האָט גערעדט, האָט גערעדט אַ מתמיד, אַן עילוי, אַן אָנגעפּראָפּטער מיט ייִדישקייט — און מיט אַלגעמיין װיסן. אָבער דאָס אייביקע חלומען זײַנס האָט אים געמאַכט לויכטן אין זײַן רעדן און אויסזען אי יונג, אי — אַלט.

אַהיימקומענדיק האָב איך צום װיפֿלטן מאָל איבערגעלייענט זײַן הקדמה צו זײַן לידער־זאַמלונג „אין מיטן טאָג":

„פֿרײַטיק, דעם 12־טן פֿעברואַר.

אָט ערשט געזען דיך אין חלום, יעיסקע. פֿון אַ װײַטן דור האָט דער־גרייכט צו אונדז אַ נאָך קיינמאָל נישט געהערט געזאַנג, װי פֿון נאָך־נישט געבוירענע פֿייגל."

און דער חלום זײַנער צעשוועבט זיך, אין דער הקדמה װי אין די לידער, ביז ער קומט צו צום „פּשוטן" אויספֿיר:

„איך קאָן נישט זען קיין פֿרײַע װעלט אָן מײַן פֿאָלק, אַפֿילו אין אַ דור, װוּ קיין האַר און קיין קנעכט װעט נישט זײַן. װי גליקלעך דער מענטש זאָל אין דעם װײַטן מאָרגן נישט זײַן, שטעל איך זיך פֿאָר אַ טרויעריקן גן־עדן אויף דער ערד, אויב מײַן פֿאָלק זאָל, חלילה, דאַן ניט זײַן."

ד

מעינקע, יעיסקע, מלינקע, מאָינע, באַדאַנע, סרענצע.
װאָס זענען דאָס פֿאַר אַ נעמען?

איז דאָס אויסגעטראַכט, אויסגעדאַכט, צי זענען דאָס לעבעדיקע מענטשן, ייִדן, ייִדענעס הינטערן סווירער באַרג?

— זיי קלינגען אַזוי היימיש און פרעמד, ווי היימיש און פרעמד עס רעדן צו אונדז הײַנט צו טאָג די נעמען פון די בערג און די לאָנקעס אין יענעם וועלט־טייל, וווּ עס האָבן געלעבט אונדזערע היימישע הײַנט־צײַטיקע אָבות און אמהות, צוזאַמען מיט די אוראַלטע, די חומש'דיקע, ווי עס האָט זיי געזען דאָס גאַנצע לעבעדיקע פֿאָלק דאָרט.

איז דעריבער אַזוי נאָענט, און אַזוי אייגן, און אַזוי היימיש מיטצוויינען אין דיכטערס חלום, אין זיין „בענקשאַפט".

פֿאַרטאָג.
גוט איז מיר אַזוי מיכאַלישעק,
וואָס דײַן באַגינען הערט קיינמאָל נישט אויף לעם מיר
צו בלויען,
גוט איז כאָטש אין ליד זײַן, לעם דיר, אַן איינציקע שעה.
גוט איז מיר אַזוי,
איבער נישט געפוצטע שורות, ווי איבער דײַנע קרומע
געסלעך שפּאַנען.
איך רײַס זיך צו דיר פון חושך, ווי אַ בלינדער צו ליכט,
און רוף דיך ביז דער דינסטער צאַרטקייט אין מיר:
מי־כאַ־לי־שעק!
ביסט פֿאַראַן אין מיר אין גאַנצן, ווי אין אַ בלאַט
דער גאַנצער וואַלד.

איז טאַקע אמת, אַז נישט אַלע שורות זײַנע זענען געפוצטע, געשלי־פענע, געלײַטערטע, ווי עס פּאַסט גראָד פֿאַר אַ דיכטער פון „פּשוטן" חלום, ווי ס'איז מעינקע קאַץ, ס'איז אָבער אויך אמת, אַז אין חלום זענען נישט אַלע וועגן גלײַך, און אַלע הימלען בלוי, און נישט אַלע קוואַלן לויטער, און דאָך „גייט" מען און מ'שוועבט אין אים, ווי... אין אַ חלום.

ה

—— און ווײַל מיר זענען ווײַט פון ייִדישע צענטערס, — כאָטש די אַטאָם־תקופה האָט סײַ אין שטח, סײַ אין פּחדים דערנענטערט סכנותדיק לאַנד מיט לאַנד, — האָבן מיר פֿאַרשפּעטיקט צו פײַערן דעם 50־סטן

געבוירנטאָג פון אַן אייגנאַרטיקן, באַשיידענעם אָבער פרוכטבאַרן ייִדישן דיכטער — מעַינקע קאַץ — מיט אַ גאַנץ יאָר.

(ווייל, לויט ווי ער דערציילט וועגן זיך אין דער הקדמה צו זײַן בוך „דער פשוטער חלום״ איז דאָס יאָר 1957 זיין 50סטער יאָר, ביז 120 !).

וועלן מיר אים באַגריסן צו זײַן אַרײַנקום אין צווייטן 50, און אים ווינטשן : געפינען דאָס וואָרט, וואָס ער זוכט, ווי ער אַנטדעקט דאָס אונדז אויף אַזאַ צאַרטן אופן אין זיין ליד „מאַמע״ —

מאַמע.
אַ וואָרט אַן אייניציקן זוך איך אַרום אַ לעבן לאַנג,
אַ וואָרט אַזאַ פון קיין אויער נישט דערהערט.
אַ וואָרט : נישט אין געלעכטער, נישט אין געוויין
אַרויסגערעדט.
אַ וואָרט : נישט אין דער טונקלסטער מחשבה,
נישט אין העלסטן שווײַגן דערשפּירט.
אַ וואָרט : פון קיין טרוים נאָך נישט באַרירט.
אַ וואָרט : אינגאַנצן נס.

סעפּטעמבער, 1958

מלך ראַוויטש, ווי איך האָב אים געזען

א

אין יענע נײַע טעג, די כמעט בראשיתדיקע, פון די אָנהייב צוואַנ־ציקער יאָרן, זענען שרײַבערס, דיכטערס, קולטור־און פּאַרטיי־טוערס אַרומגעפאָרן איבער די שטעט און שטעטלעך פונעם געוועזענעם יידישן תחום המושב, סײַ אין צאַרס אימפּעריע סײַ אין קירה״ס, און געברענגט די בשורה פון אַ נײַ דערוואַכט יידיש לעבן. דאָס יידישע פּוילן איז געווען צעברויזט און צעשטורעמט, שטעטלעך האָבן „קאָנקורירט״ מיט שטעט, ווייניקסטנס געוואָלט זיך צו זיי גלײַכן, אין זין פון טעטיקייט, פון מעשׂים, וואָס דערוואַכן ס׳געפּיל פון מענטש צום וויסן, צו וועלן וויסן. און פּונקט ווי אין די „אַמאָליקע״ צײַטן — אינגאַנצן מיט געציילטע יאָרן צוריק — זענען פול געווען די שולן מיט שד״רן, אדמו״רן און בעל־דרשערס, אַזוי איצט, אין דער נײַער צײַט, זענען די שולן און פּאַרטיי־לאָקאַלן, אויך טעאַטער־זאַלן, פול געוואָרן מיט צוהערערס בעת עס איז געקומען אַ שרײַבער־רעדנער צי אַ קולטור־טוער האַלטן אַ רעפעראַט. אַז אַזאַ איינער האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויף אַ רעדע־טור זענען שטעט און שטעטלעך „געשטאַנען אין דער ריי״ זוכה צו זײַן אַז אָט דער פּרעלעגענט זאָל קומען צו זיי וואָס שנעלער.

אויך כעלעם, מײַן שטאָט, האָט געהאַט די זכיה אויפצונעמען בײַ זיך, חוץ חשובע פּאַרטיי־רעדנערס, אַזעלכע שרײַבערס ווי פּרץ מאַרקיש, ברוך גלאַזמאַן (אַזש פון אַמעריקע), און — מלך ראַוויטש.

ס׳איז געווען אין יאָר 1924, בעת פּוילן האָט שוין געהאַט פעסט אַרויפגעלייגט איר אײַזערנע יידנפײַנטלעכע האַנט אויף איר יידישער באַפעלקערונג, איז אויסגעפאַלן אויף אונדזער גורל, עס זאָל קומען צו אונדז דער שוין־דעמלט באַרימטער יידישער דיכטער, איינער פון די סענסאַציאָנעלע גרינדערס פון דער ליטעראַרישער גרופּע, וואָס האָט אויפגערודערט די יידישע קולטור־וועלט און זיך גערופן „כאַליאַסטרע״ — פּרץ מאַרקיש, אורי צבי גרינבערג, מלך ראַוויטש; דער מחבר פון לידער־

זאַמלונגען „אויף דער שוועל״, „רואינענגראַז״, „שפּינאָזאַ״, „באַקעטע לידער״, „פּרעהיסטאָרישע לאַנדשאַפֿטן״ און אַן עסיי „צו דער ייִדישער יוגנט״ וואָס איז דאָך געווען געווענדט דירעקט צו אונדז; און האָט שוין געהאַט באַוויזן אַרויסצוגעבן אַ מין סך־הכל פֿון זײַנע ביז דעמאָלט דערשינענע לידער, אַן אַנטאָלאָגיע „דער קרן פֿון אַלע מײַנע לידער״. האָבן מיר, די קוים־דערוואַקסטע פֿון די ישיבות און „שטיבלעך״, געהאַט ס׳געפֿיל פֿון גרויסן, וויכטיקן געשעען. מיר זענען געוואָרן בײַ זיך גרעסער און חשובֿער, אַז אַזאַ פּערזענלעכקייט ווי מלך ראַוויטש האָט באַוויליקט זיך צו אונדז אַראָפּצולאָזן.

האָט זיך, צום אַלעם ערשט, געוואָרפֿן אין די אויגן זײַן אויסערלעך אויסזען. נישט ווי זײַן קאָלעגע פּרץ מאַרקיש, וואָס האָט געצויגן אונדזער אויפֿמערקזאַמקייט מיט זײַן יפֿהפֿהדיקן אויסזען, מיט די ברענענדיקע אויגן זײַנע און דער וווּנדערלעכער טשופּרינע, און מיט אַ קול וואָס האָט געגלעט און גטהאַמערט, אָלא גראָד זײַן לבֿוש — דאָס לענגערע אייבעררעקל אַרומגעגאַרטלט מיט אַ ברוינעם שמאָלן זאַמש־פּאַסיק, וואָס האָט אים געמאַכט העכער ווי ער איז, און דאָס קײַלעכדיקע בלאָנדע בערדל. אין אונדזערע אויגן האָט ער אויסגעזען אַ פּרינץ, אַ פֿירשט. און אָט טרעט אויף, אָט דער פּרינץ, פֿאַר אַ גאָר גרויסן עולם אין אונדזערס אַ קינאָ־זאַל און רעדט וועגן... „וואָלט וויטמאַן, דער דיכטער פֿון דער גאַנצער וועלט״. ווער איז ער, אָט דער וואָלט וויטמאַן? וואָס פֿאַר אַ שייכות האָט ער מיט כּלעמער ייִדיש יונגוואַרג? אָ, אָ! ראַוויטש, אין אַן איידעלער, דעליקאַטער פֿאָרעם, דערקלערט אונדז: אין סך־הכּל פֿאַרמאָגט ער, ראַוויטש, בײַ אַ זיבעצן פֿאָרלעזונגען, ער האָט פֿאַר אונדז אויסגעקליבן אָט די אוניווערסאַלע טעמע, ווײַל ס׳איז אים געזאָגט געוואָרן, אַז „עס וואַקסן בײַ אײַך יונגען מיט שטאַרקן ווילן און כּוח צו וויסן און צו לערנען, צו שאַפֿן און צו שרײַבן״... ער ציטירט וויטמאַנען אין ...דײַטשיש און מיר שטוינען און קוועלן אָן פֿון זײַנע רייד. פֿאַר אונדז איז דעמאָלט געשטאַנען אַ מענטש אַ הויך־געבילדעטער, אַ ייִד אַ בר־אורײן, אַ שרײַבער פֿון העכערע ספֿערעס וואָס וויל אונדז רק דערהייבן...

אין יאָרן אַרום, סוף 1957, האָב איך געהאַט די זכיה אויפֿצונעמען ראַוויטשן אין פּתח־תּקווה, אין נאָמען פֿון אָרטיקן מוניציפּאַלן קולטור־דעפּאַרטמענט, און דאָס מאָל איז געשטאַנען פֿאַר אונדז אַ בעל־פֿאַרמעגן פֿון באַלד צוואַנציק עדיציעס, צווישן זיי — דאָס לעצטע פֿאַר דעם כּינוס זײַנעם: „די לידער פֿון מײַנע לידער״ — „די קרוינונג פֿון אַ יונגן ייִדישן

דיכטער אין אַמעריקע", אַ פּאָעמע וואָס האָט אַרויסגערופן פּאָזיטיווע קריטיק און הייסע פּאָלעמיק.

שטייט ער, אָט דער קלוגער און געלערנטער, דער גרויס־אינטע־לעקטואַלער פּאָעט, וואָס האָט שוין ביז דעמלט באַוויזן צו באַזוכן קרוב צו 50 לענדער, וואָס האָט שוין אַרויסגעגעבן צוויי ביכער „מײַן לעקסיקאָן", אין וועלכע ער באַשרײַבט אַזוי פּאָעטרלעך און ליב די גאַנצע פמליא בעלעטריסטן און פּובליציסטן אינעם יידישן שרײַבער־פּאַרמעג אין פּוילן, און איך דערזע פּאַר זיך אַ שלמה המלך אויף דער עלטער, וואָס נישט דאָס בערדל און נישט דער זאַמשענער פּאַסיק פון אַמאָל „מאַכן" דעם רושם, נײַערט יעדער וואָרט וואָס גייט אַרויס פון זײַן איידל מויל.

טראַכט איך אַזוי שטיל אין זיך, סיי בעת איך שטעל אים פּאַר פּאַרן קולטור־עולם, סײַ בעת איך הער זײַן ענטפער־רעדע:

אפשר איז ער, מלך ראַוויטש אַליין, ווערט אָט די דאָזיקע קרוינונג?

— און פאַרוואָס טאַקע נישט?

*

און —

אָט איז געוואָרן פופציק יאָר זינט זכריה־חנא בערגנער — מלך ראַוויטש — געבוירן אין רעדעם, גאַליציע, אין יאָר 1893, האָט אָנגעהויבן זײַן רײַכע, אַלזײַטיקע ליטעראַרישע טעטיקייט.

אין יאָר 1912 איז דערשינען אין לעמבערג זײַן ערשטע זאַמלונג לידער א. נ. „אויף דער שוועל", וועלכע האָט זוכה געווען געלויבט צו ווערן פון י. ל. פּרץ. זינט דאַן גייט מלך ראַוויטש אין דער פאָדערשטער ריי פון דער יידישער ליטעראַטור.

איך זאָג גייט, — ווײַל מלך ראַוויטש שטייט נישט אויף איין אָרט. פונקט אַזוי ווי ער וואַנדערט פון תפוצה צו תפוצה, פון קאָנטינענט צו קאָנטינענט, אַזוי שפּרײַזט ער פון ווערק צו ווערק פון זשאַנער צו זשאַנער. אַ דיכטער מיט הויכער קולטור, מיט אויג און אויער צו אַלץ וואָס קומט־פאָר אין לעבן פון זײַן פאָלק, איז ער ראשו ורובו אַרײַנגעטון אין יידישן שאַפן אויף פאַרשידענע געביטן: ליד, פּאָעמע, דראַמע, עסיי, פּאָרטרעט, קריטיק און רײַזע־באַשרײַבונג.

פון די געציילטע יידיש־שאַפערס וואָס שטייט מיט ביידע פיס אויפן באָדן פון אַלזײַטיקער יצירה אין יידיש, וואָס זעט מדינת ישראל און תפוצות ישראל ווי „צוויי דערקענטע אַטריבוטן פון דער סובסטאַנץ ייד" איז ער פאַר פולער יידישער אייניקייט:

„קומט דיכטערס יידישע — אַלע, אַלע אינאיינעם —״
מלך ראַוויטש האָט ביז איצט שוין אַרויסגעגעבן העכער צוואַנציק ביכער און ביכלעך און איז אין פולסטן קוראַזש פון זײַן שאַפן, זאָלן אים דעריבער דערגרייכן אונדזערע הייסטע ברכות: נאָך אַ סך אַ סך יאָרן פון געזונט און יצירה.

יולי, 1962

עיקר שכחתי

ס׳איז נאָר־וואָס דערשינען אין מאָנטרעאַל, און צו אונדז פריידיק דערגאַנגען, דאָס נײַסטע בוך לידער און פּאָעמעס פון מלך ראַוויטש א. נ. עיקר שכחתי. ווילט זיך מיר אָנהייבן מיט שורות פון זײַן ליד „קריאת שמע״ (ז. 52): —

עס איז דאָ אַזאַ טרויער,
וואָס איז טיפער ווי דאָס וויינען —

עס איז דאָ אַזאַ צער,
געזאַלצענער ווי טרערן —

עס איז דאָ אַזאַ איינזאַמקייט,
וואָס איז איינזאַמער ווי דער
טויט —
———

זאָג איך קריאת שמע:
טרויער,
צער,
איינזאַמקייט,
יאוש,
זײַט צו מיר גוט,
כאָטש אַ שעה אין דער נאַכט
כאָטש אַ מינוט —

און זיי זענען געווען צו מיר גוט
און איך האָב מיך דערטראַכט

צום זינען פון אַבסאָלוט
און אַבסאָלוטער נאַכט:
ששש —

זענען אויך מיר צו אים גוט און ליב.

*

— עיקר שכחתי. דאָס זענען לידער געשריבענע פאַר די לעצטע 15 יאָר, אין וועלכע עס שטײַגט, עס שפּאַרט פון זיי אַרויס רייִנסטע ליריק און פאַרכאַפּנדיקע חכמה.

און אַז מיר וועלן פרעגן: ווי קאָן זײַן ליריק — קלוג, באַרעכנט, אײַנגעשפּאַנט אין חשבון, אין מענטש־חשבון, אין ייִד־חשבון?

וועלן מיר אָן דער הילף פון פאַרטײַטשערס און קאָמענטאַטערס אַ שפּאַן־טאָן איבער זײַנע פיר־און צוואַנציק ביכער לידער, באַלאַדן, דראַמען, עסייען, רייזע־באַשרײַבונגען אַרײַנגערעכנט די צוויי בענד „דאָס מעשה־בוך פון מײַן לעבן" און באַשײַנפּערלעך דערזען, אַז הײַנריך הײַנע און משה לייב האַלפּערין האָבן ברייטהאַרציק צוגעלאָזט דער ייִדישער ליטעראַטור, דער ייִדישער פּאָעזיע, אַ משורר וואָס זאָל אין דער תּקופֿה פון פאַרן קריאת־שמע־זאָגן, זײַן ליריש און באַרעכנט, לייענען די נאַכט־תּפֿילה ייִדישלעך־מסורהדיק און דערבײַ זיך דערטראַכטן צום זינען פון אַבסאָלוט, זאָל פאַרמאָגן אַ קולטור־שאַרם וואָס ווייסט נישט פון קיין גרענעצן, וואָס איז, לאָמיר זאָגן, אַלוועלטלעך, ווי זיי.

זײַנע לידער זענען שיין און שענער ווי אַ ליד דאַרף זײַן, זײַנע לידער זענען טיילמאָל צאַרט און צאַרטער ווי דאָס ליד פון אַ זקן און חכם קאָן זײַן, אָט שטייט ער אין אַ שפּעטן האַרבסט־פאַרנאַכט בײַ אַן אָפן פענצטער און זעט:

ער ציטערט דין
מיט אַלע זײַנע שמאָלע, דינע
בלאַס־גרינע
בלעטער דער ווערבע־בוים;
ער געזעגנט זיך מיט מיר אַזוי,
ער אַליין ווייסט עס קוים, קוים,
זײַנע וואָרצלען זענען קרוין־טיף
אין דער זיכערער ערד.

טונקעלער ווערט
דעם הימלס בלוי.
וואָס ווייסט דער בוים?
אָבער איך — איך מענטש — ווייס עס געגוי.
(זייט 109)

איז אויב ער „ווייסט עס גענוי” און „ווייסט”, פאַר וואָס ציטערן די שטערן־טרערן אין הימל; און אויב עס קומען צו אים יעדע נאַכט פאַרן שלאָפן —

...דער טרויער,
דער צער,
די איינזאַמקייט,
דער יאוש —

און זיי שטעלן זיך אים אַוועק אויפן אָרט פון די מלאכים, נײַערט ער זעט און פילט, אַז דער יאוש שטייט פון הינטן, איז הינטער אים —
ומאחורי דער יאוש —
איז ער געראַטעוועט און ראַטעוועט דערמיט אַלע פאַריאושטע. און פאַר דעם אַליין קומט אים די זאַלבונג און די קרוינונג פון דער יידישער פּאָעזיע אויף נאָך אַ סך לאַנגע, לאַנגע יאָרן.
אָקטאָבער, 1970

נישטאָ שוין מלך ראַוויטש

דער שוין־יאָרן־לאַנג־באַרימטער יידישער שרײַבער מלך ראַוויטש, וואָס איז געווען אַזוי שעפעריש אין דער יידישער דיכטונג, עסייִסטיק און פּובליציסטיק נאָך פאַר די צוואַנציקער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט, איז פּרײַטיק־צו־נאַכטס, דעם 28סטן אויגוסט ה. י. געשטאָרבן אין מאָנ־טרעאַל, קאַנאַדע.

ער איז אַוועק אין דער אייביקייט אַ זאַטער מיט יאָרן — 83 יאָר — נאָר נישט געזעטיקט מיט דערציילן, באַשרײַבן און באַזינגען זײַן תקופה, זײַן לעבן, דאָס לעבן, שטרעבן און דערגרייכן פון זײַן פאָלק, דער עיקר: פון זײַן יידיש־רעדנדיקער עדה. זײַנע דרײַ ביכער „דאָס מעשה־בוך פון מײַן לעבן”, וואָס זענען נישט בלויז די וווּנדערלעכסטע מצבה אויף די קברים פון די גרעסטע יידיש־געשעעניש פאַר אָט די העכער 60 יאָר, נאָר אויך אַ מצבה איבער אַן עפּאָכע אינעם לעבן פון אַשכנזישן יידנטום —

אַ גאָלדענע תקופה פון געראַנגל און דערגרייך, פון חלום און פאַרווירק־לעכונג, פון אויפהייבן דאָס יידישע וואָרט — אַ פאַרשטייניקטס און פאַר־שמוצטסט דורך פאַרשיידנאַרטיקע און פאַרשיידנפאַרביקע „משכילים" — ביז צו די העכסטע הייכן אין דער מענטשלעכער קולטור, רעדן און וועלן רעדן וועגן אָט דעם פענאָמען מער ווי עס וואָלטן געקאָנט וועגן אים רעדן און שרייבן לעגיאָנען קריטיקערס.

אין די יאָרן 1921—1934 האָט מלך ראַוויטש געלעבט, געשאַפן און געווירקט אינעם צענטער פון מזרח־אייראָפּעישן יידנטום, אין וואַרשע. אין אָנהייב, ווי אַ יונגער שאַפער און בונטאַר, האָט ער זיין שאַפן פאַר־חברט מיט די שאַפונגען פון פרץ מאַרקיש און אורי צבי גרינבערג, פאַר וועלכן זיי האָבן זיך באַצייכנט, און זענען באַצייכנט געוואָרן, מיטן נאָמען „כאַליאַסטרע". שרייבט טאַקע וועגן דעם מ. ראַוויטש אין דעם אַריינפיר צו זיין דריטן בוך „דאָס מעשה־בוך פון מיין לעבן" אַזוי אַ:

„כאַליאַסטרע" איז דער נאָמען פון אַ חברה פון עטלעכע צענדליק שרייבערס, וואָס האָבן אין די צוואַנציק־דרייסיקער יאָרן פון דעם 20סטן י. ה. רעבעלירט קעגן אַלץ און אַלעמען. בעיקר די דריי שרייבערס פרץ מאַרקיש, אורי צבי גרינבערג און מ. ראַוויטש. אַלע דריי זענען צוזאַמען געווען די כאַליאַסטרע אונטער איין דאַך פון טלאָמאַצקע 13. יעדער באַ־זונדער האָט אַרויסגעגעבן אַן אייגענע צייטשריפט: מאַרקיש — „כאַ־ליאַסטרע", אורי צבי גרינבערג — „אַלבאַטראָס", ראַוויטש — „די וואָג".

אָט אַזוי, צעטיילט און געאייניקט, איז מלך ראַוויטש געווען איינער פון די אָנזאָגערס פון אַ נייער תקופה אין דער יידישער ליטעראַטור, און געוואָרן שוין דעמלט אַ וועג־דורכברעכער, אַ פּאַרויס־לויפער און אַן אָריגינעלער שפּעדיקער שעפער. און דער דעמלט אַרומגעגאַנגענער וויץ, אַז „מאַרקיש האָט איינגענומען דעם ראַטנפאַרבאַנד, אורי צבי גרינבערג — ארץ ישראל און ראַוויטש — דאָס וואָס עס איז נאָך פאַרבליבן פון תפוצות־ישראל", האָט יאָרנלאַנג געפּאַסט דווקא און נאָר אויף ראַוויטשן.

וואָרעם ראַוויטשס אָריגינעלקייט, זיין פילזשאַנערדיק שאַפן, זיין רעדאַקטאָרישע און אַרויסגעבערישע טעטיקייט — פון זינט ר'האָט גע־האָלפן גרינדן און רעדאַקטירן די באַרימטע „ליטעראַרישע בלעטער" אין וואַרשע, איז דעם רעדעמער זכריה בערגנער, וואָס האָט אויף אַזאַ מאָדנע אופן זיך אַ נאָמען געגעבן מלך ראַוויטש בייגעשטאַנען אין אַלע זיינע צייטן און וועט אים ביישטיין אַזוי לאַנג ווי דאָס יידישע וואָרט און דאָס יידישע שאַפן וועט אָנגיין און געדיין.

סעפּטעמבער, 1976

אונדזער גאַסט משה שולשטיין

דער יידיש־דיכטער משה שולשטיין וווינט אין פּאַריז. אין נאָרמאַלע צײַטן, בעת דאָס יידישע פּוילן האָט געלעבט און געקעמפּט, געלעבט און געשאַפֿן, געלעבט און געליטן, פֿלעגן פּאַריזער יידיש־שרײַבער זיך צוכאַפּן אַהיים, צום לייענער און צו טאַטע־מאַמע, זיך אָנזאַפּן מיט יידישער גײַסטיקייט און צוריקפֿאָרן אין דער וועלט־שטאָט. הײַנט, אַז קיין היים אין פּוילן איז נישטאָ און קיין לייענער — אויך נישט, איז דער נאָענטסטער וועג פֿאַר באַגעגענען זיך מיט פֿרײַנד פֿון יידישן וואָרט — ישראל.

נאָר ישראל איז פֿאַרן יידישן שרײַבער נאָך עפּעס. און אָט דער „נאָך עפּעס" קומט צום אויסדרוק בײַ אַלע יידיש־שרײַבער הײַנט צו טאָג וואָס וווינען נישט אין דער היים, אויף פֿאַרשיידענע אופנים. דער דיכטער משה שולשטיין איז איינער פֿון זיי.

*

משה שולשטיין ציט זײַן יחוס פֿון דער פּראָלעטאַרישער ריכטונג אין דער יידיש־ליטעראַטור. און אַזאַ ריכטונג איז געווען, און אַז אָט־די ריכטונג האָט אַרויסגעגעבן פֿון זיך אַן עדה באָרימטע און טאַלאַנטירטע דערציילער און דיכטער קאָן קיינער נישט אָפּפֿרעגן. נישט מער, וואָס זי האָט אָנגעהויבן מיט מוט און געענדיקט מיט... באַדויער.

ציילן מיר די ווערק פֿון משה שולשטיין — עלעף אין צאָל, — און לייענען איבער בלויז די נעמען זייערע, און די ערטער — די שטעט ווו זיי זענען דערשינען, ווערט דאָס בילד קלאָר און... טרויעריק.

אין לובלין, אין יאָר 1934 דערשײַנט זײַן ערשטע לידער־זאַמלונג אונטערן נאָמען ברויט און בלײַ; אין פּאַריז אין יאָר 1945 זינגט ער שוין „אויפֿן אַש פֿון מײַן היים", און אין יאָר 1959 קומט אַרויס דער דיכטערישער סך־הכל זײַנער און אונטערצייכנט די תקופה — בלומען פֿון באַדויער.

דאַרף מען נישט צופֿיל זיך אָנשטרענגען כדי צו פֿאַרשטיין, אַז דאָ קומט אַרויס אַ דיכטער — וואָס האָט מיט זײַן ליד געמוטיקט און געמונטערט סײַ די לייענער, סײַ אויך זיך, און נישט זוכה געווען צו זען די וועלט

אַזוי ווי זײַן דיכטער־האַרץ האָט געשטרעבט און זײַן פּראָלעטאַריש געוויסן האָט געוואָרעמט — אין דער בלומען־שפּראַך פון זײַן פולבלוטיקער דיכ־טונג, וואָס פאַרמאָגט אין זיך אי פשטות אי געפליגלט וואָרט און דריקט אָפּן אויס דעם באַדויער.

האָב איך געקליבן בלומען פון באַדויער
פון ווערטער — אות צו אות און טראָף צו טראָף,
צו זייער נישט־פאַרגייענדיקן דויער.

*

אין יענע טעג, ווען הויכע גלאָקנדיקע טענער פון דיכטער־טריבונען האָבן גערופן דאָס פאָלק צו אויפקום, צו דערוואַכונג, האָט משה שולשטיינס ליד מיטגעזונגען אין אָט־דעם דרײַסטן כאָר פון קידוש־העם־זינגער. וואָרעם כאָטש דער כאָר איז געווען אַ קאָלעקטיווער, האָט אָבער יעדן איינעמס שטים, אויב זי איז נאָר געווען עכט, זיך אַרויסגעהערט באַזונדער. אונטער דער ווירקונג פון היסטאָרישע ענדערונגען און פון גלײַענדיקע עמאָציאָנאַלע איבערלעבונגען האָבן די ווערק פון די גלייביקע געגאָסן אמונה און בשורה אין די הערצער פון די דערנידעריקטע און באַליידיקטע יידישע מענטשן, און די יונגע ייִדן האָבן זיי צוריקגעענטפערט מיט באַגײַסטערונג, מיט באַוווּנדערונג.

האָט משה שולשטיין זײַן חשוב און פאַרדינט אָרט אין אָט־אָ־דער גלייביקער, ייִדישער שאַפונג און נישט בלויז דערפאַר וואָס ר׳האָט פאַר־מאָגט און פאַרמאָגט נאָך הײַנט אָט די אַלע אייגנשאַפטן און סימנים, וואָס גיבן דער ליטעראַטור אונדזוערער זכות הקיום און אים — זײַן אָרט אין אירע פאָדערשטע שורות, נאָר אויך דערפאַר וואָס זײַן פשטות און קלאָרקייט איז געווען אַ באַזונדערער צושטײַער.

*

אין זײַן בוך „אַ רעגנבויגן איבער גרענעצן״, אַרויסגעגעבן אין פּאַריז אין 1950, לייענען מיר וועגן „מײַן מאַמע בײַ די שבת־ליכט״ אַ ליד וואָס ר׳האָט געשריבן אין וואַרשע אין 1936.

וועלכער עכטער דיכטער דערמאָנט דאָס נישט די אייביקע טײַערע ייִדישע מאַמע? וועלכער פּאָעט שילדערט נישט די „מאַמע״ אין די שענ־סטע און ליכטיקסטע פאַרבן, פאַרבן וואָס הייבן־אַרויס אָט־די מאַמע אַפילו פון דער טיפסטער אָרעמקייט?

משה שולשטיין אָבער איז געטריַ דערווירקלעכקייט און באַפּאַרבט זי נישט. אין רעליעפּע בילדער און אין אַ פּשוטער געוויינלעכער מענטש־לעכער שפּראַך דערציילט ער וועגן דער מאַמע זייַנער און וועגן דער אָרעמקייט, וועגן דער נויט און וועגן איר גלייבן אין אַ גאולה שלמה.

...מייַן מאַמע פאַר די צוויי פאַרדאַרטע שבת־ליכטלעך,
וואָס דער קרעמער האָט אויף באָרג אָן חשק איר געגעבן,
איר דאַכט, צוויי זייַלן זענען דאָס, וואָס שפּאַרן־אונטער
איר הויז און הויזגעזינד, איר גליק און לעבן.
שטייט זי איצטער לעבן זיי און בעט
פאַר אַרבעט, פאַר געזונט, פאַר ברויט צו זעט...

אויך אין יאָרן אָרום, בעת שולשטיין דערגרייכט מדרגות פון הויכ־קייטן אין דער יידישער פּאָעזיע, און זייַן טעמאַטיק ברייטערט זיך אויס אין „דער אָרעם פון ליבשאַפט" צו אַ קאָנגלאָמעראַציע פון לידער, וואָס זינגען אין אַ הויך־טאַלאַנטירטן טאָן, „פון זיך צו זיך", „צעשאָטענע קערנער", „געזאַנג צווישן מויערן", „דער פאַרכישופטער באַראָק", „ניו־יאָרק מאָטיוון", ביז „אַ הויז בײַם ים" און הייבט אָן די וואָגיקע אייַנזאַמלונג מיט אַ ליד, וואָס איז אַ תפילה צו זייַן ליד: —

מייַן ליד. זאָלסט זיך לערנען בײַם נעפל דעם גרויען
פאַרבאָרגן, פאַרהילט און פאַרהוילן צו זייַן,
כ'זאָל סוד און כוונה דיר קענען פאַרטרויען,
פאַרשטעלטע מיט דיר ווי מיט פעסער דער ווייַן...

קערט ער זיך ווידער צוריק צו „מייַן פעטער מרדכי", „מייַן מאַמע באַקט ברויט" און — „מייַן מאַמע בײַ דער באַליע וועש" ווו ער דערזעט צוריק און ווידער זייַן מאַמען, ווי —

אַ פאַרהילטע אין אַ וואָלקן פאַרע,
אין פרימאָרגן שטייט מייַן מאַמע אייַנגעבויגן
פאַר דער פולער הייסער באַליע גרעט
און מיט הענט צעאָדערטע און בלייַך
רק זי וואַשט און רייַבט און שווענקט...

— — —

פון דער מאַמעס שוועך־פאַרזאָרגטן פּנים
אין דער פאַרעדיקער באַליע, זע איך, פאַלט אַרײַן
אין די מילינעס אַ טראָפּן שווייס,
אָדער אפשר גאָר אַ טרער פון אויג...

ווערט ער מיר ווידער נאָענט און אייגן ווי אַמאָל, ווי אין יענע גלייביקע און תפילהדיקע טעג.

אָט אַזוי איז געגאַנגען און גייט משה שולשטיין זײַן אויסגעווײלטן וועג פון פּשטות, וואָס קומט פון אינעווייניקסטער דערהויבנקייט. אַ דער־הויבנקייט וואָס וואַקסט־אַרויס פון טיפן גלויבן אינעם מענטש, אינעם אייגענעם פאָלק, אין דער וועלט.

אַוודאי האָט אויך דער דיכטער משה שולשטיין עפּעס מיטגעמאַכט, און פון דאַן ביז הײַנט איז „פאָלג מיך אַ גאַנג". אַוודאי זענען געשעענישן נישט בלויז קיין פלירט־רייד פון צופעליק באַגעגנטע. טיף־בלוטיק האָט זיך אַלץ אײַנגעשניטן אין זײַן נשמה און אַ סך, אַ סך זאַכן האָבן זיך אים באַוויזן אין אַן אַנדער ליכט. דערפאַר דער ווייטיקדיקער באַדויער. אויך די צײַט איז געוואָרן אַנדערש. און שולשטיין איז געוואַקסן סײַ טעמאַטיש סײַ אין זײַן שפּראַך און פאָרם־בוי. אָבער טוט אַ מיש אין זײַן בוך „בלומען פון באַדויער" און איר וועט לייענען אויף זײַט 103 אין דער אָפּטײלונג „אַ רינג אין אַ רינג" אַ ליד „דורך מײַן פענצטער". איז ווידער „אַ וואַנט פון אַ הויף" — און ווידער וויקלט זיך אויס דער טאָג פון דער נאַכט, און קלינגט מיט מי פון קעלער ביזן לעצטן שטאָק. אַ בעקער, אַ זייגער־מאַכער, אַ קאַנטאָר, אַ מיידל בײַ אַ שרײַבמאַשין פאַרריכט די האָר, אַ פרוי טוט אָן אַ מלבוש אויף אַ מאַנעקין, אַ שטריק־מאַשין. און משה שולשטיין, געטרײַ צו זיך און צו דערווירקלעכקייט ענדיקט דאָס ליד —

ס'וויברירט די וואַנט מיט אויסגעמישטן אַרבעטס־קלאַנג
און זינגט אַרײַן אין פענצטער און אין האַרצן איר געזאַנג.

און אויב אַפילו פּאַריז איז נישט וואַרשע, און פּאַריז אין 1955 איז אַוודאי און אַוודאי נישט וואַרשע אין 1935, פון דעסטוועגן, אַז דער דיכטער שולשטיין שטייט נעבן אַ גרינעם באַסיין און זעט דאָרט אַ קאַרפּ, ווידמעט ער דאָס ליד דעם אָנדענק פון זײַן מאַמען און עס גייען־אויף די ריחות פון שבתדיקע פיש און דאָס בילד פון דער מאַמעס פאַרלאָשענער קופּער־נער פּאַן, און זײַן שמייכל ווערט פאַרשטאַרט און פאַרלוירן און עס

וואַקסט־אויס די נאָסטאַלגיע, די היים־ווײ, די בענקשאַפט צו היים און צו היימישקייט. אַזוי אַרום ווערט פאַרוואָרפן אַ בריק צו זײַן שאַפונג פון הײַנט ביז דעמלט און צוריק. און אַז ער אַליין דערזעט דאָס אַלץ ווערט אים נייטיק און נאַטירלעך צו בעטן זיך ביי דער שיף וואָס פירט אים קיין ישראל —

א, פיר מיך צום האָפן פון האָפן.

לאָמיר האָפן!

מ. שטאַרקמאַנס „געקליבענע שריפטן"

פֿאַראַן בײַ אונדז אַ גאַנצע גאַלעריע פֿון וונדערלעכע פּרויען, ווײַבער פֿון באַדײַטנדיקע ייִדישע ליטעראַטור־שאַפֿערס, אויך קינדער זייערע, — צווישן זיי איז באַזונדערס ווערט צו דערמאָנען די טאָכטער פֿון אַלטער קאַציזנע, שולמית רעאַלע, די פֿרוי פֿון אַן איטאַליענישן סענאַטאָר — וואָס זענען זיך ממש מוסר־נפש, אַז די ווערק פֿון זייערע אַוועקגעקומענע מענער צי טאַטעס זאָלן דערשײַנען אויף דאָס נײַ, אָדער זאָלן ווערן איבערזעצט און דערשײַנען אינעם איבערגעזעצטן לשון. האָבן משה שטאַרקמאַנס פֿרוי און טעכטער אויך אַזוי געטאָן, און דאָס געטאָן מיט האַרץ און מיט ליבע.

אין יאָר 1979 איז דערשינען אין תּל־אָבֿיבֿ, מיט זייער מי און איניציאַטיוו, דאָס ערשטע בוך מיט שטאַרקמאַנס שריפֿטן, צונויפֿגעשטעלט דורך צוויי געניטע און קאָמפּעטענטע צונויפֿשטעלערס: מרדכי חלמיש און יצחק יאַנאַסאָוויטש, מיט אַ הקדמה פֿון פּראָפֿ׳ דבֿ סדן. מיט אַ יאָר־אַנדערהאַלבן שפּעטער איז דערשינען בײַם פֿאַרלאַג „ישׂראל־בוך" דאָס צווייטע בוך און דער צונויפֿשטעלער דערפֿון איז געווען דער שרײַבער פֿון אָט די שורות. נאָר ווײַל ס׳איז באַקאַנט אַז... אין הנחתום מעיד על עיסתו, טאָר איך דאָך נישט „עדות זאָגן" וועגן מײַן טוּונג, וועל איך דעם גאַנצן עניין צונויפֿשטעלן לאָזן פֿאַר אַנדערע. איך דאַרף אָבער זאָגן, אַז — ס׳איז אַ גרויס גײַסטיק געווינס און נישט ווייניקער העכערער פֿאַרגעניגן, צו בלעטערן און זיך אַרײַנטיפֿן אין דעם ים המאַטעריאַלן פֿון אַזאַ שרײַבער און לערער ווי ס׳איז געווען משה שטאַרקמאַן, כּדי צו העלפֿן כאַטש דעם נייטיקסטן טייל פֿונעם רײַכן פֿילווערטיקן איבערבלײַב זײַנעם, אַרײַנצונעמען צווישן טאָוולען פֿון אַ בוך און דאָס ברענגען פֿאַרן לייענער.
איך טאָר אויך נישט קאַרגן קיין ווערטער פֿון דאַנק דער חשובֿער פֿרוי רחל, דער לעבנסבאַלייטערין פֿונעם מחבר מ. שטאַרקמאַן, פֿאַר דעם וואָס זי האָט מיר אָנגעטרויט און אַרויפֿגעלייגט אויף מיר דעם הויכווערטיקן עול אויסצוקלײַבן און צונויפֿשטעלן דאָס דאָזיקע בוך שריפֿטן, וואָס איז

דאָס צווייטע אין דער רײ. נישט מער, וואָס סײַ דער שכל הישר, סײַ דאָס נישט־געפּאַלשטע געפיל האָבן מיר אונטערגעזאָגט, אַז געזאַמלטע ווערק פון אַ שרײַבער ווי משה שטאַרקמאַן, וועמענס לשון איז קלאָר און לויטער ווי דאָס אײַלנדיקע וואַסער פון אַ קוואַל, און די טיפע מחקרים זײַנע, די אָנגעזאַפּטע מיט פילאָסאָפיע און היסטאָריש וויסן, מיט יהדות און יהנדות, פאַרשטעלן נישט זײַן פאָלקיש־דידאַקטישן סטיל און כאַראַקטער, — אַז אַזאַ זאַמלונג נייטיקט זיך נישט אין אַ וועלכן ס׳איז אויסטײַטש, אַפילו נישט אין אַן אַרײַנפיר, אויסער אויב דער אַרײַנפיר דאַרף ממלא זײַן אַ געוויסע שליחות, וויניקסטנס — אויפקלערן דעם סיסטעם פונעם אָפּקלײַב. האָט וועגן דעם נישט געקאָנט זײַן קיין רייד, שוין דערפאַר וואָס די פריערדיקע צנויפשטעלערס האָבן זייערס אין ערשטן באַנד אויפגעקלערט. און איך? בין איך דען געגאַנגען אויף אַ לחלוטין אַנדערן וועג? האָט בלויז דאָס עצם מתעסק זײַן זיך מיט אַזאַ בוך, דאָס אָפּקלײַבן און אַרויסקלײַבן, דאָס זאָרגן פאַרן מוקדם ומאוחר בײַם ברענגען דאָס מאַטעריאַל, בײַם ווידער איבערלאָזן אַן אוצר אַ גאַנצן פאַר נאָך אַ בוך, אָדער — ביכער, האָט דאָס מיך מחייב געווען צו זאָגן אַ וואָרט, כאָטש פון התנצלות און באַוווּנדער. און איך חזר דאָס איצט אַבער: — —

אַ וואָרט פון התנצלות, פאַרן כבוד פונעם מחבר ז״ל און פאַר די אַרויסגעבערס יבלח״א, אויב כ׳האָב ערגעץ־ווו געגרײַזט אָדער געפעלערט אינעם צונויפשטעל, צי דורכגעלאָזט גרײַזן וכד׳. און עס האָט זיך דאָך טאַקע אַרויסגעוויזן, אַז עס האָבן זיך אַרײַנגעכאַפּט גרײַזן, און איינער אַ פאַרדריסלעכער אַפילו ווי, אַ שטייגער, אינעם מאַמר וועגן ג. קרעסלס „די ביאָגראַפיע פון דער העברעיִשער ליטעראַטור״ איז במקום ווו עס דאַרף זײַן און מוז זײַן בדורות האחרונים אַרויסגעקומען — בדורות האחרונות... וכדי בזיון וקצף. ס׳איז אויך אוממעגלעך געווען נאָכצוגיין די אַלע מאַמרים וואָס זענען דערשינען אין פאַרשידענע צײַטונגען און זשורנאַלן אין פאַרלויף פון העכער 50 יאָר, כדי צו זען צי אַלע געברענגטע ציטאַטן דורכן מחבר זענען טאַקע ריכטיק געברענגט געוואָרן, אָדער קאָרעקט אָפּגעדרוקט געוואָרן. און כאָטש דאָס איז נישט געווען אונדזער אויפגאַב, און דערפאַר ווײַל מיר האָבן זיך נישט געקאָנט דאָס אונטערנעמען, האָבן מיר זיך אָבער מתנצל געווען איבער דעם פון פאָרויס.

פון באַוווּנדער —

באַוווּנדערונג און לויב פאַר אַ מענטש, וואָס האָט באַוויזן צו שרײַבן אַזוי פיל און אַזוי ערנסט, מיט אַזוי פיל קענטעניש און אַזוי פיל ערודיציע, אויף אַזוי פיל טעמעס און אויף אַזוי פיל שטחים.

ווער עס וועט לייענען בלויז דאָס בוך, אַ פּשיטא שוין ביידע, וועט תּיכּף דערזען פאַר זיך אַ שרײַבער מיט אומפאַרגלײַכלעכן טאַלאַנט: אַ טאַלאַנט וואָס טיילט זיך, אין מזל־ברכהדיקער עשירות, אויף אַ פאָלקלאָר־קענער, אַ פּובליציסט, אַ קריטיקער, אַ טעאַטער־מבין, אַ היסטאָריש־וויסנשאַפטלעכן פאָרשער און כּתבן, אַ בקי אין דער ייִדישער און העברעיִשער פּרעסע און ליטעראַטור, ועל כּולם — אַן אויסגערופענער תּלמיד־חכם, וואָס לערנט אַליין אַן אויפהער און לערנט יענעם.

אַוודאי איז אינו דומה דאָס לייענען צײַטונג־אויסשניטן, די בעסטע אַפילו, די אינטערעסאַנטסטע, וואָס ווערן געלייענט לשם אָפּקלײַב, צום לייענען דאָס אויסגעקליבענע, וואָס געפינט זיך שוין צווישן טאָוולען. זעגען דערפאַר טאַקע אָט די צוויי ערשטע ביכער שטאַרקמאַנס אינטערע־סאַנט און לייענעוודיק, שוין דערמיט וואָס זיי גיבן דעם לייענער אַ פול און קלאָר בילד פון אָט דעם אייגנאַרטיקן מאַמריסט. מ׳וועט פון זיי, פון אָט די ביכער, אַ סך זיך דערוויסן, אַ סך לערנען. ס׳וועט יעדן איינעם פון אַ פאַראינטערעסירטן געביט, ווי געשיכטע פון ייִדיש אין אַמעריקע, געשיכטע פון דער ייִדישער פּרעסע דאָרט; וועגן גרויסע שרײַבערישע פּערזענלעכקייטן און זייערע מעשׂים, יום־טוב־טעג און זייער אָפּשטאַם — פירן צו מקור, צו טיפערער און ווײַטערער פאַראינטערעסירונג, צו בעסערן פאַרשטיין. ווײַל מ. שטאַרקמאַן האָט מיט האַרץ און נשמה זיך אַרײַנ־געטיפט אין די קוואַלן און ימען פון אָט די געביטן און טעמעס און זיי וווילקענעוודיק און דידאַקטיש אַרויסגעבראַכט אין אַ לומדיש לשון וואָס איז גלײַכצײַטיק פאָפּולער.

און אַז מען וועט לייענען אין ערשטן באַנד דב סדנס הקדמה „וועגן משה שטאַרקמאַן” און באַקאַנט ווערן מיט אַזאַ שלל פּרטים וועגן שרײַבער און מענטש משה, וועט זיך ערשט דעמלט צום בולטסטן אַרויסווײַזן, אַז אַ זאַמלונג פון משה שטאַרקמאַנס מאמרים דאַרף קודם כּל געלייענט ווערן, און די פאַרדינטע שבחים וועלן קומען מיטן לייענען.

אויגוסט, 1980

פון „אָנהייב" אָן

(המשך פון בוך 1)

שמעון דזשיגאַן
גבריאל ווײַסמאַן
דאָרע טייטלבוים
יצחק יאַנאַסאָוויטש
משה יונגמאַן
מאיר יעלין
פרומע יעקובאָווסקי־בעקער
יאָסל לערנער און
אמיר גלבע
רפאל מאַהלער
לייב מאָרגנטוי
אברהם סוצקעווער
משולם סורקיס
דוד ספרד
יצחק פאַנער
יוסף פאַפּיערניקאָוו
יעקב פרידמאַן
מרדכי צאַנין
שמעון קאַנץ
אפרים רויטמאַן
שלמה רויטמאַן
צבי שור
אריה שמרי
שלמה שנהוד
אפרים שרײַער

דער יובל פון אַן אייגנאַרטיקן קינסטלער

40 יאָר בינע־טעטיקייט פון שמעון דזשיגאַן

...פערציק יאָר ווי שמעון דזשיגאַן ברענגט פולע עמערס געלעכטער און פרייד צו יידישע מאַסן אין פאַרשיידענע ישובים אין דער יידישער צעשפּרייטונג און אין אונדזער מדינה. פערציק יאָר ווי ער לאַכט אין אונדז אַריין אויפמונטערונג און אויפהייטערונג דורך וויץ און גלייכווערטל, דורך אָפּשפּאַט און אַריינזאָג. מיט מאָנאָלאָג פון פאַרס און קליין־שפּיל פון קאָמעדיע העלפט ער אָפּוואַרפן דעם יאוש און דעם לאַנגווייל וואָס פרעסן האַרץ און נשמה, אין צייטן פון נויט און אין צייטן פון בשורה, און ער טוט זיין עבודה מיט מסירות און התלהבות, אַז נישט איין מאָל דוכט זיך אונדז אַז ער קאָן פאַרגליכן ווערן צו יענעם חסידישן רבין וואָס איז מכריז בפני עם ועדה, אַז טרויער און יאוש זענען עבודה זרה, און ער שרייט מיט אים מיט: געוואַלד, יידן, זייט זיך נישט מיאש! טוט אַ לאַך! טוט אַ שמייכל!...

זיין געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע סאַטירע, וועלכע ער ברענגט אַרויס אַזוי אָן פשרהדיק אין זיין זינגעוודיקן ברייטן פּוילישן יידיש, האָט צוזאַמען מיט איר אויסלאַכנדיקער ווירקונג אויך געדינט ווי אַן אָפּוועהר קעגן אַל דאָס בייז, און ווי די שטאַרקסטע האַרמאַטן־שאָסן קעגן שונא. ובפרט נאָך, אַז קיין אַנדערע האָבן מיר דאָרט נישט געהאַט.

אָבער אויך דאָ הי, בעת קעגן דעם אויסערלעכן שונא זענען האַרמאַטן יאָ פאַראַן, איז נאָך אַלץ די סאַטירע, דער הומאָר, פאָלקסטימלעכער אַריינזאָג דאָס שטאַרקסטע געווער, קעגן בייז, קעגן פוילונג, קעגן דעגענעראַציע.

און דערפאַר — אַז דזשיגאַן האָט זיך צוגעאייגנט ישראל ווי זיין היים און מיטגעבראַכט אַהער — צוזאַמען מיט זיין לשון, זיין ניגון, זיין קנייטש — דאָס גאַנצע האָב און גוטס וואָס פאָלק־הומאָר פאַרמאָגט אין זיך און האָט באַלד זיך אויסגעלערנט דערפילן און דערקענען די באַזונדערע אייגנשאַפטן און נייגונגען פון דער היגער געזעלשאַפטלעכקייט, די פּראָבלעמען און די קרומקייטן פון אונדזער לעבן, און מיט זיין שניידנדיקער חריפות אָנגעהויבן שמייסן מיט סאַטיריש־חכמהדיקע ריטער איבער די — שוין צו שטייף — גלייכע רוקנס פון „מושלים" און „מנהלים", וואָס האָבן

פּאַרגעסן, אַז ערשט נעכטן זענען זיי אָדער זייערע טאַטעס, אַליין געווען איינגעבויגענע, האָט זיין סצענישע וויטאַלקייט דערגרייכט מדרגות און איז דערגאַנגען ביז דער זכיה, אַז מ׳קאָן אויף איר לייענען דעם פּסוק וואָס דער שרייבער הימן הירושלמי ברענגט וועגן ר׳ יצחק מנסכיז מכוח עצבות און פרייד:

„מיט צען נעמען פון פרייד זענען אָנגערופן געוואָרן די ייִדן און מיט צען נעמען פון עצבות איז אָנגערופן געוואָרן ס׳גלות. אַז די ייִדן וועלן זיך מתגבר זיין איבער דער עצבות פונעם גלות און זוכה זיין צו ארץ ישראל, וועלן זיי אָנגערופן ווערן מיט צוואַנציק נעמען פון פרייד און גאולה״.

און ישראל לעבט אין אָט דער צוואַנציקפאַכער פרייד פון גאולה.

און ישראל פרייט זיך מיט דזשיגאַנען, ווייל ער ברענגט אַרויס אָט די פרייד פריידיק.

און די, וואָס קומען אים דאָ הערן, ווייסן, אַז פאַר זיי טרעט אויף איינער פון די גרעסטע אַרטיסטן ביי ייִדן, וואָס איז פאַרקריצט אין זכרון פון די לעבנגעבליבענע מזרח־אייראָפּעישע ייִדן. זיי ווייסן און געדענקען וויפיל טרייסט און יום־טובֿ ער האָט אַריינגעבראַכט אינעם גרויען, פאַר־חושכטן ייִדישן לעבן דאָרט.

זיי ווייסן און געדענקען, ווי אַזוי אַ וויץ, אַן אַפּלאַדּ פון יענעם און פון זיך, האָט געדינט יעדן איינעם פּערזענלעך און דעם גאַנצן פאָלק ווי אַ קאָלעקטיוו, אין אַן עת צרה נישט ווייניקער ווי אין אַן עת שמחה. און אָט דאָס דורותדיקע, דאָס געקייטלטע און דורכגעפּלאָכטענע מיט ייִדישן פיין און מיט ייִדישער פאָלקסטימלעכער זאַפטיקייט, מיט חריפות און לומדות, וואָס האָט אונדז געדינט אַזוי געטריי דורך אַזוי פיל יאָר־הונדערטער, איז אין דזשיגאַנס קינסטלערישער קרעאַציע געוואָרן דאָ הי שענער נאָך, שטאַרקער אוןווירקנדיקער.

און אַוודאי געדענקען מיר אַלע יענץ פאָלקסליד, וואָס זינגט און זאָגט... אַז מ׳פייניקט מיך און מ׳מוטשעט מיך פאַמעלעך / לאַך איך זיך פון מיינע שונאים אויס / און זינג מיר גאָר אַ פריילעכס... און ווייל ער טוט דאָס מיט אַ טוונג פון אַ כהן גדול, נעמען מיר אים אויף אין דער אַלטער „מוטער פון די קאָלאָניעס״ — אם המושבות פּתח־תקווה — מיט דער זעלבער ליבשאַפט און מיטן זעלבן כבוד ווי ער ווערט אויפגענומען אומעטום און — ווי עס קומט אים —

עד מאה ועשרים!

(פון אַ רעדע אויפן גאַלאַ־אָוונט, פעברואַר 1972, אין פּתח־תקווה)

גבריאל װײַסמאַן און זײַנע עסייען

א

דאָס שרײַבן עסייען־אַרטיקע מאמרים װעגן שרײַבערס, קינסטלערס, װיכטיקע װערק, קולטור־ און פילאָסאָפישע פּראָבלעמען א. א. ציט זיך שוין אַ קיימא לן הונדערטער יאָרן. ס'איז װויל באַװוּסט און באַקאַנט, אַז סײַ דער נאָמען — עסיי — סײַ זײַן כאַראַקטער שטאַמען פֿונעם אַרטיקלען־געזאַמל װאָס עס האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין יאָר 1580, דער באַרימטער פֿראַנצויזישער שרײַבער און דענקער מישעל דע מאָנטען אונטערן נאָמען ESSAIS. דער ייִדישער עסיי האָט אַ שפּאָר ביסל פּאַרשפּעקטיק. ער האָט זיך אָבער רעהאַבליטירט מיט דער באַטײַטנדיקער צאָל מחברים זײַנע װאָס זענען אויפֿגעקומען אין דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור און מיט דער גאָר הויכער קוואַליטעט פֿון זייער שרײַבן. גענוג צו דערמאָנען אַ י. ל. פּרץ, אַ חיים זשיטלאָװסקי, דוד פֿרישמאַן, און בעל מחשבות, — װי דער מאָדערנסטער צווישן זיי — ביז צו די װאָס זענען שפּעטער צוגעקומען, װי מ. גראָס־צימערמאַן, שלמה ביקל און יבל"א דב סדן און זייערס גלײַכן, כדי צו ציִען די אויפֿמערקזאַמקייט אויף אונדזער עסיי, װאָס פֿאַרמאָגט גײַסטיקע געווירצן, בליציקן עספּרי, שפּראַכלעכע רײַכקייטן און שײַדט זיך אָפּ פֿונעם קלאַסישן קריטיק־מאמר װאָס איז על־פּי־רוב טרוקן און דידאַקטיש.

און אָט איז געקומען יעקב גלאַטשטיין און האָט מיט טעם, חן און אָריגינעלער פֿאָלקישער אײַנפֿאַלערישקייט געמאַכט נאָך מער פּיקאַנטער און זאַפּטיקער דעם עסיי אונדזערן, ביז ר'איז געוואָרן „אין תוך גענומען" דער טיפֿסטער, ברייטסטער און דערהייבנדיקסטער באַהאַנדל־אַרטיקל.

האָבן מיר דערזען, אַז נישט נאָר טעאָרעטיש, װי עס טײַטשט דאָס אויס דער װערטערבוך, נײַערט אויך ממשדיק, איז אונדזער עסיי — דאָס שרײַבן װעגן ליטעראַטור, קונסט און געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען אין אַ סובלימירטער פֿאָרעם, סוביעקטיוו און אינטים, דערבײַ קיינמאָל נישט רײַסן זיך אַרומצונעמען דעם באַהאַנדלטן ענין ביזן סאַמע סוף, נאָר לאָזן

אָרט פּאָר נאָכטראַכטן — אַ נאַטירלעכע קרוינצוויַיג פון אונדזער מאמריס־טישן ליטעראַטור־בוים.

דאָ וואָלטן מיר אַוודאי געדאַרפט ברענגען אַ נעמען־ליסט פון די וויכטיקסטע עסייאיסטן, מיט, כאָטש, קליינע מוסטערן פון זייערע יצירות. וואָלט אָבער אַזאַ רשימה אונדז בלויז געוויזן, אַז... וויפל מחברים אַזויפיל סטילן, וויפל עסייאיסטן אַזויפיל פאָרמען. און דאָס וואָלט אונדז רק דער־פירט צום מאמר חז״ל: „לא הרי זה כהרי זה״ — דער איז נישט פונקט אַזוי ווי דער, און זייער צד השווה איז גראָד דאָס באַזונדערע, דאָס אייגנ־טימלעכע, און דער קוואַליטאַטיווער אויסמעסט פון יעדן עסיי באַזונדער.

זענען אַוודאי דאָ ביַי אונדז שריַיבערס וואָס שריַיבן וועגן ווערק און מחברים אין גייסט פון דער צייַט, ד.ה. מאמרים וואָס באַשווערן דיר דאָס קלאַסיפיצירן, צי זענען זיי בלויז און נאָר ליטעראַטור־קריטיק, אלא צוגעפּראַוועט מיט עסייאיסטיש ריַישעכץ, צי זענען זיי עסייען לויט אַלע דינים וחוקים, נייערט צוגעווירצט מיט קריטיק־כוונות. פון דאַנען, אַז עס איז שווער צו זאָגן צי אַלע מאמרים וועגן ליטעראַטור און ענלעכע פּראָבלעמען מעגן אָנגערופן ווערן עסייען. וואָס זשע בליַיבט צו טאָן? — תיקו.

ב

גבריאל וויַיסמאַנס מאמרים וועגן שריַיבערס און קינסטלערס ליַידן צום ווינציקסטן פון אָט דעם פעלער. אמת, אויך ג. וויַיסמאַן האָט ביידע ביכער זיַינע: „פּען־פּראָפילן״ (1978) און „ישראל־קינסטלער״ (1979) באַצייכנט מיטן קוואַליפיקאַציע־טיטל עסייען, נאָר דאָס קאָן גריילעך זיַין דערפאַר וואָס ער איז נישט אויסן אין זיַינע אָפּהאַנדלונגען צו שפּילן די ראָל פון אַ קריטיקער — פּוסק־אחרון, נייַערט עקספּרעסיוו אַרויסברענגען זיַינע מיינונגען, איַינדרוקן, מיטלעבונגען מיט די ווערק וואָס ר׳האָט געלייענט (ביכער) אָדער געזען (בילדער), הגם דאָ אָדער דאָרט שריַיט אַרויס קריטיק, אָדער, ווייניקסטנס, קריטישע מבינות... נאָך מער. אָפט מאָל רופט דער אָדער אַנדערער מאמר זיַינער אַרויס ביַי דיר אַסאָציאַציעס, אַז וויַיסמאַן באַהאַנדלט זיַין פּאַציענט מיט כלים פון קלאַסישער קריטיק: אַ שפּע פון פאַך־ווערטער, ספּעץ־אַרויסזאָגונגען אדגל. ער איז אָבער נישט אַזוי טרוקן־לאָגיש, אַנאַליטיש־פּעדאַנטיש ווי עס זענען געווען די קלאַ־סישע קריטיקערס אונדזערע, ניגער, מוקדוני א.א. ער קוקט נישט דורך

אַ פֿאַרגרעסער־גלאָז כּדי צו דערבליקן אַן אומפּינקטלעכקייט, אַ נאַנסענס, אַ גריַיז, ווי, למשל, אַ י. ראַפּאָפּאָרט. אויך זיַין לשון, די לעקסיק זיַינע איז אַנדערש ווי ביַי די „ריינע" קריטיקערס. עס פֿאַרמאָגט אין זיך ווייכ־קייט, טייל מאָל — צאַרטקייט, סענטימענטאַלישקייט אַפֿילו. עס טרעפֿט און עס לויפֿט איַיך אַן לייענענדיק, אַ פֿאַרגליַיך, אַז... זיַין לשון פֿליסט ווי דאָס וואַסער אין אַ לויפֿנדיקן טיַיך. וואָרעם אָט גיט ער אַ זאָג — רעדנדיק וועגן דעמבלינס „אויף אייגענעם באַראָט" — „ב. דעמבלין איז אַ גרויסער עפּיקער, וועלכער שילדערט און שטעלט זיך אָפּ אויפֿן קלענסטן פּרט און אויפֿן מינדסטן עפּיזאָד. אָבער אָט די כּלומרשטע קליינע און זיַיטיקע עפּיזאָדן — דאָס זעלבע דער פּייזאַזש — דינען דעם מחבר ווי אַ מיטל עפּעס אויפֿצודעקן, עפּעס אויסצוקלאָרן". איז דאָס אַזוי שטיל, אַזוי פּשוט און האַרציק געזאָגט, אַז לייענענדיק דאָס מיט האַרץ און מיט מוח ווילט זיך אָט־די־זעלבע „פּשוטע" ווערטער זאָגן אויפֿן מחבר גופֿא.

אָט, אַ שטייגער, זאָגט ער וועגן דער דיכטעריַין פּערל האַלטער: „אַ מאָדנע שטימונג נעמט אַרום נאָכן איבערלייענען אַ ריי לידער אירע. דאָס זענען לידער וועגן עפּעס וויַיטע חלומות, נעפּלדיקע בענקשאַפֿטן — אומעטיקע לידער. די דאָמינירנדיקע פֿאַרב — גרוי. פֿאַר אַ נאַווינע מישט זי צו אַ ביסל בלוי". כ׳וואָלט אָוועקגעגעבן אַ גאַנצן פּוד קריטיק־אַרטיק־לען פֿאַר אָט דעם איינעם קליינעם פּסוק.

פֿון דאַנען מעגן מיר, נישט צופֿעליק, אַ מיש טאָן ביז צו זיַיט 122 וווּ וויַיסמאַן רעדט וועגן דב סדנס „די חכמה פֿון חכמות", און טוט זיך אַזוי געמיטלעך אַ זאָג (שיר נישט סדניש...): „ביידע ביכער, סדנס, זענען טויזנט־און־איין־פּלאַי־פּלאָזימדיקע שאַרפֿזיניקע, חנעוודיקע אַנעקדאָטן, און אַז איר ווילט, מעשהלעך. אָבער צונויפֿשטעלן פֿון 27 גרונט־ווערטלעך אַ בוך „די חכמה פֿון חכמות" דאַרף מען האָבן אַ קאָפּ פֿון אַ מיניסטער. בלשון סגי־נהור וואָלט איך געזאָגט: אַ בייזע גבורה".

און אַז מיר קומען צו צו אַ מאַמר, וואָס צוליב סוביעקטיווע טעמים, וועלן מיר אים נישט אָנרופֿן ביַים נאָמען, און באַגעגענען זיך דאָרט מיט אַ פּסוק וועגן „כּוחותדיקן פֿאַרמעסט" פֿון אַ מחבר, און אַז דאָס באַהאַנ־דלטע בוך איז „דעם פֿאָעטס קאָנפֿראָנטאַציע און מאַניפֿעסטאַציע פֿון שפּראַך, בילד, טאָן, פֿאַרב און דיכטערישן גליי", דערזעען מיר ווי רײַך עס איז אונדזער אָרעם לשון און אַז גבריאל וויַיסמאַן פֿאַרמאָגט זיַין אייגענעם שליסל צו אָט דער דאָזיקער רײַכקייט.

ג

פון גבריאל ווײַסמאַנס „פען־פּראָפילן" ביז זײַן בוך „ישראל־קינסט־לער" זענען קיין סך טײַכן נישט אָפּגעפלאָסן. סײַ די צײַט — אַ יאָר — סײַ דער רעאַליזיר־אופן זענען זיך גאַנץ נאָענטע קרובים. עס איז אָבער דאָ אַ נישט־קשהדיקער מהלך צווישן אָט די ביידע געזאַמלען. אַ מהלך וואָס האָט אַ ברירה צו קוואַליפיצירן יעדן געזאַמל באַזונדער און מזכה צו זײַן גראָד דאָס צווייטע בוך מיטן בכבודיקן טיטל עסייען.

אויב מיר האָבן אויבן געזאָגט, אַז טייל מאָל ווילט זיך פאַרגלײַכן ג. ווײַסמאַנס לשון צום וואַסער פון אַ לויפנדיקן טײַך, איז עס, אָט דאָס לשון זײַנס, אינעם געזאַמל „קינסטלער" נאָך מער פליסיק. נאָך מער לויפיק. אפשר דערפאַר וואָס ער האָט אַמאָל שטודירט קונסט, אפשר — ווײַל ער איז אין דער קונסט פאַרליבט און לעבט זי, נאָר אַזוי צי אַזוי פילסטו אין אָט דעם בוך אַ געזאַמל פון מוזע־פליגל וואָס מאַכן העכער און ברייטער די דימענסיעס און רײַסן דיך מיט צו ווערן נאָענט מיט אָט די קינסטלערס, עס זאָלן דיר ווערן אייגן זייערע שאַפונגען, זאָלסט אַ גרויסן טייל פון זיי אָנהייבן פאַרשטיין און זיי אָנהייבן ליב האָבן, ווי ער — גבריאל ווײַסמאַן.

אין איינער אַן אָפּהאַנדלונג איבער אַ ייִדישן דיכטער אין ישראל, האָט מלך ראַוויטש דערציילט און דערקלערט, אַז ער האָט ליב — און פּירט זיך אַזוי אין כמעט 99 פּראָצענט פון זײַנע אָפּהאַנדלונגען — צו ברענגען איין ליד, דאָס אים נאָענטסטע, פון דעם דורך אים באַהאַנדלטן דיכטער, ווי אַ מוסטער. און אָט דאָס איינע ליד איז בכוח, און איז מחויב, לויט אים נאָך, צו אילוסטרירן און באַשטעטיקן זײַנע אַרויסגעזאָגטע מיינונגען איבער דעם באַהאַנדלטן משורר. נאָכצוגיין דעם גאַנג פונעם וואונדערלעכן מלך (ראַוויטש), וואָלט איך געקאָנט אויך אַזוי טאָן.

וואָרעם, לויט מיר נאָך, איז דער עסיי וועגן סקולפּטאָר מיכאל מיל־בערגער, וואָס איז דער גרעסטער אין כמות אין אָט דעם בוך און דער רײַכסטער אין איכות — ראוי און בכוח צו דינען ווי אַ מוסטער פון דער גאַנצער זאַמלונג. מחמת אין אָט דעם עסיי זענען לשון, וויזיע, פאַקטען־טעניש, פאַרערונג און ליבשאַפט צום באַשריבענעם און געשריבענעם, אַזוי ענג פאַרבונדן צווישן זיך, אַז זיי ווערן איין גאַנצס, ווי זיי וואָלטן ממש אַראָפּגעקומען צונויפגעפּאַרטע פון די הימלען, מקשה אחת. וועט איין ציטאַט פון אָט דעם פּראַכטיקן מאַמר געגנוג זײַן אויף דאָס צו באַווײַזן: —

„דער דאָזיקער אײַנדרוק (אַז מילבערגערס ווערק „זעען־אויס ווי זיי זאָלן שוועבן אין די ספּירות העליונות") איז נישט בלויז קיין סוגעסטיווער, נאָר איז באַזירט אויף געזעצן: געאָמעטריע, ליניע, וואַלאָר, קאָנסטרוקציע, פּאַרבליפנדיקע טעכניק — דיסציפּלינירט אין זײַן קינסטלערישן אויסדרוק. נאָר אויב עס וועט זיך ווער דווקא אײַנשפּאַרן און זאָגן: סוגעסטיע — זאָל זײַן! אמתע קונסט סוגערירט אויך און ווירקט מאָמענטאַל. אָט די מאָמענטאַלע ווירקונג איז די בעסטע, די ריכטיקסטע, מחמת דאָס איז דער אויסדרוק וואָס דערנענטערט זיך צו אונדזער געמיט, צו אונדזערע געפילן".

איז דאָס טאַקע דער בעסטער באַווײַז. ס'איז כפתור ופרח!

ד

די ענציקלאָפּעדישע אויסטײַטשונג פונעם וואָרט קונסט וויל האָבן, אַז קונסט שטאַמט פונעם שורש קאָנען. פון דאַנען, אַז יעדע קונסט איז אַ רעזולטאַט פון איבונג, לערנונג, דערגיין צו דער יכולת, צו דער קאָנ־טעניש אַרויסצוברענגען דורך יצירה אַן עסטעטישע הנאה פאַר דעם מענטש, פאַר דער מענטשהייט. די העברעיִשע ענציקלאָפּעדיע גיט צו פון איר זײַט, אַז דער עברית־עקוויוואַלענט פאַר קונסט — אמנות — שטאַמט פון שורש אימון: לערנונג, איבונג.

מעגן מיר דאָך אויך וועלן און פאַרלאַנגען פונעם באַהאַנדלער פון קונסט, דעם באַשרײַבער — קריטיקער צי עסייִסט — ער זאָל פאַרמאָגן אָט די אייגנשאַפטן, פּלוס — וויסן.

אין גבריאל ווײַסמאַנס מאמרים־ביכער געפינען מיר זייער אַ סך פון אָטביידע, און מיר ווערן פון זיי באַווירקט.

נאָוועמבער, 1980

ניגון, צײַט, ירושה

אין דאָרע טייטעלבוימס לידער־בוך „בײַם טויער פון מעת־לעתן"

א

ניגון, אייגענער, אַפילו אָריגינעלער ביז גאָר, איז נישט שטענדיק מחויב אונדז צוצוצי׳ען צו זיך, אונדז וואַרעמען, פאַרוויגן, טרייסטן צי באַרו׳קן. פאַרקערט. יעדער ניגון, וואָס עכטער ער איז, אַלץ מער איז ער ביכולת צו ווירקן אויף זײַן אייגענעם שטייגער. אַ מאָל פירט אַ ניגון שטור־רעמען אַ באַסטיליע, און אַ מאָל — צו קני׳ען פאַר דער בײַטש, וואָס בײַטשט און שינדט. אַ מאָל איז אַ ניגון אָנגעזאַפּט מיט הוילע פרייד, און אַ מאָל — מיט צער און וויי. דער ניגון וועגן רבין וואָס „האָט געוווינט אין וואַ־סילקאָוו און הײַנט וווינט ער אין טאָלנע" איז דער בעסטער באַווײַז דערפאַר. אַז די וואַסילקאָווער זינגען אים ווײנט ער, דער ניגון, קלאָגט ער, און אַז די טאָלנער זינגען אים, כאַטש מיט געװוי די זעלבע ווערטער, איז ער מלא פרייד, נצחון און שטאָלץ. דאַריבער, אַז מיר ווילן זיך דער־וויסן וווהין ציט אונדז אַ געוויסער ניגון, מוזן מיר זיך אַ ווײַלע אָפּשטעלן, נאָכאַמאָל אין אים זיך אײַנהערן, אָנטאָפּן מיט אונדזערע חושים זײַן וויר־קונג, ערשט דעמלט וועלן מיר קאָנען זאָגן זיך און יענעם וווּהין עס פירט, לויט אונדז באַך, דער געגעבענער ניגון.

דאָרע טייטלבוים, ווי יעדער עכטער דיכטער, פאַרמאָגט איר אייגע־נעם ניגון. ווען מיר וואָלטן וועלן קלאַסיפיצירן דעם ניגון אירן און זאָגן וואָס ער איז און וווהין ער פירט, אָדער — ציט, וואָלט אונדז זיכער לײַכט נישט אָנגעקומען. קומט אָבער די דיכטערין אַליין און זאָגט אונדז, אַז איר ניגון איז אַ פאַרעקשנטער און זי האָט אים בירושה פון איר טאַטן — ווערט אונדז אַלץ קלאָר און לויטער.

וואָרעם, לאָמיר זיך גוט־גוט אײַנקוקן —

דאָרע טייטלבוים שאַפט אין אַ צײַט־אָפּשניט וואָס האָט געביטן, די צײַט הייסט עס, איר קלסתר־פּנים; עס האָבן זיך געביטן אירע אומשטענדן און דאָס האָט ממילא זיך געמוזט אויסווירקן אויך אויף דער דיכטונג.

ווײַל עס קאָן דאָך נישט געמאָלט זײַן, אַז, אַ שטייגער, ווען מאָריס ראָ־זענפעלד וואָלט הײַנט געלעבט און געזונגען אין זײַן אַמעריקע, ער זאָל אין די איצטיקע טעג אַ זונג טאָן וועגן אַ „קליינעס ייִנגעלע" און זאָגן „די אַרבייט טרײַבט מיך פרי אַרויס און לאָזט מיך שפּעט צוריק, / אָ, פרעמד איז מיר מײַן אייגן לײַב, אָ, פרעמד מײַן קינדס אַ בליק"... ווי וועלטן־ווײַט זענען מיר הײַנט דערפון! ווען אין איר דעמלטיקער צײַט און אין איר דעמלטיקן ווײַנלאַנד — אַמעריקע — וואָלטן נישט געווען פאָרגעקומען די בלוטיקע געשעענישן אינעם שטעטל ליטל־ראָק — און נישט בלויז דאָרט — וואָלט די דיכטערין טייטלבוים „די באַלאַדע פון ליטלראָק" נישט געווען געשאַפן. קיין שום פאַנטאַזיע, די רײַכסטע, וואָלט נישט געקאָנט צוטראַכטן, אַז דערפאַר ווײַל עמעצנס הויט איז שוואַרץ, איז אויב ער וועט פירן זײַן ייִנגעלע לערנען אין אַ געמישטער שול, לויט די געזעצן פון זײַן רעגירונג, וועלן אים באַפאַלן ווײַסע און וועלן אים „מיט שטעקנס, מיט פויסטן" דערשלאָגן. פונקט אַזוי ווי קיין שום פאַנטאַזיע, אַפילו נישט פון אַ דאַנטע, איז נישט געווען ביכולת צוצוטראַכטן אַזאַ שווי־דערלעכן הימלשווײַגנדיקן היטלעריסטישן פאַרלענד פון אונדזערע זעקס מיליאָן, „כדי" דער העברעיִש־ייִדישער דיכטער יצחק קאַצענעלסאָן, זאָל אויסשרײַען און אויסווייען אַזאַ שווידערלעך־גהינומדיק געשריי־ליד וועגן דעם אויסגעהרגעטן ייִדישן פאָלק. און נישט נאָר און בלויז אָט די צוויי קאָנקרעטע בײַשפּילן — גרויסע, טאַלאַנטרײַכע ייִדישע דיכטערס און פּראָזאַיִקערס האָבן אויסגעקריצט מיטן בלוט פון זייער האַרץ און מיט אייביקע פּענעס אָט די צײַט־מעטאַמאָרפאָזע.

האָט נאָך י. ל. פּרץ געשריבן אין זײַן סאַמע אָנהייב: „נײַע צײַטן, נײַע לידער!".

זינגט הײַנט דאָרע טייטלבוים נײַע לידער, אויף נײַע מאָטיוון און טעמעס, נאָר דער ניגון אירער האָט נישט געביטן זײַן קלאַנג, זײַן אויס־קלאַנג, זײַן וויברירונג, מאָדולאַציע. איר ניגון איז נישט אַוועק צו דער הײַנט־צײַטיקער רעטשיטאַטיוו־מוזיק, איז אויך נישט געוואָרן ליטורגיש־פרום, ווי עס זענען געוואָרן די ניגונים פון אַ סך בעלי־ניגון אונדזערע, וואָס האָבן אַ מאָל געשפּאַנט אין איין ריי מיט אונדזער דיכטערין און אירס גלײַכן... מה שאין כן — איר וואָרט. איר וואָרט, ווי די צײַט, איז געוואָרן אַנדערש, אירע טעמעס — אַנדערע. און ס׳האָט נישט געקאָנט אַנדערש זײַן בײַ אַ פּאָעטין וואָס אײַלט זיך און לויפט מיט דער צײַט, בעת זי פאַרזעט נישט אַפילו אַ קלייניקייט.

צייכנט אָפּ דאָס נײַע בוך אירס, וואָס טראָגט דעם נאָמען „בײַם טויער פון מעת־לעתן" (תל־אביב, 1979), אַ תקופה אין דער שאַפונג פון דער הייס־אָטעמדיקער און רײַך־לשונדיקער פּאָעטין, בעת דער ניגון איז דער זעלבער, איר אייגענער, וועגן וועמען זי מעלדט אונדז אין איר שירה, אַז זי האָט אים געירשנט פון איר טאַטן.

ב

דאָרע טייטלבוים איז, ווי באַוווּסט, אַ שטורמישע נאַטור. איר קול איז אָפּהילכנדיק, מאַזשאָריש, און דער לויף, דער גײאָג פון איר רעבעלישן ליד איז אָפּטמאָל אַ פאַרכאַפּנדיקער, אַ שווינדלענדיקער. דער אומרו וואָס הויזט אין איר פּערז איז ווי דער אומרו פון אַ זייגער. רגע בײַ רגע קלאַפּט דער דופק פון איר שיר און צייכנט אָפּ די שעה, דעם טאָג, דעם מעת־לעת און זייערע פאַרלויפעניש. אויב די צײַט, ווי געזאָגט, האָט באַהערשט און באַהערשט איר שאַפונג און לייגט אויף דעם איר חותם, האָט די דינאַמישקייט פון איר ברויזנדיקער נאַטור געגעבן איר ליד דעם גײַסט, דעם לעבנסערום פון דער אַלצײַט. אַז מיר לייענען זיך אַרײַן אין איר קאָכיקער פּאָעזיע דערזעען מיר ווי דער נעכטן, דער הײַנט און דער מאָרגן שטרעקן אויס צו אונדז זייערע אָרעמס, נעמען אונדז אַרום מיט זייער אייגנאַרטיקן ניגון און שטעלן אונדז אַוועק, צוזאַמען מיט דער דיכטערין, בײַם טויער פון די מעת־לעתן.

אין אָט די לידער זעט זיך בולט אָן, אַז די דיכטערין שטייט מיט ביידע פיס אויף דער ערד און גרײַכט קינסטלעריש צו די הייכן. די דיכ־טערין וואָס איז געקומען צו דער יידישער ליטעראַטור פון דער נאַקעטער אָרעמקייט, אַן אָנגעקליידטע אין פאַרטיקע דיכטער־קליידער, און האָט אין פאַרשידענע נוסחאות אויסגערופן: —

ניט קיין זילבערנע דוקאַטן,
נישט קיין זעלטענע אַנטיקן
כ'האָב געירשנט פון מײַן טאַטן,
נאָר אַן אײַנגעשפּאַרטן ניגון

איז מיט אָט דעם אײַנגעשפּאַרטן ניגון נאָכגעגאַנגען דעם לעבן פּוס־טריט, געשריגן, בעת זי האָט שרײַען באַדאַרפט; געוויינט, אַז זי האָט באַדאַרפט וויינען, און געזונגען, בעת געזאַנג האָט געשאַלט אין איר געמיט. און אַז זי האָט דיכטעריש דערגרייכט און אויסגעזונגען דאָס

„געזאַנג פון זינקזאַמד־דור״, אין אַט דעם האַרבן, האַרטנעקיקן, איינגע־שפּאַרטן ניגון, ווען זי האָט געירשנט פון איר טאַטן, האָט זי אין קאַ־פּיטל ה׳ אַ זאָג געטאָן: —

ווי צו אָבות מיינע אין ברענענדיקן דאָרן,
צו מיר אַצינד זיך באַוויז!
הייב פון זינקזאַמד דור מיך אויף
און צום טויער מיך
פון מאָרגן־מלכות ברענג.
— — — — — — — — —
איין פונק
פון ליכט זיינס מיר אַנטליי.
פאַר בליק אייגאייגציקן
ווי ווייב פון לוט
מיט מיין לעבן איך באַצאָל,
— — — — — — — — —
צו מיינע ברידער זאָגן קענען כ׳זאָל:
געווען כדאי.

דאָס הייסט, אַז כדי זי זאָל קאָנען זאָגן אירע ברידער אַז ס׳איז געווען כדאי, איז זי גרייט דאָס לעבן אַוועקצוגעבן. אָבער, אַז זי וואַכט אויף פון שלאָף פילט זי —

כ׳שטיי אויף
נאָך יעדער נאַכט
ווי נאָך אַ שלאַכט,
און דעם טאָג
איך באַפאַל,
און ער
הענגט די זון מיר אויפן ברוסט
ווי אַ גאָלדענעם מעדאַל.

איז די דיכטערין דאָרע טייטלבוים, מיטן גאָלדענעם מעדאַל אויף דער ברוסט וואָס דער טאָג טוט איר אָן, דערגאַנגען איצט, אין פולער צייטיקייט ביזן „טויער פון מעת־לעתן״.

ג

אויך די דאָזיקע זאַמלונג איז רײַך אין שטימונגען, אָנגעזאַפּט מיט פּאַטאָס און פול מיט צער, פּײַן און פּראָטעסט־עמאָציעס. נאָר די ליריק האָט דאָ די אײבערהאַנט. די דיכטערין דעמאָנסטרירט דאָ אײַנגעשטעלטע באַזאַכטקייט, פּאַסטאָראַלע בילדלעכקייט און אַפילו גלעטנדיקן ניגון, אָבער איר שטענדיק באַזאָרגט זײַן וועגן גורל פונעם מענטש און פון אירע שאָף, די לידער אירע, קומט דאָ באַזונדער צום אויסדרוק.

ווי אַ פּאַסטעך אויף די פעלדער
מיט די שאָף אין אַ געוויטער,
איך גיי אַרום אויף דער וועלט
מיט אַ סטאַדע לידער.

און אַז די לידער אירע זענען אין אירע אויגן ווי סטאַדעס שאָף, קאָן זי זיך שוין עלעגיש באַקלאָגן אויפן גורל זייערן און מעדיטירן: —

שעפּסן מײַנע, נאַקעטע, טריבע,
די וועסנע־וואָלקנס — אײַער וואָל,
וואָס וואַנדערן אין רוימען.
די לאַנקע גרינע פון אַמאָל —
רויכן סקרוכיקע פון קוימענס,
מיט אַ פײַער־טעם אַ ביטערן.
וווּ זשע זאָל איך אײַך אַצינד,
שעפּסן מײַנע, פּיטערן?

אָבער די דיכטערין איז נישט פּאַריאושט דאָ, נאָר זי פּרעגט בלויז. העלפט זי זיך טאַקע באַלד אָפּ מיטן תנ״כישן ברייט־צעצווײַגטן אשל־בוים, דעם בוים וואָס אברהם אָבינו האָט געפלאַנצט אין באר שבע און איז דער סימבאָל פון אייביקן ווידערשטעלן זיך דעם מידבר, כ׳וואָלט זאָגן: פון אונדזער אײַנגעשפּאַרטער אייביקייט אין דעם מידבר, כ׳וואָלט און זי דערפרייט זיך מיט אָט דעם בוים, און ווײַל זי האָט געפונען צו איר יידישן אַרום, און צו זיך אַליין, אַ גלײַכן, ווערט זי שוין זאָגן אין אָט דעם ליד: —

פון צווײַג זײַנעם
אויסשניצן וועל איך אַ שטעקן
אין שעה דער גרויער,
אין האַרץ דעם מידבר שפּאַלטן,
עס זאָל אַרויס אַ קוואַל אַ בלויער.

און זי וועט זיך שוין נישט אָפּהאַלטן — ווײַל „דער קוואַל דער בלויער" איז מחייב — און וועט זינגען אַ ברכי נפשי צום מענטש, צום בן־אדם און וועט אים בענטשן: —

אַלץ —
— — —
דאָס ברויט.
דאָס זאַלץ.
דער האָניק פון אַ בין,
דער שאָטן פון אַ בוים,
די מילך פון שטאַם —
זאָל זײַן פאַר דיר,
בן אדם.

און אַזוי גייט אויף בײַ איר, ווי אויף שטײַלע בערג, אַ סטאַדע אַ גאַנצע פון שירה־געזאַנגען, ווי די שעפסן, און זי געפינט מיט שפע פאַשע־פעלדער פאַר אירע לידער־שאָף; זי געפינט אַ היים ווו זי און איר ליד קריגן פליגל, בעת זי ווינטשט זיך דאָס. אָט האָט זי שוין אַן אייגן געסל און זי פרייט זיך און גרייסט זיך דערמיט: —

אויף מײַן געסל
וואַקסן ווענט אויף ווענט.
מיט וואָרצלען שטאָלענע אין זאַמד.

אויף מײַן געסל —
די בלוילעך דעמער־בלום אין שויבן בליט
און פעטאַלן אירע וואַרפט
אויף סטרונעס פון מײַן האַרץ
ווען דאָס אויג פון נאַכט ווערט גרויס —
נישט קיין וואָרצלען, נאָר פליגל
דאָס האַרץ מײַנס באַדאַרף.

זענען טאָקע דאָרע טייטלבוימס לידער באַפליגט מיט פליגל. נאָר זי פליט נישט מיט זיי אַוועק אינעם ווילדן ווערטער־אַבסטראַקט. די וועלט איז נאָך נישט אויסגעלייזט, איז אויך איר געסל נישט פריַי, רופט זי אין איר ליד דעם מלך דוד פון תנ״ך אַרויס ער זאָל איר לערנען וואַרפן אַ שטיין, וויַיל גלית האָט היַינט אַ סך פּנימער... און זי לענט זיך אָן אָן די אָבות, אָן די אור־עלטערן, אָן די עלטערן אירע, אָן דעם טאַטן אירן, פון וועמענס איַינגעשפּאַרטן ניגון זי ציט איר פּאָעטישע יניקה, איר דיכטערישן כוח. און אָט דער ניגון, דער יידיש־פּאַרעקשנטער, דער טראָץ־אַלעמען פּאַרוואָרצלטער, באַוועגט דאָס אירע פליגל, וועמען דאָס האַרץ אירס באַדאַרף, צו שוועבן און דערשוועבן מיט איר ביז צום טויער פון נײַע אָנקומענדיקע מעת־לעתן, צו וועלכע זי באַגערט אין יעדער שורה פון איר עכטן ליד.

מאַי, 1980

די בשמים־ריחות פון היימישן וואָרט

(לייענענדיק „דאָס בשמים־ביקסל" פון יצחק יאַנאַסאָוויטש)

א

דער וואָס וועט גיין שרײַבן די מאָנאָגראַפיע פונעם עלזײַטיקן ייִדיש־שרײַבער פון אונדזערע טעג — דעם פּאָעט, נאָוועליסט, עסייִסט און זשורנאַליסט יצחק יאַנאַסאָוויטש — וועט האָבן פאַר זיך נישט קיין לײַכטן אויפגאַב. די אויבן־אויסגערעכנטע „פאַכן" זענען בײַ יאַנאַסאָוויטשן נישט שטענדיק אָפּגעשלאָסענע, פּאַרזיכיקע, אַרומגעצוימטע מיט צוימען. פאַר־קערט. מיר געפינען פּראָזע־וואָרצלען אין זײַן פּאָעזיע, פּונקט ווי מיר שטויסן זיך אָן אָן גאַנצע פּאָעטישע צווײַגן אין זײַן פּראָזע. אויך זײַן עסייִסטיק, וואָס דערגרייכט אָפט מדרגות, פאַרגינט זיך, טיילמאָל, טראַ־פאַרעטע זאַצן בעת, פאַרקערט, די פּובליציסטישע מאַמרים קאָנען אין זיך אַרײַננעמען סובטעלע, פּערלדיקע אמרות. אָבער דעם פאַכמאַן וועט לאָקן אָט דער דרך און ער וועט מוזן — אויב ער וועט וועלן זײַן געטרײַ דעם אַלזײַטיקן מאָנאָגראַפישן פאַרמעסט זײַנעם — פונאַנדערטיילן און אָפּטיילן שורות פון שורות, אמרות פון אמרות, זאַצן פון זאַצן, ווי תקופה פון תקופה.

דער דאָזיקער פּילפּאַכיקער גאַנג יאַנאַסאָוויטשס איז לגמרי נישט קיין נײַעס אָדער חידוש אין אונדזער ליטעראַטור. שוין יצחק לייבוש פּרץ האָט געפּלאַסטערט אָט דעם וועג און אים געבאַנט. דער חידוש און דאָס נײַס באַשטייט בלויז אין דער צײַט און אין אירע פּראָבלעמען. און עס ווייסן דאָך אַלע וואָס, אַז היינט גייט אַ רייד מכוח פּראָבלעמען פון אומקום און אויפקום, וואָס נעמען זיך אַרום און שטויסן זיך אָפּ אין איין־און־אין־דער־זעלבער צײַט, בעת יעדער טייל באַזונדער אוןביידע צוזאַמען פאַרמאָגן שוין זייער מײַסטערדיקן אויסדרוק, דעם הויך־קינסטלערישן געשילדער. אַזוי אַז דער וואָס קומט צוטראָגן זײַנס צו אָט דעם שאַף־פּראָצעס, באַמיט זיך, אָדער: דאַרף זיך באַמיִען, ווי ווײַט מעגלעך — ווי יעקב גלאַטשטיין, זכרונו לברכה, און ישעיהו שפּיגל, נרו יאיר, — צו תחומען תחומים צווישן ליד און עסיי, צווישן ליד און דערציילונג, צווישן עסיי און מאמר.

ב

ביים שרייבער יצחק יאַנאַסאָוויטש, אין די ווערק זיינע, גייט אויך אָן אַ כסדרדיקער געראַנגל צווישן דער געניטער ווילקענוודיקייט, לאָמיר דאָס אָנרופן: לומדות, מיט דער האַרציקער פאָלקישער פשטות: חסידות. אַ סך מאָל איז דיר שווער צו באַשטימען, כביכול, ווער עס האָט דאָ די אייבערהאַנט. עס טרעפט, אַז לייענענדיק זיינע אַ דערציילונג, און דו באַגעגנסט זיך דאָרט מיט די ביידע קאָמפּאָנענטן, פאַרלירסטו די אָריענטיר־וויזערס מכוח דעם, הגם דו ביסט זיכער אַז די ווילקענוודיקייט איז אין זיין שאַפן אַ נאַטירלעכע, אַן אָרגאַנישע, נישט קיין אויסגעבאָרגט טעאַטער־רעקוויזיט. נאָר ווייל זיין פשטות, די וואָס לייכט אַרויס פון זיינע שאַפונ־גען, קומט נישט פון דחקות אין דער נאַראַציע צי פון אויספעל פון איי־מאַזשן, נאָר פאַרקערט — ער איז גראָד פון די רייכסטע אויף דעם שטח אין אונדזער היינט־צייטיקער ליטעראַטור, — פירט אים אָט די פשטות, וואָס שמעקט מיט בשמים־ריחות פון היימישן וואָרט, צו באַטייטנדיקע דערגרייכונגען און עס געלינגט אים, צוליב איר, אַוועקצושטעלן זיינע קרעאַציעס, די העלדן פון זיינע דערציילונגען און פּאָעמעס — מיט און אָן געענדזנפּיסלעך — ווי לעבעדיקע מענטשן. ס׳איז זייער לשון, זייער אָרט־שאַפט, זייער מיליע.

אויב מיר זאָלן וועלן ברענגען באַווייזן, וואָלטן מיר באַדאַרפט נאָכ־דערציילן און איבערדערציילן גאַנצע קאַפּיטלען פון זיינע ביכער. און קודם כל, פון זיין „שטוב אין שטעטל״, וואָס איז געוואָרן איינס פון די נכסי צאן ברזל אין אונדזער ליטעראַטור. און אַז מיר רעדן וועגן זיין איצטיק בוך, „דאָס בשמים־ביקסל״, איז דאָך לית מאן דפליג אַז מ׳דאַרף דערפון אַלץ ברענגען. איז דאָס מעגלעך? איז לאָמיר דערפאַר ברענגען כאָטש אַ קליינעם עפּעס, פון „דער קידוש בעכער״, למשל, ווי אַן „עדות״ פאַר זיין אָרגאַניש־היימישן לשון:

> „וועגן מאיר ראָזענבערגס יום־טובדיקן געפעס פלעגט תמיד רעדן מיין מאַמע. וועגן איטשע מאיר סופרס קידוש בעכער האָט תמיד גערעדט מיין טאַטע — — — מאיר ראָזענבערג, פון יום טוב־דיקן געפעס, איז געווען אַ גביר אין עולם הזה. איטשע מאיר סופר איז געווען אַ גביר אין עולם הבא״...

און אַז מיר האַלטן שוין דערביי, איז ווי קאָן מען פאַרבייגיין גלאַט אַזוי און נישט דערמאָנען, כאָטש ווידער אַמאָל מיט „עפּעס״, זיין „גילוי אליהו״, וואָס איז איינגעטונקען און דורכגעווייקט אין אָט דעם אַלטן וויין

פון יענעם יידיש־לשון פון די כאַמענדעס (חיים מענדלס), דער „טויטער" שנײַדער, וואָס מיט זײַן אײַנגעשפּאַרטקייט זיך צו פירן לויט דעם מאמר חז"ל: „עשה שבתך חול ואל תצטרך לבריות", ווערט ער — צוליב אָט דער אײַנגעשפּאַרטקייט זײַנער — אַ נאַטירלעכער שותף צום טאַטן און פעטער פון „אַ שטוב אין שטעטל".

לאָמיר לייענען:

„ייִדן אין שטעטל האָבן סוף כל סוף אַ מאָך געטאָן אויף כאַ־מענדען מיט דער האַנט. ס'זענען בײַ ייִדן, ברוך השם, פאַראַן אַנדערע דאגות. ווײַבער האָבן געזאָגט: „יעדער שפּאָן האָט זײַן דעראָן"... מסתמא ווייסט דער כאַמענדע וואָס ער טוט. ער'ט אוודאי אַ נדר געטאָן, צי געגעבן אַ שבועה וועגן דער דאָזיקער זאַך... גלאַט אַזוי נעמט אַ מענטש נישט אויף זיך אַזאַ איסור"...

פון דאַנען, אַז דאָס דאָזיקע בוך, הגם עס פאַרמאָגט אַזויפיל וויל־קענעוודיקייט מיט נישט וויניקער רײַכער פאַנטאַזיע, ווי אַנדערע ביכער זײַנע, באַווײַזט ווהין יצחק יאַנאַסאָוויטש איז מסוגל צו דערגיין מיט זײַן אַרויסהייבן דאָס היימישע, דאָס פאָלקישע, דאָס פּשוטדיקע, אַפילו דאָרט וווּ די אויסטערלישקייט (דער זילבערנער לעפל) און דאָס מעשהדיקע (אַלע זענען מיר סאָלדאַטן) האָט די אייבערהאַנט. קאָן זײַן אַז דערפאַר טאַקע רופט בײַ מיר אַרויס אַן אָפּרעג דאָס עפּעס ס'דאָזיקע בוך דווקא מיט דער דערציילונג וועגן אַ בעסטיאַלן דײַטש. וואָרעם, לויט מיר נאָך, איז נישט דאָס דאָס כאַראַקטעריסטישע פאַר אָט דעם בוך. והא ראיה — וואָס מער כ'האָב זיך מיט דעם בוך אַרײַנגעטיפט, אַלץ מער בין איך געוואָרן זיכער, אַז דער כוח און די יכולת פון י. יאַנאַסאָוויטש ליגן אין זײַן מיליע. די דערציילונגען פון און וועגן זײַן שטאָט, זײַן שטעטל — און ווײַל זיי זענען טעמאַטיש נישט מאָדערן, קאָנען זיי נישט דערציילט ווערן מאָדערן! — רופן אַרויס צוטרוי, זכרונות, היימווי און אַ געפילן־גאַמע וואָס לאָזט זיך פאַרגלײַכן מיט אַן אָרקעסטרירט מוזיק־שטיק: —

דער לײַטמאָטיוו איז דער עיקר.

און מיר ווערן פון אָט די דערציילונגען נתפּעל.

ד

דאָס בשמים־ביקסל.

נישט אין אַלע ייִדישע היימען איז דאָס בשמים־ביקסל געווען. נישט אַלע ייִדישע משפּחות אין מזרח־אייראָפּע האָבן עס פאַרמאָגט, אָבער, מ'האָט דערפון געוווּסט. מײַנע חסידישע זיידעס און טאַטע, זכרונם לברכה, האָבן זיך באַגאַנגען מיט אויסגיסן, בעתן מאַכן „הבדלה", אַ ביסל ווײַן

פונעם כוס אויפֿן עק טיש, אויסלעשן אין דעם דאָס געפֿלאָכטענע ליכט, וואָס אויך דאָס ליכט האָט מען גערופֿן הבדלה, און אין אָט דעם ביסעלע ווײַן איינטינקען די שפּיץ־פֿינגער פֿון ביידע הענט, זיי אַרײַנטאָן אין די קעשענעס, צוטראָגן צו דער נאָז, צו די אויגן און... הינטער די אויערן. זיי האָבן אָבער גוט געוווסט אַז אַזאַ „ביקסל״ געפֿינט זיך אין די הײַזער פֿון... מיוחסים. און מיר זעען טאָקע בײַ נחום סטוטשקאָוו אין זײַן „דער אוצר פֿון דער ייִדישער שפּראַך״, אַז דער נאָמען־רעגיסטער פֿאַר אָט דער כּלי דערגרייכט אַזש ביז גאַנצע 9 — בשׂמים־פּושקע, בשׂמים־בעכער, בשׂמים־שמעקער, בשׂמים־ביקסל, בשׂם־ביקס, בשׂמים־הדס, הדס־פּושקע, הדסל... און דאָס איז דאָך זיכער דער כּלי׳ס געאָגראַפֿישע אויסשפּרייטונג. וואָס אונדז האָט געחידושט איז געווען די פֿאָרעם: פֿאַרוואָס האָט די בשׂמים־כּלי וואָס איז אַזאַ חשובער גאַסט בײַ דער „פֿולער וואָך״ געמוזט האָבן דעם אויסזע פֿון אַ מיטלאַלטערלעכן טורעם, מיט אַ פֿענדל דעראָן...

אָבער אַזוי צי אַזוי, דאָס עצם אַרײַנברענגען דאָס בשׂמים־ביקסל ווי אַ באַזונדערן קאָמפּאָנענט אין אונדזער דערציילונג־שאַץ, דורכן קריינען דערמיט אַ גאַנץ בוך דערציילונגען, און אפֿילו אויך דאָס אילוסטרירן ס׳בוך מיט דער אויטענטישער צייכענונג פֿונעם מאָלער משה בערנשטיין, שטעלט אַ הויכוווערטיקע קינסטלערישע מצבה נאָך איין באַשײַנונג־פּרט פֿונעם ייִדישן לעבן אין שטעטל.

יצחק יאַנאַסאָוויטש האָט מיט די דאָזיקע דערציילונגען באַוויזן, אַז ער איז באַרופֿן און בכּוח צו שילדערן און אויפֿלעבן יענץ לעבן, וואָס איז אַזוי גרויליק פֿאַרוויסט און פֿאַרשניטן געוואָרן אויף פֿאַרשידענע אופֿנים און דורך פֿאַרשידענע פֿאַקטאָרן. דערביי באַגניגנט ער זיך נישט נאָר און בלויז מיטן געטרײַ־זײַן צום לשון, צום אויטענטישן דיאַלאָג אָדער מאָנאָלאָג און צום שפּיגל און אָפּשפּיגל פֿון אָרט און צײַט, נײַערט באַמיט זיך אויך איינצײַטיק אַרײַנצודרינגען לפֿני ולפֿנים פֿונעם געשילדערטן, פֿונעם דערציילטן, אַזוי אַז מיר דערזען, אָדער: דערפֿילן, די ראַנגלענישן און געראַנגלען פֿון די כּאַמענדעס מיט זיך, מיט דער סבֿיבֿה, מיטן גורל. נאָר, בעת עס שמעקט דער ריח פֿון אָט די בשׂמים־דערציילונגען און רופֿט בײַ אונדז אַרויס אַזויפֿיל נאָכטראַכטענישן מכּוח דער ליבע און שׂנאה צו אָט דעם שטעטל־טשינע, מיט וואָס די ליטעראַטור אונדזערע אין ביידע לשונות איז אַזוי רײַך, ווערט זייער ווירקונג אויף אונדז שטאַרקער און טיפֿער און די הנאה דערפֿון — נישט נאָר אַ „פֿול־וואָכיקע״, נאָר אויך אַ פֿול יום־טובֿדיקע.

סעפּטעמבער, 1979

אין לאַנד פון אליהו הנביא

משה יונגמאַן — אין לאַנד פון אליהו הנביא. לידער און פּאָעמעס. — פאַרלאַג „ישראל־בוך" — תל־אביב, תשל"ז—1977.

א

...אין אַ ווינטערדיקן שבת־פאַרנאַכט, אין אַ דוד האָפּשטיינישן „אַוועק דער שבת שוין", זיצט די מאַמע אײַנגעהילט אין שוואַרץ־ווערנדיקן גרוי און „זוכט אין שויב אַ ווײַטן שטערן", און נאָך איינעם, און אַ דריטן. און אַז די דרײַ שטערן באַווײַזן זיך פאַר אירע יונגע אָבער שוין אויסגעוויינטע אויגן, רירט זי אָן מיט אירע איידעלע פינגער־שפּיצן די שויב, די פאַרקאָוועטע מיט אײַז, און הייבט אָן בלחש איר תפילה: „גאָט פון אַברהם און פון יצחק און פון יעקב, אלי, דער הייליקער שבת־קודש גייט אַוועק. אַ גוטע וואָך זאָל אויף אונדז קומען, אַ וואָך פון געזונט, פון פּרנסה"... איז עפּעס מוסיף אין אַ שטיל־שטילן געמורמל און הייבט ווידער אויף צניעותדיק איר שטים און זאָגט: „אליהו נעמט דעם בעכער אין זײַן רעכטער האַנט, מאַכט אַ ברכה אבערן גאַנצן לאַנד, אַזוי שיין און אַזוי הויך"... נאָר עס סטײַעט איר נישט מער דער כוח אויסצורעכענען אַלץ, ביז — אירע זין און טעכטער לאָזן זיך אַוועק צום לאַנד פון די אָבות, און שטאָט „גאָט פון אַברהם", אָן אײַנגעטונקענעם אין סלאַווישן פּחד פאַר גרויער וואָך, הייבן זיי אָן זינגען און זאָגן לידער און רייד צו דער דורות־לאַנג־דרעמלענדיקער ערד, זאָגן שירה צו זייערע אייגענע הענט, וואָס וועקן אָט די ערד, דערוואַכן זי; אַקערן, זייען, פלאַנצן; בויען שטעט, באַנען שאָסייען, און שלאָגן־אָפּ אָנפאַלן. דערבײַ לעבט און לײַבט אין זייער זכרון די כסא של אליהו בײַ די ברית'ן, דער כוס של אליהו בײַ די סדרים, און די דורכאַנאַנדיקע נסים, טרייסט און אַרויסהעלף וואָס עלינאָווי מיט שׂרה בת־טובים פלעגן ברענגען אין צײַטן פון צרות, צו די שטעט און שטעטלעך פון יידישן תחום, לויט ווי עס האָבן דאָס אונדז דערציילט די חסידיש־רביישע מעשׂה־ביכלעך.

און אַז מיר זענען געוואָרן גרעסער האָט אַ פליייך־געטאָן מיט בלענדנ־דיק ליכט יצחק לייבוש פּרץ, פון וועמען מיר האָבן געשלונגען דאָס מיסטיש־ליטעראַריש געשטאַלט פון דעם פאָלקס־רעטער און אַרויסהעלפער — אליהו הנביא, וואָס איז תמיד געקומען אַרויסראַטעווען אַ ייִד אין זײַן נויט, ווײַל נויט נויטיקט זיך אין אַן עליִאָווי.

איז ער אַרײַן אין אונדזער ליד.

ב

וואָס איז ליד?

אויב דו פרעגסט וואָס איז ליד, קאָנסטו באַלד פרעגן וואָס איז לעבן. וואָרעם ס׳האָט נאָך קיינער נישט ממשותדיק באַשטימט דעם וואָס, פונקט ווי ס׳האָט נאָך קיינער נישט אויסגעתחומט די תחומען פונעם ליד. ס׳איז אַלץ.

ליד איז די מילעך וואָס דו האָסט געזויגן פון די ברוינע וואָרצלען פון דײַן מאַמעס בריסט און זי גיסט און פליסט כסדר אין דײַנע אינגעווייַדן; ליד איז דאָס בלוט וואָס רינט אין די אַרטעריעס און אין די דינסטע אָדערן פון דײַן גוף און באַוועגט דײַן האַרץ און נשמה; ליד איז דער שווייס וואָס רינט פון דײַן פּנים בעת דו זייסט, פלאַנצסט, אַקערסט, בויסט; ליד איז דער זאָפט פון דער גאָלדענער מאַראַנץ, דער מעד פונעם קאַרש און דער ווײַנשל, דאָס פאַרשיכּורנדיקע געטראַנק פון דער ווײַנטרויב. ליד איז ליבע, איז לעבן, איז טויט. אייביקער מיטגייער און מיטשאַפער מיט דער געטלעכער יצירה, — און מיט דער מענטשלעכער — פון בראשית אָן און פריִער נאָך ביז אַחרית, ביז סוף, ביז אויסגיי.

פון דאַנען, אַז יעדער ליד, באשר ס׳איז ליד, איז בכוח אַרויסצורופן בײַ דיר התפּעלות, ווי עס רופט אַרויס אַ טאָג־ברענגענדיקע זריחה, וואָס גייט אויף פון צווישן קאַלטע, פעלדזיקע בערג; ווי עס רופט אַרויס אַ בלוטיקע שקיעה אינעם צונויפקוש פון ים און הימל; ווי אַ מאַכטיקער וואַסערפאַל, ווי אַ נסימדיקע בשורה.

און אַז דאָס ליד פון משה יונגמאַן איז אין שטאַנד מיך צו פירן צוריק צום לאַנד פון מײַן קינדשאַפט, צום לאַנד פון עליִאָווי, וואָס געפינט זיך הײַנט אין די הרי חושך פון ייִדן־פאַרלענד, און מיך צוריקברענגען אין־איין ־און־אין ־ דער ־ זעלבער־צײַט צום לאַנד פון מײַן דערוואַך און אויפ־קום, זענען דאָס די בעסטע סמנים פון דעם לידס עכטקייט, און אַן עדות אַז עס איז אַ נאַטירלעכער שותף צו אייביקער יצירה.

ג

משה יונגמאַן איז אין זײַן רעדן און אויסזען תמיד ענלעך צו אַ נסתר, אַ ל״וניק, אַ פאַרשטעלטער עלינאָווי.

אַנומלט, זײַענדיק בסוד חכמים ונבונים אין אונדזער אייביקער ירו־שלים, האָט, אין אַ שמועס וועגן שרײַבערס און קינסטלערס, איינער פון אונדזערע וויכטיקסטע און באַטײַטנדיקסטע געלאָזט פאַלן אַזאַ פראַזע: „אונדזער משה יונגמאַן איז אַ תמימותדיקער יונגער מענטש, סײַ ווי אַ דיכטער און סײַ אין זײַן פריוואַטן לעבן...". דער דאָזיקער זאָג, וואָס איז אַליין און פאַר זיך געווען אַ תמימותדיקער, האָט נישט אַרויסגערופן בײַ קיינעם קיין דערווידערונג אָדער אָפּרעג, בלויז איך האָב אין זיך געטראַכט: אין די ווייניקע באַגעגענישן מיט אים, האָב איך בײַ אים גראָד געפונען חכמה און וואַכזאַמע אָריענטירטקייט. אָבער ווי איך קום צו צו זײַן פאַר־עטישער שאַפונג, לײַכט פון איר אַרויס אָט די לויטער־רײַנע תמימות, וואָס דערמאָנט אין פאָלקישן חלום, אין פאָלקישער ווײַ, אין פאָלק־ליד און פאָלק־פיגורן, וואָס האָבן באַלייט אונדזער לעבן אין גאַנג פון די דורות.

האָט ער אַרויסגעגעבן זײַן זיבעטע זאַמלונג לידער און איר אַ נאָמען געגעבן „אין לאַנד פון אליהו הנביא" און ס'האָט אַ צינד געטאָן די פאַנטאַ־זיע, אַ צערייץ געטאָן די געדעכענישן און עס האָט זיך, תוך כדי לייענען, געפרעגט און געוואָלט וויסן: פירט אונדז טאַקע דער דיכטער צוריק צו אונדזער קינדער־לאַנד, וואָס פאַקטיש איז דאָס דאָך געווען ס'לאַנד פון אליהו הנביא? און פאַר וואָס טאַקע נישט? ס'קומט אונדז נישט אַ ביסעלע פאַנטאַזיע, אַ ביסל אַרויסגיי פון דעם חטוף ואכול־ווירוואַר, פון דער אַרויפּ־גייענדקער וועלט צום אונטערגאַנג? —

און אַז מיר האָבן אַ לייען־געטאָן, האָבן מיר שוין פון ערשטן ליד פון אָט דער זאַמלונג זיך דערוווּסט, אַז: „די אַלע סטעזשקעס וואָס פלעגן פירן צום ליפּעבוים / ——— פירן מיך נאָך אַלץ אַהיים". און אַז אָט די היים איז געווען דאָס לאַנד פון אליהו הנביא, ווערט דיר קלאָר פון ליד צו ליד. און ס'איז נישט מער ווי נאַטירלעך, וואָס דער צוריקפיר פון דאָרט אַהער איז אַזוי אָרגאַניש, איז אַזוי געקניפּט און געבונדן.

אמת, אַז דו זאָגסט ליפּעבוים דערמאָנסטו זיך אַז אויך בײַ מאַנגערן האָט אָט דער בוים פאַרנומען אַ בכבודיק אָרט. נישט מער בײַ מאַנגערן דינט ער ווי אַ געשמאַק געווירץ צו זײַן וווּנדערלעכער אַבישג־באַלאַדע — נאָך אַ פאַרכאַפּנדיקער בוים־ריח צום פאַרשיכורנדיקן אַראָמאַט פון דער מאַנגער־שאַפונג — און בײַ יונגמאַנען איז אים צוגעטיילט געוואָרן אַ

הויכע שליחות: זײַנע צווײַגן זאָלן אונטערהאַלטן די וועלט. די הימלען.
לייענען מיר די דריטע סטראָפע פון אָט דעם ליד („דער ליפּעבוים") און מיר דערוויסן זיך: —

מ׳דאַרף ניט מער האָבן קיין פײַפל. מ׳איז שוין אין די יאָרן
ווען מ׳קאָן אויפהייבן דעם הימל ניט נאָר מיט דעם שפּיץ
פון אַ טרעל.
דאָך ווילט זיך אַרויפקלעטערן הויך, דאָרט ווו אַ כמאַרע
וויגט זיך,
צו זען — נאָך אַ מאָל — ווי די צווײַגן פון ליפּעבוים
האַלטן אונטער די גאַנצע וועלט.

וועלן מיר גערן אַרויפקלעטערן הויך, „דאָרט ווו אַ כמאַרע וויגט זיך", כדי צוזאַמען מיט משה יונגמאַן, זען — נאָך אַ מאָל — ווי די צווײַגן פון זײַן ליפּעבוים האַלטן אונטער די גאַנצע וועלט.
ווי אַזוי האַלטן צווײַגן פון אַ ליפּעבוים אונטער אַ גאַנצע וועלט?
דער אָריגינעלער סובטילער פּאָעט משה יונגמאַן דערציילט עס אין זײַן איידעלן, צאַרטן לשון, אויף זײַט 11, אין זײַן 40 שורותדיקן ליד „קינדהייט". —

פון זינט כ׳בין געקומען צום שכל האָט מיך פאַרכישופט
דער בליאַסק פון לבנה. אַ זעלטענער גילגול
פון קנעפּל און שערבל און שטיין. מיט פאַרחלשטע אויגן
כ׳פלעג קוקן אַרויס דורך דער קעלער־טיר. זען ווי זי
גליטשט זיך
פּאַמעלעך און זיכער און פעט. פלעג איך וויינען
פאַר בענקשאַפט:
אָט אַזאַ איך זאָל האָבן בײַ מיר. אָט אַזאַ אין מײַן אוצר.

און אַ ביסעלע ווײַטער:

גליטש איך אַראָפּ זיך די טרעפּ פונעם קעלער, ס׳איז שבת.
אין מײַן בלוט זינגט נאָך טעם פון שול און פרישקייט
פון סידור.
בין איך אויך אַ פאַרבלאָנדזשעטער אות היינט אַזאַ,
אַ ציטער פון ניגון.

ווייס אַז אונטן אין שטוב איז די אָרעמקייט גרינגער,
איז פרישקייט און ווײַסקייט פון ווענט, איז געוועב
פון לבנה.

טריפט דאָך פון אָט די שורות לויטערע ליריק, ווי די טוי־טראָפּנס פון מײַן מאַראַנצנבוימס בלעטער, דערפילן מיר, און באַנעמען אַפילו מיטן שכל, אַז אויב מ׳טאַנצט אויף ליכטיקע שורות אַראָפּ צו דער קעלער־היים ווערט די אָרעמקייט גרינגער, איז שוין נישטאָ קיין שום מניעה פאַר די צוויַיגן פון זייַן ליפּעבוים, זיי זאָלן אונטערהאַלטן די הימלען. ס׳איז האָ בהאָ תליאָ. ווײַל אַזאַ איז דער גאַנג, דער זעלטענער גילגול פון קנעפּל און שערבל און שטיין פונעם אָרעמען ייִדישן שטעטל־ייִנגל, וואָס קוקט מיט פאַרחלומטע אויגן צום בליאַסק פון דער לבנה.

אָט דער דאָזיקער ווײַטער בליאַסק האָט גאָר אַ נאָענטן שייַכות מיט די ווײַסע מלאך־פליגל וואָס זענען געווען אויסגעשפּרייט איבער דער מאַכטיקער שירה פון ה. לייוויק. פאַרכאַפּט אונדז אָט די ווײַסע צאַרטקייט פון משה יונגמאַנס ליד, וואָס פאַרגעסט נישט אויף קיין איין מינוט, אַז פונעם לאַנד פון די אָבות ציט זיך הין און צוריק אַ רויטער־פאָדעם־שליאַך צום לאַנד אליהו הנביאס, בעת ער אַליין, דער מחבר פון אָט דעם ליד, איז אַ פאַרבלאָנדזשעטער אות הײַנט אַזאַ (נאָך הײַנט!), אַ ציטער פון אַ ניגון.

ווײַל ציטערן טוט ציטערן זײַן ניגון, בעת ער גאַרט און בענקט נאָך דעם ווײַסן אוצר פון יענער לבנה און נאָך די וווּנדער־מעשים פון אליהו הנביא.

ד

האָב איך געלייענט דאָס בוך „אין לאַנד פון אליהו הנביא״ און זיך נישט געקאָנט דערלייענען.

די הייסקייט פון יונגמאַנס שטיל און געלאַסן וואָרט, רײַסט זיך דורך דורך אַ נשמה־פּראַסטיקייט וואָס קומט פון די ווײַטע טײַגעס און שניי־ים׳ען, דורך די וויסטע מידבר־ווינטן פון אונדזער הי און דערגרייכט אין געלײַטערטקייט דאָס לאַנד פון אליהו הנביא.

עלינאָוויס „לאַנד״ איז נאָך אַלץ ברייט און גרויס — כאָטש עס פעלן דאָרט זעקס מיליאָן — אָבער מאַכטיק איז עס בלויז אין אונדזער היס־טאָרישן זכרון, און איינער פון די, וואָס שטייען געטרײַע און היטן אים אויף ירושלימס מויערן, איז דער דיכטער משה יונגמאַן.

דאָס האַרץ פֿרייט זיך און בלוטיקט בעת מ'לייענט זײַנע דערמאָנונג־לידער. אָט טוט ער אַזאַ וואָסערפֿאַליקן זאָג: „כ'וועל אַרויסרײַסן פֿון זיך די זון, די שטערן / אַלע הימלען צו וועלכע כ'האָב געדינט, וואָס האָבן מיך בלינד געמאַכט; / כ'וועל אויסטאָן פֿון זיך די שטיבער, שויבן, קוואַלן" און די שורה ווערט ברייט, שלאַכטפֿעלדיש צעעפֿנט און אָט טוט ער גאָר אַ זאָג סטאָיִש־רעזיגנירט: „מ'מוז דאָך נישט גיין איבער שטריק / אויף אַראָפּצופֿאַלן". אָט באַזינגט ער אַזוי עלעגיש־פֿאַרבענקט די קינדהייט און אָט הייסט ער גאָר גיין קיין סעבאַסטיאַ „אפֿילו אָן פֿיס. / אפֿילו וויסן: / צו שפּעט!"... און ווײַל אַלץ גייט אים אָן, און ווײַל ער איז ממשיך פֿון זינט יענעם ערשטן דאָרט ביז דעם הײַנטיקן דאָ, קאָן ער שוין נישט פֿאַרגעסן אינעם אַמאָליקן דאָ און זינגט אויס:

איז מען געגאַנגען קיין יבנה.

אַוודאי איז מען געגאַנגען קיין יבנה, און קיין יבנה גייען נאָך הײַנט די אַלע וועמען עס גייט אָן קיום העם. נאָר אויב „אין ווײַניק־רויטן פֿאַרנאַכט גייט אַרום שיכּור אַ ניגון" דאַרפֿן מיר אַלע, וועמען עס גייט אָן דער קיום היצירה, אויסדריקן דאַנק און באַוווּנדערונג צו אַזאַ פּאָעזיע, צו אַזאַ פּאָעט. און ווינטשן אים און אונדז נאָך און נאָך אַזעלכע לידער־זאַמלונגען.

יאַנואַר, 1978

דור און תקופה

...אין דעם ערשטן אָוונט פון ראש השנה, אין אַ שעה ווען די שערי־רחמים זענען שוין געשלאָסן און דער טויבן־געברום פונעם חשבון־הנפש שנײַדט זיך אַ וועג צו די הימלען פון חצות, וואָס ווען אוודאי זיך עפענען אויף אַ כהרף עין, האָט אונדז די היגע טעלעוויזיע געוויזן און געלאָזט הערן די רייד פון פיר אָנגעזעענע, הײַנטצײַטיקע העברעיִשע שרײַבערס, און צווישן זיי: דעם אין טשערנאָוויץ געבוירענעם און וואָס דער טראַנס־ניסטרע־גיהינום ברענט נאָך אין זײַנע בייִנער — אהרן אַפּלפעלד. אָט די פיר האָבן דאָס געפרוווט, אין דער הערמעטיש־פאַרמאַכטער שעה, אויס־געפינען, אָדער, לכל הפּחות, זיך אַליין קלאָר מאַכן מכוח דער נטיה, דער ניגונג, דעם באַוועג און דעם וועג וואָס עס האָט פאַר זיך דער הײַנט־צײַטיקער העברעיִשער שרײַבער. און לאָמיר גוט געדענקען: נישט, חלילה, שליחות אָדער אויפגאַב, נײַערט, כאָטש, וועגן אַ וועלכן ס'איז וועג.

בין איך געזעסן און געשלונגען זייער יעדן וואָרט, וואָס איז אַרויס־גערעדט געוואָרן מיט חכמה און מיט וויסן, מיט וואָג און מיט מאָס, ערנסט און באַזאָכט; האָב מקנא געווען זייער איין־פּנימדיק לשון און דעם ניכטער־קלאָרן אויסדרוק זייערן, און — אַלץ אין מיר האָט אויפגעציטערט: איז מעגלעך, אַז דער יונגער ייִד איז אַזוי ווײַט אַוועק?! נאָסטאַלגיִע — הס מלהזכיר! שיבה — צוריקקערן זיך, אָדער אומקערן זיך, אַפילו אויף אַ וועלטלעכן אופן, צום שבת, צום שטאָם — ניין און ניין! פירן, ווײַזן וועגן, לערנען עפּעס דעם לייענער, זײַן אים אַ מוסטער — בשום אופן נישט, בכל אופן — נישט דירעקט... און דאָ דאַרף איך אין עטלעכע טעג אַרום אַרײַנפירן און פירן אַן „אָוונט" לכבוד און מכוח אַ בוך, וואָס דערציילט, און איז אויסן אַז מיר אַלע זאָלן וויסן, וואָס פאַר אַ „פּרײַז" אונדזערע ברידער און עלטערן האָבן נעכטן דאָרטן באַצאָלט פאַר יענעם „ברויט" — ווי פאַרט זיך דאָס?! ווו זענען מיר אין דער וועלט — איז טאָקע אויס־געשפּרייט אַ דעמאַרקאַציע־ליניע צווישן די דורות, אָדער „בלויז" צווישן די העברעיִש־שרײַבנדיקע און צווישן די וואָס שרײַבן ייִדיש? —

האָב איך נאָך־אַמאָל גענומען לייענען דאָס בוך פון מאיר יעלין, דעם שרײַבער פון דאָרטן און פון נעכטן, און געקומען צו דער מסקנה, אַז אויב

עס וועט זײַן ערגעץ ווו און אין אַ וועלכן־ס׳איז ווען כאָטש איין־און־איינציקער ייִד וואָס וועט לייענען אָט דאָס בוך, און ענלעכע צו דעם, וועט אָט דער איינער, בלויז מיט זײַן לייענען, אָפּשרײַען, אָפּרופן און אפילו מבטל מאַכן אָט די גזירה פון אָפּפרעמדונג און פאַרגעסונג, וואָס מיר זענען הײַנט אירע עדות.

און אַז זיך באַרויִקט האָב איך זיך אַליין געפרעגט: —

קאָן שואה־ליטעראַטור באַרויִקן? איז מסוגל מ. יעלינס בוך „דער פרײַז פון יענעם ברויט", און אַנדערע פון דעם מין, צוריקצוגעבן דאָס פאַר־לוירענע גלײַכגעוויכט, נאָך דעם ווי עס האָט דיך אַזוי צערודערט, צעבראָכן, דערדריקט און דערנידעריקט? — און דו ביסט דאָך „אין טרעבלינקע נישט געוועזן"!... ווײַזט זיך אַרויס, אַז אין אַ געוויסער מאָס, אויב דעם שרײַ־בערס טאַלאַנט איז געבענטשט מיט ביידע, אי מיט געפיל און אי מיט פאַרשטאַנד, און אויב איר דערפילט אַז דער מחבר איז אינגאַנצן אידענ־טיפיצירט מיט די דורך־אים־באַשריבענע פערסאָנאַזשן, וועט ער אײַך תוך כדי לייענען, אַוועקשטעלן אין אַזאַ לאַגע, אַז איר וועט מוזן אויסשרײַען: לא אלמן ישראל! די ייִדישע וויטאַלע כוחות זענען אַזוי גרויס, אַז אין די שוידערלעכסטע צײַטן וועלן זיך אָפּגעפינען לעבנס־סמען, לעבנס־זאַפטן, וואָס וועלן דערהאַלטן און האַלטן דאָס פאָלק איבערן וואַסער.

און אַז מיר דערמאָנען דעם ריס צווישן דור און דורות ווי ער האָט זיך וווּיניקסטנס אָפּגעשפּיגלט אין דעם ראש־השנהדיקן סימפּאָזיום, מעגן מיר אָן שום צוריקהאַלט ברענגען ווי אַ קלאַסישן און אימפּעראַטיוון בײַשפּיל מאיר יעלינס דערציילונג, וואָס געפינט זיך אין אָט דער זאַמלונג א. נ. „אויפגעבראָכן דעם קרײַז". אויך זי רעדט וועגן שרײַבער און זײַן וועג, נאָר גיט אים אַ גאָר אַנדערע ריכטונג.

*

מאיר יעלין, דער ליטווישער ייִד און ייִדישער שרײַבער (פון פאַך — אַ בוי־אינזשיניער) האָט מיט זײַן איצטיקן בוך צוגעגעבן אַ וויכטיקן ציגל צו דער קינסטלערישער זכרון־געבײַדע, וואָס ייִדישע שרײַבערס און מאָלערס און וואָרט־קינסטלערס האָבן אויפגעבויט לזכר דער שואה.

דער ליטווישער ייִד —

מיר דוכט זיך תמיד אַז אַ ליטווישער ייִד, אויב ער איז אַ שרײַבער, אַ קינסטלער, איז ער אַ שרײַבער און נאָך עפּעס, אַ קינסטלער און נאָך עפּעס. דאָס נעמט זיך, מיין איך, דערפון, וואָס אָט דער „צלם־קאָפּ" פאַר־מאָגט פון די צען מאָס סענטימענטאַלישקייט, מיט וועלכער די השגחה העליונה האָט באַשאָנקען די ייִדן אין גלות — בלויז איין מאָס, דערפאַר

אָבער איז ער גענבענטשט מיט נײַן מאָס פֿון די צען — האַרץ־חכמה. ער פֿאַרמאָגט דעם לב נבון, אויף וועמען משלי זאָגט: לב נבון יבקש דעת... דאָס הייסט אַ פֿאַרשטאַנדיק האַרץ וויל אויך וויסן. וויל מאיר יעלין וויסן און באַוועגט אונדז אַז אויך מיר זאָלן וועלן וויסן.

אין אָט דער דערציילונג דערציילט ער אונדז, ווי אַזוי געטאָ־קעמפֿערס באַגעגענען זיך מיט אַ ייִדישן שרײַבער, אַ רעזיגנירטן, אַ לאחר־יאושדיקן, וואָס טענהט אַז ער האָט זיך פֿאַרגראָבן ווי חוני המעגל, און זעט בלויז דעם סוף, דעם אונטערגאַנג. און זיי, אָט די געטאָ־העלדן, פֿאַרלאַנגען פֿון אים ער זאָל אַ סוף מאַכן צו זײַן אָפּגעלאָזנקייט און זאָל זיך פֿאַרנעמען מיט... שרײַבן! ער זאָל באַשרײַבן דאָס, וואָס דער חיה־טעוואָנישער היטלעריזם טוט אונדז אָפּ.

און מאיר יעלין גיט דאָ צו: —

„ניט צום ערשטן מאָל פֿאַרלאַנגט מען דאָ פֿון אים ער זאָל שרײַבן. עס פֿאַרפֿאָלגט אים ממש אַ ייִד מיט אַן אַשקאָלירן פּנים און פֿרעגט אים בײַ יעדער געלעגנהייט צי ער שרײַבט.“ יענער פֿאַרלאַנגט פֿון אים, לויט ווי עס דערציילט אונדז מ. יעלין: „— פֿאַרשרײַבט! זאָל אונדזער בלוט ניט פֿאַרזינקען אָן אַ שפּור, ווי וואַסער אין זאַמד!“ און דאָ קומען ווידער ייִדן, און יונגע דערצו, און מוטיקע קעמפֿערס, און אויך זיי פֿאַרלאַנגען פֿון אים און פֿאָדערן ער זאָל שרײַבן און פֿאַרשרײַבן. לאָזט דאָ אונדזער שרײַבער מ. יעלין יענעם שרײַבער טראַכטן אין זיך אַזאַ טראַכטעניש: „גאָט אין הימל, ווי קאָן מען אָנקליידן אַ ליטעראַרישן לבוש פֿאַקטן, וואָס ליגן אויף יענער זײַט פֿונעם מענטשלעכן פֿאַרשטאַנד, אויף יענער זײַט פֿון ליטעראַרישע גרענעצן? — — — האָט שוין ווער געפּרוווט שרײַבן אונטער אַ פֿאַרמאַסטענער האַק איבער זײַן קאָפּ?“ —

ווער פֿרעגט דאָס אַזוי חלפֿדיק־שאַרף און שווידערלעך־קלוג אָט די רייד? פֿאַרשטייט זיך, אַז אַזוי פֿרעגט נישט קיין אויסגעטראַכטער „העלד“ פֿון אַ דערציילונג, נײַערט דער מחבר פֿון דער דערציילונג גופֿא.

און מאיר יעלין פֿרעגט דאָ זיך אָן דער גאַנצער און גרויסער ייִדישער שרײַבער־פּלעיאַדע וואָס האָבן געשריבן און באַשרײַבן נאָך הײַנט די דאָזיקע פֿינצטערע תקופה אינעם לעבן פֿון אונדזער פֿאָלק: — „האָט שוין ווער געפּרוווט שרײַבן אונטער אַ פֿאַרמאַסטענער האַק איבער זײַן קאָפּ?!“

נאָר זעט דעם ווונדער: נישט קיין געהיימע קעמפֿערס, ווי אין אָט דער דערציילונג, און נישט אַ וועלכער ס'איז אַנדערער פֿיזיש־באַפֿעלערישער כוח האָט דאָס אויפֿגעפֿאָדערט אַ ישעיהו שפּיגל, למשל, ער זאָל שרײַבן און באַגראָבן (מיט דער הילף פֿון זײַן פֿאָטער ז״ל) זײַנע ווערק טיף אין

דר׳ערד פון לאַדזשער געטאָ, כדי זיי זאָלן זיך דערוואַרטן אויף אַ לעבן־געבליבענעם, כדי אַלץ זאָל פאַרגעדענקט ווערן; און נישט קיין פּיזיש־באַפּעלערישע כוחות האָבן דאָס אויפגעפּאָדערט עמנואל רינגעלבלומען מיט זײַנע העלפערס צו זאַמלען, שרײַבן, צונויפנעמען דאָס געשריבענע און עס באַגראָבן אין דער אַרישער ערד, אין ספּעציעל געמאַכטע מילעך־קאַנען, פאַר דער צײַט וואָס וועט זיכער קומען; און נישט ס׳האָט ווער גענייט די אַנדערע ווערטפולע יידישע שרײַבערס און שוואַ־באַשרײַבערס, זיי זאָלן שרײַבן און דאָס ווי ווײַט מעגלעך פאַרהיטן פאַר ליכטיקערע צײַטן.

איז דאָס דאָס האַרץ, דאָס ייִדישע, דאָס טראַכטנדיקע און פאַרשטייענדיקע, דאָס פילנדיקע און בלוטנדיקע וואָס האָט זיי און אים געבראַנגט דערצו. דאָס איז דאָס האַרץ פון אַ תקופה, וואָס זי און איר דור קלאַמערן זיך אָנצוהאַלטן אינעם פונק דעם געבליבענעם, שטעכן זיך אַרײַן מיט זייערע קוים־געבליבענע נעגל אינעם היסטאָריע־בלאַט פון פאָלק, כדי זיך אײַנצופעסטיקן אינעם זכרון פונעם דור, פון אַלע דורות.

און ווי זײַנע ברידער און קאָלעגן האָט אויך מ. יעלין, „אונטער דער פאַרמאַסטענער האַק איבער זײַן קאָפּ" געשריבן און באַשריבן מיט טאַלאַנט און מיט טאַקט, מיט ווײי און מיט האָפענונג, סײַ שטיקער פון דער גרויזיקער יידישער טראַגעדיע, סײַ שפּליטערס פון דער אומפאַרגלײַכלעכער העלדישקייט פון דעם ייִדישן ווידערשטענדלער. ווײַל ער האָט פאַרמאָגט אין זיך חלום און אמונה, אַז דאָס געשריבענע וועט ווען־ס׳איז קומען צום ייִדישן לייענער, און אָט דער לייענער וועט דערפון זיך דערוויסן מכוח „דעם פרײַז פון יענעם ברויט" וואָס מיר האָבן באַצאָלט, און לייענענדיק דאָס וועט אים שוין אוממעגלעך זײַן דאָס צו פאַרגעסן. דער אור־אַלטער „זכור!" וועט אויך אין דעם פאַל האָבן האַפט אין דויער און וועט אַרײַן אין אונדזער פאָלקס־זכרון לדור דורות. ער וועט וועקן אויך די וואָס ווילן נישט געדענקען.

און מיר דערלויבן זיך צו פאַראַפראַזירן: דור לדור יביע אומר.

מאיר יעלין פאַרמאָגט אַ ריינעם, קוואַליקן ליטווישן ייִדיש, אַ ייִדיש וואָס רופט אַרויס צו זיך ליבשאַפט און דרך־ארץ. עס האָט זיך אים אויך אײַנגעגעבן קינסטלעריש אויפצודעקן נאָך אַ פינצטער ווינקל פון יענער בלוטיקער תקופה, בעת די וואָס זענען באַשאַפן געוואָרן אין גאָטס פורעם האָבן אויסגעריסן שטיקער מעשי בראשית, אָבער — די וואָרצלען זענען געבליבן. און מ׳מוז דאָס געדענקען.

(פון דעם אַרײַנפיר־וואָרט צום אָוונט אין לייוויק־הויז לכבוד מאיר יעלין און זײַן בוך „דער פרײַז פון יענעם ברויט)". סעפטעמבער 1977.

דאָס מאָלן און די מאָלערין

צו דער אויסשטעלונג פון פרומע יעקובאָווסקי־בעקער אין „מלוא"־קלוב אין תל־אביב.

פרומע בעקערס מאָלערײַען, סײַ די וואָס באַצירן אירע אייגענע ווענט, סײַ די אויף אויסשטעלונגען, רעדן צו מיר תמיד מיט דער שפּראַך פון יצירה. איך געפין אין זיי סענסיטיווע עקספּרעסיע. זייער פאַרבן־פּעכער און זייער טעמאַטיק, צי דאָס זענען פּייזאַזשן פון אונדזער לאַנד, צי פּני־מער אָדער אַפילו נאַקנס, פּלייצעס פון פרויען, דערציילן מיר תמיד דער־ציילונגען, מעשיות, געשעענישן... און איך ווייס פאַרוואָס. —

די מאָלערײַ־קונסט, ווי יעדער אַנדערע קונסט, רעדט צו אונדז אין איר באַזונדערער שפּראַך און פאַרכאַפּט דערמיט אונדזער האַרץ בדרך כלל. מ'מוז נישט דווקא זײַן אַ קונסט־קריטיקער־ספּעציאַליסט כדי צו וויסן, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ העכערע סובסטאַנץ, וואָס אָן איר איז אונדזער לעבן אָרעמער. פאַרב, קלאַנג, וואָרט — און אין דער נאַטור, אויך ריח — וואָס פילן אויס דעם חלל פון אונדזער וועלט, און מיט זיי לעבן מיר, — בעת די האַנט פונעם קינסטלער, ווי די האַנט פון דער נאַטור, דערלאַנגען אונדז פון אָט די עלעמענטן אין אַן עסטעטישער פאָרעם, — ברייטערן אויס אונדזערע האָריזאָנטן און גיבן צו טעם אונדזער לעבן. וואָרעם אין אָט דעם תחום, אין תחום פון דער עסטעטיק, פון דער שיינקייט, זאָגן די וואָס ווייסן, „קריגט יעדער קאָנקרעטע זאַך אַ גײַסטיקע פאָרעם, און אַל־דאָס גײַסטיקע לאָזט זיך תופס זײַן מיט די חושים" — איז ווער סאיז באַשאַנקען מיט אָט די חושים, קאָן אַלץ באַנעמען און ווי האָט אַמאָל געזאָגט פ. שילער? — „צווישן דעם גרויליקן קיניגרײַך פון די כוחות און דעם הייליקן קיניגרײַך פון געזעץ, בויט דער שאַפער פון דער עס־טעטישער פאָרעם, נישט אויסנזײַענדיק, אַ דריט קיניגרײַך, דאָס קיניגרײַך פון שפּיל און פאַנטאַזיע". אַ טייל פון אָט דעם קיניגרײַך געפינען מיר, אָן שום ספק, בײַ דער מאָלערין פרומע.

נישט אַרײַנגייענדיק אין דעם תחום פון קונסט־קריטיק דערלויב איך מיר צו זאָגן, אַז מײַן באַציִונג צו פרומעס מאָלערײַען איז זייער אַ וואַרעמע.

און עס אַרט מיך אַפילו נישט, וואָס עס האָט שוין ווער געשריבן וועגן פרומען, אַז אירע פאַרבן זענען קאַלטע. לויט מיר נאָך זענען פרומעס פאַרבן כּלל און כּלל ניט קיין קאַלטע, קיין צו שטילע. אדרבה, איך געפין אין איר פּאַלטערע אַ שלל פאַרבן וואָס שטאַמען גראָד פונעם „באַקאַנטן" ספּעקטרום: רויט, בלאָ, שוואַרץ, מיט זייערע ניואַנסן. זענען דאָך ווייניק־סטנס די אַ דריי פאַרבן נישט פון די „נעבעכלעך" אין דער פאַרבן־וועלט. נישט מער וואָס פרומע גיסט אין זיי אַריין דאָס ווייכקייט און צאַרטקייט פון איר נשמה, פון איר גייסט, פון איר גוטן מאַמע־האַרץ און זיי ווערן שטילער, רויקער, צאַרטער. און אפשר אויך קילער. — מאַכט דאָס איר פּענדזל, טוען דאָס אירע פינגער.

איז דאָס דער סוד פון איר שאַפונג, איז דאָס איר באַזונדערקייט, און אָט די באַזונדערקייט, ווײַל זי איז אין גאַנצן אירע, פירט איר אַרײַן אין דער ראָם פון די מאָלערס.

אַ קליינער בײַשפּיל:

בײַ מיר אין שטוב הענגט אַ בילדל, — פרומעס אַ געמעל. קליין אין מאָס, צונויפגעשטעלט פון פאַרשידענע פאַרבן, און פון זיי, פון אָט די פאַרבן, קוקט אַרויס אַ געוויינלעכער ייִד, בעצם בלויז אַ פּנים פון אַ ייִד. אַ פּנים אַן אויפגערודערטס און אַ שטאָלצס גלײַכצײַטיק. אַ פּנים פון אַ מזרח־אייראָפּעיִשן ייִד אָדער גאָר תימנער. ווען איך קוק זיך אײַן אין אָט דעם פּנים, באַווײַזט זיך פאַר מײַנע אויגן די גאַנצע ייִדישע היסטאָריע, פון זינט מיר זענען געזעסן אויף אונדזער ערד דאָ ביז אונדזער צוריקקומען אַהער. אין זײַנע אויגן און אין די קנייטשן פון אָט דעם פּנים געפין איך דעם צער פון די דורות און זייערע האָפענונגען. איך זע אין אים מײַן זיידן, כ'וואָלט זאָגן — אונדזער אַלעמענס זיידע. אָט דאָס בילדל דערוועקט אין מיר דעם גאַנצן דאַנק און צוטרוי וואָס עס קומט פרומען, צוזאַמען מיט ברכות פאַר ווײַטערדיקע שאַפונגען און דערפאָלגן.

און רײַך איז פרומעס ווינונג מיט אירע מאָלערײַען — אַ מוזיי. און בעת איר קוקט זיך צו ווי די פּראַקטיקע „שטיל־לעבנס" פירן בײַ איר אַזאַ רײַכפאַרביקע „מלחמה" מיט די אָן־אַ־שיעור אינטערעסאַנטע, אויס־דרוקפולע פּנימער, פון וועלכע עס בולט זיך באַזונדערש אַרויס דער גרויס־מאָלערישער פּאָרטרעט פון אַ יונג באַצערטער פרוי (איר שוועסטער?), בעת איין מין וויל אין ליכטיקן פאַרבן־פּאַרוועט „באַזיגן" דעם צווייטן, פרייט אײַך דאָס האַרץ, וואָס די מאָלערין פרומע האָט, אויף די עלטערע יאָרן שוין אַזוי פרוכפּ אויסגעבעטן בײַ די מוזעס אַזאַ טאַלאַנט.

צוויי דיכטערס, איין פּרעמיע

די הײַ־יאָריקע פּיכמאַן־פּרעמיע (תש״ם) איז פײַערלעך צוגעטיילט געוואָרן אין בית יהודי בסרביה אין תל־אביב, דעם ייִדישן דיכטער יאָסל לערנער און דעם העברעיִשן דיכטער אמיר גלבוע. אונטער דעם פּאָרזיץ פון יצחק קאָרן האָבן געלייענט די מאָטיוון פון דער זשורי א. ב. יפה און ל. פּאָדריאַטשיק. דער דיכטער עוזר רבין האָט באַגריסט אין נאָמען פונעם העברעיִשן שרײַבער־פאַרבאַנד, און אין נאָמען פון ייִדישן שרײַבער־פאַראיין אין ישראל, — אַני הקטן, וואָס האָט געזאָגט צווישן אַנדערס:

...ס׳איז אַ גרויסער כבוד צו באַגריסן צוויי באַדײַטנדיקע זינגערס בײַ אונדז, וואָס ווערן געקריינט מיט אַ קרוין וואָס רופט זיך יעקב פּיכמאַן־פּרײַז, וואָס שוין דער נאָמען פּיכמאַן ווערט דורך אונדז אַרויסגעזאָגט בדחילו ורחימו; ס׳איז אויך אַ תענוג צו גראַטולירן און אַרומנעמען מיט רייד פון ליבשאַפט און האַרציקער פאַרגינונג צוויי אַזעלכע אייגנאַרטיקע משוררים, — יעדער פון זיי אין זײַן לשון און אויף זײַן שטייגער, — וואָס מיט איינעם פאַרבינדט מיך די ליבע צום צעפּײַניקטן ייִדישן וואָרט און צו דעם דיכטערס שטיל־פּאָעטישן אויסקלונג, וואָס הערט זיך אַזוי חנעוודיק אַרויס פון די ווערק זײַנע שוין באַלד 50 יאָר, מיט וועלכע כ׳האָב זיך געקוויקט נאָך אין די 30ער יאָרן, בעת כ׳האָב געלייענט זײַן ליד אין די בוקאַרעשטער „שויבן״, — און מיטן צווייטן — דאָס זײַן אַן עדות און אַ פאַרליבטער צוקוקער צו זײַן פערזענלעך און פּאָעטיש וואַקסן און שטײַגן, זינט זײַן ערשטן ליד „כי אז אצעק״, דערשינען אין זשורנאַל „השומר הצעיר״ און וואָס איז אויף רחוב סלנט אין פתח־תקוה „געפּײַערט״ געוואָרן דורכן מכבד זײַן זיך און אים מיט אַן אייגענער עוגה (קוכן) און מיט הערן אַ ווונדערלעך באַגריס־וואָרט פאַר אָט דעם ליד און זײַן מחבר פון דניאל לייבל (אלכסנדר) ז״ל, וואָס איז צו אונדז צופעליק דעמלט אַרײַנגעקומען.

צוליב דער כראָנאָלאָגיע אין טאָפּלטן זין, וועל איך מײַן באַגריס־וואָרט אָנהייבן מיט אײַנגעהאַלטענע לויב־רייד צום שטילן ממעמיקמדיקן זינגער יאָסל לערנער, וועמענס לידער און אַפאָריזמען, — וואָס ווערן דורך דעם ייִדישן ליטעראַטור־פאָרשער אליעזר פּאָדריאַטשיק באַצייכנט ווי

„לירישע שפּליטערס״, — ווײַזן דאָס מענטשלעכע פּונעם מענטש און הייבן אים אַרויס פון צווישן די ביימער פונעם גרויסן יִדישן פּאָעזיע־וואַלד, מיט זײַן באַזונדערער באַטאָנונג, מיט דער קלוגשאַפט פון זײַן האַרץ און מיט זײַן גײַסטרײַכער זאַפטיקייט. שוין אין זײַן אָנהייב האָט זיך בולט אַרויס־געזען דער צאַרטער ליריקער, וואָס באַזינגט און באַוויינט אונדזערע שיינע ליכטיקע רגעס און די גרויע פינצטערע טעג אונדזערע. גייענדיק אין די פוסטריט פון דעם וווּנדערלעכן יִדישן פאָלקסליד, באַניצט ער זיך, אין זײַן אייגענער אינטערפּרעטאַציע, מיט די פּראַקטיקע אימאַזשן און מעטאַ־פאָרעס פונעם פאָלקס־אוצר, אַרײַנפירנדיק זײַן שירה אין אונדזערע היכ־לות אָן דער באַגלייטונג פון פּאַנפאַרן און פויק־געשאַלן, נײַערט שפּאַנענ־דיק פּאַמעלעכדיקע שריט, מיט אַ קוים־אָנזעעודיק שמייכעלע פון הסכמה און באַדויער, ווי דער פויער נאָכן אַקער.

אָט איז זײַן ליד, אַוודאַי איינס פון זײַנע ערשטע, מיט וועלכן כ׳האָב זיך אָנגעטראָפן איר יאָר 1936, אין די בוקאַרעשטער „שויבן״, (נומער 3) און דערזען פאַר זיך אַ טיף־פּאַרוואָרצלטן, פון דער פאָלקסטימלעכקייט אַרויסגעקומענעם יִדישן דיכטער: —

אין שפּעטע, פינצטערע שטעטלדיקע נעכט
פאַרדערן הפקרדיקע הינט די קעפּ צום הימל און וואָיען
הינטער בלינדע פענצטער...

שרעקן פאַרהאָרעוועטע, בייזע מאַמעס זייערע
וויינענדיקע קינדער:
— ווײַנט, ווײַנט, ס׳וועלן באַלד צונויפלויפן זיך אַלע הינט
אויף אײַער בייזוווּנדער...

ניוּרען קינדערלעך זיך שטאַרקער, טיפער אין די קישנס
און דערשטיקן דאָרט זייערע טרערן.
און די מאַמעס
קערן איבער שיך און מורמלען שטיל, ס׳זאָלן קינדער
נישט דערהערן:
— באַהיט אונדז, זיסער גאָט, באַשיץ
פון אומגליק און פורעניות,
וואָס לאָקערן ווי בייזע ווינטן אויף אַלע טונקעלע וועגן...
און שלאָפן אײַן מיטן שעפּטשען אויף די ליפּן:
פאַר אונדזערע קליינע קינדער וועגן.

פון אַזאַ „וויג־ליד" אין 1936, אין וועלכן די מאַמעס קערן איבער די שיך און מורמלען שטילע תפילות צו גאָט, דעם באַשיצער פון אומגליקן און פורעניותן, וועט ער שוין קאָנען קומען אין העכער פערציק יאָר אַרום און זאָגן (אין זײַן בוך „ביז ס'הייבט אָן טאָגן", תל־אביב, 1977):

אַ גאַנצע נאַכט איך ליג. איך קאָן נישט שלאָפן.
די אויגן צוגעמאַכט. דאָס האַרץ איז אָפן.
דערהערט זיך אַ גערויש, שפּיץ איך אָן די אויערן,
אין גערויש איך הער, עס ווערט אַ ליד געבוירן.

און אין אָט דעם טטילשווײַגנדיקן גערויש, זענען טאַקע בײַ אים געבוירן געוואָרן דרײַ ביכער לידער, און נאָך, און אין דריטן געפינען זיך שוין לידער אויפגעקומענע אין גערויש פון ישראל, פון וועלכע עס דער־טראָגן זיך צו אונדז היימפּרייד און פאַרבגלוסט. איז נישטאָ דער מינ־דסטער ספק, אַז אַזאַ דיכטונג האָט געדאַרפט באַקריינט און באַשײַנט ווערן דורך די צוטיילער און זשורי פונעם פרײַז וואָס טראָגט דעם נאָמען פונעם צוויי־שפּראַכיקן מײַסטער אונדזערן יעקב פיכמאַן זכרונו לברכה. און זיי האָבן דאָס ריכטיק געטאָן.

אמיר גלבוע.

אמיר גלבועס וועג אין דער נײַער העברעישער דיכטונג איז פאַר מיר שיר־נישט אָן אָפן ספר. נישט נאָר פאַרשטיי איך און ווייס דעם סוד פון זײַן ליד, וואָס גראָד שפּראַכלעך, לעקסיש, איז עס נישט צופיל פּאָפּולאַר, נאָר אָפט גאָף איך און שטוין איבער אָט דער רײַכער אימאַזשינירטער שירה, אין וועלכער סײַ דאָס לשון און סײַ די פאַרעם זענען ממש היפּער־מאָדערן און דאָך אַזוי מזל־ברכהדיק, אַזוי שפּעדיק מיט טעמעס און ווערטן פון אונדזער אַלצײַט: דער אייערנעכטן, דער נעכטן און דער הײַנט זינגען בײַ אים הימנען צום מאָרגן, בעת פּראָטעסט און רעוואָלט פירן אַ צוויי־קאַמף מיט דער האָפענונג און ליבע אין זײַן וווּנדערלעכן ליד, דאָס ליד פון אַ שרושדיקן ייִד.

אויך טאַטע, מאַמע, שוועסטער, ברידער — כאָטש אַזוי ווײַט אַוועק פון זיי, — זענען אינטעגראַלע טיילן פון זײַן אומפאַרגלײַכלעכער שירה.

ווען דער פאַראיין, אין וועמענס נאָמען איך באַגריס אים איצט, וואָלט געהאַט און געקאָנט האָבן השפעה אויף דער הײַנטצײַטיקער העברעישער דיכטונג, וואָלט איך דאָ, אין פאַראיינס נאָמען, אויסגערופן: יונגע העב־רעישע פּאָעטן, קומט און לערנט זיך בײַ אײַער כמעט־עלטערן קאָלעגע

אמיר גלבוע. נישט ספּעציעל פון זײַן ליד „פּתאום קם אדם״, וואָס דער ראַדיאָ אונדזערער האָט פּאַרוואַנדלט אין אַ שלאַגער־ליד: „פּלוצים שטייט אויף אַ מענטש, דערפילט אַז ער איז פאַלק און הייבט אָן גיין״, לאו דווקא. נישט פּלוצים איז אָט דער מענטש אויפגעשטאַנען! אלא לייענט און פאַר־טיפט זיך אין אמירס לידער, פון זײַן מאָגערער זאַמלונג „לאות״ ביז „רציתי לכתוב שפתי ישנים״ — כ׳וואָלט וועלן שרײַבן אינעם לשון פון די שלאָ־פנדיקע, און „אילה אשלח אותך״ — הינדין, כ׳וועל דיך אַרויסשיקן — און איר וועט זען ווּהין ער גרייכט און דערגרייכט.

אָט ווי אַזוי ער הייבט אָן די זאַמלונג זײַנע „אילה אשלח אותך״:

הינדין כ׳וועל צו די וועלף דיך שיקן. נישט אין וואַלד אַליין
זענען זיי
אויך אין שטאָט אויף די טראָטואַרן. אין בהלה פון זיי
וועסטו לויפן
דײַנע אויגן די שיינע מקנא זײַן מיך וועלן פאַר מײַן
זען וויאַזוי
דו בליסט אַ צעשראָקענע דו און דײַן נשמה

כ׳וועל דיך אַרויסשיקן קעגן דער שטאַרקער
מלחמה — זי איז שוין נישט מער פאַר מיר

מײַן האַרץ מיט דיר הינדין זעענדיק דיך בלאַנדזשען
אין קאַיאַר אַ צעבלוטיקטע

דאָ זעען מיר באַשײַנפּערלעך ווי דער גאַנצער הײַנט, מיט אַלע זײַנע צעווייטיקטע פּראָבלעמען, פּליישט זיך אַרײַן אין די מעטאַפאָרעס און אימאַזשן וואָס דער דיכטער שעפּט אַרויס פון די תנ״כישע קוואַלן. דאָס אַרויסשיקן די הינדין, וואָס דערמאָנט אַסאָציאַטיוו אין נח׳ס אַרויסשיקן די טויב, זיווגט זיך צונויף מיטן שפּראָץ אויף טאָג, ווו די הינדין (אילה) אַסאָציִירט דעם מאָרגנשטערן (אילת השחר), ווען ער שיקט אַרויס צו דער הײַנטיקער וואָלפישער וועלט. ער זעט זי שוין, מיט זײַנע גײַסטיקע אויגן, אַ צעבלוטיקטע, און זאָגט צו איר — ווידער תנ״כיש אַסאָציִירט — „כ׳וועל דיך אַרויסשיקן צו דער שטאַרקער מלחמה״ אָבער, „זי איז שוין נישט פאַר מיר״... און כדי עס זאָל אים קיינער נישט חושד זײַן אין ניהיליזם, ברענגט ער אויף זײַט 10 אַ ליד וואָס רופט אויס אויף זײַן שטייגער: —

מײַנס איז דאָס לאַנד אין שלאָף און אויף דער וואַך. איך זע
אַ חלום אַ לאַנגער שוועבט אין עלעקטראָנען־פּלייץ
שוואַלבן טשאַטעס אין צווײַגן פֿון בוים און דאָס פֿענצטער
פֿאַרקראַטעט
און מײַן הויט־און־ביין אינעם ווינט וואָסווירבלט איבער
אַ גרויסער ערד
וואָס איז מײַן אינגאַנצן

איז אָט איז דער דיכטער קלאָר און לויכטיק.

פֿאַראַן בײַ אים נאָך אַ סך לידער, וואָס יעדע צווייטע אָדער דריטע שורה דערמאָנט אײַך אַ זאָג פֿון אַ נביא, אַ פֿראַזע פֿון פּיוט, אַ טייל פֿון אַ פּסוק. און מיר האָבן שוין וועגן דעם זיך אָפּגעשטעלט. דאָס איז אַן אויסטערלישער געמיש פֿון לאַנגן גרויען טאָג מיט ווײַטער דיכטערי־שער זעונג, אַ באַוווירקטע פֿונעם נביא און חוזה. וואָרעם אויב אַ דיכטער קאָן דערציילן אין זײַנס אַ ליד, ווי למשל אין זײַן „שיר שקט וטלול" — שטיל און טויִק ליד — אַז... ער שפּאַצירט אַרום צווישן לאַנגע און גרינע פּרימאָרגן־טישן אַ שטילער, אַן אָפּגעוואַשענער; די ביימער נייגן צו אים זייערע פֿאַרשטאַנדיקע קעפּ, און ער טענהט זיך דערבײַ אויס מיט זײַן טאַטן און זאָגט אים, אַז ס'איז נישטאָ אַזאַ זינד וואָס אים איז נישט צו האַנט געקומען, ס'איז אָבער נישטאָ נאָך אײנער ווי זײַן זון וואָס זאָל זײַן אַזוי ריין פֿון עבֿירות; און ער גייט צווישן אָט די טישן און געפֿינט אַ גרויסן שווערן האַמער, אַ באַהאַלטענעם צווישן דערנער־קוסטן פֿון רויזן. אַ שטילער, אַ באַטויִקטער הייבט ער אויף אָט דעם האַמער, טוט מיט אים אַ דערלאַנג און — די הימלען נידערן אַראָפּ צו דער ערד. איז, לויט מיר נאָך, נישטאָ אַזאַ פּרײַז אין לאַנד וואָס אמיר גלבוע זאָל אים נישט ווערט זײַן.

דערפֿאַר איז פֿאַר מיר אַ תענוג און אַ כּבֿוד זייביידן צו באַגריסן אין נאָמען פֿון פֿאַראיין פֿון די יידיש־שרײַבערס אין מדינת ישראל און זיי ווינטשן דוד המלכס ווונטש: כּה לחי!

יוני, 1980

רפאל מאַהלער — לאַורעאַט פון פרס ישׂראל

פאַר זײַן אומגעהייער וויכטיקן אויפטו אויפן געביט פון שרײַבן, פאָרשן און קאָמענטירן די געשיכטע פון אונדזער פאָלק פאַר די לעצטע דורות, איז פּראָפ׳ ד״ר רפאל מאַהלער באַערט געוואָרן מיטן העכסטן פּרײַז פון אונדזער מדינה — פרס ישראל.

חבר רפאל מאַהלער, וואָס האָט אויך באַקומען דעם מאַנגער־פּרייז אין יאָר 1975, האָט אָנגעהויבן שפּינען דעם גאָלדענעם פאָדעם פון זײַן געבענטשטער טעטיקייט מיט העכער 50 יאָר קעריק, בעת ר׳איז צוגע־שטאַנען צום קרײַז פון די יונגע ייִדישע היסטאָריקערס אין פּוילן, וואָס איז אין יאָר 1923 געגרינדעט געוואָרן דורך זײַן אידעען־חבר, דעם יונגן סטודענט און שפּעטער באַרימטגעוואָרענער העלד און היסטאָריקער פון וואַרשעווער געטאָ — עמנואל רינגלבלום ז״ל.

דער דאָזיקער קרייז, וואָס האָט אַרויסגעגעבן די זאַמלביכער „יונגער היסטאָריקער״ און אַליין געוואָרן היסטאָריע; ווען עמודי התווך עס זענען געווען די ענטוזיאַסטישע יונגע שטודירערס און פאָרשערס, איני־ספּירירטע פונעם אויפגייענדיקן לינק־פּועלי־ציוניסטישן באַראָכאָוויזם, האָט טאָקע געעפֿנט אַלע יונגע ייִדישע היסטאָריקערס — דורכן מויל און דורך די פעדערס פון עמנואל רינגעלבלום און יבל״א רפאל מאַהלער — צו „באַקענען זיך מיט די ספּעציפישע מעטאָדן און דרכים, אויף וועלכע מען דאַרף גיין ביַי דער ייִדישער פאָרשונגס־אַרבעט״. און — נאָך הײַנט צו טאָג, כאָטש אָפּגעקילט פון געוויסע ניואַנסן און אויסגעטאָן פונעם ריב־הלשונות, איז דער בעל־הפרס געטרײַ זיך אַליין און זײַן אויסגעטראָטענעם פאָרשונג־וועג — דעם וועג און מעטאָד פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם פּליוס סאָציאַליסטישן ציוניזם.

און אַזוי האָבן אויך געזאָגט די מאַטיוון־צונויפשטעלער בעתן צוטיילן מאַהלערן דעם מאַנגער־פּרייז: —

„אַ פאָרשער פון טיפער ערודיציע און דענקער פון ברייטן פאַרנעם, וואָס זײַנע אויפגעוועקטע חושים נעמען אַרום סײַ די פּראָבלעמען פונעם

דור, זײַנע גראַנגלען און אַנטשלוסן, סײַ די פּאַנאָראַמע פון דורות, זײערע אָפּענע און פֿאַרבאַהאַלטענע וועלטן, פּראָצעסן און גראַנגלען".

אָט די פּראָצעסן און גראַנגלען זענען דאָס געווען און פֿאַרבליבן די ריכטונג־ליניעס פֿאַר זײַן געשיכטע־שרײַבונג און פֿאָרשונג.

און אַז מיר ווען דערצו צוגעבן זײַנע גזעלשאַפֿטלעכע אַקטיוויטעטן אין דער פּאַרטיי פּועלי־ציון און דערנאָך אין מפּ"ם און אין דער אַרבעטער־באַוועגונג בכלל, וועלן מיר זען ווי עס לײַכט זײַן פּערזענלעכקייט און זײַנע מעשׂים פּונקט ווי עס לײַכטן די היסטאָרישע פיגורן וועמען ער האָט אַזוי ערלעך און מײַסטערדיק באַשריבן אין זײַן פּראַקטיקן בוך עסייען.

איז דאָס די פּאַסיקסטע געלעגנהייט צוצוגעבן אויך אונדזערע ברכות און ווונטשן, צו די ברכות און באַגריסונגען וואָס עס שיקן אים אַלע די, וועמען די היסטאָריע פון אונדזער פֿאָלק דינט ווי דער עמוד־האש אויף צו באַלײַכטן זיי דעם וועג פֿאַר ווײַטערדיקע גראַנגלען.

אַפּריל, 1977

פון אַפּריל ביז אָקטאָבער

איז נחת אַ מיטל צו אַריכות ימים? ווײַזט אויס, אַז ניין. רפאל מאַהלער וואָס האָט אַזויפיל געהאַט אויסצושטיין ביז ר'איז הי אָנערקענט געוואָרן, און האָט באַרײַכערט אונדז — דאָס לאַנד און דאָס פֿאָלק, — און זיך, מיט זײַנע גרויס־וויכטיקע ווערק, האָט גראָד אין זײַן שטײַגן, בעת ר'האָט זוכה געווען באַקריינט צו ווערן מיט דער מאַנגער־פּרעמיע אין יאָר 1975 און מיט דער העכסטער אויסצייכענונג פון אונדזער מדינה — פּרס ישׂראל אין אַפּריל היי־יאָר, נישט געקאָנט באַהערשן־באַזיגן אַ קראַנקייט וואָס איז אים באַפֿאַלן, און אין אָנהייב אָקטאָבער אויסגעהויכט זײַן נשמה.

ווער זשע איז געווען אונדזער ליבער און האַרציקער מאַהלער?

רפאל מאַהלער איז געבוירן געוואָרן אין ניי־סאַנץ, פּוילן, אין יאָר 1899 בײַ אַ רעליגיעזער משפּחה. ער האָט אין די אָנהייב צוואַנציקער יאָרן, ווי שוין אויבן דערמאָנט, זיך אָנגעשלאָסן אין די לינקע פּועלי־ציון. אין יאָר 1939 באַוויזן זיך אַרויסצורײַסן פון פּוילן, ווו זײַן טעטיקייט און ווירקונג איז געווען אין לשער און איז אָנגעקומען מיט זײַן משפּחה אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, ער איז עולה אין יאָר 1948 קיין ישׂראל, און מיטן אויפשטעלן די מפּ"ם־פּאַרטיי שליסט ער זיך אין איר אָן.

די ביבליאָגראַפֿיע פון זײַנע ווערק ציילט בײַ אַ 600 איינסן: ביכער, בראָשורן, אָפּהאַנדלונגען, עסייען וועגן וויכטיקע פּערזענלעכקייטן און

מאַמרים, אין עברית און אין ייִדיש, וועגן געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע פראַגן.

איז וויכטיק און נייטיק לזכרו צו ברענגען כאָטש נאָך עטלעכע אויסצוגן פון דער מאָטיוון־דערקלערונג, בעת ס'איז אים צוגעטיילט געוואָרן די מאַנגער־פרעמיע: —

„פּראָפעסאָר ד"ר רפאל מאַהלער געהער צו די מאַרקאַנטע געשטאַלטן פון דער הײַנטיקער ייִדישער היסטאָריאָגראַפיע. עס איז גענוג דורכ־צוקוקן די ביבליאָגראַפיע פון זײַנע פילשיכטיקע כתבים, לא כל שכן זיי דורכצולייענען, כדי צו פאַרשטיין, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ פאָרשער פון טיפער ערודיציע און דענקער פון ברייטן פאַרנעם, וואָס זײַנע אויפגע־וועקטע חושים נעמען אַרום סײַ די פּראָבלעמען פונעם דור, זײַנע געראַנ־גלען און אַנטשלוסן, סײַ די פּאַנאָראַמע פון דורות, זייערע אָפענע און פאַרבאַהאַלטענע וועלטן, פּראָצעסן און געראַנגלען. דיביידע אויפגע־וועקטקייטן זענען פאַרשיידן אין באַהאַנדל, אָבער באַהאַפטן אין זייער בשותפותדיקן שורש — דער ווילן און דאָס יכולת צו דערגרייכן אַ קלאָרע און אַחריותדיקע דערקענטעניש סײַ פון דער נאָענטערווירקלעכקייט און אירע אַקטועלע פערמענטן, סײַ פון דער ווײַטער ווירקלעכקייט און אירע היסטאָרישע קריסטאַליזאַציעס, ווי איין גרויסע און מיט אַלע סתירות געשלאָסענע גאַנצקייט, וואָס איר נעכטן ווערט געפאָרשט לויט זײַן געזעצ־לעכקייט, פונקט ווי איר הײַנט ווערט געפאָרשט לויט זײַן געזעצלעכקייט, און ביידע מעטאָדיש פאַרשיידענע געזעצלעכקייטן אַנטפּלעקן דאָס אָרגאַ־נישע אחדות פון ייִדישן גאַנג און גורל". — — —

ווען מיר צו דעם גאָרנישט ביט צוגעבן, נאָר בלויז זאָגן, אַז זײַן אַוועקגיין איז אונדזער גרויסער ווייטיק און אבידה.

אָקטאָבער, 1977

דאָס בוך „צער און פרייד" און זײַן מחבר לייב מאָרגנטוי

דער ייִדישער דיכטער לייב מאָרגנטוי פון פינסק טראָגט צו דעם לייענער — מיט אָט דעם בוך — („צער און פרייד". פאַרלאַג „המנורה" 1968) אַן אָפּקלײַב פון זײַנע יצירות פאַר פערציק יאָר צײַט: לידער און פּאָעמעס, באַלאַדעס און קינדער־געזאַנגען, וואָס זענען אַ געטרײַ בילד פון דעם פאָרגעקומענעם, פון דעם פאַרלאָפענעם פאַר אָט דער תקופה.

ווילט איר, איז דאָס אַ לעבנס־געשיכטע פון אַ ייִדישן מענטש, וואָס האָט געלעבט אין איינעם פון די לעבעדיקסטע פונקטן פון ייִדישער פאַרוואָרצלטקייט, אַ היים־פונקט, ווען פײַער און בראַנד האָבן אויסגעמעקט פון ספר־החיים: ווילט איר, איז דאָס אַ פײַנלעך־רעאַלע נאַראַציע וועגן אַ געגנט פון ייִדן און נישט־ייִדן, אַ העק — אַ גרויער, אַ כמורנער, אַ הונגעריקער — וואָס האָט אָבער די ייִדן זײַנע אויסגעהאַקט פון זיך נישט נאָר מיט העק; און מעגן די טעמעס פון די לידער זײַן פאַרשיידן, רײַסט זיך דער דאָזיקער מאָטיוו און פאַרפלייצט אונדז, באַהערשט.

צוויי יאָר פאַר דעם בלוטיקן מבול, אין יאָר 1937, האָט דער מחבר פון אָט דעם בוך, לייב מאָרגנטוי, זוכה געווען, אַז אַ קאָמיטעט אין באַשטאַנד פון געלערנטע ייִדן אין פינסק: ד"ר י. מאַנדעלבוים (אַ שוואָגער פון משה בראָדערזאָן), פּראָפ. ח. באַלאַבאַן און י. האָלצמאַן, ז"ל, זאָלן העלפן אַרויסגעבן זײַן ערשט בוך „אויף פּאָליעסיער ערד". זיי האָבן צוזאַמען מיטן מחבר צונויפגענומען די לידער און פּאָעמעס, די ביז דעמלט דערשינענע, „אויף די שפּאַלטן פון דער אָרטיקער פּרעסע און אין באַדײַטנדיקע ליטעראַרישע זשורנאַלן און צײַטונגען", און דער דעמלט שוין באַרימטער דיכטער און עסייִסט ש. זאַראָמב האָט אין זײַן פאָרוואָרט צו אָט דער לידער־זאַמלונג געשריבן צווישן אַנדערן, אַז ל. מאָרגנטוי וועט זיך פאַרדינען אויפן טיטל: „דער זינגער פון פּאָלעסיע". איז געקומען דאָס יאָר 1939, און אין זײַנע טריט — חורבן און אומקום. פּאָלעסיע האָט נישט געקאָנט פאַרהיטן דעם באַזינגער אירן. פײַן, נע־ונד, אויסגערונענע האָפע־

גונגען און אידעאַלן האָבן דעם דיכטער דערוויַיטערט פון „זײַן" ערד, ביז דעם נאַטירלעכן צוריקאויפלעבן אין דער אייגענער היים.

איז אָבער לייב מאַרגנטוי געוואָרן אויס פּאַלעסיער?

שווער דאָס צו זאָגן.

נאָך הײַנט, און טאַקע די איצטיקע זאַמלונג, וואָס אויך זי ווערט אַרויס־געגעבן מיט דער הילף פון באַדײַטנדיקע יידישע פּערזענלעכקייטן פון אונדזער צײַט און פון חשובע פאָרשטייערס פון דעם פּינסקער איבער־בלײַב — באַווײַזט, אַז דער פּאַלעסיער מאָטיוו איז דער דאָמינירנדיקער בײַם דיכטער.

אויך אין זײַנע לידער געשאַפענע אונטער די בלויע הימלען פון ארץ־ישראל, פילט זיך דער צער און פּראָטעסט פון איבערגעלעבטן. די פּינאַ און די אַנדערע אַרום־פּינסקער טײַכן און טײַכלעך, די פּאַרכמאַרעטע, אַנגעברוגזטע, תמיד פּײַכטע פּאַלעסיער הימלען האָבן געלייגט, ווײַזט אויס, זייער חותם אויף דעם יידישן זינגער פון יענער געגנט אויף שטענדיק.

אָבער, נישטאָ קיין בעסערע היסטאָרישע באַווײַזן פאַר אונדזער געוועזן לעבן, ווי דאָס ליד, דאָס דיכטעריש־עכטע, די דערציילונג, די מאָלערײַ, סקולפּטור, מוזיקאַלישע שאַפונג א. א. אין זיי איז פאַראייביקט אָרט און געשעעניש אויפן געטרײַסטן אופן. און לייב מאַרגנטוי פון פּינסק האָט זײַן שליחות אויסגעפירט בשלמותו. פּינסק און די פּינאַ, פּאַלעסיע און איר אומעט, לעבן דאָ זייער עכט און באַשײַדן לעבן.

פערציק יאָר שאַפן, אויב דאָס ווערט נישט געציילט אין כמות, מוז קומען די איכות און זיך גלײַכוועגן מיט דער צײַט — ווערט קעגן ווערט. און טאַקע אָט דאָס בוך, וואָס לייב מאַרגנטוי ברענגט איצט דעם לייענער, ווי דעם אַראָפּנעם פון זײַנע פעלדער און ביימער פאַר פערציק יאָר צײַט,— מיט זײַן אייגענעם טאָן, מיט זײַן אייגענעם טרויעריקן אָבער אויך לײַכט־שפּילעוודיקן ניגון, — וועט, מיט אָט דעם איכות זײַנעם, באַשטעטיקן זײַן פרוכטיקן וועג און זײַן באַטײַטנדיקן ווערט.

*

און איצט — זוניקע הימלען. —

יאָ, דער לעצטער אָפּטייל פון אָט דעם 310 זײַטיקן בוך, טראָגט בפירוש דעם נאָמען זוניקע הימלען. איז עס טאַקע, קאָן מען זאָגן, ווי אַ טראָפּן אין ים. אינגאַנצן 26 זײַטן. אָבער אויב די „איבעריקע" מער ווי נײַנציק פּראָצענט, און נאָך אין אָנהייב זײַנעם האָט וועגן זיי און וועגן זייער מחבר געשריבן משה בראָדערזאָן (אין 1929) : „ווויל איז צו דער

ערד, וואָס ווערט געהייליקט דורך אַזעלכע פּאָעטן און זינגער, ווייל איז צו דער ערד, וואָס געבוירט זיי"... און שפּעטער אַביסל האָט געשריבן דער שוין דערמאָנטער ש. זאַראָמב (1937), אַז „מאָרגנטויס ליד איז דער זיפץ פון די וואָלקנס אויפן פּאָלעסיער הימל. עס איז די ערשטע פּאָלעסיער מעלאָדיע אין אונדזער פּאָעזיע", וועט זיך דאָס זעלבע וועגן די „זוניקע הימלען" נישט לאָזן זאָגן — עס זענען שוין געווען און עס זענען דאָ — פון אפרים אויערבאַך אָן ביז די יינגסטע פון „יונג ישראל" — וואָס האָבן אין משך פון פופציק יאָר אים פּאַרלאָפן דעם וועג. זענען אָבער אָט די קליינע צאָל לידער, וואָס ער ענדיקט מיט די שורות:

און פרייד וועט זײַן פּאַר ווי און צער — דער לוין,
אַ פרייד, וואָס אַלע וווּנדן וועט פאַרהיילן!

דער אָנזאָג און די שוואַלב פון לייב מאָרגנטויס אַרײַנוועב אין דער היגער זוניקער דיכטער־ספערע.

וואָרעם, אויב אָנהייבן הייבט ער אָן, אָט דעם אָפּטייל, מיטן ליד „מײַן האַרץ — אַן אָנגעפּילטער בעכער", אין וועלכן ער דערציילט, אַז „עס טוט זיך אָפּ פון מיר די שרעק פון אַלע יאָרן, / וואָס אומעטום האָט מײַנע טריט באַגלייט" און —

מײַן בליק ווערט דרייסטער, אָפענער און פרײַער.
די לופט איז מײַן — כ'נעם קיינעם זי נישט צו.
און מײַנע איז די ערד, וואָס איז אונדז הייליק, טײַער,
און נאָענט איז און ליב דער מענטש, וואָס זאָגט מיר: „דו!"

קאָנען מיר און מעגן אויפנעמען און פאַרצייכענען מיט טיפער אָנער־קענונג. די אָפנהאַרציקע רייד פון דעם באַזינגער פון דער טרויעריקער פּאָלעסיע, אַז —

ישראל־היים, איך בין צו דיר געקומען
נאָך יאָרן וואָגלעניש, און זיכער איז מײַן גאַנג
אויף ערד, וואָס קוועלט מיט זאַטקייט, זון און בלומען,
און יינגער, דרייסטער ווערט היינט מײַן געזאַנג!

נאָוועמבער, 1968

אין מלכות פון שײַן און שײן

אַברהם סוצקעווערס געזאַנגען אין עברית

ווען איבערזעצן פון איין שפּראַך אין אַן אַנדערער איז שוין זייער פיל גערעדט און געשריבן געוואָרן. און פּונקט ווי ווען דיכטונג אַליין איז נאָך אַלץ נישטאָ די פּרעציזע שטרענג־וויסנשאַפטלעכע באַצייכענונג, אַזוי אויך ווען דער קונסט פון איבערזעצן. דאָ אָבער איז נאָך אויך נישט באַוווּסט ווער עס געניסט דערפון מער: די ליטעראַטור וואָס ווערט איבער־געזעצט, צי די ליטעראַטור וואָס נעמט אין זיך אַרײַן דאָס איבערגעזעצטע.

עס דערמאָנט זיך ד״ר חיים זשיטלאָווסקיס אַן אַרויסרוף די „העב־רעיִסטן״ אין די טעג פון שפּראַכן־קאַמף: „ווען איך וואָלט געווען אַן העברעיִסט, וואָלט איך געלאָזט איבערזעצן אין ייִדיש דאָס שענסטע און בעסטע פון דער העברעיִשער ליטעראַטור, כדי צו ווײַזן דעם ייִדיש־לייענער איר שיינקייט און פּראַכט״. הייסט דאָס, אַז זשיטלאָווסקי האָט געהאַלטן, אַז עס איז כדאַי פּאַר אַ ליטעראַטור צו ווערן איבערגעזעצט, פון דער אַנדערער זײַט איז באַוווּסט, אַז דאָס אַרײַנברענגען אין אַ וועלכער ס'איז נאַציאָנאַלער ליטעראַטור וויכטיקע ווערק פון אַן אַנדערער שפּראַך — ווי דער פאַל מיט דער תנ״ך־איבערזעצונג אין דײַטש א.א. — האָט געמאַכט אַן איבערקערעניש אין אָט דער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור. זי איז פּשוט רײַכער געוואָרן, רײַפער, אינטערעסאַנטער.

איז אפשר גערעכט געווען דער ליבער, האַרציקער מלמד אונדזערער, וואָס האָט אַזוי מדרשדיק־זיס פאַרטײַטשט דעם שמן תורק שמך, (שיר השירים א. ג.): שמן — בוימל, תורק — ווערט אויסגעלערט פון איין כלי אין דער אַנדערער, שמעקט זײַן ריח זייער ווײַט, כן, אַזוי שמך — דײַן נאָמען וועט ווערן באַקאַנט צווישן די פעלקער״...

קאָן זײַן, אַז דאָס מיינט איבערזעצונג.

מעגלעך, אַז דער נמשל איז צופיל געוואַגט, און אַז צווישן אָט־דעם אמונהדיקן פּרימיטיוו ביז דער הנאָה־טועודיקער איבערזעצונג פון אַ סעקולאַר ווערק, בעט זיך צו ברענגען דעם מסורהדיקן „להבדיל״, אָבער מיר, די וואָס האָבן אײַנגעזאַפּט אין זיך דעם ניגונדיקן טײַטש פונעם רבין

מיט דער מאַמעס מילך און שפּעטער אַ שפּרונג־געטון אַ נחשון־שפּרונג אין די צעגליטע געמאַרקן אַרײַן פֿון דער וועלטלעכער ליטעראַטור, פֿאַר אונדז קלינגט אָט־דער פֿאַרגלײַך שיר־נישט ווי צוגעפּאַסט מקדמת דנה. ובפֿרט, אויב עס גייט אַ רייד וועגן אַזאַ דיכטונג און אַזאַ דיכטער ווי אַברהם סוצקעווער און זײַן שאַפֿונג, וואָס ביידע האָבן נישט צו זיך קיין גלײַכן.

ווײַל אַברהם סוצקעווער און זײַן געזאַנג פֿאַרמאָגן אומאויסשעפּלעכע אוצרות פֿון אַלע אַטריבוטן וואָס ווערן צוגערעכנט דער פּאָעזיע.

זײַן פֿאַרבן־פּעכער אַסאַציִירט אומצאָליקע הימלען מיט פֿלאַקערנדיקע זונען, זײַן שפּראַך־רעגן דערמאָנט הימלען מיט שירה־זאַגנדיקן געפֿינקל פֿון אַלערליי שטערן, און הימלען מיט פֿאַנטאַסטישע רעגנבויגנס, וואָס קאָנקורירן בײַ אים אַליין מיט זײַן שאַץ־קאַמער פֿון שמעקנדיקע ריחות, וואָס דער שמן תורק איז אָנגעמאָסטן פֿאַר אַ פּולער איבערגיסונג פֿון זײַנע ווערק.

דערווײַל איז עס נאָך נישט געטון געוואָרן.

אַ צאָל לידער זײַנע זענען דערשינען אין העברעיִשער איבערזעצונג אין דער זאַמלונג „חרות עלי לוח" (1949); די באַרימטע פּאָעמע „געהיים־שטאָט" איז דערשינען אין 1962 אין דער איבערזעצונג פֿון י. גולה א. נ. „עיר הסתרים" און אין יאָר 1964 איז דערשינען אין מוסד ביאַליק, ירושלים, אַ בוך לידער און פּאָעמעס אין דער איבערזעצונג פֿון דיכטער ה. בנימין און פֿון נאָך 17 העברעיִשע דיכטערס און שרײַבערס, צווישן זיי: דער נשיא זלמן שזר, אַברהם שלאָנסקי, לאָה גאָלדבערג, נתן אַלטערמאַן, אַבאַ קאָוו־נער, מיט אַ וווּנדערלעך שיינער און אונדז־לערענדיקער הקדמה פֿון פּראָפֿ׳ דב סדן. איז דאָס אַלץ, פֿאַרשטייט זיך, פֿון גרויס חשיבות, אָבער — ווייניק. אַברהם סוצקעווער דאַרף געבערענגט ווערן פֿאַרן העברעיִשן לייענער אין אַ פּולער, איינהייטלעכער אַקאַדעמישער איבערזעצונג, וואָס זאָל באַווײַזן דעם פּיל־זײַטיקן, פּיל־קאָליריקן דיכטער־ווירטואָז אין אַלע זײַנע זײַטן און פֿאַרבן.

*

צי איז די איבערזעצונג, אָדער: די איבערזעצונגען „אין פֿײַער־וואָגן" געמאַכט געוואָרן אַזוי, ווי עס האָט — ווי דורך פּעסטע כללים — פֿאַר־לאַנגט פֿון דער איבערזעצונג־קונסט דער געניאַלער מתרגם שלמה דיקמן ז"ל? שווער צו זאָגן. צענדליקער איבערזעצערס, צווישן זיי: דאָס אייבער־שטע פֿון שטייסל אין דער העברעיִשער שירה פֿון אונדזער צײַט, זענען

צענדליקער פאָרמען און אייגנאַרטן, וואָס מיטן בלויזן פאַרשטיין די שפּראַך זייערע איז נאָך צו ווייניק כדי צו פּסקנען... שלאָנסקי, גאָלדבערג, אַל־טערמאַן און זייערס גלײַכן זענען אַליין די גאַראַנטיע פאַר זייער איבער־זעצן. מיר וועלן אָבער זײַן ווײַט פון אמת אויב מיר וועלן נישט דאָ אַרויס־זאָגן אונדזער אײַנדרוק פון ה. בנימיס איבערזעצן: אין אַ גרויסן טייל פון די „וואַלדיקס״־לידער, אין וועלכע סוצקעווער דערגרייכט שפּראַכלעכע הויכ־קייטן, דערגרייכט דער איבערזעצער ה. בנימין געלונגנקייט און גאַנצקייט.

למשל — אין „רעגנס פון פאַרבן און בלומען״, קאַפּיטל ב׳:

איך בין דאָס געבויר פון די וועלדער,
וואָס ווילן זיך הימלען פון דרערד.
און דו ביסט דער זוניקער מעלדער,
אַז אַלץ וואָס איך טראַכט איז דערהערט.
פון וואַנען דײַן גיי און דײַן קומען,
איך ווייס, פון מײַן לויטער געריד,
אַ, פײַערדיק־פלייציקע פרייד,
אַ, רעגן פון פאַרבן און בלומען.

איך ליג אונטער גראָזיקער פײַכטקייט,
פאַרוועבט אין געדאַנק פון דײַן שײַן.
דערפיל איך אויף מיר אַ באַטײַכטקייט,
ווי מישונג פון חלום און ווײַן.
דײַן שיינקייט באַוואָרטיקט מײַן גומען.
דײַן פײַער צינדט אָן מיך ווי זײַד.
איך בעט דיך: באַלעב מיך און שנײַד
מיט שטראָמען, מיט פאַרבן און בלומען.

אני — בן ליער־העב,
אַבה מקרקע להרקיע.
אתה השמשי, המודיע
שכל שאחשוב הוא נקשב.
דברי הצלול לי הלחיש
מקור לכתך הטופפת,
הה, שמחה שלהבית־ושוטפת,
הה, גשם צבעים ופרחים.

בדשא הלח, רקמותי הן
מחשבת אורך הרהוט, —
אֲחוש על גופי נהרות
כממזג של חלום ושל יין.
יפיך ממולל את חכי.
אשך מדליקני כמשי.
חיני, חתכני בגשם
זרמים וצבעים ופרחים.

אַוודאַי שפּיגלט נישט די דאָזיקע איבערזעצונג אָפּ דאָס פּיל־פּאַרביקע, דאָס אייגנאַרטיקע און ווירטואָזע פון סוצקעווערס דעם־אָ ייִדיש, אָבער ה. בנימין האָט זיך דאָ אײַנגעגעבן אַרײַנצודרינגען לפני ולפנים פון קלאַסישן סוצקעווער־ליד. און דאָס אַליין איז דערגרייכונג.

ווען מיר, ווי שוין אויבן געזאָגט, נישט פּסקענען ווער עס געניסט מער. מיר ווילן בלויז באַצייכענען בײַ אָט־דער געלעגנהייט, אַז פּונקט אַזוי ווי עס איז גוט פאַר דער העברעיִשער ליטעראַטור דאָס אַרײַננעמען אין זיך, דורך געלונגענער איבערזעצונג, געלונגענע ווערק פון ייִדיש־לשון, כן אַזוי איז גוט פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס העברעיִש עפנט פאַר איר אויף אַ טיר און נעמט־אויף אירע ווערק מיט אַ היימלעכן „סקאָצל קומט".

און שוין דאָס בוך „ברכב אש" פון אַברהם סוצקעווער אַרויסגעגעבן דורכן מוסד ביאַליק אין ירושלים, איז דאָס מוכיח.

סעפּטעמבער, 1965

אַ ביסעלע אַנדערש...

(מכּוח דער פּראָזע פון אַברהם סוצקעווער)

אברהם סוצקעווער: גרינער אַקוואַריום, דערציילונגען. אַרויסגע־געבן: העברעיִשער אוניווערסיטעט אין ירושלים, ייִדיש־אָפּטיילונג, קאָמיטעט פאַר ייִדישער קולטור אין ישראל, 1975.

א

זיצנדיק אַנומלט בסוד חכמים ונבונים, אין שטוב פון אַ שרײַבער אין דער אייביקער ירושלים, ווי שוין בײַ אַ פריִערדיקער געלעגנהייט דער־מאָנט, האָט זיך אויפגעהויבן די פראַגע צווישן אַנדערס, צי קאָנען, אויף אַ נאַטירלעכן אופן, הויזן צוזאַמען פּאָעזיע מיט פּראָזע אין דעם גײַסטיק שאַפנדיקן אַפּאַראַט פון איין מענטש, פון איין שרײַבער. צי קומען זיי

נישט אין אַ קאָנקלוזיע, בעת איין מין וויל זיך שטאַרקן איבערן אַנדערן. די מיינונגען האָבן זיך, נאַטירלעך, צעטיילט — יאָ און ניין. איינער, אַ פּראָפעסאָר פאַר ליטעראַטור אינעם ירושלימער אוניווערסיטעט, האָט געפּרוּווט אויפווייַזן, אַז תּמיד געשעט עס אויפן חשבון פון איינע פון אָט די צוויי קאָמפּאָנענטן. אָדער די פּראָזע רויבט צו בײַם שאַפער עפּעס־וואָס פון זײַן פּאָעטישן פאַרמעג, אָדער — פאַרקערט. האָב איך געפּרוּווט אַרײַננעמען די פּראָזע פונעם גרויס־פּאָעט אַברהם סוצקעווער אין פּיר־צייכנס — „פּראָזע" — ווילנדיק דערבײַ זאָגן, אַז א. סוצקעווערס פּראָזע איז די זעלבע באַזונדער־שיינע פּאָעזיע, נאָר אין אַ פּראָזעדיקן לבוש. כ'האָב זיך געפּרוּווט פאַררופן אויף דער אַרײַנפירערין און אויסטײַטשערין פון אָט דעם נישט־געוויינלעכן דערציילונגען־בוך „גרינער אַקוואַריום" — רות וויַס, וואָס זוכט טאַקע, אין איר אַרײַנפיר, אַ באַצייכן, אַ באַשטימונג דערפאַר. וואָרעם איר איז קשה: פון איין זײַט איז זי זיכער און האַלט, אַז... „סוצקעווער איז נאָר און נײַערט אַ דיכטער, איינער פון די פּרוכטיקסטע דיכטערס אין זײַן דור", און פון דער צווייטער זײַט האַלט זי, אַז אפשר טאַקע דערפאַר „דאַרפן מיר דעריבער קלאָר מאַכן שוין אין סאַמע אָנהייב, אַז עס גייט דאָ אין פּראָזע פון אַ דיכטער, און אַז אָט די קליינע דערציי־לונגען וואָס ליגן פאַר אונדז, פאָדערן אַ פאָרמולירונג אין ראַמען פון אַ וועלכער ס'איז נײַער קאַטעגאָריע פון פּאָעטישער פּראָזע".

איז דער וויכּוח געוואָרן נאָך שטאַרקער, הייסער, שאַרפער.

אמת, קיינער האָט נישט געלייקנט, נישט געקאָנט אָפּלייקענען, די דערשײַנונג, אַז פּאָעטן קאָנען און שאַפן אויך פּראָזע. און מ'מוז נישט צוריקגיין אַזש ביז די אַנטיקע צײַטן, כּדי דאָס צו באַווײַזן. גענוג אַ בליק צו טאָן בײַ אונדז אַליין, אין אונדזערע ביידע לשונות, און מיר וועלן תּיכּף דערזען ווי די באַטײַטנדיקסטע פעדער־קינסטלערס אונדזערע, ווי י. ל. פּרץ, ח. נ. ביאַליק, זלמן שניאור, איציק מאַנגער, אַברהם רייזען, אַברהם זאַק און יבל"א חיים גראַדע האָבן געשאַפן שפּעדיק אין ביידע פאָרמען, נאָר — אַ ביסעלע אַנדערש...

און אַ ביסעלע אַנדערש איז אַברהם סוצקעווערס פּראָזע.

ב

אין זײַן באַרימטער לידער־זאַמלונג „די פידלרויז" (אויף זײַט 12) געפינען מיר אַ ליד, וואָס טראָגט דעם נאָמען „אויסטערלישע ווערטער". וואָלט איך נישט זאָגן, אַז אָט די אויסטערלישע ווערטער זענען אַנדערש ווי אַנדערע סוצקעווער־שאַפונגען. ס'איז סוצקעווער דורך און דורך! אלא

וואָס? אין אָט דעם ליד זאָגט אונדז סוצקעווער אויס דעם „סוד פאַר גאַנץ בראָד", אַז... ער איז אַנדערש פון אַלע! אין אָט דער אומפאַרגלײַכלעכער ליד־סימפאָניע דערוויסן מיר זיך, אַז —

...כ'האָב געבויט געזעצן און געצוווּנגען
די אויסטערלישע ווערטער ווערן גאַנצער.
געצוווּנגען, אַז אין קוזיניע זאָלן יונגען
מיט האַמערס אויסשמידן פאַר זיי אַ פּאַנצער
אַנטקעגן טויט. אין פּאַנצער זאָל איך רײַטן
צום אויסלאָז פון די בלײַענדיקע ווײַטן.
און וויסן זאָלן אונטערטעניק אַלע,
אַז איך, אַברהם, אַנדערש בין ווי אַלע.

אויב אַזוי, אויב אַ שרײַבער — פּאָעט צי פּראָזאַיִקער, צי ביידע צו־זאַמען — האָט „געבויט געזעצן און געצוווּנגען די אויסטערלישע ווערטער ווערן גאַנצער", איז שוין ניט קיין חידוש וואָס זײַן פּראָזע, — פּראָזע פון אַ שרײַבער וואָס איז אַנדערש פון אַלע, — הייבט זיך אָן, ווידער אַמאָל, מיט אויסטערלישע ווערטער:

„דײַנע ציין זענען ביינערנע קראַטן. הינטער זיי, אין אַ קרישטאָלענער צעל, דײַנע געשמידטע ווערטער. געדענק די עצה פון אַן עלטערן: די שולדיקע (ווערטער — י.צ.ש.) וואָס האָבן אַרײַנגעטאָן אין דײַן בעכער פאַרסמטע פּערל — זיי לאָז אַרויס אויף דער פרײַ. ווי אַ דאַנק פאַרן גענאָד, וועלן זיי בויען דײַן אייביקייט; נאָר יענע, די אומשולדיקע, וואָס טרײַ־לערן פאַלש ווי סאָלאָווייען איבער אַ קבר — זיי זאָלסטו ניט שאַנעווען. הענג זיי, ווער זייער תלין! ווײַל קוים לאָזסטו זיי אַרויס פון דײַן מויל, צי פון דײַן פּען — ווערן זיי שדים. די שטערן זאָלן אַזוי ניט אַראָפּפאַלן ווי איך זאָג דעם אמת! — "

איז דאָס דער אמת. דאָס זענען אויסטערלישע ווערטער פון איינעם וואָס איז אַנדערש ווי אַלע.

ג

זײַן אַנדערשקייט טאַפּן מיר אָן מיטן ערשטן בליק, מיטן אָן־מײַקן אַרײַנקוק אין אָט דעם ספר זײַנעם. גענוג צו לייענען בלויז די נעמען פון די דאָזיקע דערציילונגען, ווי, אַ שטייגער, די איובטע, די לעצטע פון אַלע בלינדע, דער פויער וואָס האָט געזען גאָט, צום אָנדענק פון אַ פּעלצל, האָניק פון אַ ווילדער בין, משיחס טאָגבוך, דעם חלפס טאָכטער, אַ שמייכל

אין עק וועלט און ענלעכע נעמען, כדי מיר זאָלן תיכף ומיד זיך דערוויסן, אַז דאָ קומט נישט איינער אַ שרײַבער־דערציילער, וועןן אַפילו מיט גאָר גרויסן טאַלאַנט, אונדז דערציילן דערציילונגען, מיט וועלכע די גאַנצע וועלט־ליטעראַטור איז פול, נײַערט עס גייט דאָ אין דערציילן עפּעס אַזוינס וואָס אָט שטויסט עס זיך אָפּ אײַנס פונעם אַנדערן און אָט זענען זיי זיך צוריק מזדווג; הויך דיכטערישע פאַנטאַסמאַגאָריע מיט שיִער נישט טאָג־טאָגיקן רעאַליזם. — „אַ נסים־נאַכט אין אַ קעלער מיטן ריח פון קאַרטאָפל, אַ ריח פון קאַרטאָפל מיט אַ נסים־נאַכט אין אַ קעלער — אײַנס, ניט אָפּצוטיילן" („דער נדר", ז. 74). לאָמיר געדענקען: נישט אָפּצוטיילן!

פון דאַנען, אַז אָט דאָס אײַנמאָליקע לשון, וואָס זײַן אורגעבויר ציט דעם יִיחוס פון ווילנער „וואַלדיקס" (1940), זאָגט אונדז אונטער, אַז די אויסטערלישע שײַנקייט פונעם פּאָעטס וואָרט־אוצר און פון זײַן בראשית־דיקער דערוועגטקייט, וואָס ווערט אַזוי וווּנדערלעך דאָרטן אַרויסגע־ברענגט וווינען און הויזן אין זײַנע דערציילונגען פונקט ווי אין זײַנע לידער. און פונקט אַזוי ווי זײַן ליד איז אַנדערש איז אויך אַנדערש זײַן דערציילונג און אָט דאָס ביסעלע אַנדערש ברענגט אונדז צו זאָגן, אַז געערכט איז געוועזן איציק מאַנגער, וואָס שרײַבנדיק וועגן פּאָעט אברהם סוצקעווער האָט ער צוגעגעבן: „צו אַלץ וואָס ער רירט זיך צו ווערט בײַ אים אַ ליד, ווי בײַם לעגענדאַרן קעניג מידאַס איז אַלץ געוואָרן גאָלד צו וואָס ער האָט זיך צוגערירט", און פון דאַנען אונדזער געפיל און אײַנ־דרוק, אַז אין אברהם סוצקעווערס פּראָזע, אין וועלכער עס מישן זיך און פּאַרמישן די וועלט מיט יענער וועלט און פאַרבײַטן די רעאַליע אין מאַקאַב־רישע זעונגען, דעם חלום אין ווירקלעכן זײַן, דאָס זײַן אין שווידערדיקסטן חלום, גיסן צונויף דעם דאָ מיטן דאָרטן דעם הײַנט מיטן אַמאָל — איז צו זען אַ ווײַטערדיקן נאַטירלעכן המשך פון זײַן גאָלד־ליד, פון זײַן פּאָעטי־שער יצירה, אויף וועלכער די צײַט האָט געלייגט איר חותם. און נישט נאָר דער תוכן, נאָר אויך דאָס באַזונדערע לשון, וואָס לײַכט־אויף מיט דערשטוינענדיקע רײַכקייטן און נײַקייטן, באַשטעטיקט אָט די געבענטשטע אַנדערשקייט. ס'איז דאָס מלכות פון שײַן און שיין.

גלייבן מיר און מיר זענען זיכער, אַז דאָס איז אַן אויסטערלישע, אויסנעם־פּראָזע וואָס האָט נישט אין דער יִידיש־בעלעטריסטיק צו זיך קיין חבר און קיין גלײַכן. די ליטעראַטור־וויסנשאַפטלער — און מיר פאַרמאָגן שוין אַזעלכע אין אונדזערע היגע אוניווערסיטעטן — וועלן מוזן זוכן פאַר איר אַ נאָמען, אַ קאַטעגאָריע.

מאַרץ, 1976

דאָס משולם סורקיס־בוך

אַ ספר, אַ בוך, אַז עס ווערט אַרויסגעגעבן לזכר אַן אַוועקגעגאַנגענעם מענטש, איז עס בבחינת אַ מצבה וואָס ווערט געשטעלט און אויפגעדעקט. ביַי דער אויפדעקונג ווערט וועגן דעם נפטר גערעדט און דערציילט. ווער שמועסט נאָך, אַז אַזאַ בוך נעמט אין זיך אויך אַריַין ווערק, וועלכע דער אַוועקגעגאַנגענער האָט ביַי זיַין לעבן געשאַפן, ווען אַפילו בלויז אַן אָפּקליַיב, און — וועגן אָט די ווערק, ווערט דאָס אַ דויערהאַפטיקע מצבה, אַ באַשטאַנדיקע, און ביַים מחדש זיַין אַזאַ בוך דאַרף גערעדט ווערן סיַי וועגן בוך און סיַי וועגן נפטר. ס׳איז, ווי די חז״ל האָבן געזאָגט: הא בהא תליא.

א

טשערנאָוויץ, די שטאָט, האָט זיך קונה־שם געווען אין די קריַיזן פון ליטעראַטור און קולטור ביַי ייִדן, מיט דער ייִדישער שפּראַך־קאָנפערענץ, וואָס איז דאָרט פאָרגעקומען מיט 70 יאָר צוריק. די אַ חנעוודיקע, באַרגיקע קליין־גרויסע שטאָט, וואָס האָט אַרויסגעשיַינט פון די בוקאָווינער קאַרפּאַטן; אַ שטאָט, וווּ ווינטער זיך אַראָפּצולאָזן צו אירע דרומדיקע פאַרשטעט, ווי ראָש א. א. איז געווען ממש פאַרבונדן מיט סכנות נפשות — האָט פאַרמאָגט אַ פיַינע, סאָלידע ייִדישע באַפעלקערונג, וואָס האָט געגאָסן פון אַלע גוטסקייטן וואָס דער קיסר ירים הודו — קירה — האָט זיי באַשאָנקען. דאָס לשון זייערס, סיַי דאָס דיַיטשישע סיַי דאָס ייִדישע, איז געווען אַזוי ווייך, אַזוי בנעימותדיק, אַזוי צאַרט ווי די נאַטור אַרום. עד היום וואָלט איך, וואָס האָב דאָרט געלעבט נישט קיין פולע צוויי יאָר, געקאָנט דערקענען לויטן רעדן דיַיטש אָדער ייִדיש, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ טשערנאָוויצער...

איז דאָס געווען די פאַסטאָראַלע, מאָלערישע חנעוודיקייט פון דער שטאָט און געגנט, אין וועלכע עס האָבן זיך געקרייצט און צונויפגעטראָפן פעלקער, לשונות און קולטורן, און די האַרציקע בנעימותדיקע ייִדן, סיַי פשוטע סיַי דיפּלאָמירטע, וואָס האָבן צו זיך געברענגט אַזאַ באַרימטע אינטערלענדישע ייִדיש־קאָנפערענץ, און אַדאַנק איר, אַדאַנק דער דאָזיקער

קאָנפערענץ, וואָס האָט צו זיך אַרויסגערופן אי פריינדשאַפט אי קעגנער־שאַפט, איז טשערנאָוויץ געוואָרן נאָך מער באַקענט, נאָך מער באַרימט.

מיט ח״י יאָרן שפּעטער, ווען כ׳האָב זיך דאָרט געפונען אין מיין אומלעגאַלן וואַנדער־וועג קיין ארץ־ישראל, האָב איך דאָרט געטראָפן, צווישן אַנדערע, דעם יונגען, ברויזנדיקן קולטור־טוער, טעאַטראַל און פּאָליטישן אומרו — דעם חבר משולם סורקיס (איינער פון די פירער ביי די לינקע פועלי־ציון אין טשערנאָוויץ). דורך אים און אַדאַנק אים האָב איך געהאַט דעם זכות זיך צו באַקענען און באַפריינדט צו ווערן מיט אליעזר שטיינבאַרג און איציק מאַנגער, מיט די ווייניקער באַקאַנטע פון זיי, שרייבערס, אַרטיסטן און קולטור־טוערס, ווי איציק פאַנער, שמואל־אבא סופר, אַבנר ברק, פּראָפ׳ חיים קראַפט, ד״ר ישראל פורמאַן און נאָך און נאָך וווּנדערלעכע יידישע יידן. אָבער משולם סורקיס איז געוואָרן אַ מיילשטיין אין מיין לעבן, אַ תקופה. ווייל ער איז געוואָרן אויף שטענדיק אַ חבר, אַ פריינד, אַן אייגענער.

ב

אַז איך טו אַ זאָג: משולם, קומט אויף פאַר מיינע אויגן אַ וועלט אַ גאַנצע, אַ יידישע וועלט, מיט אַלע אירע ליכטער און שאָטנס, מיט אַלע אירע ליידן און פריידן, וואָס האָבן זיך אַריינגעגאָסן אין מיין הייסן יינגל־בלוט דעמלט, מיט פופציק יאָר קעריק.

אַז איך ברענג אַרויף אויף מיינע לעפּצן דעם נאָמען משולם סורקיס, לעבן־אויף פאַר מיינע אויגן יענע בילדער פון יוגנטלעכן ברען און חלום, פון פּאָליטיש־פּאַרטייישע און ליטעראַריש־דראַמאַטישע קרייזן, אין וועלכע משולם איז געווען די נשמה, דאָס האַרץ, דער דופק. און מיך, דעם פאַרביי־פאָרנדיקן, האָט ער אין זיי אַריינגעפירט.

— צי איז טאַקע טשערנאָוויץ אַזאַ שיינע און אינטערעסאַנטע שטאָט? — אין מיינע אויגן לעבט זי שוין אין שיינקייט אַריבער פופציק יאָר, צוליב משולמען און זיין אומפאַרגלייכלעכער משפחה. און נישט נאָר זיי אַליין, צוזאַמען מיט די אויבן אויסגערעכנטע שרייבערס און קולטור־טוערס האָב איך דעמלט זיך באַקענט און ליב געקריגן דעם היינט־באַקאַנטן און שפּע־דיקן דיכטער וואָס לעבט אין קאַנאַדע (עד מאה ועשרים) און רופט זיך מ. מ. שאַפיר. איך זאָג „ער רופט זיך״, ווייל דעמלט האָט ער געהייסן משהלע שעכטער. אַ צאַרט, באַברילט בחורל, מיט וווּנדערלעכע נטיות צו וויסן און ליטעראַטור, מיט אַ פּערלדיק כתב אין וועלכן ער האָט אַרויס־געבערענגט פּערלדיקע רעיונות.

ווּ האָט מען געזען אַזויפֿיל ליבשאַפֿט, אַזויפֿיל חברשאַפֿט, ווי בײַ משולמען און זײַן משפּחה, און בײַ דער גרעסטער טייל קרײַז־חברים (אָרײַנגערעכנט משהלע שעכטער) און פֿרײַנד, וואָס האָבן אים און מיך אַרומגערינגלט? —

איז דאָס מײַן טשערנאָוויץ.

אָבער —

אָט איז דער ייִדישער שול־פֿאַראיין. אַלע פּירערס זײַנען, אָדער כּמעט אַלע, זענען באַטיטלט מיט דאָקטאָר־אָדער פּראָפֿעסאָר־טיטלען. נאָר נישט איין מאָל פֿרעג איך זיך נאָך הײַנט: ווי אַזוי וואָלט אָט דער וווּנדערלעכער אַנשטאַלט אויסגעזען אָן דער דינאַמישער פֿיגור פֿון אַזאַ משולם; אָן אַזאַ קוואַל פֿון מסירות און ליבע וואָס האָט געשטראָמט פֿון סורקיסן?

נאָך זײַן וואַרעמער ייִדישער היים, די חסידישע, וואָס איז אַדאַנק משולמען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בית־ועד לשרײַבערס, קולטור־טוערס און פֿאַרטיי־חברים, איז געקומען זײַן „צווייטע היים״, וואָס האָט געהויזט אין זײַן אייגנאַרטיקן טאַלאַנט צו שפּילן טעאַטער, און דער עיקר: צו אינטערפּרעטירן שלום־עליכמס פּרויען־טיפּן. עד היום קאָן איך נישט פֿאַרגעסן זײַנע אויפֿטריטן אין ייִדישן שול־פֿאַראיין, אין דײַטשישן הויז צי אין אַנדערע מקומות, און די שטורמישע אַפּלאַדיסמענטן וואָס ער פֿלעגט באַקומען פֿונעם באַגײַסטערטן עולם. אָנגעטאָן אַ טיכל אויפֿן קאָפּ, אַ קוק געטאָן אויף די פֿאַרזאַמלטע אין זאַל און... עס לעבט שוין „גיטל פּורישקעוויטש״; די ייִדענע פֿונעם „טעפּל״ און אַנדערע שלום עליכם־טיפּן (דער עיקר פֿונעם ווײַבערישן מין...).

משולם איז געווען אַן אַקטיאָר און אַ טוער אַרום ייִדישע אַקטיאָרן אין זײַן בוקאָווינע, און בעיקר: אין איר הויפּטשטאָט טשערנאָוויץ. ער האָט זיך אײַנגעקויפֿט אין ליבע, ווי שוין געזאָגט, בײַ אַלע וואָס האָבן זיך מיט אים באַגעגנט און געהאַט מיט אים בשותּפֿותדיקס.

משולם סורקיס איז אויך באַקאַנט מיט זײַן געבענטשטער פּעדער — אַז מיר לייענען אין אָט דעם בוך, — ווען אַפֿילו נישט אַלץ, איז אין דעם פֿאַראַן — זײַן טעאַטער־קריטיק, וואָס וועט אָן שום ספֿק דינען ווי באַגלייבט מאַטעריאַל דעם טעאַטער־היסטאָריקער, און נאָך מער — זײַנע זכרונות פֿונעם קולטור־לעבן אין טשערנאָוויץ אונטער די פֿאַרשידענע רעזשימען, וואָקסט פֿאַר אונדז אויס אַ פֿולבלוטיק געשטאַלט פֿון אַ ייִדישן קינסטלער, זשורנאַליסט און קולטור־טוער, אויף וועמענס צעקנייטשטן פּנים, פֿאַר די לעצטע יאָרן, עס האָבן געשײַנט און געלויכטן די סך־הכּלען

פון טעטיקייטן און ווייען, שאַפונגען און יסורים, אָבער אויך אַ סך, אַ סך הומאָר.

פאַר אָט די קנאַפּע פיר יאָר פון זינט זײַן חלום איז פאַרווירקלעכט געוואָרן און ער האָט זוכה געווען צו באַטרעטן דעם באָדן, דעם אויסגע־טרוימטן, האָב איך תמיד נאָכגעקוקט זײַן אײַנוואָרצלען זיך און זײַן אומדערמידלעך ווײַטער־שאַפן, און ווען כ׳האָב דערזען זײַן נאָמען איבער זײַנס אַ מאמר, האָב איך תמיד דערזען דאָס ייִדישע טשערנאָוויץ מיט אירע שרײַבערס, אַקטיאָרן און קולטור־טוערס מיט אליעזר שטיינבאַרג און איציק מאַנגער בראש. אָ, וואָס פאַר אַ וווּנדערלעכע פרײַנדשאַפט האָט דאָס געהערשט צווישן אָט די קאָריפייען פון דער ייִדישער יצירה און דעם תמיד התלהבותדיקן משולם!

דערפאַר איז דאָס בוך, מיט אַלע בלויזן וואָס אַזאַ בוך קאָן פאַרמאָגן, דער יסוד מוסד פון אָט דער שריפטלעכער מצבה, וואָס וועט אים פאַרהיטן פון דער סכנה — פאַרגעסונג.

דעצעמבער, 1978

„שפּאַצירן אין דער נאַכט“

א

עס טרעפט, אַז איר גייט אַרויס אויף אַ שפּאַציר אין דער נאַכט און דאָס האַרץ, אַן איבערפולטס מיט ליבע און ליבע־נאַכטראַכטעניש, קלאַפּט שטאַרקער ווי געווײנלעך; איר גייט און איר שווײַגט און איר נעמט אין זיך אַרײַן יעדן געשאָרש און געשאָרך פון אַ בלעטל וואָס אויף אַ צווײַגל אין געציטער, נאָר פּלוצים דערפילט איר, אַז דאָס שווײַגן שרײַט און צעשרײַט זיך אויף קולי־קולות, עס פּאַרטויבט אײַך אַזש די אויערן...

עס געשעט און אויף אײַער שפּאַציר — און יעדער שפּאַציר איז אַ שפּאַציר בצוותא, כאָטש איר גייט איינער אַליין! — רעדט איר צו זיך און צו „יענעם“. איר רעדט און באַרימט זיך, איר רעדט און פּאַרקלאָגט זיך, איר רעדט און רעדט־אויס. און אַז איר האָט אַלץ שוין אויסגערעדט און אַראָפּגערעדט, גייט דאָס רעדן איבער אין מוזיק, אין ניגון, אין לויב: מה נאה עולם זה... נאָר אַן אימהדיק געוואָי פון הינט, צי אַ גרויזיק געהויל פון שאַקאַלן, לויפט אַרײַן אין אײַער גערייד, אין אײַער פרייד, באַרים, געזאַנג, און עס ווילט זיך אײַך לויפן זוכן אַ באַהעלטעניש, אַ שוץ, נישט נאָר פאַר אײַער גוף, נאָר טאַקע אויך, און אפשר — קודם כל, — פאַרן ניגון. און איר רײַסט זיך פונעם אָרט ווי אין חלום...

— איז אַ דיכטערישער נאַכט־שפּאַציר אַנדערש?

לאָמיר לייענען אינעם לידער־בוך פון דוד ספאַרד „שפּאַצירן אין דער נאַכט“:

פון דער אייביקייט, ווו זיי רוען,
קומען זיי אויף מײַן פאַרבעטן
יעדן אָוונט מיך באַגלייטן
אויף די איינזאַמע שפּאַצירן...

— — —

און ביידע וועלטן
מיר באַהעפטן דאַן אין איינעם,
זיי זאָלן לעבן צווישן זיך בשלום,

ווי וואָר און חלום,
ווי גנאָד און זינד —
און אַז די נאַכט פאַרשווינדט
בלײַב איך ווידער אויפן וועג
פון די יאָגנדיקע טעג —
מיט קיינעם. (זייט 46)

אָט אַזוי, פּראָסט און פּשוט: „ביידע וועלטן מיר באַהעפטן דאַן (אויפן שפּאַציר) אין איינעם, זיי זאָלן לעבן צווישן זיך בשלום״. נאָר אַז די נאַכט גייט אויס, דאָס שפּאַציר־בילד פאַרשווינדט, בלײַבן מיר ווידער מיט קיינעם.

און מיר מעגן קאָנסטאַטירן, אַז — ווער עס פאַרברענגט און ברענגט־זיך־אום אין די געצעלטן פון דער פּאָעזיע, — און דוד ספּאַרד איז אָן שום ספק איינער פון די — ווייסט דעם טעם פון קלאַנג, דעם כּישוף פון טראָף, די מיסטעריע פונעם וואָרט (אפילו נישט זײַענדיק קיין מיסטיקער...) און אוודאי דעם מיין, די סעמאַנטיק, וואָס ער אַליין, דער שאַפער, לייגט אין דעם אַרײַן. דעריבער דערגרייכט ספּאַרד אין אַ גרויסן טייל פון אָט די לידער צו דער מדרגה פון עכטקייט און העכערקייט.

שפּאַצירן מיר מיט זײַנע „שפּאַציר״־לידער, ווײַל זיי זענען אָנגעזאַפּט מיט לירישער אינטימקייט און פילאָסאָפישן כלל־אַרײַנטראַכט; זיי זענען באַהויכט מיט ליבשאַפט צום מענטש און צו זײַן סאָציאַלן באַשטאַנד, ווי צום אָרט און זײַן נאַציאָנאַלן באַשטאַנד; זיי פאַרמאָגן ערלעכקייט, אויפריכטיקייט.

ב

„שפּאַצירנדיק״ אין דער נאַכט מיט זײַן קלאָרער שורה, אַ קלאָרע — טיילמאָל — אַזש ביז פאַרבלענדעניש, קומט דער דיכטער מיט אַ העכער האַרץ־קלאַפּונג, מיט אַ שטילקייט וואָס שרײַט, פאַראורטיילט, וואָרנט, און איז מכריז ומודיע בפני כל עם ועדה, אין מעסער־שאַרפע פערזן: —

פאַדערט נישט פון מיר,
כ׳זאָל זײַן דער זעלבער אַלע שעה.
אויך דער שטראָם טוישט יעדע רגע זײַן קאָליר,
אויך דער ווינט ווייסט קיין מאָל נישט פון רו.
— — —
און איך

טראָג אין זיך
דעם אומרו פון זיי ביידן.
(זייט 31)

ווידער אַ מאָל: קליפּ און קלאָר.

דער דיכטער דוד ספּאַרד, וואָס שטאַמט פון אַ טראַדיציאָנעלער ייִדיש־קייט־סביבה, און איז מיט זײַן רײַף ווערן געוואָרן דער העראָלד פון אַ רעוואָלוציאָנערער ייִדישקייט־סביבה, פון וואַנען דאָס אַכזריותדיקע געשען האָט אים דערנאָך מיט אײַזערנע ריטער אַרויסגעטריבן, איז קומענדיק אל המנוחה אין דעם אַלט־נײַעם ייִדישן לאַנד אַרײַן, פאַרכאַפּט געוואָרן פון איר שיינקייט און פון איר פרײַקייט — און אַז ער גייט דערמיט „שפּאַצירן" איינער אַליין אין די נעכט — זאָל ער דאָס נישט אַרויסזינגען? זאָל ער דאָס נישט דערציילן זיך און דער וועלט? קלאָר, אַז יאָ. ווייסט ער אָבער, אַז עס וועלן זיך אָפּגעפינען פּרעגערס און אָפּפרעגערס — און מיט רעכט! — פאַרלויפט ער זיי דעם וועג, לויפט קודם־כל ראַטעווען זײַן ניגון, און מעלדט זיי: „פּאָדערט נישט פון מיר / כ'זאָל זײַן דער זעלבער אַלע שעה"... גאָפן מיר אויף דעם אמת און אויף דער פּחדים־אָנוואָרפנדיקער טראַגיק וואָס געפינען זיך אין אָט די שורות.

און אויב מיר דאַרפן אַ ראיה אַז ער מיינט דאָס בלב ונפש, לייענען מיר אויף איין זײַט פריִער, אין זײַן ליד „נע ונד אין זיך אַליין" און מיר האָבן דאָס ווי אַן עדות:

ווייס איך נישט ווען און ווו
וועט נאָך פירן מיך מײַן גאַנג.
צי וועט יעדע נײַע שעה
זײַן אויפגאַנג, צי פאַרגאַנג —

אין מײַן אַלטער־נײַער היים
בין איך אַלץ דער זעלבער וואַנדערער
נע ונד אין זיך אַליין
און יעדער טאָג אַן אַנדערער.
(זייט 30)

ג

אַ וואַנדערער? — ניין. דוד ספּאַרד איז אין אָט די לידער נישט קיין וואַנדערער. אָבער אַ נע ונדער — זיכער. אמת, דאָס וואַנדערן לויפט אים

נאָך ווי אַ קאָשמאַרדיקער חלום, און זײַן טאָג איז בפירוש אַן אַנדערער, פּונקט ווי ס'איז אַנדערש הײַנט זײַן ליד. אָבער וווּהין זײַן שעה וועט אים פירן — דאָס ווייסט קיינער נישט...

אודאי קאָן ער נישט זאָגן דאָס זעלבע וואָס עס האָט אַזוי וווּנדערלעך־פּאָעטיש אַ זאָג־געטאָן דער באַרימטער העברעיִשער משורר אמיר גלבוע, וואָס האָט דערפילט אין זיך דיכטערישע שליחות נאָך איידער, איידער, נאָר אַז דער נס איז געקומען האָט ער אַ זונג־געטאָן: „פּלוצעם שטייט אויף אַ מענטש אין באַגינען, דערפילט אַז ער איז פאָלק און הייבט אָן גיין"... דוד ספאַרד, ווי דאָס רוב יִדיש־דיכטערס פון זײַן מעמד און דור, האָט נישט געדאַרפט „פּלוצים אויפשטיין" כדי דערפילן, אַז... ער איז פאָלק. דערפאַר אָבער דאָס „אָנהייבן גיין" אַנטקעגן אַ נײַ, אַן אַנדער יִדיש לעבן, האָט געמוזט אויך אויף דוד ספאַרדן האָבן אַ געהעריקע השפעה, אויף אים און אויף זײַן שאַפונג, אַזוי אַז זײַן ליד איז געוואָרן אָנגעזאַפּט מיט זאַפּטיקער פאָלקישקייט, מיט אַ ניגון אַ ווייכערן, אַ נײַעם, מיט וואָרט געוואָרנס און געוועזנס, און מיט ציטער און תפילה, אַז מיר זאָלן, חלילה, אַליין נישט ווערן קיין באַפעלערס... וועט מען אים מעגן פירוואַרפן, אַז... ער איז אין מזרח און זײַן הארץ איז אין מערב. מ'וועט דאָס מעגן, שוין דערפאַר וואָס ער אַליין, דער דיכטער ד. ספאַרד, לייקנט נישט אָפּ זײַן פאַרבונדן זײַן מיטן געוועזענעם. ער דעמאָנסטרירט אָבער פּאָעטיש־שאַרף די אַנדערשקייט, זײַנע און זײַן לידס, און שטעלט זיך מיט אָפענע בלעטער פאַרן בית־דין של מטה ושל מעלה.

דעריבער דאַוועגען מיר צוזאַמען מיטן דיכטער: —

ווי גוט איז צו קאָנען זיך זאָגן:\
דאָס איז דער ים,\
און דער באַרג,\
און דער טאָל,\
וואָס מיר אַלע פאַרמאָגן.

אַ מאָל, גאָר אַ מאָל,\
איז דאָס ציגעלע געלאָפן האַנדלען\
ראָזשינקעס מיט מאַנדלען.\
הײַנט טוט עס אַליין\
זאַמדן און שטיין

אין מי־לאַנד
און בלי־לאַנד
פאַרוואַנדלען.
— — —

ווי גוט איז צו קאָנען זיך זאָגן:
אונדזערע שויבן איצט העלן
מיט יונגע פאַרטאָגן
אָן שאָטנס פון פרעמדע באַפעלן —
און די איינציקע תפילה
פון אונדזערע איידעלע באַגערן —
מיר זאָלן חלילה
אַליין קיין באַפעלער נישט ווערן...

(ז' 56)

און אַז אַ דיכטער „שפּאַצירט" היינט אין דער נאַכט מיט אַזעלכע תפילות און פאַרלאַנגען, — בעת אָט די נאַכט איז אי נאַכט אי טאָג פון אַן אַדורכגעגאַנגענער שטורעמדיקער תקופה, אין וועלכער ער, ווי צענדליקער אַנדערע גלייביקע ייִדיש־דיכטערס, האָט געשפּאַנט „אין די פאַרנטיקע רייען" פון די געשעענישן און זיי, אָט די געשעענישן, אַרויסגעבערענגט אין געשליפענעם און אויסגעשמידטן ייִדישן פערז — איז דאָס אַליין אַ פריידיקער אָנזאָג און אַן אַרויסרוף צו אַנדערע יצירה־פאַרמעסטונגען, וואָס וועלן זיכער קומען.

פעברואַר, 1980

יצחק פאַנער — אין דערמאָנונג

(אין זײַן ערשטן יאָרצײַט און אין זײַן 90סטן געבוירנטאָג)

אין איינעם אַ מוסר־שמועס וואָס מײַן טאַטע ר׳ איטשעלע ז״ל האָט מיט מיר געפירט, האָט ער מיר דערציילט אַזאַ מעשה (לויט אים נאָך — אַ מעשה שהיה): —

אַן אָנגעזעענעם חסידס אַ זון איז אַרויס לתרבות רעה. האָט דער בעלזער רבי זצ״ל אים געלאָזט רופן צו זיך, כדי אים אויסצוהערן און אים צוריק אַרויפפירן אופן דרך הישר. כטוב לב הרבי בשיחה, האָט ער דעם יונגען מאַן מכבד געווען מיט אַ גלעזעל י״ש (בראָנפן). דער חברהמאַן אונדזערער האָט ס׳גלעזעל איבערגעקערט גלײַך אין האַלדז אַרײַן, זיך אָפּגעווישט די ליפּן, צי די וואָנסעס און אַ זאָג געטאָן אַ דאַנק. דאָ האָט זיך דער רבי אַ שטעל געטאָן און אויסגעשריגן: „רוצח! האָסט אויסגעטרונקען דײַן אייגענעם טאַטן!״ דער אפּיקורס אונדזערער איז געבליבן געפּלעפט און צעטומלט: „רבי, וואָס פעלט אײַך אײַן? וואָס מיינט איר דערמיט?!״ האָט אים דער רבי געענטפערט: „דײַן טאַטע איז צוליב דיר מגולגל געוואָרן אין אַ גערשטן. פון דעם דאָזיקן גערשטן האָט מען געמאַכט בראָנפן. האָט ער געוואַרט און געהאָפט, דער טאַטע דײַנער, אַז טרינקענדיק אַ גלעזעלע פון אָט דעם בראָנפן וועסטו מאַכן אַ ברכה און די ברכה וועט אים מתקן זײַן און ער וועט האָבן אַן עליה... איצט, אַז דו האָסט קיין ברכה נישט געמאַכט, איז ער ווידער געבליבן נע־ונד און וועט ווידער אַרומשוועבן צווישן הימל און ערד. און גראָד הײַנט איז זײַן יאָרצײַט!״...

פאַר וואָס האָב איך זיך אין דעם דערמאָנט גראָד איצט? און וואָס לאָזט עס אונדז צו הערן? —

אַז אין דער ייִדישער מסורה איז אָנגענומען, אַז יעדער נשמה פון אַ נפטר זוכט איר תיקון, און מיר, די לעבעדיקע, דאַרפן איר דעם תיקון באַשאַפן. איז אויב וועגן אַלע אַזוי, איז דאָך אַ פשיטא שוין אַ נשמה פון אַ שרײַבער, ובפרט אַ ייִדיש־שרײַבער, וואָס לײַדט מער פאַר אַלע פון דער

פאַרגעסונג־קראַנקהייט נאָך בײַם לעבן. דעריבער, אַז עס נעמען זיך צונויף מנינים ייִדן און צייכענען אָפּ זײַן יאָרצײַט מיט רייד פון זײַן אייגענער יצירה, זענען מיר מתקן נישט נאָר זײַן נשמה, נאָר אויך אונדזערע אייגענע. והמבין יבין.

*

מיט יצחק פּאַנערן האָב איך זיך באַקענט אין טשערנאָוויץ, אין מיטן די צוואַנציקער יאָרן, זײַענדיק דאָרט אויף מײַן אומלעגאַלן וועג קיין ארץ־ישׂראל. אויב מיט דעם טעאַטראַל־ און קולטור־טוער משולם סורקיס ז״ל בין איך נאָענט געוואָרן דורך די דאָרטיקע לינקע פּועלי־ציון, בין איך מיט אים, מיט יצחק פּאַנער ז״ל, וועמען מ׳האָט דאָרט גערופן איציק, באַקענט און באַפרײַנדט געוואָרן דורך די רעכטע פּועלי־ציון.

זײַן נאָמען איז געווען באַקאַנט און געליבט צווישן די דאָרטיקע טוערס און קולטור־טוערס פונעם אַרבעטנדיקן ציוניזם, אין יענע טרוי־ מערישע צוואַנציקער יאָרן, בעת דער גלויבן בײַם דור איז געווען צעפּע־ כערט און צעפליגלט, און ס׳האָט זיך געפילט די עקבותי דמשיחי... באַזונ־ דערס ווי איינער פון די רעדאַקטאָרן פון דער דאָרטיקער „אַרבעטער צײַטונג״. די וואָכנשריפט פון די רעכטע פּועלי־ציון.

שפּעטער אַז שמואל אבא סופר האָט דערפילט אין זיך כוח פון שליחות, און האָט מיט דער הילף פון דער דאָרטיקער ייִדישער שרײַבער־גרופּע געגרינדעט די באַרימטע „טשערנאָוויצער בלעטער״, האָט איציק פּאַנער צוגעשטעלט אַקסל און פּעץ און געהאָלפן אָט די „בלעטער״ רוישן און געדײַען.

צו איציק פּאַנערס ליטעראַרישער טעטיקייט און איניציאַטיוו, דאַרף צוגערעכנט ווערן, דאָס וואָס ער האָט אין פאַרלויף פון אַ יאָר־צוויי (1927־1929) אַרויסגעגעבן אַ ליטעראַריש־הומאָריסטיש וואָכנבלאַט. זײַן איני־ ציאַטיוו שטעלט זיך אָבער דערמיט נישט אָפּ. נאָכן צוריקקומען פון דער שוידלעכער טראַנסניסטריע, גיט ער אַרויס צוזאַמען מיט אליעזר פרענקל, אַן אַנטאָלאָגיע אין לאַטײַנישער טראַנסקריפּציע — „נײַע ייִדישע דיכטונג״ בײַם פאַרלאַג „קולטור־קרייז י. ל. פּרץ״ אין יאַס (1945) און בײַם זעלבן קרײַז, אין צוויי יאָר אַרום, גיט ער אַרויס אַ פאַרברייטערטע אַנטאָלאָגיע, שוין מיט ייִדישע אותיות, נײַע ייִדישע אותיות, נײַע ייִדישע דיכטונג.

מיטמאַכנדיק די יסורי־הדור, קומט ער אָן מיט דער „הילף״ פון די ענגלישע בעווין־„חברים״ קיין קפּריסין. אויך דאָרט ווײַזט איציק פּאַנער אַרויס אַ סך איניציאַטיוו און די מענטשן פון יענער „פּלאַנעטע״ געדענקען

דאָס און װעלן עס אַװדאי נישט פאַרגעסן. פונקט װי איך געדענק אים פון טשערנאָװיץ, און היט זײַנע בריװ פון דעמלט און פאַרגעס נישט זײַן איבערגעגעבענע טעטיקייט אין לאַנד ביז זײַן לעצטן קראַנק װערן.

*

יצחק פאַנער קומט אין לאַנד אַרײַן אין יאָר 1949. דערפילנדיק זיך אין אַ נײַער, פרײַער װעלט דערװאַכן אין אים אין אַ העכערער רײַפקייט און ענערגיע די כוחות פון איניציאַטיװ און יצירה. דער שרײַבער און קולטור־טוער פאַנער איז אַ צײַט טעכנישער סעקרעטאַר פון ייִדישן ליטעראַטן־און זשורנאַליסטן־פאַראיין אין ישראל. אַ לענגערע צײַט איז ער פערזענלעכער סעקרעטאַר פון שלום אַש, װעגן װעלכן ער דערציילט דערנאָך, מיט גרויס טאַקט און ליטעראַרישן חן אין אַ גאַנץ בוך, װאָס הייסט: „שלום אַש אין זײַן לעצטער היים".

אין יאָר 1964 דערשײַנט זײַנע אַ זאַמלונג סקיצן און מיניאַטורן א. ג. „זון און שאָטן", אין װעלכער ער ברענגט צום אויסדרוק, אויף זײַן שטייגער, ערלעך און תמימותדיק, מיט ליבשאַפט און װיי, אַלץ װאָס עס פילט און לעבט־איבער אַ סענסיטיװער ייִדיש־רעדנדיקער עולה אין דער נײַער ייִדישער מדינה, אין צײַטן פון עליה, פון בוי און פון גראַנגל פאַרן פנים פונעם ישוב. אין יאָר 1970 דערשײַנט זײַנע אַ צװייטע זאַמלונג װאָס הייסט „אין אייגענעם האַפן" און מיר דערזעען אַז פאַנער פילט זיך שוין אַן אײַנגעזעסענער, אַ װותיק. דאָס זענען המשכדיקע ערלעכע בילדער און סקיצן פונעם היגן ייִדישן לעבן, װוּ די זעלבע זון און דער זעלבער שאָטן קרייצן זיך איבער, באַגעגענען זיך, שטויסן זיך קעגנזײַטיק אָפּ און מ׳קאָן אין דעם זען מיט אַ פּשוט מענטשלעך אויג, אָן באַזונדערער אָנשטרענגונג, װי דאָס ייִדישע לעבן דאָ בויט זיך און אַנטװיקלט זיך. אויך די װייניקע זכרונות פון די לאַגערן, טראַנסניסטריע און קפריסין, אין װעלכע דער מחבר האָט „פאַרבראַכט" און ברענגט זיי דאָ פאַר אונדז, אויך זיי גייען נישט אַרויס פון די ראַמען פון דעם סטיל און פאָרעם פון זײַן שרײַבן און באַשרײַבן אויף אַזאַ באַזונדערן ראָמאַנטיש־מאַנירלעכן אופן, אַװוּ דאָס פּינטעלע קולטור שײַנט אַרויס פון יעדער שורה.

דאָס לעצטע בוך פון פאַנערס פעדער איז דערשינען אין 1976. דאָ האָט זיך אָפּגעשפּיגלט די אַדעליקע פירונג פון דעם טשערנאָװיצער עלטערן איציק (פאַנער) צום ייִנגערן פון זיך איציק (מאַנגער), אויך אַ טשערנאָװיצער, אין װעלכן פאַנער איז געװען פאַרליבט װי אַ פאָטער אָדער עלטערער ברודער. דער נאָמען פון אָט דעם אויסגאַב: „שטריכן צו אַ

פאָרטרעט פון איציק מאַנגער״ איז בפירוש געווען אַן עניוותדיקער, צוריק־געהאַלטענער. אין אָט דעם ספּרל געפינען זיך אַן אַ שיעור טיילן, נישט בלויז שטריכן, פון דעם אומגעווײנלעכן מאַנגער־פאָרטרעט. אויך די בריוו מאַנגערס, געשיקטע צו פאַנערן פון דעם פּאָעטס וואָגל־וועגן, זענען געטרײַע עדות צו דער ליבשאַפט צווישן זיי, און האָבן בפירוש געהאָלפן פאַנערן דערגרייכן דעם זיך געשטעלטן אויפגאַב: אונטערשטרײַכן מאַנגערס פאָרטרעט...

*

יצחק פאַנערס לײַכטע און עלעגאַנטע נאַראַציע איז אָנגעזאַפּט און דורכגענומען מיט פילאָסאָפישע אינטענצן. זײַנע רייד פירן אונדז מיט אַ פון־פאָרויס־באַשטימטער כוונה צו טראַכטן און זיך אַרײַנצוטראַכטן אין דעם זין פון לעבן. טייל מאָל מאַכט ער דאָס פאַרשלייערט, דורך אַ רמז, און טייל מאָל זאָגט ער דאָס אָפן און קלאָר. אָט אַ שטייגער, בעת זײַן דערציילן וועגן זײַן באַגעגענען זיך צום ערשטן מאָל מיט דער כותל המערבי: „— באַלד אַנטפּלעקט זיך פאַר אײַערע אויגן אין זײַן (?) גאַנצער מיסטישער שיינקייט — זי, די וואַנט״. „נאָר — זאָגט ער, אַ ביסעלע ווײַטער, — צו פרײַ און צו אָפן שטייט איצט דאָס הייליקטום, אויסגעזעצט פאַר אַלעמען, פאַר אייגענע פונקט ווי פאַר פרעמדע... אַ צו נאַקעטע און אַנטבלויזטע, פאַרלירט די שיינקייט פון איר שיינקייט, די מיסטיק — פון איר מיסטישן צויבער, אילוזיע דאַרף זײַן האַלב פאַרשלייערט״... אַ קימאַ לן: ס'איז אים אַ שאָד וואָס מ'האָט אָוועקגענומען די געבײַדעס פון אַרום: די שלייערס. נאָר אַז עס פרעגט אים זײַן אייניקל, פאַרוואָס ער איז פאַרטרויערט און פאַרטערט בעת אַ נאַציאָנאַלער שמחה, דאָ וואַרפט ער לחלוטין אַראָפּ יעדן שלייער, יעדן מיסטישן צויבער־וואָל און זאָגט: „נישטאָ קיין ייִדישער יום־טוב אַז מען זאָל נישט זאָגן „יזכור״... און מײַן טרער, מײַן געליבט העלדיש אייניקל, איז דער „יזכור״ נאָך די מיליאָנען ייִדישע פאַרפּײַניקטע און צעטראָטענע, דערנידעריקטע און באַשפּיגענע, געשאָכטענע און געהאָנ־גענע, פאַרברענטע און פאַרגאַזטע — — — אַ ייִדישע טרער אויף אַ שמחה מאַכט די פּײַערונג פּײַערלעכער, דעם יום־טוב — יום־טובדיקער״... אַזוי לערנט יצחק פאַנער דעם אייניקל זײַנעם און אַזוי לערנט ער אונדז, זײַנע לייענערס, און איך וויל מיינען, אַז דאָס וואָס ער האָט גראָד אין זײַן טיפן, בכבודיקן עלטער, זיך „אַ נעם־געטאָן באַשרײַבן״ די פרוי מיט אירע שפּיצ־לעך און תחבולות — איז דאָס אויך געווען אַ מין קהלת־פילאָסאָפיע, וואָס גראָד די סטאַטישע עלטער האָט אים דערמעגלעכט דאָס קלאָרער און

קילער צו באַנעמען: הכל הבל... „איי, זאָגט ער, ווען מ׳מאַכט איר די זעלביקע קאָמפּלימענטן דעמלט, ווען זי איז טאַקע געווען אין קאָמפּלי־מענטן־עלטער, וואָלט זי דאָך געווען גליקלעך, און נישט איצט בעת יעדער זאָג „איר האָט אַ פּנים און אַ פיגור פון אַ 25־יעריקע״... שטערט איר, טוט איר וויי, דערמאָנט איר גראָד אין די 60 יאָר צו וועלכע זי דערנענטערט זיך״... (קאָמפּלימענטן, „ישראל־שטימע״ נר. 19, 1979).

איז דאָס געווען פּאַנערס דרך אין שרײַבן. אַזוי האָט ער געטראַכט און געזען, אַזוי האָט ער געפילט און געדענקט. און דערפאַר זענען זײַנע כאילו „לײַכטע רעפּאָרטאַזשלעך״ און „מיניאַטורלעך״ שטיקער אמתע, עכטע, באַלערנדיקע ליטעראַטור. נישט נאָר יידישע, נאָר אויך אַלמענטשלעכע. הומאַניזם אין יידישן באַנעם. דערצו איז ער געווען אַ חבר און אַ פרײַנד, און זײַן סאָלידער שמייכל גייט אונדז נאָך ווי אַ שאָטן...

1980

יוסף פּאַפּיערניקאָוו

פּרס ראש הממשלה, און „אָנהייב" — 50 יאָר

אין אַריסטאָקראַטיש־געמיטלעכן נישט־גרויסן זאַל וואָס איז שלום־עליכם־הויז אין תל־אביב, זענען זיך צונויפגעקומען הונדערטער מענטשן בײַ־צו־זײַן די יום־טובֿדיקע אימפּרעזע, לכבֿוד צוטיילן דעם פּרס ראש הממשלה דעם עלטסטן ייִדיש־דיכטער אין ארץ־ישׂראל, יוסף פּאַפּיערניקאָוו.

כמעט די גאַנצע ייִדישע שרײַבער־קהילה אין ישׂראל (צווישן זיי אויך העברעיִשע שרײַבערס), די געסט וואָס זענען געקומען פֿון די תּפֿוצות אָנטייל־צונעמען אינעם וועלט־ראַט פֿאַר ייִדישער שפּראַך און קולטור, און סתּם ייִדישע מענטשן וועמען דער דיכטער פּאַפּיערניקאָוו איז נאָענט און די ייִדיש־יצירות — אייגן, זענען זיך צונויפגעקומען מיטצובאַטייליקן מיטן דיכטער און מיט זײַן יום־טובֿ.

האָט די פֿײַערונג געעפֿנט דער פּאַרזיצער פֿונעם „קאָמיטעט פֿאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור" מר יצחק קאָרן, די מאָטיוון פֿון דער זשורי — וואָס איז באַשטאַנען פֿון די שרײַבערס יצחק יאַנאַסאָוויטש, א. ב. יפֿה און א. ליס — האָט געלייענט אבֿרהם ליס, אין נאָמען פֿון דער ישׂראל־רעגירונג האָט געהאַלטן אַ באַלערנדיקע און טיף־ייִדישע רעדע דער אינערן־מיניסטער ד"ר יוסף בורג, נאָך אים האָט באַגריסט דער תּל־אבֿיבער בירגער־מײַסטער מר שלמה להט. מיט אַ פֿײַן־אויסגעאַקטער העברעיִשער באַגריסונג איז אויפֿגעטרעטן דער פֿאַרשטייער פֿון העברעיִשן שרײַבער־פֿאַרבאַנד צבֿי אַראַד און אין נאָמען פֿון ייִדישן ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־פֿאַראיין אין ישׂראל האָט באַגריסט מײַן ווייניקייט, און געזאָגט, צווישן אַנדערס: —

...דערלויבט מיר איבערצופֿראַזירן דעם באַקאַנטן זאָג פֿון חז"ל: צדקה עשׂה וכו׳, און זאָגן, אַז אַן אמתע גערעכטיקייט האָט געטאָן דער קאָמיטעט פֿאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור אין ישׂראל, צוזאַמען מיט דער חשובֿער זשורי, וואָס האָבן באַשלאָסן גראָד הײַ־יאָר צוצוטיילן דעם נעסטאָר פֿון דער ייִדישער דיכטונג אין ארץ־ישׂראל, דעם פֿונדאַמענט־לייגער פֿון אַ מקורותדיקן ארץ־ישׂראל־נוסח אין דער רעגנבויגנפֿאַרביקער ייִדישער שירה — יוסף פּאַפּיערניקאָוו — דעם פּרײַז פֿאַר ייִדישער ליטעראַטור, וואָס

טראָגט אַ מלוכהדיקן נאָמען „פרס ראש הממשלה״. דעם זעלבן פּאַראַפראַזירנדיקן „צדקה עשה״ וויל איך אויך אויסטייטשן אויף מײַן אייגענעם חשבון, אויפן חשבון פון באַגריסער וואָס באַגריסט איצט אין נאָמען פונעם יידישן ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־פאַראיין אין ישראל. דאָס איז גערעכטיקייט און סימבאָליק גלײַכצײַטיק. און כ׳וועל זאָגן פאַר וואָס. פונקט הײַנטיקן חודש, חודש אויגוסט, ווערט 50 יאָר זינט ס׳איז דערשינען אין דער אייביקער ירושלים דאָס ערשטע „זאַמלהעפט פאַרן יידישן וואָרט אין ארץ־ישראל״ — „אָנהייב״ אין וועלכן דער באַגריסטער און זײַן באַגריסער, האָבן אַ שטיקל חלק. און אַז איך וועל וועלן זײַן געטרײַ די פאַקטן, כ׳וואָלט זאָגן: די היסטאָרישע, דאַרף איך אונטערצייכענען, אַז דאָס איז נישט געווען קיין סתם יידישיסטישער קאַפּריז פון אַ גרופּע שפּראַך־פאַנאַטיקער, נײַערט אַ ווילן־אויסדרוק פון מענטשן צו זײַן געקייטלט אין דער גרויסער אַלוועלטלעכער קייט פון יידישן שאַפן, — ווי ס׳האָט אַזוי ריכטיק געזאָגט ד״ר יוסף בורג — אַ שאַפן וואָס האָט גראָד אין יענע יאָרן, אין די צוואַנציקער יאָרן פון הײַנטיקן יאָרהונדערט, אַרויסגעוויזן אַן אומגלייבלעך באַרג־אַרויף־גיין, וואָס האָט נישט געהאַט קיין מוסטער און קיין פאַרגלײַך בײַ קיין שום אַנדער פאָלק, ובפרט בײַ אַ נישט־מלוכהדיק פאָלק און אַן עקס־טעריטאָריאַלס דערצו.

גענוג צו דערמאָנען ווי עס האָט געשריבן וועגן אונדז, וועגן אָט דער גרופּע, וואָס יוסף פאַפּירניקאָוו איז געווען איר פּאָן, די ביאַליסטאָקער יידישע טאָג־צײַטונג (איך ציטיר לויטן זכרון): „...אַ מאָדנע גרופּע, אָט די יידיש־שרײַבער אין ארץ־ישראל: פאַר די יידישיסטן אין דער גאָרער וועלט זענען זיי פּסול, ווײַל זיי זענען ציוניסטן און לעבן אין פּאַלעסטינע, פאַר די ציוניסטן זענען זיי טריף, ווײַל זיי שרײַבן אויף „זשאַרגאָן״ אין ארץ־ישראל...״.

אונדזער גרויסער לערער און פרײַנד, פּראָפ׳ דב סדן, האָט עס אַזוי קלאָר פאָרמולירט אין זײַן מאמר „צווישן אָרום און תוך״ („די גאָלדענע קייט״ נומ׳ 86): „אידעאָלאָגיש, און אפילו היסטאָריש — די דערמאָנטע קליינע גרופּע יידיש־שרײַבערס, וואָס האָט זיך געשאַפן בעיקר בײַם סוף פון דער אַזוי גערופענער דריטער עליה, איז געווען אַ טאָפּעלער מיעוט — ערשטנס, אירע מיטגלידערס זענען תחילת געווען כמעט בלויז פּועלי־ציוניסטן, (וואָס) זענען געווען אַ מיעוט סײַ לגבי דער ציוניסטישער באַוועגונג — — — פונקט ווי זיי זענען געווען, סײַ פּאָליטיש סײַ שפּראַכלעך, אַ מיעוט לגבי דער הסתדרות העובדים, צו וועלכער זיי האָבן, פאַרשטייט זיך, אָנגעהערט. צווייטנס זענען זיי געווען אַ מיעוט לגבי די

איבעריקע שרײַבערס אין ארץ ישראל, וואָס האָבן געשריבן העברעיִש — — — פונקט ווי זיי זענען געווען אַ מיעוט לגבי די איבעריקע שרײַבערס אין דער וועלט, וואָס זענען נישט געווען ציוניסטיש אָריענטירט און אָנגעהערט, אָדער לפּחות טענדירט, צו בפירוש אַנטי־ציוניסטישע גרופּירונגען״...

און עטלעכע פּסוקים פון דעם אַזוי געררופענעם פּראָגראַם־אַרטיקל פונעם „אָנהייב״ (אָנגעשריבן האָט עס דניאל לייבל ז״ל), וועלן דאָס מאַכן צום קלאָרסטן: „דער יִדישער אַרבעטער איז געוואָרן דער פּיאָנער, דער יסוד־לייגער פאַר דער מאָדערנער יִדיש־וועלטלעכער קולטור, אומעטום ווו עס לעבט אַ יִדישער מאַסן־יִשוב. אים האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דאָס מאָדערנע יִדיש־וועלטלעכע שולוועזן אין פּוילן, אין אַמעריקע. — — — די הוילע „יִדישיסטישע״ באַוועגונג, וואָס איז נישט צוזאַמענגעבונדן אָרגאַניש מיטן קאַמף פון יִדישן אַרבעטער — — — קאָן נישט זײַן אונדזער אייגנס״. פון דאַנען, אַז אָט די גרופּע וואָס האָט מסירות־נפשדיק געהאָדעוועט און געוואָלט האָדעווען דאָס יִדישע וואָרט, און אַלץ וואָס ווערט דורך דעם געשאַפן און געבוירן, איז געווען געשטראָפט צו לײַדן פון אייגענע ווי פון נישט־אייגענע, און יוסף פּאַפּיערניקאָוו האָט דאָס טאַקע מיט אויפריכטיקער אָפנקייט נישט איינמאָל אַרויסגעברענגט אין זײַן ליד.

זאָג איך: ממה נפשך, איז אונדזער צוגיסן דעמלט, מיט 50 יאָר צוריק, דאָס אָרעמע ביסעלע בוימל צום גרויסן יִדישן שאַפונג־פלאַם געווען אַ מעשה פּשע, צי אַ „יִנגלערישע פּראָוואָקאַציע״, ווי דער גרויסער נאַציאָנאַלער משורר האָט עס דעמלט אָנגערופן, זענען מיר טאַקע ביידע געווען שותפים לפשע, נאָר איר, טײַערער פּאַפּיערניקאָוו, אַ קאָפּעלע מער; ווײַל איר זענט שוין דעמלט, אין יאָר 1928, געווען אַ צײַטיקער און באַקאַנטער יִדישער דיכטער פון דאָרט, נאָר איר האָט דאָ הי בלויז צוגעגעבן אַ „קלייניקייט״: אַרויסגעברענגט מיט כוח, טאַלאַנט און ליבע די פאַרכאַפּנדיקע שיינקייט פון דעם יונגן זיך־בויענדיקן יִדישן יִשוב אויף די „גאָלדענע זאַמדן״ אינעם „זוניקן לאַנד״ און דאָס געברענגט פאַר די יִדיש־רעדנדיקע יִדן אין דער גאָרער וועלט. און די „זינד״ טראָגט איר שטאָלץ אויף אײַערע פּלייצעס שוין העכער 50 יאָר, בעת מיר העלפן זי אײַך טראָגן. איז אָבער דאָס געווען, ווי מיר האָבן דעמלט פאָרגעזען, אַ חסד, אַ צדקה פון פרײַוויליק בויען אַ בריק, בײַ די שווערסטע, ברוטאַלסטע באַדינגונגען, צווישן די יִדישע יישובים אין דער דיאַספּאָרע מיט דעם יִדישן יישוב אין ארץ־ישראל, וואָס גרייט זיך צו ווערן די מאַמע־היים פאַר כל ישראל — זענען מיר דאָך אַוודאי געווען איבערגעגעבענע שותפים, איז אַזוי צי אַזוי:

צדקה עשה הקאָמיטעט פאַר יִדיש און יִדישער קולטור אין ישראל צו אײַך און צו זיך, וואָס ער האָט באַשטימט די צוטיילונג פאַר אײַער כבוד וועגן אויף אָט דעם חודש און אין אָט דעם יאָר: אַ יובל בײַ יִדן איז גאָר נישט קיין קלייניקייט! ובפרט, אַז סײַ דער חודש, סײַ דאָס יאָר זענען מײַל־שטיינער אינעם וווּנדיק־וווּנדערלעכן וועג פון אונדזער שווער־געפּרוּווטן פאָלק, וועמען ס'איז אָנגעצייכנט דער זאָג פונעם נביא בדמייך חיי.

אײַך, יוסף פּאַפּיערניקאָוו, דאַרף איך נישט פאָרשטעלן פאַר אָט דעם אויסגעוויילטן עולם, ובפרט אַז כ'האָב שוין זוכה געווען ומלאכתי נעשתה ע"י אחרים. אַ גאָר גרויסן טייל פון אָט דעם עולם דאַרף איך זיכער נישט דערציילן וואָס עס איז געווען דאָ דעמלט און וואָס עס איז הײַנט. נאָר אויב מיר האָבן דערגרייכט, אַז בעתן צוטיילן פּרײַזן פאַר יִדישער פּאָעזיע צי פּראָזע אין ישראל, זאָלן זיך באַטייליקן די העכסטע פּערזענלעכקייטן פון לאַנד, ווי פּרעזידענטן, מיניסטאָרן, שטאָט־פּרעזידענטן, סוכנות־לייטערס און זייערס גלײַכן — און טאַקע דער הײַנטיקער אָוונט באַשטע־טיקט דאָס כמאה עדים! — איז דאָס געוויס אויף אָפּצוצייכענען דעם באַרג־אַרויף־וועג וואָס מיר זענען זינט דעמלט אָפּגעגאַנגען. און אויב נישט קלאַפּן זיך אין בײַכל ווי ס'האָט געטאָן רבי אליעזר ברבי שמעון, און זאָגן: שישו בני מעי, איז לכל הפחות מעגן מיר פעסטשטעלן, אַז אונדזער בליק, חבר פּאַפּיערניקאָוו, איז נישט געווען אַ פאַר דער נאָז־זעענדיקער, נײַערט אַ היסטאָריש ווײַטער. און ער ציט זיך אַזוי שוין 50 יאָר, און נישט דרײַסיק!!!

איר זענט דעמלט געווען דער ערשטער, כאָטש עס זענען געווען דיכטערס פאַר אײַך, ווי יהואש, אויערבאַך, און נאָך, וואָס האָבן געשאַפן יִדישע פּאָעזיע אין ארץ־ישראל, יִדישע פּראָזע, אָבער מיט דער צוגע־בונדקייט און מיט היים־פילונג זענט איר געווען דער ערשטער. און הגם עס גייט נישט בלויז אינעם טיטל „דער ערשטער", ווײַל דער ערשטער קאָן אַמאָל האָבן באַדײַטונג בלויז אין צײַט־זין, אין היסטאָרישן קאָנטעקסט, ער קאָן אָבער, אין פאַל פון העכערער זעונג, פון קונסט־אָפּשפּיגל בלײַבן אויסער דער רעם — דאַרף מען נישט און מען טאָר נישט פאַרגעסן, אַז אײַער ערשטקייט, אין ארץ־ישראל און וועגן ארץ־ישראל, איז געגאַנגען טריט בײַ טריט מיט דעם באַרג־אַרויף פון דער יִדישער ליטעראַטור, בעת זי האָט דעם ארץ־ישראל קאָמפּאָנענט נאָך נישט פאַרמאָגט.

דעריבער זענען אײַערע העכער 50 יאָר שאַפן אין ארץ־ישראל — העכער 50 יאָר געזאַנג און געשאַל פון און וועגן דער אַרבעטנדיקער, זיך־

בויענדיקער יידישער לײַבלעכער היים. פון דאַנען, אַז אײַער אומפּאַר־גלײַכלעכער דערגרייך איז אויך דאָס אומאויפהערלעכע באַזינגען און דאָס כסדרדיקע קומען מיט פּאַטערלעכע טענות צו דער פון טאָג צו טאָג גרעסער ווערנדיקער, זיך־בויענדיקער היים: דאָס איז היסטאָריש איין־מאָליק: איר זענט דער דיכטער וואָס שפּאַנט מיט און פאָרויס דער גרויסער היסטאָ־רישער אומוואַנדלונג אונדזערער און קוקט זיך צו מיט קינסטלער־אויגן צו אַלץ וואָס ווערט דאָ געשאַפן פאַרן אייביק־דויערנדיקן מאָרגן. דאָס איז אַ געפיל און אַן אחריות ווי צו זײַן אַ שותף צו מעשי בראשית.

דערפאַר — די הייסטע ברכות אייך פונעם יידישן ליטעראַטן־און זשורנאַליסטן־פאַראיין אין ישראל, וואָס איז דער אויפגעוואַקסענער זון פונעם דעמלטיקן יידישן ליטעראַטן־און זשורנאַליסטן־קלוב אין ארץ־ישראל, וואָס אויך ער ווערט אין גיכן 50 יאָר אַלט, און מײַן פּערזענלעכע ברכה — עד מאה ועשרים!

יעקב פרידמאַן — פּאָעט פון פּאַסטעך־שטאַם

מיט די פיר בענד פון זײַן שאַפן *

א

יעקב פרידמאַנען האָב איך באַקענט ערשט ווען ער איז געקומען אין לאַנד אַרײַן. אַוודאי האָב איך שוין געהאַט געהערט וועגן אים און אַפילו געלייענט פון זײַנע שאַפונגען, אַ מאָל אין די וואַרשעווער „ליטעראַרישע בלעטער" און אַ מאָל אין די „טשערנאָוויצער בלעטער", אָבער נישט גע־קענט אים פּערזענלעך, און זײַנע פּובליקאַציעס, ווי „אויסגעשטרעקטע הענט" (וואַרשע, 1932), „אָדם" (טשערנאָוויץ, 1935) און „שבת" (טשער־נאָוויץ, 1939) זענען צו מיר אַהער נישט דערגאַנגען.

אין טשערנאָוויץ, בשעתו, בעת כ'האָב זיך דאָרט אויפגעהאַלטן אויף מײַן וועג קיין ארץ־ישראל (1925—1926) און זוכה געווען באַקאַנט און היימיש צו ווערן מיט די קרוינען פון גרויסרומעניש ייִדיש־ליטעראַרישן ביימער־סאַד אליעזר שטיינבאַרג און איציק מאַנגער איז דעמלט יעקב פרידמאַן אוודאי געווען אַ ייִנגל פון אַ יאָר 15—16, און צום שרײַבער־קרײַז נאָך נישט דערקומען.

ס'איז אָבער אויסער יעדן ספק — און דאָס איז אויך שטאַרק קאָנטיק אין זײַן לשון און אימאַזש — אַז טשערנאָוויץ מיט אירע בערג, טאָלן, טײַכן און קולטור־פּײַזאַזש האָט זיך אײַנגעקריצט אין די הערצער און נשמות פון איר גײַסטיקער עליט, ווי ווילנע אַ שטייגער בײַ איריקע, און האָט באַ־שטערנט און באַפליגלט איר וואַקסנדיקן פּאָעט, דעם צו איר געקומענעם

---

* יעקב פרידמאַן: א) לידער און פּאָעמעס, באַנד איינס, 284 זייטן, באַנד צוויי, 288 זייטן, באַנד דריי, 322 זייטן + אַן אָפּשאַצונג פון יודל מאַרק „יעקב פרידמאַן ז"ל פּאָעטישע דאָקטעינישן און טראַכטעגישן" 38 זייטן און אַ ביבליאָ־גראַפיע צונויפגעשטעלט פון ל. פּאָדריאַטשיק און — ביאָגראַפישע פּרטים. ב) געזען אויף אַ וויל / דערציילונגען, 336 זייטן. אַלע פיר ביכער זענען דער־שינען אין פאַרלאַג „ישראל־בוך", תל־אביב. — די לידער אין יאָר 1974, די דערציילונגען — 1979.

פון מעלניצע, און אים אַרײַנגעפּירט אינעם היכל פון דער שבת־מלכּהדיקער זע־ספערע, און אים אָנגעטאָן „אַ שנירל לבנה־פּערל אויפן האַלדז".

דער ביאָגראַף פון אָט דעם װוּנדערלעכן זינגער, אַז ער װעט זיך אָפּשטעלן בפרטות אויף יעדן אָרט באַזונדער װוּ יעקב פרידמאַן האָט געשפּרײַזט און געשטיגן אין זײַן געראנגל מיטן שר־הדיכטונג און אים בײַגעקומען, װעט זיך אָן שום ספק אָפּשטעלן אויך אויף װאַרשע. דאָס גרויסע יידישע װאַרשע מיט איר תפארתדיק צעפּעכערטן קולטור־יריד, איז געװען בכוח אַרויפצולייגן אויף די צאַרטע יונגענקע אַקסלען פון דעם רבּיישן ינוקא, — יענקעניו פרידמאַן — אוצרות־פּעק מיט יידישן שאַפונג־ברויז, מיט יידישער װײַזקער װאָר און גלעטנדיקן חלום.

נאָר איך, װאָס האָב אים ערשט באַקענט דאָ אין לאַנד, אַז איך טיף זיך אַרײַן אין די פּאָר מיר ליגנדיקע פיר ביכער זײַנע — דרײַ פּאָעזיע און איינס פּראָזע — גלייב איך, אַז אַלע װעגן, שטעגן און סטאַציעס װאָס ר'האָט דורכגעמאַכט ביז זײַן עליה, זענען געװען װעגן, שטעגן און סטאַציעס צו זײַן אויסגעטרוימטער עיקר־סטאַציע: ארץ־ישראל.

און זײַן ערשט בוך לידער און פּאָעמעס װאָס איז דערשינען דאָ אין לאַנד, און הייסט „פּאַסטעכער אין ישראל" איז דאָס לחלוטין מוכיח.

ב

יעקב פרידמאַן, דער דיכטער־דענקער, האָט זיך דאָ דערזען אויף דאָס נײַ און זיך אַליין אויסגערופן און מיט זײַן שאַפן הי אויפגערופן װי איינעם פון ישראלס פּאַסטעכער.

װען מיר זאָלן װעלן זוכן די שושלת היוחסין פון זײַן פּאַסטעך־פּאָן, װאָלטן מיר, װי עס געשעט אין אַזעלכע פאַלן, „דערגרייכט" אַזש ביז צו די... אָבות. װאָרעם בלויז דאָס חומש אונדזערס קאָן אונדז װײַזן אונדזערע ערשטע, אור־ערשטע פּאַסטעכער: הבל און די מוטער רחל, יעקב אבינו און יוסף הצדיק און משה רבנו — און װער נישט? און אַז מירן גיין פון חומש צו נ"ך און צו דער פּאַסטעכער־מסורה אינעם פאָלק גופא װעלן מיר זען, אַז בעת דער נביא טרייסט דאָס פאָלק, זאָגט ער: „כבקרת רועה עדרו ביום היותו בתוך צאנו נפרשות, כן אבקר את צאני" (יחזקאל ל"ד, יב.) טײַטש: װי אַ פּאַסטעך קוקט דורך (קאָנטראָלירט) זײַן סטאַדע בעת ער געפינט זיך צװישן זײַנע צעשפּרייטע שאָף, אַזוי װעל איך דורכקוקן מײַנע שאָף; שרעקט זיך דער חוזה און קלאָגט זיך אויפן אויספעלן אחדות בײַם

פֿאַלק, זאָגט ער: „ראיתי את כל ישראל נפוצים על ההרים כצאן אשר אין להם רועה" (דברי הימים יח, טז.) דער טײַטש: כ'האָב געזען גאַנץ ישראל צעשפּרייט אויף די בערג, ווי שאָף וואָס האָבן נישט קיין פּאַסטעך. און וויפל אמרות און לידער פֿאַרמאָגט אונדזער ייִדיש, פֿאַרגלײַכנדיק און אָנרופֿנדיק יעדן פֿירער, רבין און ראש הקהל מיטן טיטל פּאַסטעך! איז געקומען דער פּאָעט פֿון רבײַישער היים און זיך דערזען דאָ נענטער צום ייִדישן אמת, האָט ער אויף אַ קאָנצענטרירטן אופן צונויפגענומען אַלע זײַנע געזאַנגען וועגן אָט דעם שטאָם, די זאַמלונג זײַנע אָנגערופֿן „פּאַסטעכער אין ישראל" און געעפֿנט אָט דעם אייגנאַרטיקן לידער־פּעכער מיט אַ „תפילה צו אַ פּאַסטעך" וואָס דאַוונט זיך: —

זײַ גוט צו מיר, גאָט,
כ'בעט נישט קיין סך:
איך וויל פֿילן דײַן ליבשאַפֿט
רוט אויף מײַן דאַך.

און פֿאַר דער שוועל פֿון מײַן הויז,
ווען איך עפֿן די טיר,
זאָל די זון און דער רעגן
דערציילן פֿון דיר.

און ס'זאָל אַ קוואַל און אַ פֿעלדז
און אַ טשערעדע פֿי
מיר זאָגן „גוט־מאָרגן"
יעדן אינדערפֿרי,

בעת איך וועל קומען
אין אַ מלבוש פֿון לײַן,
מיט א הילצערן פֿייפֿל
צום ירדן צו גיין.
— — —

(באַנד צוויי, זײַט 107)

און טאַקע אַזוי אָ, אין אַ „מלבוש פֿון לײַן" — אין שוואַרצן אָדער ברוינעם פּשוטן העמד — איז ער געקומען און געוואָרן אַרײַנגעוועבט צוזאַמען מיט זײַן ליד, אינעם היגן געוועב, און דערגאַנגען ביז צום ירדן.

ג

נישטאָ קיין בעסערער וועג אויף צו דערקענען אַ שרײַבערישע פּער־זענלעכקייט, ווי דאָס האָבן פּאַר זיך זײַן גאַנצן, אָדער: כמעט אינגאַנצן, צונויפנעם פון זײַנע ווערק. פון זיי קאָנסטו זען און לערנען, זען און פאַרשטיין דעם גאַנג און דעם וועג, דאָס פלאַכלאַנד און די באַרגהייך, דעם אָנהייב און דעם המשך וואָס אַזאַ שאַפער האָט דורכגעמאַכט. אָט די פיר ביכער וואָס זענען דערשינען, ליידער, נאָך זײַן פּטירה, ווײַזן אונדז ווי רײַך און פילפאַרביק עס זענען זײַנע זעונגען און טעמעס, ווו פון די „פּאַס־טעכער אין ישראל" ביז צוריק קיין טראַנסניסטריע איז קיין מחיצה נישטאָ, אלא להיפך, אין דעם אָפּטייל „לידער פון טראַנסניסטריע", און אַ ביסל ווייטער, געפינען מיר „אַ נאַכט אין כרמל", „אַ ליד וועגן כעלעמער מלמד, בית מכס און שבת שירה", „תימנער ייִדן", „בײַם ירדן", „בריוו פון בית דגון" און ענלעכע. און אַז מיר גייען צוריק און לייענען זיך אַרײַן אין די ערשטע יצירות זײַנע אין ישראל, לויט ווי זיי געפינען זיך אין אָט דעם באַנד (צוויי), טרעפן מיר אָן אויף זײַן ליד „דער פּאַסטעך אויפן כרמל" (ז. 109) און מיר לייענען דאָרט: —

זיי זאָגן: כ'בין אַ ווילדפלאַנץ אויפן כרמל,
אַ וואַסערפאַל אין מאַכיקע פליושן.
איך בין... איך בין...
די ליבשאַפט בין איך,
קומט איך וועל אײַך קושן...

— לאָזט, זאָג איך זיי, לאָזט די וועלדער וואַקסן,
און וויל דער מילגרוים רויט זיין, לאָזט אים זײַן.
פאַרגינט דאָס קאָפּל גאָלד די פלאַקסן,
און דער טרויב — איר שמעקנדיקן ווײַן.

און דעם בן־אָדם לאָזט זײַן פאַרב און מראה.
אוי, איר יונגען צווישן שאָף און רינד,
איך בין מיט בליץ און רגע — אַ שוועבנדיקע כמאַרע,
און סע פורעמט יעדע רגע מיך דער ווינט.
— — —

אַוודאי גייט ער ווײַטער און זאָגט אין זעלבן ליד: —

קיינער זעט נישט ווי עס בייגט זיך גאָט
און קנעט מיך אויס פון ליים אַצינדער.

און פון דאַנען ווילן טייל אויסטײַטשערס און קריטיקערס האָבן, אַז אונדזער דיכטער איז הוילע גאָט, הוילע גאָטליבערײַ און גלייבער, דער־מאָנט עס אונדז, אַז נישט וועגן איין קינסטלער איז דערציילט געוואָרן, אַז נאָך געוויסע אינטערפּרעטאַציעס פון מבינים פלעגט ער, דער קינסטלער, זאָגן: „און איך האָב גאָרנישט געוווסט, אַז... דאָס האָב איך געמיינט.‟ זענען מיר זיכער, אַז ווען יעקב פרידמאַן וואָלט הײַנט געווען מיט אונדז און געלייענט ווי מען שרײַבט אים צו אַזאַ רבּיִישע גאָטהייט, וואָלט ער אָן שום ספק דאָס זעלבע געטראַכט און געזאָגט. וואָרעם יעקב פרידמאַנס פּאָעזיע־גאָט — איז נישט קיין געטלעכער נאָר אַ מענטשלעכער. אַן אַנטראָ־פּאָמאָרפישער. אַ גאָט וואָס איז מיט אים און אַרום אים. ער האָט העבנט און קנעט דעם דיכטער. ער האָט פּיס און קניט פאַרן דיכטער. ס'איז דער מענטשלעכער גאָט ווענען דער פּאָעט נעמט אויף מיט אַלע זײַנע שטעגן און וועגן, אַפילו נישט טראַכטנדיק דערפון. ס'איז דער גאָט פון מײַן מאַמעס „גאָט פון אברהם‟ צו וועמען זי רעדט בײַם אַוועקגיין פון שבת און ער געפינט זיך אין דער ערב־וואָך, ערגעץ־ווו הינטערן פענצטער פונעם אָרעמען קליינשטעטלדיקן הײַזל... ס'איז דער גאָט פון די ווײַבערישע תחינות און מיידלערישע פרימאָרגן־תפילות, וואָס זיי זאָגן אַלע אינדערפרי אין יידישן לשון: „אדוני גאָט, איך האָף צו דיר און צו דײַן געבאָט — — אַ ברכה און אַ הצלחה זאָל קומען אויף מיר און אויף מײַן קעפּעלע‟... וועט דערפאַר דער דיכטער פון דער היימישער גאָט־זעונג, גיין זען די פּאַס־טעכקע, זיך מיט איר ליבן און רעדן צו איר און אונדז דערציילן: —

די פּאַסטושקע די רויטהאָריקע רוף איך חוה.\
— אָדם, ענטפערט זי און צעלאַכט זיך אין די בערג.\
— טייערע, זאָג איך, ס'איז דער ערשטער טאָג,\
דער ערשטער טאָג פון דעם ווערק.

זי קוקט מיך אָן, עפנט גרויס די אויגן:\
— ביסט אַ דולער, זאָגט זי, נאָר איך האָב דיך האָלט.\
— זע, טײַטל איך, אַ שוואַלב איז דורכגעפלויגן,\
און ס'קושט דער טאָג זי מיטן ערשטן טראָפּן גאָלד.

— דולער, לאַכט זי, איך האָב ליב דײַן דולקייט,\
ס'איז שבת אין מיטן דער וואָך...\
— זע, זאָג איך, ווי ס'טוט די שטילקייט\
מיט מאַמעהענט אויס אונדז פונעם יאָך,

(דאָרט, ז' 110).

זעען מיר באַשיינפּערלעך, אַז מיר האָבן דאָ פּאַר זיך ריינעם עכטן און אייגנאַרטיקן פּאַנטעיִזם, וואָס אויך אין דעם פֿאַל לײַכט אַרויס דאָס נישט־צוגעטראַכטע, דאָס נישט־פּראָגראַמאַטישע. ווארעם סײַ דאָס בילד, סײַ די נאַראַציע פֿליסן אַרויס פֿון זײַן קלאָרן, ריינעם פּאָעטישן קוואַל — נאַטירלעך, מענטשלעך, ייִדישלעך. און אויב מירן צולייגן אויג און אויער צו אָט דער פּאַסטעך־אידיליע וועלן מיר גלײַך דערזען, אַז אָט די ליד־פּאָעמע איז פֿון די דערהויבנסטע אין אונדזער שירה.

ד

ליבשאַפֿט, שיינקייט און ייִדישקייט, געאַרבעטע און איבערגעקאָכטע אין אייגענעם מענטשלעכן טיגל, שײַנען אַרויס פֿון אַלע זײַנע ווערק. ס'איז אַן אײַנזאַמלונג פֿון געלײַטערטע איבערלעבענישן, חלומות און זעונגען, פֿאַרגאַרטלט און אײַנגעהילט אין ווונטש און אין תּפֿילה. ס'איז שטרענגע מוסרדיקע עניוות געשפּאַנטע אין אַריסטאָקראַטישע רבייִשע באַגלידטע קאַרעטעס. און, דער עיקר, מיר געפֿינען דאָס שוין אין זײַנע ערשטע רייפֿע שאַפֿונגען.

און אַז מיר גייען אַביסעלע ווײַטער, געפֿינען מיר, למשל אין באַנד צוויי (זייט 282) זײַן דערציילן וועגן „זיידע פֿון סאַסאָוו", ווי ער האָט געדרשנט, אַז —

תּפֿארת שבגבורה מיינט נישט נאָר ככתוב —
פֿון גבורה די שיינקייט, נײַערט ראשית וראשית,
די הייליקע שטילקייט אויף געבויגענע פּלייצעס
פֿון ענוו וואָס איז באהבה די שיפֿלות מקבל...

און אַז נאָך אָט די אַלע עניוות־רייד גייט אַוועק דער זיידע פֿון סאַסאָוו מיט פֿרומע טריט אין שטאַל אַרײַן „אַנצופּאָיען אַ לאָשיק", ווענדט זיך דאָס אייניקל יענקעניו צום זיידן און זאָגט:

— זיידע מיינער, זיידע;
איך טו טאָן צו דיר געגנענען,
מיט טרויעריק־שפּלדיקע טריט.
צו וועמען דען, צו וועמען?

איך בין אַ ייִדישער פּאָעט, אַ בעל־שירה.
און וואָס איז שפּלדיקערס אין דער וועלט נאָך פֿאַראַן?
(דאַרט)

און אונדזער פּאָעט האָט געהאַט נאָך אַ זיידן, פּירט ער אים אַרײַן אין זײַן דערציילונג־ספּערע בעת ער דערציילט מכוח „דער רבי און דער קינסטלער" (בוך 4, „געזען אויף אַ ווײַל", זײַט 9) און אָט דער אמת זײַנער קומט אַרויס ווי בוימל אויפן וואַסער.

י. פרידמאַן דערציילט:

„פּאַר אים, אויפן אַלטמאָדישן שרײַבטיש — — — ליגט אַ קליין בריוועלע, און אין שײַן פון דער לבנה — — — ציטערן ווייכע, ווײַבעריש־חנעוודיקע אותיות:

„מײַסטער, — — — אַזאַ דאַרשט אין מיר, אַזאַ בענקשאַפט נאָך גאָט... זײַ מוחל אַ קליין טרויעריק מיידל, וואָס קומט בעטן דיך: אַנטפּלעק, אַנטפּלעק מיר דאָס וועזן פון גאָט... צו ווּעמען זאָל איך זיך ווענדן מיט דער דאָזיקער בקשה אויב ניט צו דיר, וועמענס ווּנדערלעכע לידער זענען פול מיט בלויע אָנונגען וועגן באַשאַפער... זיי מוחל ליכטיקער מײַסטער"... דערמאָנט ער זיך דאָ אָן דעם צווייטן זיידן, דעם מקובל פון מעזריטש, „אַ קליין דראָבנע יידעלע" און פרעגט אים: „זיידע, וואָס איז דער חילוק צווישן מיר און דיר?"... און אַז עס איז אים מיטאַמאָל געוואָרן „אַלדינג קלאָר", טאַקע ווי אַ מאָל אָט דעם זיידן זײַנעם, בעת ר'איז אַרויסגעפאָרן באַגעגענען דעם ערשטן ווײַסן שניי אין וואַלד, האָט ער איר געשריבן ענטפער: —

„וואָס קאָן איך דיר שרײַבן וועגן גאָט?"

מײַן גאָט, טײַערע, איז נישט מער ווי אַ לידער־גאָט, אַ שנירל לבנה־פּערל אויפן האַלדז פון אַ שניי־מענטש, וועמען ס'האָט אויסגעקנאָטן אַ ווילדער איינזאַמער סקולפּטאָר — — — יאָ, טײַערע, איך בין נאָר אַ טרויעריק־אַלטער מאַן וואָס פאַרמאָגט נישט מער ווי דאָס ביסל שיינקייט וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט אין זײַן ליד... נאָר וואָס איז שיינקייט אָן מײַן זיידנס גלייבן אין תוך פון אַלע תוכן?... און איך, איך גלייב אין גאָרנישט נישט, אין גאָר נישט חוץ אין שיינקייט פון מענטשלעכן טרויער"...

האָט אָט די שיינקייט אויסגעפילט זײַן גאַנץ וועזן און ער איז מיט זײַן שפּעדיקער שײַנענדיקער יצירה געוואָרן דער פאַסטעך פון אונדזער וואָרט, דער כבקרת רועה עדרו פון אונדזער שיינער טרויעריקער פּאָעזיע, און אין דעם „מלבוש פון לײַן", אין „טרויעריק שפּלדיקע טריט" האָט ער געפּאַשעט זײַן יצירה אויף די לאָנקעס פון אונדזער שירה ביז ר'איז אַליין געוואָרן אירס אַ פּרוכטיקע צווײַג, אַ שפּעדיקער בוים און אַ הויכגרייכנדיקע בוימקרוין.

דעצמבער, 1980

מרדכי צאַנין און זײַן ייִדישער ראָמאַן

א

אויף דער דיזענגאָף־גאַס אין תל־אביב זענען די קאַפע־טעראַסעס — די פאַרכאַפּטע בײַ די טראָטואַרן — נאָך געווען האַלב־ליידיק. די פרי־מאָרגנזון וואָס האָט זיך אַהער אַרײַנגעריסן דורך די ביימער־קרוינען און פון איבער די שאָטנברענגענדיקע מויערן, האָט באַלויכטן די קאַפע־טישלעך ווי די האַרבסט־זון, וואָס רײַסט זיך אַרײַן אין סוכה דורכן שיטערן סכך. דאָס זיצן דאָ אין אָט דער שעה האָט אויסגעזען ווי אַן אָפּרו נאָך אַ װעטלויף, נאָך אַ שלאַכט.

געזעסן זענען מיר בײַ אַ טיש גאָר נאָענט פון די פאַרבײַגייערס, זיך אײַנגעקוקט אין זייער גאַנג, נאָכגעקוקט די טריט פון די געלאַסענע שפּאַ־צירערס און פון די וואָס האָבן געיאָגט און געאײַלט און, פון צײַט צו צײַט, אויפגעכאַפּטע בליקן פון פרייד, פון באַדויער, זוכעניש, אַנטפּלעקונג.

אונדזער באַוווּנדערנדיק נאָכקוקן האָט אונדז אַליין פאַרשיכורט. מיר האָבן אָנגעהויבן דערזען, ווי אויף דאָס נײַ, אונדזער „עמא פזיזא״, וואָס איז זינט דעם ערשטן „לך לך״ געגאַנגען און געלאָפן פון איין לאַנד צום אַנדערן, פון איין מלכות צו אַ צווייטס, פון איין חורבן צו אַ צווייטן, פון איין גלות צו אַן אַנדערן, און איך האָב דערפילט ווי מײַן מיטזיצער מרדכי צאַנין, מיט וועמען מיר האָבן געשמועסט וועגן זײַן ראָמאַן (נאָכן דערשײַנען פונעם פערטן בוך), קוועלט אָן אין זיך, זעענדיק „בולטע באַווײַזן״ פאַר זײַן הויפּטהעלד אין דער מאָנומענטאַלער שאַפונג זײַנער — אַרטאַפּאַנוס, וואָס קומט צוריק אַהיים...

„זעט, ווי מיר קומען צוריק! — האָט ער אויסגערופן, אַ פאַרכאַפּטער פון אָט דער זעונג, — זעט ווי מיר לויפן. דאָס איז ער דאָך, דער המשך־ייִד, דער המשכניק. אויב ס׳זאָל נישט קומען איצט, בײַ דעם איצטיקן צוריקקום, צו קיין שום אַנדערשונג, קאָן דאָס, חלילה, ברענגען נײַעם חורבן. נײַ מסדה. און ווער געדענקט דאָס נישט, אַז דאָס האָבן קנאים דערברענגט צום חורבן? ...און מ׳קאָן דאָך נישט פירן אַ פאָלק ווי מ׳פירט

בוכהאַלטעריע. די מענטשן באַנײַען זיך דאָך כסדר. דור הולך ודור בא. מוז דען די געשיכטע זיך איבערחזרן?... דאָך, קוקט ווי זיי לויפן".

זענען מיר געזעסן און הנאה געהאַט מזיוו של העולם, צוקוקנדיק זיך צום אייביקן, אומאויפהערלעכן געאײַל פֿונעם האָמאָ יודאַיקוס — פֿונעם ייִד־מענטש, אויף אייגענע, באַנײַטע טראָטואַרן.

ב

מרדכי צאַנין איז געזעלשאַפטלעכער טוער, שאַרפֿזיניקער פּובליציסט, פּעליעטאָניסט, רעדאַקטאָר און — שרײַבער. ער איז שטרענג און ערנסט צו זיך און צו יענעם. אַ מענטש מיט אַ געזונטער לאָגיק און מיט ווײַט־זעעענדיקע אויגן, איז ער אין זײַן שרײַבן ווי אין זײַן עפֿנטלעך רעדן חלף־שאַרף, בייז און בײַסיק, מאָגער און שטראָפֿער, און איז באַוואָפֿנט מיט אַן אַרסענאַל פֿון שנײַדנדיקע ווערטער און שטעכיקע עפּיטעטן. ער איז אָבער אין־איין־און־אין־דערזעלבער־צײַט רײַך מיט די ווייכסטע און גלעטנדיקסטע לויברייד און סופּערלאַטיוון פֿאַר די וועמען עס קומט, לויט אים נאָך, צו לויבן.

הייסט עס: שוואַרץ אָדער ווײַס?

לאו דווקא.

ווײַל עס איז פֿאַראַן אַ צווייטער, אַן אַנדערער מרדכי צאַנין, וואָס נישט נאָר איז די שוואַרץ־ווײַס־פֿאָרמולע אים פֿרעמד און ווײַט, נײַערט פֿאַרקערט, סײַ לעקסיש סײַ מאָלעריש איז ער באַווירקט און באַהערשט פֿון די מוזעס, וואָס גיבן פֿליגל זײַן טאַלאַנט און שועב־סערום זײַן וויזיע, און דערמעגלעכן אים זיך צו דערהייבן איבער זײַן וואָכיק־קאָכיקער טאָג־פּובליציסטיק און פֿעליעטאָניסטיק כדי צו ווערן אַ ראָמאַן־שרײַבער — מחבר פֿון אַ פֿאַרנעמיקן היסטאָרישן ראָמאַן, אין וועלכן ער פֿירט זײַן הויפּט־העלד — דעם אייביקן ייִד — פֿון חורבן בית שני אָן, דורך פֿײַנען, בלוט־אָפּצאַפּונגען — און גבורהדיקער, שטאָלצער האַלטונג צווישן אָט די בלוטצאַפּערס — צו וויטאַלן ווײַטערגאַנג, ביזן צוריקקומען אַהיים.

וואָס מיינט דאָס?

אויב היסטאָרישער ראָמאַן הייסט, ווי עס איז באַקאַנט און אָנגענומען, אַ ראָמאַן וואָס נישט נאָר פֿאָרמעל גענומען איז ער דאָס, מחמת זײַן טעמע איז גענומען געוואָרן פֿון דער היסטאָריע, נאָר ער ווערט דאָס צוליב זײַן מהות: — אויב ס'איז דעם ראָמאַן געלונגען צו געבן אַ ברייטע שילדערונג פֿונעם לעבן פֿון די באַהאַנדלטע מענטשן. און נישט קיין ליטעראַרישע

אילוסטראַציע צו באַוווּסטע היסטאָרישע געשעענישן — האָבן מיר דאָ פאַר זיך אַן עכטן היסטאָרישן ראָמאַן, לויט אַלע אַטריבוטן. און עס אַרט מיך נישט וואָס נישט אַלץ איז „פּונקט אַזוי געווען", פאַרקערט. דער „פּונקט אַזוי" וואָלט בפירוש געווען אַ ליטעראַריזאַציע פון דער געשיכטע. און קיינער נייטיקט זיך נישט אין דעם. קיינער לערנט נישט געשיכטע פון ראָמאַנען. וואָס מיר איז נאָך נישט אינגאַנצן קלאָר איז, דאָס באַצייכענען אָט די פיר ביכער מיטן אונטערטיטל יידישער ראָמאַן. און מיר וועלן נאָך צו דעם זיך אומקערן.

ג

מרדכי צאַנין איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1906, אין סאָקאָלאָוו־פּאָדליאַסקי (פּוילן), ביי בירגערלעכע פאַרמעגלעכע עלטערן. האָט באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציִונג: חדר, ישיבה, שפּעטער — וועלט־לעכע בילדונג, באַזונדערש אין געשיכטע. זינט 1920 געלעבט אין וואַרשע. ער האָט אָנגעהויבן שרייבן אַלט־זייענדיק צוועלף יאָר. געשריבן פּראָזע — מעשיות, האָט דעביוטירט אין יאָר 1929 אין דער דריי־חדשים־שריפט „אויפגאַנג" (וואַרשע). אין יאָר 1933 אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג נאָוועלן „וויוואַט, לעבן!", אין 1937 איז דערשינען זיין ערשטער אַ ראָמאַן „אויף זומפּיקער ערד", וואָס איז אָבער קאָנפיסקירט געוואָרן פאַרן קריטיקירן דעם קאַטאָליציזם... מרדכי צאַנין האָט מיטגעאַרבעט אין דער וואַרשעווער „פאָלקסצייטונג" מיט ליטעראַרישע פעליעטאָנען און רעפּאָרטאַזשן, זיך אויך באַטייליקט אין „פּאַראָויס" (ליטעראַרישער אויסגאַב פון „בונד", אונטער דער רעדאַקציע פון ה. קאַזשדאַן). אין די יאָרן 1937—1939 איז ער געווען אַ מיטגליד אין „בונד". אויף דער עמיגראַציע אין ווילנע (1940) איבערגעריסן מיט אים.

סוף 1939 און אָנהייב 1940 האָט ער דורכגעפירט אַ מסוכנדיקע שליחות קיין וואַרשע, דורך די דעמלטיקע גרענעצן: ליטע — ראַטנפאַרבאַנד, ראַטנפאַרבאַנד — נאַצי־אָקופּירט פּוילן און צוריק.

אין חודש יוני 1941 איז מ. צאַנין, נאָך אַ לאַנגער אויסמאַטערנדיקער רייזע דורך יאַפּאַן און אינדיע, אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל. אין דעם ליטעראַרישן ביילאַג צו „נייוועלט" — „בלעטער פאַר ליטעראַטור און קריטיק" (נר' 25, פון 17 יוני 1941, רעדאַקטירט: י. פּאַפּיערניקאָוו און י. צ. שאַרגעל) געפינט זיך די ווייטערדיקע נאָטיץ וועגן מ. צאַנינס אָנקום:

„דער באַקאַנטער שריפטשטעלער מ. צאַנין, מחבר פון נאָוועלן־בוך „וויוואַט, לעבן!" און אַנדערע דערציילונגען, דער רעדאַקטאָר און אויס־

פילער פון קריטיש־אינפאָרמאַטיוון חודש־זשורנאַל „ביכער נײַעס" בײַם פאַרלאַג „קולטור ליגע" אין וואַרשע איז אָנגעקומען אין ארץ־ישראל.

פון צעבלוטיקטן חורבן וואַרשע איז ער געלאָפן און זיך געשלעפּט איבער ליטע און ראַטנפאַרבאַנד, איבער יאַפּאַן, ציילאָן, אַדען א. א. לענדער לאַנגע חדשים ביז ר'האָט זיך דערשלעפּט צו אַ ברעג".

דאָ איז מרדכי צאַנין צוריק געוואָרן ליטעראַריש טעטיק, צוערשט פּובליקירט אין די זעלבע „בלעטער פאַר ליטעראַטור" זײַנע אַ דערציילונג וועגן די ערשטע שוידער־טעג פון דער נאַצי־אָקופּאַציע אין וואַרשע, נאָך דעם, אין יאָר 1943, דערשײַנט זײַנס אַ בוך רעפּאָרטאַזשן פונעם ווײַטן מזרח א. נ. „וווהין גייט יאַפּאַן ?". ער הייבט אָן אַרויסגעבן דאָס „אילוס־טרירטע וואָכנבלאַט". אין יאָר 1947 מאַכט צאַנין אַ רײַזע איבער 100 ייִדישע חרוב־געוואָרענע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן, באַשרײַבט אַט די רײַזע און רופט אָן ס'בוך „איבער שטיין און שטאָק" (דערשינען אין 1952). אין אַפּריל 1949 הייבט ער אָן אַרויסגעבן, צוזאַמען מיט ישראל חדש ז"ל, די „לעצטע נײַעס", וואָס איז אַ הערלאַיש קאַפּיטל פאַר זיך.

אין יאָר 1955 דערשײַנט זײַנס אַ בוך פעליעטאָנען „שבתדיקע שמועסן". אין יאָר 1965 דערשײַנט זײַנס אַ בוך עסייען „אויף די וועגן פון ייִדישן גורל", שפּעטער — „די דעקאַדענץ פון אַ משיח" (1966) און עס באַווײַזט זיך זײַן בוך רײַזע־באַשרײַבונגען, וועגן דער עמיגראַציע אין ווילנע דליטא און זײַן רײַזע אַרום דער וועלט א. נ. „גרענעצן ביז צום הימל" (1970).

נאָר אינצווישן באַווײַזט זיך מרדכי צאַנין אין אַ נײַ געשטאַלט: אין יאָר 1966 דערשײַנט דאָס ערשטע בוך פון זײַן עפּאָפּייע „אַרטאַפּאַנוס קומט צוריק אַהיים" און טראָגט אויף זיך טאַקע דעם זעלבן נאָמען. אָבער דאָס בוך טיילט זיך אין צוויי טיילן, וואָס שוין די טיטלען פון אַט די טיילן האָבן אַ סך צו דערציילן: I ירושלים, II רוים. דאָס צווייטע בוך הייסט שוין „פרעמדע הימלען" (1968) און די אינעווייניקסטע טיילן הייסן: I גאַליע און II אשכנז; דאָס דריטע בוך הייסט „ליבשאַפט אין געוויטער" (1972) און הגם עס איז שוין נישט געטיילט אין טיילן און עס פאַרמאָגט נישט קיין אונטערקעפּלעך, דערוויסן מיר זיך שוין פון דער ערשטער שורה, אַז... „עס האָט זיך געשטעלט אַ שיינער פּוילישער האַרבסט" און אַז דאָ גייט אַ רייד וועגן דער ייִדנשטאָט לובלין; אויך דאָס פערטע בוך פאַרמאָגט נישט קיין טיילן, אָבער שוין דער נאָמען „די מרידה פון מעזשי־באָזש" (דערשינען 1976) דערציילט פון פאָרויס אַלץ. ס'האָט צו טאָן מיט די קריגערײַען צווישן די אָנהענגער פונעם בעל־שם־טוב און זײַנע פאַר־ביטערטע קעגנערס אין גאַליציע און אין אַנדערע ערטער. ס'איז שנאה,

ס׳איז קנאה, חסידים, מתנגדים, רבנים, מקובלים, תקיפים, פראַנקיסטן און נאָך, און נאָך. אָבער די־ אַ פיר ביכער, דערווײַל, טראָגן דעם אונטערטיטל: יידישער ראָמאַן.

איז שווער, ווי שוין דערמאָנט, צו פאַרדייען אָט די באַצייכענונג. וואָרעם אויב אַ היסטאָרישער ראָמאַן איז מחויב אָנצוזאָגן פון פאָרויס וועגן וועלכן פאָלק עס רעדט זיך, קאָן דאָך דאָס דער הויפּטטיטל אַליין דערציילן און נישט ברענגען אַן אונטערטיטל וואָס זאָל דאָס מפרש זײַן. וואָלט דען מ. צאַנין אַליין אויפגענומען נאַטירלעך ווען אונטער אַן אויפ־געמאָלענעם בוים זאָל דער מאָלער אונטערשרײַבן דאָס איז אַ בוים? בלײַבט דאָס דער סוד פונעם מחבר. וואָס מיר ווילן אָבער און דאַרפן דאָ אונטער־צייכענען איז, אַז מרדכי צאַנין, בלויז לויט דער רשימה פון זײַנע פּוב־ליקאַציעס וואָס מיר האָבן דאָ אויסגערעכנט — און זי איז נישט קאָמפּלעט! — וואָרעם אָט איז נאָר וואָס דערשינען זײַנס אַ בוך לעגענדעס „דער שליסל צום הימל" (1979), און אַז מיר וועלן נאָך צו איר צוגעבן זײַנע מאמרים־פּעליטאָנען וואָס דערשײַנען וואָך בײַ וואָך — איז אַ שפּעדיקער שרײַבער, וואָס פאַרמאָגט דערצו זײַן אייגן לשון און זײַן אייגן פּנים. און אויב דאָס איז, לויט מיר נאָך, נישט גענוג אָפּגעצייכנט געוואָרן דורך אונדזער קריטיק, ווען אַפילו געוויסע טיילן פון זײַן שאַפן מעגן און דאַרפן קריטיקירט ווערן, איז אין דעם בעיקר שולדיק דער „ויתרוצצו" פונעם פּובליציסט מיטן בעלעטריסט, וואָס דעם לייענער איז עס נישט לײַכט צו פאַרדייען, און — דאָס אַפּאָקאַליפּטישע פאַרגיי־געפיל אין דער משפחה פון די יידיש־שאַפערס, וואָס איז גורם פרוסטראַציע, קנאה־שנאה און אַנדערע מרעין בישין.

ד

„אַרטאַפּאַנוס קומט צוריק אַהיים" איז אַ גרויס פאַרנעמיק ווערק מיט הויכע כוונות און צילן. דאָ קומט אַ שרײַבער מיט אַ הייס האַרץ און מיט אַ שטאַרקער נאַטירלעכער נײַגונג צו גערעכטיקייט און וויל פירן, און פירט, אַ ייד — און מיט אים זײַן פאָלק — פון זינט יענע פינצטערע טיטוס־צײַטן אָן, איבער גלותן וואָס ציִען זיך שוין באַלד צוויי טויזנט יאָר, און ציִען זייער טרויעריקע טראַדיציע פון פריִער נאָך, און וויל אים אַרײַנפירן צוריק אין אַלטן אייגענעם לאַנד אַרײַן, ווו קיין רוימישע שטאָל־העלמס און לאַפּטשעס מיט רצועות אויף די פיס טראָגט שוין טאַקע נישט דער קלגס, דער סאָלדאַטעסקאַ, אָבער דער קאַמף פאַר הערשאַפט, פאַר מאַכט, פאַר רויב און זשלויב; דאָס גייעג נאָך כבוד און באַרימערײַ

צווישן די צוריקגעקומענע ייִדן גופא, איז מיט קיין האָר נישט ווינציקער ווי אין יענע אונטערגייענדיקע טעג, פון וועלכע עס שטאַמט אַרויס זײַן העלד אַרטאַפּאַנוס.

און דאָ וועט אַוודאי קומען דער קריטיקער, דער באַרופענער, און וועט אַ קלאַפּ טאָן אויפן שטענדער: „רבותי, מה רעש? וואָס פּאַר אַ באַדײַטונג האָבן הײַנט פאַרן ראָמאַנען־לייענער די היסטאָרישע פּאַרלוי־פּענישן אונדזערע? ווען גייען זיי אָן? קונסט ווילן מיר. שפּראַך, שיל־דערונג, פאַנטאַזיע — אָט וואָס מיר דאַרפן הײַנט! ווען גייט הײַנט אָן אינהאַלט? און אויב אינהאַלט, געשיכטלעכער אינהאַלט, האָט דען עפּעק־טיוו אַזוי געטראָפן ווי דער ראָמאַן זײַנער שילדערט?" וועל איך זיך נישט אַרײַנלאָזן אין היסטאָריע־קענטעניש און וועל זיך נישט אונטערנעמען צו ברענגען „באַווײַזן", וועלכע באַשטעטיקן כאילו מרדכי צאַנינס טעזעסן. ס'וועט אָבער גענוג זײַן אויב מיר וועלן דאָ דערמאָנען וואָס אַריסטאָ קלערט אויף אין זײַן „פּאָעטיקאָ", אַז „עס איז נישט דער אויפגאַב פונעם פּאָעט צו דערציילן אַ מעשה שהיה, נײַערט דאָס וואָס האָט געקאָנט זײַן אָדער געמוזט זײַן לויט דער שאַפונג", און דערפון דרינגען, אַז מ. צאַנין גייט אויף אַ ריכטיקן וועג.

לויט דער שאַפונג? —

לאָמיר בלויז אַרײַנקוקן אינעם פערטן בוך פון אָט דעם ראָמאַן, אין „די מרידה פון מעזשיבאָזש", וואָס איז נעענטער צו אונדזער צײַט און זכרון, און פאַרמאָגט אָנשפּאַר אָן פאַקטיש געוועזנס, און מיר וועלן ווערן זיכער, אַז... לויט דער שאַפונג האָט עס געמוזט אַזוי זײַן, און ס'איז בפירוש אין אײַנקלאַנג מיט מרדכי צאַנינס קאָנצעפּציע. דאָס גאַנצע אויסנעמלעכע ווערק זײַנס, אָט דער ייִדישער ראָמאַן, אין זײַן גאַנצער גרייס און פּאַר־נעם, איז געבויט אויף דער טעזע: נצח ישראל לא ישקר! אלא הײַנטצײַטיק אויסגעטײַטשט. דאָס איז דער אייביקער ייִד מיט זײַנע אייביקע בעיות. דער מחבר אידענטיפיצירט זיך מיט אָט די פּראָבלעמען, גיט זיי לענקונג, ריכטעט זיי לויט זײַן פאַרשטאַנד און אײַנזע, און טוט עס אַזוי מיט זײַן הויפּטהעלד ווען ער פירט אַרום אַ לעבעדיקן דורך די גאַנצע טויזנטער יאָרן, אונטער פאַרשידענע רעזשימען און באַדינגונגען, פון לאַנד צו לאַנד, פון שטאָט צו שטאָט. קאָן זײַן אַז עס איז נישט נײַ, ס'איז נישט קיין נײַער אויסגעפין, זײַן גאַנג איז אָבער ניכּר און שטרענג אויסגעהאַלטן אין אַלע פיר ביכער.

לאָמיר לאָזן אַ ווײַלע רעדן אַרטאַפּאַנוסן, אין צאַנינס לשון און גע־שילדער, אַרטאַפּאַנוס פונעם ערשטן בוך, בעת ער טענהט זיך אויס מיט

אַריסטובולסן, בשעת דער לעצטער וואַרפט אים פאָר, אַז ער, אַרטאַפּאַנוס, וויל נישט פאַרלאָזן רוים און צוריקקערן אַ היים מחמת זײַן ליבע צו אַ פרוי, און צוליב איר איז ער מוותר אויפן ווײַטערדיקן קאַמף קעגן דער פאַרשקלאַפערישער רוים, און מיר וועלן תיכּף דערזען סײַ דעם מחבּרס „שטעלונג", וואָס גייט דורך ווי אַ רויטער פאָדעם דורך אַלע ביז איצט דערשינענע ביכער זײַנע, סײַ די בולטע אַסאָציאַציע צו אונדזערע טעג.

עס זאָגט אַרטאַפּאַנוס:

„מײַנע נישט־פאַרגענגלעכע געפילן צו קלאַודיאַן רופּסטו אָן אייגנ־ליבעקייט; צי איז דײַן מאַכט־לײַדנשאַפט נישט אייגנליביק? צי ביסטו נישט גרייט צו ברענגען קרבנות פון אַנדערע פאַר דײַן מאַכט? — — — דו ווייסט עס גענוי אַזוי ווי איך, אַז וואָס שייך דעם פאָלק און לאַנד יהודה, איז איצט נישט די צײַט אויפצוהייבן אַ קאַמף קעגן רוים. די מאַכט פון רוים איז איצט אין צעבליונג. זי גייט איצט פון נצחון צו נצחון און אַלע אונטערדריקטע פעלקער זענען נאָך פאַרטויבט פון די קלעפּ. ווען בלויז יהודה, וואָס איז אינערלעך צעריסן פון שׂנאה, אײנציק און אַליין אויפשטיין קעגן רוים? צי איז דאָס נישט אַ שגעון? דו ווערסט געטריבן פון דײַנע מאַכט־אַמביציעס, וואָס זענען אַזוי ווײַטיקדיק פאַרוווּנדעט געוואָרן, און אַז דו וועסט אָנוועק קיין יהודה און אויפהייבן אַ קאַמף קעגן די רוימער — וועט צאָלן פאַר דער מפּלה, אויב דו וועסט לײַדן אַ מפּלה? צי וועט נישט דאָס פאָלק צאָלן פאַר דער מפּלה, אויב דו וועסט לײַדן אַ מפּלה? צי וועט נישט דאָס פאָלק צאָלן מיט בלוט פאַר דײַנע מאַכט־פּאָזיציעס?"

אָט דאָס איז די מימעטישע זײַט פון דעם ראָמאַן.

אַוודאי איז די אַ „שטעלונג" נישט אָריגינעל און נישט נײַ. ס'האָט שוין אַזוי „גערעדט" ר' יוחנן בן זכאי, אַזוי געטראַכט און אַזוי געטאָן, בעת ר'האָט אויסגעפועלט בײַ זײַן שוועסטערס זון, אבא סיקרא, דעם ראש פון די ירושלימער בריונים, ער זאָל אים, פאַרשטעלט פאַר אַ טויטן, אַרויס־לאָזן פון דער באַלאַגערטער ירושלים, כּדי אויסצובעטן בײַ אַספּסינוסן ער זאָל אים כאָטש לאָזן יבנה מיט אירע חכמים. און אַוודאי איז אַרטאַפּאַנוס אין רוים אַ געטרײַע נאָכמאַכונג (מימעזיס) פון יוסף בן מתתיהו (יאָסיפוס פלאַוויוס), מיט קליינע ניואַנסן, וועלכע מ. צאַנין האָט געמוזט אַרײַנפירן „לויט דער שאַפונג", אָבער דורך דער גאַנצער לענג און ברייט פונעם ראָמאַן, ווי שוין געזאָגט, פירט דער מחבר דורך זײַן טעזע אָן אַפּנייגן.

אָט איז, למשל, אַ „שפּרונג" פון אַוועלכע צענדלינגער דורות פון דעם פאַרדאַרבנדיקן רוים ביז לובלין אין מיטן 17טן י.ה. און אויך דאָ הערן מיר פון מ. צאַנינס אַ העלד ענלעכע רייד.

אַז אַרטאַפּאַנוס, אין זײַן לובלינער גלגול, איז זיך מתווכח מיט זײַנעם אַ קאָלעגע דאָרט, ווען צאַנין רופט אָן ד״ר מאָנטאַלטאָ, וועגן ייִדישן גורל, און יענער טענהט, אַז כאָטש אין דײַטשלאַנד און אין שפּאַניע זענען די באַדינגונגען געווען פֿאַרשידענע, האָבן דאָך די ייִדן געהאַט איןביידע לענדער דעם זעלבן גורל, און אַרטאַפּאַנוס זאָגט אים, ווײַל אין ביידע זענען געווען ענלעכע גלות־באַדינגונגען, צעפּלאַמט זיך ד״ר מאָנטאַלטאָ און שרײַט אויס: „פֿאַרוואָס־זשע האָבן ייִדן אין זייער אייגן לאַנד נישט געלערנט פֿונעם ערשטן חורבן, כדי צו פֿאַרמײַדן דעם צווייטן?! פֿאַרוואָס האָבן זיי זיך ווידער פֿאַרמאָסטן מיט צאָלרײַכע כוחות און זיי זענען געווען זיכער, אַז זיי וועלן סוף־כל־סוף די שטאַרקערע באַזיגן? דו ווייסט פֿאַר־וואָס? דער אָפּטימיזם און די אמונה האָבן איבערגעשטיגן דעם פֿאַרנונפֿט, אַ זײַטיקער האָט דאָס געקענט זען, אָבער אין זיך האָבן ייִדן דאָס נישט געוואָלט זען, ווײַל אין פֿאָלק האָבן געאַרבעט סתירותדיקע כוחות און מיט זייערע אייגענע אינערלעכע האַנדלונגען האָבן זיי נישט ווייניקער גורם געווען דעם חורבן, ווי עס האָבן גורם געווען די אויסערלעכע שׂונאים״. (בוך 3, זײַט 124).

קאָן עמעצן מרדכי צאַנינס באַנעמען אַזוי דעם גורל און גאַנג פֿון אונדזער פֿאָלק דורך די צוויי טויזנט יאָר יאָ געפֿעלן אָדער נישט געפֿעלן. און מיר ווייסן וווּיל, אַז די טעאָרעטיקערס פֿונעם הײַנטצײַטיקן ייִדישן נאַציאָנאַליזם וואַרפֿן אָפּ אָט די שטעלונג קאַטעגאָריש. אויך די נאַראַציע, וואָס נישט תמיד שפּילט זי אַרײַן אין דער סיטואַציע — קאָן אויך און מעג קריטיקירט ווערן. וואָרעם נישט איין מאָל פֿילן מיר, אַז דער פּובליציסט רײַסט זיך אַרײַן אין דעם קודש־הקדשים פֿון דער דערציילן־קונסט און שטרויכלט דעם בעלעטריסט מיט אַ וואָרט, אַ זאַץ. אָבער, אַז מיר טרעפֿן זיך אָן אָן אַזויפֿיל קינסטלעריש געמאָלענע בילדער, ווי, אַ שטייגער, די קאַפּיטולאַציע פֿאַר די רוסן פֿונעם שליאַכטשיץ פּאָניאַטאָווסקי, צי דאָס אומפֿאַרגעסלעכע שוידער־בילד פֿונעם ייִדן־אומברענג אין לובלין און אַרטאַפּאַנוסעס אַ נאַכט אין קאָזאַקן־לאַגער (בוך 3, זז׳ 286—294), צי דער פּסק־דין וואָס איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן און אויסגעפֿירט געוואָרן איבער דעם שלימזלדיקן סנדר דער יתום: „דעם דאָנערשטיק פֿון דער צווייטער וואָך, ווי דאָס אַלץ איז געשען, איז אין דער אַלטער קלויז אין בראָד צו שטאַנד געקומען דער פּסק פֿון מלקות פֿון דעם עונש, וואָס דער רב ר׳ יונתן האָט געפּסקנט אויף סנדר בן שרה לאה, הנקרא דער זאָטלמאַכער, הנקרא דער יתום. און דער עונש איז: איין מאָל זאָל ער באַקומען מלקות בפּרהסיא (און די שוידערלעכע „סצענע״ ווערט שפּעטער געשילדערט),

במשך פון אַ האַלב יאָר זאָל ער פאַסטן טעניתים אין די מאָנטיקס און דאָנערשטיקס, יעדן טאָג זאָל ער זאָגן דרײַ ימים תהילים און אין די טעג פון זײַנע טעניתים זאָל ער אָנטראָגן וואַסער אין די פעסער פון די קלויזן און אין דער האַנטפּאַס פון דער שול" (בוך 4, ז' 213), און אַ פשיטא שוין די שילדערונגען און מאָלערײַען פון יהודה און פון רוים (אינעם ערשטן בוך), — זענען מיר מוחל אַלע בלויזן און פעלערן און מיר מוזן לויבן דעם מחבר פאַר אַזאַ שרײַבערישער דערגרייכנג: פאַרן האָבן מוט און כוח צו פירן דעם אייביקן ייִד דורך אַזויפיל פײַן און לײַד, איבער אַזויפיל תקו־פות און מקומות פונעם לאַנגן, לאַנגן גלות.

דאַרף דער דאָזיקער ראָמאַן געלייענט און געלערנט ווערן. ער דאַרף ווערן איבערזעצט אין עברית פאַרן היגן יונגן דור אשר לא ידע את יוסף און „געדענקט" נישט וואָס מיט ייִדן איז געשען אין דעם דאָזיקן געשיכט־לעכן פאַרלויף. און ווי ווויל די שטעלונג איז נישט קײַן נײַע, און פון קיין ראָמאַנען לערנט מען נישט געשיכטע, פרישט עס אָפּ אונדזער היסטאָרישן זכרון, וועקט אויף אונדזער גורלדיק טראַכטן, און מיטן כוח פון מחברס טאַלאַנט און זײַן אייגנאַרטיקער מימעזיע ווערן מיר צוריקגעשטעלט פאַר אַן אַ שיעור פּראָבלעמען, וואָס נישט אַסך בעלעטריסטישע ווערק אונד־זערע זענען בכוח דאָס גורם צו זײַן.

מאַי, 1980

שמעון קאַנץ און דער כוח פון זײַן אות

דער עסייִסט און קריטיקער שמעון קאַנץ — ווי מיר קענען אים דאָ און הײַנט — פאַרמאָגט, ווי עס ווײַזט אויס, דעם נייטיקן און באַזונדערן כוח צו באַווירקן דאָס אות פון אונדזערע כ״ב, עס זאָל אַרויס אין שליחות — און קודם כל, אין זײַן אייגענער — און עס זאָל פון זיך צונויפשטעלן ווערטער און פסוקים, און פון זיי — קאַפּיטלען שירה וועגן ייִדישער יצירה און יוצרים.

און דעם דאָזיקן כוח, ווי מיר מיינען, דאַרפן און מוזן האָבן אַלע די וואָס שאַפן. און וואָס שטאַרקער און ווירקנדיקער אָט דער כוח זייערער איז, אַלץ מער ברענגען זיי טאַקע אַרויס פונעם אות — פון אַלע אותיות, אין אַלע שפּראַכן — גרויס׳, וויכטיקס, באַשטײַנדיקס.

וואָלט דאָך דאָס אַליין גענוג געווען אויף אויסצודריקן פאַר דעם אונדזער ליבע. אָבער —

אונדז ווײַזט זיך אויס, אַז דער טיטל „כח פון אות״ מיט וועלכן שמעון קאַנץ באַטיטלט זײַן 368 זײַטנדיק בוך עסייען (און עסייעטן) ווינקט אָן, פּרעטענציעז אַפילו, אויף עפּעס מער און אַנדערש. וואָרעם, ווי מיר זעען דאָס פון זײַן אָנגעפּראָפּטן בוך, פאַרמאָגט שמעון קאַנץ נישט נאָר און בלויז דעם כוח אַרויסצושיקן דאָס אות אין שליחות, נײַערט אַ סך מערער: די עצם שליחות זעט דאָ אויס צו זײַן אַ באַשטימטע, אַ באַפליגלטע, ווי עס איז דעם אות אָנגעצייכנט געוואָרן דורך דער מסורה. מיר זעען זײַנע אותיות ווי זיי זענען רײַך און באַהויכט מיט טערמינען און רמזים וואָס שעפּטשען אויס טיפן אַרײַנטראַכט און דערמאָנען אונדז אין די מיסיעס וואָס די קבלה, אין אַלע אירע תקופות און פאַזן, האָט אַרויפגעלייגט אויף אונדזערע פּירקאַנטיקע צוויי־און־צוואַנציק אותיות. גענוג זיך צו דערמאָנען אין דעם שבועותדיקן פּיוט „אקדמות״, וווּ ר׳ מאיר חזן זאָגט: ובאָתאָ קלילה, מיטן לײַכטסטן אות האָט כביכול באַשאַפן די וועלט. אַז מיר זאָלן דערפון לערנען, וואָס מען קאָן אין דעם אות אַרײַנטײַטשן.

ווען טאַקע דער מחבר פונעם בוך „כח פון אות״ זאָגן וועגן אַברהם סוצקעווערס „פּירקאַנטיקע אותיות און מופתים״, אַז — „מען נעמט דאָ

טיפער פאַרשטיין דעם באַגריף פון אותיות פורחות, זייער אינעווייניקסטן שעפערישן פלאַם (וואָס איז) אַנגעלאָדן מיט אומגעריכטע קלאַנגען, מיט אַ מעכטיקן כוח אַרײַנצודרינגען פיל טיפער פונעם באַוווסטזיניקן געדאַנק — און געפילן־שיכט" — דער מעכטיקער כוח פון די אותיות! און וועגן יעקב פרידמאַן? בעת ער באַהאַנדלט י. פרידמאַנס לידער־זאַמלונג „פּאַס־טעכער אין ישראל" וועט ער שרײַבן: „זײַן עסטעטישער קרעדאָ האָט געשטימט אות באות מיט זײַן עטישן אני מאמין". ובכן, אות באות איידער וואָרט בײַ וואָרט.

עס ווערט אָבער אויס חידוש אַז מיר קוקן זיך אײַן אינעם שושלת היוחסין פון אונדזער מחבר און מיר זעען זײַן היים, זײַן לערנונג, זײַן לעבנסוועג. —

שמעון קאַנץ איז געבוירן געוואָרן אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ, אין שיינלינדע, הײַנט קראַסנאַיאַ ליפּאַ, בײַ עלטערן בני תורה ומסורה. אַלט זײַענדיק אַ יאָר זיבן זעגען זיי אַריבער קיין קראָקע. זיי האָבן אים געשיקט לערנען אין „ישיבת חכמי לובלין", דערנאָך אין דער „בית אהרן"־ישיבה אין וואַרשע, און שוין צו זעכצן יאָר געקראָגן דאָרט סמיכה אויף רבנות. און אָט דער יונגער עילוי וואַרפט זיך באַלד אַרײַן אין דער שטורמישער גאולה־באַוועגונג, אין וועלכער עס האָבן דעמלט געגלייבט די שענסטע און בעסטע, בעת איר סימן איז געווען די באַפרײַונג פונעם מענטש און פעלקער, אָבער זײַן נטיה צום אות פירט אים שוין אַרײַן אין דער ספערע פון ליטעראַטור און קולטור. ווי אַ סך פון זײַן דור אין פוילן, איז ער מיטן אויסבראָך פון דער היטלער־מלחמה געלאָפן קיין רוסלאַנד, דאָרט זיך מאָביליזירט אין דער פוילישער אַרמיי, עטלעכע מאָל פאַר־וווּנדעט געוואָרן אויף די שלאַכטפעלדער, ביז ר'איז צוריקגעקומען קײַן פוילן, זיך באַזעצט אין וורא‍צלאַוו און געוואָרן רעדאַקציע־סעקרעטאַר פון דאָרטיקן ייִדישן וואָכנבלאַט „נידערשלעזיע".

און געווען איז דאָס בלויז אַ צוריקבאַהעפט צו יענע פאַר־מלחמה־טעג, ווען ער האָט פון לאָדזש אויס געשיקט זײַנע ליטעראַרישע אַרבעטן קיין וואַרשע, בעת ער האָט אין לאָדזש גופא מיטגעאַרבעט אין כמעט אַלע ייִדישע צײַטונגען און זשורנאַלן וואָס זענען דאָרטן דערשינען, און צווישן זיי — „אות"....

און אַז מיר האַלטן שוין דערבײַ, לאָמיר דאָ צוגעבן: חוץ זײַן מיט־אַרבעטן אין די פאַרשיידענע פּובליקאַציעס, פאַר דער מלחמה און נאָך איר, האָט ער אַרויסגעגעבן פינעף ביכער מיט דערציילונגען און רעפּאָר־

טאַזשן: „נײַע טעג", „די שטימע פון לעבן", „אַנדערע הימלען", „קוילן־גראָבן־אַרבעטער" און „מענדל דראַטנער".

קומענדיק אין לאַנד אַרײַן (אין יאָר 1957) האָט ער זיך תיכף גענומען צו זײַן ליבשאַפט — צו ליטעראַרישער טעטיקייט, וווּ ער האָט זיך צוריק פאַרקנסט צום אות, צום כוח וואָס דאָס אות פאַרמאָגט, בעת דער ערודיט אין אים פאַרמאָגט צו דעם זײַן אייגענעם מזל־ברכהדיקן שליסל, האָט ער אָנגעהויבן רעדאַגירן די יידישע וואָכנשריפט „טאָג־אײַן טאָג־אויס", שפּעטער די בײַלאַגע צו די „לעצטע נײַעס" — „אילוסטרירטע וועלט־וואָך", דערבײַ געווען מיטאַרבעטער פון דער דאָזיקער טאָג־צײַטונג, דערנאָך איז ער געוואָרן רעדאַקטאָר פון איר זײַט פאַר ליטעראַטור און קריטיק, און האָבנדיק אויף אָט דער זײַט פאַרעפנטלעכט אַ שלל מיט עסייען און עסייעלעך וועגן יידישע, העברעיִשע און אַנדערשפּראַכיקע ליטעראַטור־דערשײַנונגען, האָט ער דאָס אַלץ, אָדער — כמעט אַלץ, צונויפגענומען און אַרויסגעגעבן זײַן איצטיק בוך און עס אַ נאָמען געגעבן „כח פון אות". און עס איז כולל אין זיך אָפּהאַנדלונגען און באַהאַנדלונגען פון 70 בעלי יצירה!

און אַז מיר לייענען זיך אַרײַן אין אָט דעם בוך זעען מיר ווי די גירסא דינקותא קומט אים אַנטקעגן מיט שמייכלענדיקן שײַן, מיט תורה־דיקער באַשטראַלונג און מיט ברייטהאַרציקער פאַרגינונג, טוגנטן־אייגנשאַפטן, זעלטענע אין זייער מין, וואָס לאָזן זיך לײַכט דערקענען אין יעדן עסיי זײַנעם באַזונדער. נאָר גאָר באַזונדער קומען אָט די אייגנשאַפטן אים צו ניץ בעת ער באַהאַנדלט אַ טעמע וואָס איז נאָענט זײַן געמיט פון לאַנגאָן, פון יענער צײַט ווען די „ישיבת חכמי לובלין" און די וואַרשעווער „בית אַהרן" זענען געווען זײַנע באַשפּיזערס. אַ שטייגער — די „שירי חקל תפוחין" פון שלמה שנהוד. שמעון קאַנץ וואַקסט דאָ אויס צו אַ געניטן פאַרשטייער און ווייסער אין ענינים פון קבלה און אירע דרכים.

לאָמיר דאָ ברענגען כאָטש איין „עדות" דאַרויף:

אויף זײַט 103 געפינען מיר — „די ראַנגלענישן וואָס מאַטערן דעם דיכטער, דער פּראָצעס פון מאָנען אָן ענטפער אויף פראַגן און ספקות, פון דערזען און פון באַנעמען דעם סוד אינעם קיום פון שלעכטס, פירן אים אויפן וועג פון אר"י, דעם גרויסן יידישן מיסטיקער רבי יצחק אשכנזי לוריא, וועלכער איז פון מצריים געקומען קיין צפת און אויף זײַנע לאַנגע שפּאַצירן אין די צפתער בערג און טאָלן געלערנט מיט זײַנע תלמידים די סודות אין דער געטלעכער מיסטעריע, די קעגנזײַטיקע אָפּהענגיקייט

אין באַשאַף, די ייִדישע עמאַנאַציע און דער זין פון ייִדישן זייַן. די אייביקע אצילות, וואָס מאַכט דעם יחיד אַליין אויך אומענדלעך. אומעטום און אין אַלץ געפינט שנהוד דעם אמת פון דער אַרומנעמענדיקער אייניקייט. און דאָס מיינט נישט אַ רעלאַציע צווישן עלעמענטן, וואָס האַלטן זיך ווי אַן איינהייט, נאָר אַ צונויפגיסן זיך פונעם נאַטירלעכן מיטן איבערנאַטירלעכן, פון ערדישן מיטן געטלעכן, ווי די קלאַנגען פון אַ מעלאָדיע, וואָס איז אַ סך מער פון די קלאַנגען״... און דאָס איז דאָך אחד מני מאָה!

איז דאָס דער כוח פונעם שרייַבער שמעון קאַנץ און פון זייַן אות און וואָרט, און אַזאַ כוח דאַרף פאַרצייכנט און געלויבט ווערן, ווייַל דאָס איז דער כוח אין וועלכן מיר נייטיקן זיך; אַזאַ כוח איז בכוח צוריקצוגעבן אונדזער ליטעראַטור־באַהאַנדלונג דעם פרעסטיזש, די חשיבות, דעם ווערט.

צווישן געדאַנק און געפיל

(לייענענדיק לידער פון אפרים רויטמאַן)

א

דיכטונג לידער, זענען ווי פֿאַרשיכורנדיקע געטראַנקען. פֿאַראַן בײַ זיי גראַדן. אויך דער לייענער זייערער, דער געניסער, איז פֿאַרשיידן. עס זענען פֿאַראַן לייענערס וואָס האָבן גראָד ליב דאָס שטאַרקע וואָרט, די איבערראַשנדיקע מעטאַפֿאָרע, אַ לעקסיק וואָס פֿאַרנעפּלט דאָס געמיט ווי הויכגראַדיקער אַלקאָהאָל, און ס'זענען דאָ אַזעלכע וואָס דאָס ווייכע, דאָס גלעטנדיקע פֿונעם ליד, דאָס לירישע, רעדט צו זייער געמיט, שטילט־אײַן דאָס האַסטיקע קלאַפּן פֿונעם דופק און צינדט־אָן בענקשאַפֿט־פֿײַערלעך אין זייערע טרוימענדיקע אויגן. צו די צווייטע רעכן איך צו מײַן ווייניקייט.

אַנומלט איז מיר אויסגעקומען צו לייענען די ערשטע פּובליקאַציע פֿונעם פֿון־דאָרטן־געקומענעם ייִדישן דיכטער אפרים רויטמאַן. זײַן ערשט־לינג. דאָס איז אַ קוים־קוימדיקער לידער־אויפֿקלײַב וואָס האָלט עטלעכע און דרײַסיק זײַטלעך, דערשינען אין טשערנאָוויץ אין יאָר 1937, אין אַ פֿאַרלאַג וואָס רופֿט זיך „נײַליד", און דער נאָמען פֿון אָט דער זאַמלונג איז: פֿינגער אין ליכט. פֿון אָט די נעמען אַליין — פֿון פֿאַרלאַג און פֿון געזאַמל — איז צו פֿאַרשטיין, אַז דאָ גייט אַ רייד וועגן מאָדערנער דיכ־טונג. האָט עס מיך געמאַכט נײַגעריק.

אפרים רויטמאַן איז, ווי מיר ווייסן, געבוירן געוואָרן אינעם באַקאַנטן בעסאַראַבישן שטעטל כאָטין, בײַם רוישנדיקן דניעסטער. ער האָט קליי־נערהייט געלערנט אין דער דאָרטיקער „תרבות"־שול, שפּעטער אין דער שטאַטישער גימנאַזיע, און אַז ער איז געוואָרן עלטער, און צווישן דער בעסאַראַביע און דער בוקאָווינע איז שוין נישט געווען קיין גרענעץ — זיי זענען שוין ביידע געווען „אײַנגעגלידערט" אין דער ראָמאַניאַ מאַרע (גרויס־רומעניע) — האָט ער שטודירט אין טשערנאָוויצער אוניווערסיטעט, פֿריִער שפּראַכן (פֿראַנצייזיש) דערנאָך — פֿיזיק. די צײַט איז פֿאַר ייִדן דאָרט געווען דעמלט די שווידערלעכסטע, און ס'איז זיך לײַכט פֿאָרצו־שטעלן וואָס אַזאַ שטודירנדיקער יונגער ייִד האָט מיטגעמאַכט. און דאָך,

און פון דעסטוועגן האָט דער יונגער פּאָעט אפרים רויטמאַן זיך אָנגענומען מיט מוט און אַרויס אין קאַמף פאַר אַ דיכטונג אַ מאָדערנער, און דווקא אין יידיש.

האָב אויך איך זיך אָנגענומען מיט מוט און איבערלייענדיק דעם אַריַינפיר (פאָרוואָרט) פון אָט דעם בראַוון מחבר, געוואָלט דערגייען דעם סוד: וואָס פּראָקלאַמירט אַ יונגער ייִד אין קוזאַ׳ס טשערנאָוויץ, אין יאָר 1937! וואָס וויל דער „פאַרלאַג״ וואָס רופט זיך נײַ־ליד און אין וואָס פאַר אַ ליכט שטעקט דער דיכטער אַריין זיַינע פינגער? וואָס באַזינגט ער און וואָס באַוויינט ער? און געפונען —

„מיט דעם בינטל לידער מיין איך אַריַינצוברענגען ליכטן (?) פון:

1. אַ טיילוויַיז נײַער טעמאַטיק.

2. אַ ניט געצוווּנגענע פאָעטישקייט, נאָר אַ מהות־געוועב פון שטימונג, מוזיק און פאַרביקייט.

3. אַ ווידערגעפיל צו איבערשריַיענדיקער טענדענץ.

4. און אויך אַ אומאויפהערלעך פויגל־שפּרינגען איבער אַלע צוויַיגן און צוויַיגעלעך פון דעם מעכטיקן קולטור־און לעבנסבוים.

אַזאַ ליד מעג אַפילו באַהאַנדלען דעקאַדענטישע פּראָבלעמען איז עס דאָך פּאָזיטיוו.״

איז מיר געוואָרן קלאָר:

מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ דיכטער, וואָס טראָגט „אַ ווידערגעפיל צו איבערשריַיענדיקער טענדענץ״ און האַלט, אַז „אַזאַ ליד — ווי זײַנס, הייסט עס — מעג אַפילו באַהאַנדלען דעקאַדענטישע פּראָבלעמען איז עס דאָך פּאָזיטיוו״...

נאָר דאָ האָט זיך מיר די צײַט געשטעלט פּאָפּעריק און צוזאַמען מיט מיר געפרעגט: ווי קומט דאָס אַלץ צו די פילאָסאָפישע סענטענצן, צו די נעמען־רעקלאַמעס וואָס שרײַען גראַד יאָ אַרויס פון זײַנע געציילטע לידער? אויב „איבערשריַיענדיקע טענדענץ״ רופט בײַ דעם פּײַנפילנדיקן משורר אַרויס ווידערגעפיל און — „מײַנע קוואַלן זענען ניט די שרײַענ־דיקע באַרג־גאָסן, נאָר דאָס שטילע טריפן פון מענטשלעכער טיף״ (דאָרט, פאָרוואָרט), ווי פּאַסט זיך דאָס צו די לידער וועלכע ער רופט אָן אַזוי טראַנספּאַרענטיש: „דער געניוס״, „די באַלאַדע פון פּראָפעסאָר מאַרמאָנט וואָס האָט דערזען דאָס ליכט פון מזרח״ (= און אָנשטאָט צו דערשטעכן אַ לויז, דערשטעכט ער זיך אַליין...), צי ECCE, „ווערלענען״, „מעטערלינקן״, „רילקען״, „ערדישע נירוואַנאַ״ און ענלעכע? מיט וואָס זענען זיי „שטילע טריפן פון מענטשלעכער טיף״ און לירישע לידער — נישט? קומט טאַקע

באַלד אַ קליין, אומשולדיק ליד אין דער דאָזיקער זאַמלונג — וואָס טראָגט דעם שטילן נאָמען מיט מיר און לייקנט אָפּ לטובה, למען דעם ריכטיקן פּאָזיטיוו, דעם גאַנצן פּראָגראַם זײַנעם.

לאָמיר דאָס לייענען:

קום און לאָמיר גיין!
זע, ס'שוין לײַכטער דער וועג.
האָסט איבערגעלאָזט דעם קנויל פון די טעג,
האָסט פאַרגעסן,
פאַרגעסן אין בענקשאַפט, פאַרגעסן אין טרוים,
זע, ס'איז מילדער אַן טרוימען דער וועג,
קום און לאָמיר גיין.

ב

מיר וועלן זיך דאָ איצט נישט אַרײַנלאָזן אין דער סוגיאָ: שירה מהי? וואָס איז אַזוינס דיכטונג? אפשר מעג מען אין דיכטונג אַלץ יאָ זאָגן, אָדער — אַלץ נישט זאָגן, אַבי עס זאָל זיך באַקומען דער פאַלקזאַג: ניע טאַק דאָברע זאָגעלע, יאַק דאָברע מײַנעלע?... ווער ווייסט? ס'איז אָבער אַן אַקסיאָמע און הסכמה בײַ אַלע די וואָס האָבן אַליין געשאַפן דויערנדיקע שירה און בײַ די וואָס שאַפן הײַנט און גאָרן, און האָפן אַז זייער יצירה וועט האָבן דויער און אויסדויער, אַז פּאָעזיע איז און מוז זײַן סינטעז, זיווג פון געדאַנק און געפיל. אָן דעם קאָן דאָס געשריבענע זײַן אַלץ וואָס איר ווילט, נאָר נישט קיין פּאָעזיע.

און לאָמיר זען טאַקע ווי אַזוי עס קומט אויף דאָס ליד, און וואָס פאַר אַ ראָל עס האָט, לויט אים אַליין, אפרים רויטמאַן, דער פון ראַטנפאַרבאַנד געקומענער און קיין־מאָל־נישט־אוניפאָרמירטער דיכטער: —

ער שטעלט פעסט, אַז —

לידער קומען ווי די וואַסערן פון ווײַטן.
קומען נעפלדיק אַרײַן אין נײַע צײַטן.
און ווען זיי פאַלן קלינגענדיק, ווי אין טאָל דער רעגן,
שפּראָצן אויף די זינגער און די טרוימער אויף די וועגן.

(אויפן אינדזל פון זען, ז' 18)

טראַכטן מיר זיך גוט אַרײַן אין אָט די שורות באַקומט זיך, אַז — לידער קומען ווי די וואַסערן פון ווײַטן, זיי ווערן נישט אויסגעפּלאַנט און אויסגעמוטשט ווי פיזיאָ־כעמישע פּרעפּעראַטן — וואָס אויך צו זיי דאַרף

מען האָבן פּאַנטאַזיע, השראה — בײַערט די טיף־גײַסטיקע אינערלעכע נייטיקייט ברענגט זיי צום לעבן און פירט זיי אַרײַן, ווען אַפילו נעפּלדיק, אין אונדזערע און אין ווײַטערדיקע צײַטן. זענען דאָך דאָס דברי אלוהים חיים, אָבער, ער וואָס האָט שוין באַוויזן מיטצומאַכן דעם רומעניש־קוזיס־טישן „דערציִ״־סיסטעם, דעם נאַציש־בעסטיאַלן פּאַרלענד־פּעריאָד און דעם מוראדיקן רעזשים פון די סאָוועטן, בײַ אים, דעם ייִד, וואָס האָט זיך נאָך די אַלע פּײַן־צײַטן אַרויסגעראַטעוועט, און ווי אַ סך פון זײַנע פּען־קאָלעגן זוכה געווען צו דערגרייכן די אויסגעחלומטע נײַע היים, בײַ אים קומט נאָך אַלץ פאַר דער ויתרוצצו צווישן דעם אַזוי־גערופענעם מאָדערניזם און זײַנע „דעקאַדענטישע פּראָבלעמען״, מיט דער לירישער „מיט מיר״־דיכטונג, וואָס האָט נישט מורא „איבערצושרײַען טענדענציעז״ נאַציאָנאַלע פּראָב־לעמען, ווי היים־ווײ, היים־פרייד, ביז „פייגל זינגען שירה״.

איז דאָס, ווײַזט אויס, דער געראַנגל צווישן געפיל און געדאַנק, וואָס נישט נאָר שטרויכלט עס אים אין דער דיכטונג זײַנער, בײַערט אויך אין לשון, אין דער לעקסיק.

וואָרעם ווי הימל־ווײַט זענען זײַנע לידער וואָס טראָגן אין זיך היים, עלטערן, זיידעס און באָבעס, חדר און חדר־ייִנגלעך, און נײַ־היים, און „מלכות פון ניגון״ — פון די לידער וואָס זענען בלויז מוח, ווען אַפילו באַזאַלצט און באַפּעפערט מיט אַ שיינער שורה דאָרט און מיט אַ בליציקן געדאַנק דאָ, בעת זיי לאָזן דעם לייענער קאַלט און פרעמד.

און ער זאָגט דאָך אַליין אין זײַן ליד „ווען דער זינגער אין דיכטער איז טויט״ (די ערד זינגט, ז׳ 66): „ווען דער זינגער אינעם דיכטער שטאַרבט אָפּ / ——— שפּילט דאָס וואָרט מיט קונצן ———/ פליגל וואָס קאָנען נישט פליִען, / בלומען פּאַפּירענע / וואָס מוזן נישט בליִען, / ווערטער אין ווערטער וואָס מוזן זיך ציִען, / ——— און פּיקן אויס, און קלינגען אויס / געשטאָרבענע רגע׳ס, / ווי זייגערס״.

ג

אפרים רויטמאַן האָט ביז איצט אַרויסגעגעבן: „פינגער אין ליכט״, טשערנאָוויץ 1937, „אויפן אינדזל פון זען״, תל־אביב 1975, „די ערד זינגט״, תל־אביב 1977; אין העברעיִשער איבערזעצונג האָט ער באַוויזן ביז איצט אַרויסצוגעבן: „קוהלת און אני שלמה״ נאָוועלע דראַמע. איבערזעצער: אַברהם שהם און „מפרקי הדמים — טפה״, אַ לידער־אָפּקלײַב פון די אויבנדערמאָנטע דרײַ לידער־זאַמלונגען, אין דער גאָר געלונגענער איבער־זעצונג פונעם משורר ב. מרדכי. סײַ אין זײַן אַרײַנפיר צו דער זאַמלונג

„אויפן אינדזל פון זען", סײַ אין די צוויי העברעיִשע פּובליקאַציעס, דער־מאָנט אונדז דער מחבר זייערער, אַז „לידער און פּאָעמעס, דראַמאַטישע לעגענדען, צוויי ראָמאַנען און עסייען, וואַרטן נאָך צו זען די ליכטיקע שײַן" און אפרים רויטמאַן איז אַ געבוירענער אין יאָר 1910.

איז אַוודאי איצט נישט די צײַט צו קומען אים „לערנען" דעם סוד ווי צו שאַפן אַ ליד אָן „אַריבערשרײַענדיקער טענדענץ", און אַוודאי נישט — די נײַטיקייט צונויפצופּאָרן מוח מיט האַרץ, לאָגיק מיט געפיל. ובפרט אַז ער אַליין, מיט זײַן גאַנצער נייגונג צו יוצאי־דופנדיקייט, אַז עס באַהערשט אים די ליריק־מוזע דערגייט ער אַפילו ביז אַריבער דער פאָלקס־טימלעכקייט... און אויב מיר זאָלן נאָך דערמאָנען, זיך און אים, וואָס ער אַליין זאָגט אין זײַן אַרײַנפיר צום בוך „אויפן אינדזל פון זען", אַז — „די באַצווינגערשע ווירקלעכקייט איז געוועזן און איז אויך הײַנט דער פּועל־יוצא פון דער מענטשלעכער טפשות" און... „דעריבער בלײַבט די ראָל פונעם שאַפנדיקן מענטשן אויפצוּוועקן דאָס אינערלעכע אויג פון דער נשמה, — דערזען זיך און די וועלט", קאָנען מיר האָבן די גאַראַנטיע, אַז אפרים רויטמאַן, דער דיכטער אין בכבודיקן עלטער, וועט נאָך אַלץ האָבן צײַט דורכצופירן בײַ זיך אַליין דעם דעוויז, אַז די באַצווינגערישע ווירקלעכקייט, ווי טפשותדיק זי זאָל זײַן, איז נאָך אַלץ בכוח אַרויסצורופן בײַ אים דאָס עכט דיכטערישע, ביז ער וועט זאָגן (אויפן אינדזל פון זען, ז' 31):

דער ווינט,
וואָס טראָגט זיך פון די הימלען,
ווייס איך,
איז נישט מער ווי דײַן לעכצנדיקער אָטעם נאָך גליק
וואָס קומט נישט...
דער ווינט וואָס רעדט דורך די נאַקעטע צווײַגן,
מיט אַ שוויפּטש,
רופט דיך פון דײַן פעסט־פאַרבויטער נעסט אַרויס:
עפן דײַן פענצטער,
עפן בלויז!...

און אַז ער וועט עפענען דאָס פענצטער צו אָט דער „באַצווונגענער" ווירקלעכקייט, וועט קומען דער ווינט פון אָט דער ווירקלעכקייט און —

ער וועט דיך אַרויפכאַפּן אויף זײַנע פליגל
און דיך טראָגן — — —

סעפּטעמבער, 1980

טיפער ניגון

(שלמה רויטמאַן — זײַן ליד און סאָנעט)

א

...דער ושבו בנים לגבולם, וואָס ציט זיך פון דעמלט ביז הײַנט און הערט אויף קיין רגע נישט אויף, האָט זיך געלאָזט און לאָזט זיך אָנזען אויך בײַ די ייִדיש־שרײַבערס פון דער גאָרער וועלט. איז דאָס געווען און איז דער נס פונעם איבערבלײַב, דער ווונדער פון צונויפנעם און די וואָר פונעם ווידערבלי. אָבער, דער אומגלייבלעכסטער נס איז דאָס, וואָס בשעת עס האָבן אויפגעבראָכן שפּאַלטן און שפּאַרעס אין דער שטאָלענער מויער פון סאָוועטישן לאַנד, האָט, דורך אָט די שפּאַרעס, זיך אַרויסגעריסן אַ שפּאָרע צאָל ייִדישע שרײַבערס און קינסטלערס, — פון צווישן די וואָס זענען נסימדיק ניצול געוואָרן פון דער דאָרטיקער פּאַרטיליקונג־האַק, — און עס האָט פון זיי אַ פלייץ־געטאָן מיט ייִדיש־יצירה ווי פון אַ ספּאָנטאַן־אויפגעבראָכענעם אונטערערדישן קוואַל.

איינער פון זיי, פון די ייִדישסטע און אייגנאַרטיקסטע, איז דער פּאָעט שלמה רויטמאַן.

דער באַזונדערער טעם פון זײַן פּאָעטיש וואָרט, די פּליסיקע ייִדישקייט־קאָמפּאָנענטן אין זײַן שיר, די בלחשדיקע טאָנאַציע פון זײַן לשון, און דאָס כסדרדיקע מכריז זײַן, אַז דער ניגון טאָר נישט און וועט נישט איבער־געריסן ווערן — דאָס אַלץ פירט אים צוריק, אין אָרגאַנישער באַהעפטונג, צו דער צײַט ווען ייִדן האָבן נאָך דאָרטן געטאַנצט, און צווישן זיי — זײַנע עלטערן. דערבײַ ווערן מיר זיכער, אַז דאָס איז בשום פּנים ואופן נישט קיין סתם בענקען נאָכן נעכטן, אַ מאָל, נײַערט אַ קעגנשטעלן זיך די אויסשנײַדערס און אויסמעקערס פונעם ייִדישן זכר. ש. רויטמאַן קלערט אונדז דאָס אויף אין זײַן ליד, זאָגנדיק: „ווער זאָגט, אַז דער ברומיקער באַס האָט געשוויגן? / דער באַס איז מײַן טאַטע, און טיף איז זײַן ניגון". גייט ער אין די פוסטריט פון אָט דעם טיפן ניגון, ביז ער קומט צו זײַן „גוט־מאָרגן"־סימפאָניע, אין וועלכער ער ווענדט זיך צום זינגער און זאָגט אים:

זינגער,
איז נאָך אַלץ דעם האַרצן דײַנעם ניט געוואָרן גרינגער,
נאַ דיר שטראַלן פון מײַן זון, ווי גלעטנדיקע פינגער.

(„דער לץ און דער ריטער", ז' 106)

איז דאָס גלעטנדיקע ליריק פון אַ זינגער, וואָס פאַרמאָגט, אָן שום ספק, אַ שפע שטראַלן, און מיט זיי גלעט ער ווי מיט לעבעדיקע ממשדיקע פינגער.

ב

אויב מען וואָלט געקאָנט ציִען אַ ליניע פון שרײַבער צו זײַן ווערק און פּרוּוון אויסגעפינען די קאָרעלאַציע צווישן די ביידע, דהיינו — סײַ זייער קעגנזײַטיק באַווירקן, סײַ זייער ענלעכן אויסזע, וואָלטן מיר, בײַ אַן עכטן קינסטלער, אָן שום שוועריקייטן אויסגעפונען די פּיזישע אידענטישקייט. אַוודאי איז שטאַרק באַקאַנט דאָס פאַרקערטע. אין גרעסטן טייל פאַלן, אַז מיר שטעלן זיך פאָר דעם אויסזע פון אַ שרײַבער לויט זײַן ווערק — אַרײַנגערעכנט לשון, סטיל און טעמע — און אַז מיר טרעפן זיך מיט אים פנים אל פנים איז די אַנטוישונג אַן אומאָפּפרעגנדיקע. אָבער, אין יעדן כלל, האָבן אונדז חז"ל געלערנט, איז דאָ אַ יוצא מן הכלל, און שלמה רויטמאַן איז, לויט ווי אונדז ווײַזט זיך אויס, איינער פון די יוצאים מן הכלל. אַז מיר לייענען שלמה רויטמאַנען און מיר הערן אַרויס פון זײַן שאַפן דעם טיפן דורותדיק־פאַרוואָרצלטן יידישן ניגון און טרעפן זיך אָן אויף ווערטער און פראַזעס וואָס רײַסן אונדז מיט מיט זייער פשטות, געפינען מיר אין זיי אַ פאַרקײַלעכדיקייט, אַ וויסן־רײַכקייט און אַ פאָלקישע גוט־שמייכלדיקייט, וואָס שפּיגלען אָפּ זייער מחבר און שטעלן אים אַוועק פאַר אונדזערע גײַסטיקע אויגן אַזוי ווי ער איז.

שפּעטער, אַז מיר באַקענען זיך מיט אים פערזענלעך, זעען מיר אַז מיר האָבן נישט געהאַט קיין טעות. שלמה רויטמאַן, מיט זײַן משכּילישפרײַנטלעך זיך באַנעמען און מיט זײַן יידיש־באַלעבאַטישער סטאַטור שטימט לחלוטין מיט זײַנע ווערק.

ג

וועגן דעם דיכטער שלמה רויטמאַן ווערט בײַ אונדז גערעדט און געשריבן ווי וועגן אַן אויסנעמלעכן יידיש־פּאָעט וואָס קומט פון יענעם לאַנד, וווּ ער האָט, כמעט איינער אַליין, זיך געלאָזט דאָרט גיין אויף אַ פאַרוואָרלאָזטן, פאַרוואַקסענעם וועג און — מיט אַן אייגן לשון, מיט אייגענעם סטיל און ניגון אויסגעזונגען זײַן יידיש ליד, דאָרט וווּ דער

ריטער איז גאָר אָפּט לץ און דער לץ — אייביקער ריטער. ווײַל איך נישט נאָכזאָגן דאָס געזאָגטע. וואָרעם נישט איינער פון די ייִדיש־פּאָעטן דאָרט האָט געפונען דעם וועג און דעם שליסל צו ייִדישער אייגנקייט, נאָר ווען ש. רויטמאַנס באַזונדערקייט האָט, נאָך מיט יאָרן קעריק בעת דער חלף איז געלעגן אויפן האַלדז פון יעדן יצירהדיקן וואָרט דאָרט, און בעיקר ייִדישן, געמוטשט די דאָרטיקע קריטיק בעל־כּרחה זאָגן „אמן" און אַפילו פאַרענטפערן זײַן „נייגונג צו ראָמאַנטישער קונסט" מיט דעם תירוץ, אַז... מען באַמערקט בײַ אים „אַ מין איינהייט פון ליטעראַרישער און פאָלקלאָר־רישער טראַנספאָרמאַציע" (ה. רעמעניק).

איצט, אַז ער איז דאָ ממשיך זײַן וועג, און שוין באַוויזן אַפילו דאָ אַרויסצוגעבן דרײַ לידער־זאַמלונגען: „דער לץ און דער ריטער", „מײַן ישראלדיק שופרל" און „סאָנעטן", וואָס זאָגן עדות אויף אַן אויסגעטראָ־טענעם נישט־געוואַקלטן גאַנג, מאַכט עס זיכערער דאָס גלייבן, אַז אַ דיכטער וואָס האַלט אַז דאָס גוטע מעשׂהלע קאָן נישט שטאַרבן, ווי ער זאָגט דאָס אין זײַנס אַ פּרי ליד, וועט דאָ שאַפן און שאַפט עכטע לידער־מעשׂהלעך, וואָס נישט נאָר וועלן זיי נישט שטאַרבן, אלא זיי גיבן צו און וועלן נאָך געבן זיניקע פאַבלדיקייט און באַרײַכערן אונדזער קונסט־פאַרמעגן מיט אָריגינעלע קלאַנגען און פאַרבן.

ד

שלמה רויטמאַן איז אין זײַן שאַפן אָנגעלענט, אָדער — אָריענטירט, אויך אויף דער קלאַסיק. בעת ער דערפילט אַז „פאַנען גאָלדענע פון קינד־הייט מײַנער ווייען", בעט ער: „דאָס מעשׂהלע דאָס ליבסטע בײַ האָמערן / פון פּילגעליטענעם און קלוגן אָדיסייען". פון דאַנען וועט אים שוין פירן צו דער געליבטער און געאָכפּערטער סאָנעטן־פאָרעם און ער וועט שוין אין זײַן בוך „דער לץ און דער ריטער" ברענגען אַ סאָנעטן־רינג „פון פּרוכטיקער ליבע".

זענען דאָס עלף סאָנעטן וואָס טראָגן די דאַטעס פון 1941 ביז 1944 — די שוידערלעכסטע און גורלדיקסטע תקופה אין לעבן פון זײַן פאָלק! — וואָס ווילן אָבער אויסרופן מיט געוואַגטקייט און האַרטנעקיקייט דעם ווילן צו לעבן. זענען טאַקע אָט די עלף סאָנעטן מבשׂר אַז עס וועלן קומען נאָך, דערווײַל אָבער, אַנטלויפנדיק אין זיי און דורך זיי פון דער גרויליקער וואָר צו... ליבע, צו מאַן־און־פרוי ליבע, און הייבט אָן:

דאָס גרינע קלייד רוישט אַלץ מיר, ווי אַ רעגן,
אַליין דער פרילינג האָט עס אויפגענייט פון גראָזן,

און אַנגעקליידט דיַין לײַב ווי אַ קאַיאַר אַ ראַזן,
און ס'איז דיַין יוגנט מיר אַרויסגעגאַן אַנטקעגן

(„דער לץ און דער ריטער", ז. 129)

טוט ער זיך לסוף אַ דערמאָן אין וואָס פאַר אַ צײַט ער לעבט פאָרט, און פירט אויס:

דער בייזער גײַסט האָט געוואָלט אײַנקריצן אין זין,
אַז ס'איז די גאַנצע וועלט ניט מערער ווי אַ מום,
אַז ס'איז די גאַנצע ערד ניט מערער ווי אַ תחום,
אַז ס'ליגט אין ווינקעלע פון יעדן האַרץ אַ שפין,

(דאָרט, ז. 139)

נאָר ער, דער ייִד, דער הומאַניסט, דער גוטער גײַסט, זאָגט דאָס פאַרקערטע:

ווער נעלם, בייזער גײַסט, דיַין וואָרט איז טויט און פּראַסט,
און אויף דעם שטאָל פון העלדנמוט ווילסט ווערן ראָסט,
נאָר ס'האָט די האָפענונג אין מיר ניט אָפּגעגרינט

(דאָרט, כנ"ל)

וועלן מיר דאַריבער געפינען אויף אַ גאַנצער זײַט פון אָט דעם בוך, פיר שורהלעך, אין וועלכע ער רופט־אויס פּאָעטיש זײַן כסדרדיק גרינען: —

אויב כ'בין אַ כמורע כמאַרע,
בין איך אַ רעגן אין גינען;
הײַנט — אַ זרע אַ דאַרע,
מאָרגן — אַ זאַנג אין גרינען.

(דאָרט, זייט 78)

ה

האָט די דיכטערזאַנג אין גרינען, שלמה רויטמאַן, אַרויסגעוויזן ווילן און עקשנות אַרויסצוברענגען אין אונדזער אַנטי־ראָמאַנטישער צײַט אַ גאַנצן באַנד סאָנעטן — העכער צוויי הונדערט!

איז פאַראַן אין זיי אַן אוצר פון לשון און רעיון, אין אָט די סאָנעטן, וועלכע ער האָט אײַנגעטיילט אין זעקס טיילן. זענען אפשר גערעכט די העברעיִשע פּאָעטן, וואָס רופן דאָס אַן טויער שטאָט טייל. וואָרעם דאָס זענען בפירוש טויערן, דורך וועלכע מיר גייען אַרײַן אינעם דיכטערס גערטנער און גיטער. יעדער טויער אין שלמה רויטמאַנס בוך „סאָנעטן"

פירט אַרײַן אין אַן אַנדער װעלט. אַרײַנקומענדיק אינעם ערשטן טויער, װעמען ער רופט אַן לאַטײַניש ars poetica (פּאָעזיע־קונסט) טרעפן מיר זיך באַלד אָן אַן אויסגעהאַמערטע סאָנעטן װאָס דערציילן װעגן „גאָרטן־גריל", װעגן „לירישן געדיכט", „טראַגעדיע", „ראָמאַנטיזם", „שלום עליכם", „יִדיש" „ח. נ. ביאַליק", „דער פּאַרכישופטער טראָמפּייט" און נאָך, און נאָך. דער צװייטער טויער עפנט פֿאַר אונדז די װעלט פון ליבע — איז דאָס אַ נאַטירלעכער המשך צו זײַנע אויבנדערמאָנטע ליבע־סאָנעטן. מיר האָבן דאָרט טאַקע, בײַם סאָמע אַרײַנגאַנג, דעם סאָנעט „דער לעצטער ריטער" און אַ קװאַליקן אויסגאָס פון ליבע־מאָטיװן. דער דריטער טויער עפנט פֿאַר אונדז אַ ישראל־פּאַנאָראַמע און ס'איז אונדז מקבל־פּנים אַ סאָנעט, װאָס טראָגט דעם נאָמען „סאָנעטן צו ישראל".

זענען מיר לחלוטין מסכּים מיטן מחבר, װאָס הייבט אַזוי אָן דעם דאָזיקן סאָנעט:

ישׂראל, ביסט װי יענער ערשטער אָטעם,
װען מ'װייסט אַליין נאָך ניט װי ער איז טײַער,
און אַז דערנאָך צו אָטעמען נאָך פרײַער
װעט קיין מאָל שוין אין לעבן ניט געראָטן;

ס'איז ריכטיק װי גאָלד!

דער פערטער טויער לאָזט אונדז אַרײַן אין... „אַ מאַראַנצן־סאַד אין הרצליה" און מיר באַגעגענען זיך דאָרט מיט „ישראלדיקעביימער", מיט „סאַברע־ביימער" (?), מיטן „חמסין", מיטן „סיני", און ביז מיר גייען אַרײַן אינעם 5טן טויער, כּדי זיך צו באַגעגענען דאָרט מיט „אייגענע און פרעמדע", לויפט אונטער דער טויער פון די „מעדיטאַציעס", װאָס עפנט זיך אויף מיטן „בעש"טס פעלצל" און שליסט זיך מיט... „אַפּשייד", װאָס זאָגט:

אַ דאַנק דעם ליבע־קריגל,
װאָס שעפּט זיך גאָר ניט אויס,
אַ דאַנק דעם קינדער־װיגל,
װאָס מאַכט פון קליין אונדז גרויס (ז' 217)

װי באַװוּסט שטאַמט דער סאָנעט פון איטאַליע און איז שוין אַלט אַ גוטע 700 יאָר. דאַנטע אַליגערי און פראַנטשעסקאָ פּעטראַרקאַ זענען פאַררעכנט פֿאַר די באַדײַטנדיקסטע אָנהייבער פון אָט דער שטרענגער און מושלמדיקער פאָרעם אין דער דיכטונג. און פון זיי, בײַטנדיק די טעמעס און די סטראָפע־פאָרמען, איז דאָס דאָזיקע ליד װאָס רופט זיך אין עברית

שיר זהב (גאָלד־ליד), ווײַל די אותיות ז׳ה׳ב׳ זענען בגמטריה 14, געגאַנגען פון לאַנד צו לאַנד, פון דור צו דור, און דערגאַנגען אויך צו דער ייִדיש־דיכטונג דורך די בעסטע מײַסטערס אירע, און אין אונדזערע טעג — גראָד דורך אַ דיכטער פון סאָוועטן־לאַנד. זאָל עס אפשר זײַן דער סימן פון אונדזער דויער און אויסדויער? אַזוי צי אַנדערש — שלמה רויטמאַן ווײַזט אונדז וואָס ער קאָן, און מיר באַוווּנדערן זײַן כוח־התמדה. ער איז אַפילו געגייגט אונדז צו לערנען און אָנווײַזן וואָס איז ער דאָס אַזוינס, דער סאָנעט: —

די ליבע אויסגעהויכט האָט דעם סאָנעט אַזוי,
ער זאָל באַזינגען זי און זײַן אין איר געראָטן,
ווי ברוסט צו ברוסט, איז פּערצנריפּיק זײַן געבוי,
און וואָרט אין וואָרט, ווי האַרץ אין האַרץ איז איינגעזאָטן.

(דאָרט, זײַט 5)

לערנען מיר אַרויס דערפון, אַז... פול און אָנגעפּילט איז ער מיט ליבע. עס דערמאָנט אונדז באַלד אָן ש. האַלקינען וואָס האָט דאָרט אַרויסגעזונגען, שוין אין זײַן מיטעלן עלטער, זײַנע וווּנדערלעכע ליבע־געזאַנגען „פרילינג אין מײַן האַרבסט" און אויך אין יענער צײַט („ערדישע וועגן", מאָסקווע, 1945, זײַטן 84—131). אָבער — מיר ווען נישט און ווילן נישט פאַרזען אויך די ייִדישע מאָטיוון פון שלמה רויטמאַן — די זיידעס, די פעטערס, דאָס שטעטל, ס׳געמיט, די מלאכה, די אַרבעט וואָס אין זײַן רעגיאָנאַלן לשון, באַהאָפטן מיט זײַנע טיף־ייִדישע ניגונים, ווײַזן, אַז דער הומאַניש־לירישער און מילד־ייִדישלעכער דיכטער האָט אויך, ווי אַנדערע דאָרט, אויסגעהאַלטן דעם פסוק „עם לבן גרתי", צוזאַמען מיט רשיס אויסטײַטש: כאָטש כ׳האָב געוווינט צוזאַמען מיטן געצנדינער לבן הארמי, אָבער מײַן ייִדישקייט האָב איך אָפּגעהיטן...

דערפאַר איז אַזוי טיף־ייִדיש זײַן ניגון און עכט זײַן בלחשדיק וואָרט. און ער אַליין? —

ווי מיר האָבן געזאָגט פריִער: זײַן ליבשאַפט צום מענטש, זײַן חברשאַפט, זײַן פּאַטאָס און התלהבות בשעתן רעדן ווי בעתן לייענען זײַנע אייגענע שאַפונגען, קאָרעלירן אינגאַנצן מיט זײַן פּאָעטישער יצירה.

אַזאַ איז שלמה רויטמאַן.

אין דער ריכטיקער צײַט

(צום דערשײַנען פון צבי שור'ס אַלבאָם בילדער און צייכענונגען)

דער מאָלער צבי שור האָט זוכה געווען אַז די ריכטיקייט פון זײַן קונסט־וועג זאָל באַשטעטיקט ווערן בעת עס דינט אים נאָך דער כּוח אָנצוגיין מיט זײַן שאַפן, בעת זײַן געבענטשטער פּענדזל געפינט זיך נאָך אין זײַן רוטינירטער זיכערער האַנט. דער חן פון זײַן נישט־בלענדנדיקער און נישט פאַרבלענדטער מאָלערײַ — ווײַל זי איז נישט אײַנגעטונקט אין די רעש־ און רויש־פאַרבן פון דער תקופה — האָט זיך נישט, חלילה, אָפּגעטון. און אויב אַ הײַנטצײַטיקער מאָלער, וואָס איבער אים און איבער זײַנע יצירות זענען אַריבער שטורמישע טעג פון געוואָגטע און אויך דורכגעפאַלענע עקספּערימענטן, קאָן אויך לייענען אויף זיך דעם פּסוק „עם לבן גרתי"... האָט ער, דוכט מיר, זוכה געווען צו עפּעס מער ווי בלויז דאָס אָפּהיטן דעם אייגענעם וועג. און ווי באַקאַנט, איז אָט דער פּסוק צבי שורס לעגיטימע פּאַן.

ווער עס געדענקט אים פון זײַנע ערשטע יאָרן אין לאַנד, בעת זײַן „ליפּט" איז זיך געשטאַנען ווי אַ הײַזקע אינעם הויף פון דער היסטאָרישער גימנאַזיע „הרצליה" אין דער דעמאָלטיקער קליינער תל־אביב, און זײַנע פריש־צאַפּלדיקע מאָלערײַען, אויף וועמען דעם מאָלערס בראשית־טריט זענען נאָך געווען קענטיק, האָבן באַצירט זײַנע ווענטלעך, וועט זיך זייער לײַכט דערמאָנען, ווי ס'האָט געשוועבט איבער זיי אַ צאַרטער וואָאַל פון טרויער, אַ מין פּחד פאַרן קומענדיקן. אפשר איז דאָס געווען ס'געפיל פון איינזאַמקייט, וואָס האָט זיך געראַנגלט מיט דער הפקר־פרייד וואָס האָט דאַן געהערשט בײַם יינגוואַרג פון דער יונגער שטאָט. און זי איז דאָס געקומען צום אויסדרוק אין די נחבא־אל־הכלימדיקע פאַרבן פונעם יונגן מאָלער. אָבער דער קינסטלער איז געבליבן געטרײַ זיך אַליין. ער איז נישט מיטגעשלעפּט געוואָרן מיטן שטראָם און דער צײַט. זײַנע אינערלעכע געראַנגלענישן האָבן אים נישט אַראָפּגעפירט פונעם וועג. צבי שור האָט איבער דער גאַנצער לענג פון זײַן וועג נישט באַצוווּנגען זײַן קונסט, נישט אָנגעטאָן זי אין מאָדעקייטן און זיך נישט געלאָזט פאַנגען פון די וואָס

האָבן מבשר געווען נײַע וועגן אין דער קונסט, כאָטש די צײַט האָט געטאָן אירס און אַ באַדײַטנדיקער טייל פון די אָנזאָגערס און זוכערס פון נײַע וועגן זענען דערגאַנגען צו ממשותדיקע און אַפילו צו גאָר גרויסע דער־גרייכונגען.

האָט גוט און קלוג געטאָן דער פּתח־תקוהער שטאָט־ראָט וואָס האָט גראָד איצט אַרויסגעגעבן אַן אַלבאָם מיט צייכענונגען און בילדער פון אָרטיקן לאַנגיאָריקן תושב, דעם מאָלער צבי שור.

אמת, דאָס אַרויסגעבן אַ זאַמלונג פון אַ מאָלערס ווערק, איז שטענדיק אַ דבר בעתו, ס׳איז קיינמאָל נישט צו פרי און אויך נישט צו שפּעט, אָבער אויב דאָס ווערט געטאָן נאָענט צו אַ שײַכותדיקער דאַטע אָדער געשעעניש, איז דער אויפטו אי פּאַסיק אי דערגרייכנדיק.

*

צבי שור ווערט הײַנט צו טאָג פּאַררעכנט פאַר דעם ארצישראלדיקסטן מאָלער. זײַנע מאָלערײַען פאַרנעמען בכבודיקע ערטער אין די מוזעומס אין לאַנד. זײַנע בילדער באַשײַנען די ווענט פון פּריוואַטע קאָלעקציאָנערן און קונסט־ליבהאָבערס. מיט איין וואָרט — ער איז באַקאַנט און באַרימט. אָבער, נישט בלויז דאָס, ער איז אין אַ גוטער שעה, אַריבערגעטרעטן די שוועל פון זײַנע 75 (עד מאה ועשרים!) — איז עס שוין אָן שום ספק די פּאַסיקע און געהעריקע צײַט דאָס אַלץ אָפּצוצייכענען ווי מ׳באַדאַרף. דער־פאַר איז דאָס אַרויסגעבן אַן אַלבאָם מיט דעם מאָלערס שאַפונגען — אין דער ריכטיקער צײַט.

*

די העכער 50 בילדער, וואָס רעדן צו אונדז אַרויס פון אָט דעם פּראַכטקן אַלבאָם, בעת זיי מאַכן אויס בלויז אַ קליינטשיקן טייל פון דעם מאָלערס קינסטלערישן פאַרמעג, פאַרכאַפּן דאָס אויג און דאָס האַרץ פון דעם וואָס קוקט זיך אין זיי אײַן, און זיי פירן אונדז אַרײַן אין אַ רײַכער פאַרבן־וועלט, אַ פולע מיט היסטאָרישע און איצטיקע ערטער פון דאָ און פון דאָרט — פון פּתח־תקוה, יפו, צפת, ירושלים און... פּאַריז — און צו אַ באַרג זכרונות. די באַזונדערע פּייזאַזש־ווינקלען פון פּתח־תקוה, וועמען עס הילט אײַן אַ הײַטל פון חלומדיקער צאַרטקייט, זעען אויס ווי לײַכט־שוועבנדיקע כמאַרעס וואָס שווימען אין בלוי־צעפלאַקערטע הימלען. די פּאָרטרעטן, — אויסגעפירטע אין קלאַסישן סטיל פון די בעסטע פּאָרטרעטיסטן, — דערציילן אין אַ קלאָרער און פאַרשטאַנדיקער שפּראַך, די טיפע איבערלעבונגען פון

די פּאָרטרעטירטע, בעת דאָס ערנסטמאַכנדיקע און שרעקעוודיקע רויט גיט זיך אונטער דעם ברוין־גרינלעכן קאָלירן־ניואַנס, וואָס טראָגט מיט זיך גוטסקייט, אָפּקילונג און זאָגט אָן שטילשטאַנד, רו. דאָס רעגיאָנאַלע און דאָס אַלגעמיינע אין זײַן שאַפונג, וואָס זענען ביידע בײַ אים איינס, שטעלן מיט זיך פאָר אַ קאָנגלאָמעראַט פון פּײַזאַזשן און פּאָרטרעטן, וועמענס ליכט און שאָטן נעמען אַרום איינס דאָס אַנדערע, זאָגן שירה און זענען מתפּלל אַ תּפילה זכה פאַר דער שלמות צווישן זיך און זייער שאַפער.

אַזאַ איז דער אויג־פאַרכאַפּנדיקער אַלבאָם און אַזאַ איז זײַן תּוכן.

מאַרץ, 1975

„אין אַזאַ פאַרנאַכט ווער איך נישט שטאַרבן"...

אַז דער דיכטער אריה שמרי האָט געשריבן זײַן ליד: „אין אַזאַ פאַר־נאַכט וועל איך נישט שטאַרבן", און מיר דאַכט, אַז דאָס איז נישט נאָר ליד, נײַערט שירה, גרויסער מקורותדיקער געזאַנג פון אַ דיכטער וואָס פאַרמאָגט אַ קלוג און פילבאַר האַרץ גלײַכצײַטיק, האָט ער נישט פאַר־שטאַנען דעמלט צו נעמען אין חשבון אַרײַן אויך אונדזער אַלגעמיינעם מצב. אריה האָט נישט געוווּסט און נישט פאָראויסגעזען אַז אין אַ רויִקן שבת־נאָך־מיטאָג, אַ צוויי־דרײַ טעג פאַר זײַן פטירה, וועט אין סאַמע האַרץ פון לאַנד פאַרגאָסן ווערן אומשולדיק בלוט, פון קינדער וואָס האָבן קעגן קיינעם נאָך נישט געזינדיקט, און אַז אָט דער שוואַרצער פאַרנאַכט וועט ברענגען מיט זיך אַ מלחמה, אַ קליינע טאָקע, אָבער אין איר קליינקייט וועט זי זייען און פלאַנצן פאַרלענדונג און טויט, טויט פאַר זיי און פאַר אונדז, און וועט אויך איבער זײַן קיבוץ נישט איבערהיפּן. דאָס אַלץ האָט אריה נישט געוווּסט. ווײַל בײַ אונדזער דיכטער, ווי בײַ אַלע אַנדערע דיכטערס אין אונדזערע טעג באַשטימט דער איך דער שרײַבער, איך דער זאָגער, דער איך וואָס ווענדט זיך צו זײַן גאָט.

און אַזוי האָט געזאָגט דער דיכטער פון עין שמר:

נישט מער ווי אַ מענטשנקינד בין איך
וואָס גייט פון שטויב צו שטויב
און זעט אין וועג די ווײַטע שטערן,
דאָך זאָג איך מיט העזה פון מײַן צער
אַ וואָרט אַ האַרבן:
אין אַזאַ פאַרנאַכט וועל איך נישט שטאַרבן.

אויב וועסט מיך לאָזן אויף מײַן שוועל
אָט אַזוי פאַרבאַרוועסט און פאַרשוועלט
מיט מענטשן, פלאַנצן, זאַכן,
מיט דער גאַנצער וועלט
אין כישוף־שטראָם פון פאַרבן — —

פאַרגיב, איך פּרוּוו צו זאָגן:
אין אַזאַ פאַרנאַכט וועל איך נישט שטאַרבן.

אָבער, צו אונדזער ווײי, געזאָגג באַזונדער און דיווירקלעכקייט באַ־זונדער. פלוצים, אומגעריכט איז לייב געפאַלן און פון אונדז אַרויסגעריסן געוואָרן. מיר זענען געבליבן דערשטוינט און פאַראַבלט.

שרײַבט צו אונדז צומאָרגנס פּראָפ׳ דב סדן יבדל״א:

„עפּעס אַזוי פלוצעם איז דער לייביש אויסגעריסן געוואָרן — אַז אויף אַ מינוט האָט עס מיך אַ טאָמל געטאָן, גלײַך עס וואָלט נישט געווען אַ מיתה בידי שמים. ער איז דאָך געווען אַ מנוסה ביסורים פון כלערליי סוגים — — — און האָט געהאַט אַ גבורת נפש, געפּראַוועט אין קיבוץ אַ שבת פאַרזיך, מיט אַלע תרי״ג אייגענע פליטערלעך — — — און פלוצעם. זאָגן: אַ בוים איז אויסגעריסן געוואָרן — איז נישט קיין גוזמא, אפילו זאָגן: אַ פּרדס איז אויסגעריסן געוואָרן — איז נישט קיין גוזמא״...

און איך, שטייענדיק אַנטקעגן זײַן אָרון דערשלאָגן און פאַרצערט, און דערמאָנענדיק זיך דעם זאָג פון ה. לייוויק אין איינעם פון זײַנע לידער אַז...
„דער דופק לעבט־אויף ערשט אין אָרון״ האָב זיך געוועגדט צו שמרין אין דער שפּראַך פון די שטומע און געבעטן בײַ אים אַן אויפקלער, אַן ענטפער, אַ זאַלב צו די ווייטיקן פון מײַן האַרץ.

— איז דאָ נאָך אַזאַ ווייטיק ווי אונדזערער?

און איצט, רעדנדיק דאָ פאַר אײַך בײַם אויסגיי פון זײַן „שבעה״, דערלויבט מיר ממשיך צו זײַן מײַן שטום גערייד, און זיך ווענדן צו אים, כאילו ער וואָלט דאָ זײַן צווישן אונדז. —

אריה!

לויט לייוויקן, — ווען דו האָסט אַזוי שטאַרק פאַרערט און פון ווען דו ביסט געווען אַזוי שטאַרק באַווירקט — זענען דאָך איצט דײַנע אויערן אָנגעשפּיצט צו דעם צער־געוויש וואָס גייט איבער די ברעגעס פון אונדזערע הערצער; מיר זענען דאָך געווען מיט דיר אַזוי בשמחהדיק פאַר־בונדן. הערסטו דאָך אים אַוודאי, אָט דעם רויש און רעש וואָס שלאָגט איצט אין אונדזער דופק, אינעם דופק פון דײַנע פרײַנד און קאָלעגן לויט דער פּעדער און דעם עלטער, וואָס ציטערן אַזוי שטאַרק וועגן גורל פון אָט דער וואונדערלעכער יצירה וואָס איז פרעמד און אומפאַרשטענדלעך אין דײַן אייגענעם הויז, בעת מיר האָבן תמיד געוווסט דיך צו שאַצן און אָפּשאַצן ווי איינעם פון אירע בויערס.

אַט זענען מיר עדות פון דער שוידערלעכער אָפּפרעמדונג וואָס הערשט איצט אין לאַנד און אין דער וועלט, אין דער ייִדישער וועלט וואָס ווערט אײַנגעשרומפּן פון יאָר צו יאָר, פון חודש צו חודש, פון טאָג צו טאָג, וואָס גייט און דערווײַטערט זיך פון די יהדות־קוואַלן און פון אירע ווערטן, — און דאָך נעסטעט אין אונדז די האָפענונג און דער גלויבן, אַז אין אַט דער שאַפונג ליגט די באַגלייביקע און מסירת־נפשדיקע בריק פאַר דער קולטור־גאַנצקייט אין אַלע ייִדישע ייִשובים. מיט דעם אַלעם פרעגן מיר זיך: דײַנע נײַן לידער־זאַמלונגען וואָס צוזאַמען מיט די שאַפונגען פון דײַנע היגע קאָלעגן, וואָס זייער וועג איז דײַן וועג און צוזאַמען שטעלן זיי מיט זיך צונויף דעם גרונט־שטיין און פונדאַמענט פאַר דעם באַזונדערן וווּנדער פון אונדזער צײַט — ישׂראלדיקע ייִדיש־דיכטונג! — וואָס וועט זײַן מיט זיי? —

דו וואָס ביסט געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן געזען די לייזער ציפּריסעס אין זייער אויפגאַנג, צוזאַמען מיטן אויפגאַנג פונעם נאַציאָנאַלן מאָרגן־שטערן אויף דער ערד פון אונדזער פאָטערלאַנד, און וועגן זיי האָסטו געזונגען דײַן הלל־געזאַנג אין ייִדיש — האָסטו אַ פאַרטרעטער, אַ יורש פאַר דײַן שליחות?

און ווער איז דאָס געווען דער וואָס האָט געוואָלט, און דווקא אין ייִדיש, מתקן זײַן דעם מענטש, די וועלט אין דער תקופה פון שנאה, צע־שטערונג, פאַרוויסטונג און... האָפענונג — נישט דו מיט דײַן פאָעמע „די פונקען פון תיקון"? און ווער האָט געזען אינעם „ייִנגל פון דיזשאָן", עטיען קאָבע, איינער פון די ערשטע אוטאָפּיסטן, — אַן אַנזאָגער און אַ פאָרויס־גייער פונעם קיבוץ און דער קבוצה אין לאַנד, — נישט דו? און פאַרוואָס? ווײַל דו ביסט איינער פון די ליד־קינסטלערס בײַ וועמען דער הײַנט גייט געאָרעמט מיטן נעכטן און ביידע צוזאַמען, דער הײַנט און דער נעכטן זענען מרמז און ווײַזן אָן דעם וועג צום מאָרגן. און אפשר טאַקע צו דעם האָט זיך מתכוון געווען דער בעל התהלים בעת ר׳האָט געזאָגט: יום ליום יביע אומר. וואָרעם דער וואָס קניפּט צונויף טאָג צו טאָג, תקופה צו תקופה, דער איז עס וואָס דריקט אויס און זאָגט.

און אויב דו ווילסט, איז עס אויכעט שליחות.

און דאָס מוז נישט זײַן אַזאַ מין שליחות וואָס עמעץ לייגט עס אויף דיר אַרויף בעל כרחך. חלילה. דאָס קאָן זײַן אַ שליחות וואָס דאָס האַרץ צוזאַמען מיטן מוח לייגן אַרויף אויף דײַן פעדער, אויף דײַן פּאָעטיש וואָרט, אויף דײַן ניגון. און מיר זעען דאָס באַשײַנפּערלעך ווי אַזוי אין דײַנע לעצטע לידער, אין וועלכע דו האָסט זיך באַפרײַט פון געוויסע

השפּעות, גראָד איצט, בעת אונדזער אָפּהענטיקייט האָט דערגרייכט ביזן אָפּענעם פּיסק פונעם תהום, קומסטו, דו, דער באַזאַכטער, דער פּאַרטיפטער און אין זיך אַרײַנגעטראַכטער, און דערשײַנסט ווי דער זינגער פון בונט און מאָנונג, פון טענות און מענות, און דײַנע רייד זענען קלאָרע, און דײַנע שורות הילכן.

נאָר לאָמיר צוריקגיין צו די ערשטע טעג. —

איך דערמאָן זיך ווי אַזוי דו האָסט געזונגען דײַן בכורה־ליד וועגן דעם שוין דערמאָנטן לייזער ציפּריס, און דו האָסט זוכה געווען צו אַן אומפאַרגלײַכלעכער העברעיִשער איבערזעצונג פון אונדזער חבר, דעם געפּאָנטן פּאָעט אברהם שלאָנסקי ז״ל, און מיר זענען געווען אַזוי שטאָלץ מיט דיר און מיט דײַן העלד לייזער, דער פּאַרטיזאַנער, וואָס לאָזט זיך פּאַר דער מחנה וואָס ציילן „ל״ו צדיקים / די אייביקע גייער, די קעמלען פון דור” —

און ס'איז געווען טאָג אויף די פעלדער פון כנען.

און צווישן אָט די גייערס און פּאַרטיזאַנערס האָבן מיר דערקענט דיך, אריה, דיך דעם משורר אריה שמרי. מיר האָבן פּאַרקריצט אין זיך דײַן זאָג: „ירושה, / און נישט ריס” — — ווער זשע וועט דיך ירשענען, דיך און דײַן יצירה?

דאָס און נאָך.

פון דעמלט אָן ביז דײַן לעצטן ספר געפינען מיר אין דײַנע קוויבערס, אין דײַנע גאַרבן און שײַערס אַ סך און פיל־פאַרביקע מאָטיוון, אַן אייגנאַרטיקע גראַם־שאַפונג, בעת ייִדיש און העברעיִש פּאָרן זיך אַזוי נאַטירלעך, און ס'איז דאָ אין זיי ריטעם, און לופט, און געבוי און פאָרעם וואָס העפטן זיך אַרײַן אינעם תוכן. און אַז דו שפּאַצירסט מיט זיי אין דײַן גן־אדם ביסטו זיי אַלע מצרף צו איין גאַנצקייט און דו פירסט זיי בעתן אַקערן און זייען, בעתן שנײַדן און פרוכט־רײַסן, אין פריידן און אין טרויערן, אין דורכפאַלן און אין דערגרייכונגען, און אין שפע — אין אַן אומבאַגרײַפלעכער שפע. און ווער ווי דו, שמרי, האָט אַזוי שפּעדיק געפלעגט און אָפּגעהיטן דעם ייִדישן ניגון אויף דעם ארץ־ישראלדיקן באָדן, און מיט אַזוי־פיל מי, כוח, חן און ברייטן דיאַפּאַזאָן?

און אָט ביסטו דערגאַנגען צום סוף פונעם וועג און אַז דו דערפילסט אַז דער סוף דערנענטערט זיך, און דאָס ווערט דיר וויסיק און קלאָר, זאָגסטו אָט די רייד ווי אַ ווידוי:

דאָס ביסל צײַט וואָס האָסט מיר געגעבן
אַדורכצוגיין אַלייען פון יאָרן,
זי סטײַעט נישט פאַר מײַן דאָרשטיקן לעבן,
פאַר מײַנע טרוימען און מײַנע וואָרן.

אָבער נישט נאָר דאָס. דײַן גאַנץ בוך „אויף גרינעם פּאַרמעט" איז שוין פול דערמיט. האָסטו טאַקע זוכה געווען אַרויסצוברענגען אויף די גרינע פּאַרמעטן פון דײַן דאָרף, אויף די פעלדער פון דײַן קיבוץ, די צײַטיקסטע לידער דײַנע, די שלימהדיקסטע, די שענסטע. וואָרעם אין דעם בוך ביסטו אינגאַנצן דו. אין אים לעבסטו אַ פול און גאַנץ לעבן. דאָ שפּאַנט דײַן גורל. דאָס איז ס׳ערשטע מאָל וואָס האָסט אַראָפּגענומען פון דײַנע אַקסלען, און פון די אַקסלען פון די לידער דײַנע, דעם פּאַנצער פון פאַרהוילנקייט, פון מיסטעריע, ביז דו וואָגסט שוין אַפילו צו מאַכן אַ חשבון מיטן באַשעפער. דו שרײַסט. דו ווענדסט זיך דירעקט צו די הימלען און פרעגסט אפילו נישט ווי עס האָט זיי געפרעגט אונדזער נאַציאָנאַלער פּאָעט, צי עס איז אין זיי דאָ אַ גאָט און צי פאַרמאָגן זיי שטעגן צו אים: —

די גאַנצע ערד איז איצט עקדה
און יעדער בוים קאָן זײַן אַן אָרון.
בײַם וויגל וואַרט שוין דאָס צעשיידן
קאַזאַרמעס וואַרטן אויף קינדער־יאָרן.
אַווו דײַן ברית פון בין הבתרים
די נצח־ברכה פון דײַן גומען?
אויך א טרער פאַלט שוין נישט אויף קברים
מען שפּרייט בלויז אויס די קאַלטע בלומען —
טאָ וואָס זשע זאָגסטו נצח, דויער?
איך קלאַפּ מיט טרערן אויף דײַן טויער.

האָסט נביאות געזאָגט און געוווסט וואָס: אויך אויף דײַן פרישן קבר איז קיין טרער נישט געראָנען, מען האָט בלויז אויסגעשפּרייט קאַלטע בלומען...

און דו, דיכטער, נישט מיט די הענט דײַנע און נישט מיט קיין אײַזן־שטאַנגען און אויך נישט מיט קיין האַלץ־פלעקער קלאַפּסטו אויפן טויער פונעם האַר פון דער וועלט, נײַערט מיט טרערן. בלײַבט מיר מער נישט איבער ווי צו קלאַפּן און שטורעמען מיט מײַנע טרערן אויפן טויער פון דער אומה און זיך בעטן: אָנאָ, דערלויב, דערמעגלעך איינעם פון דײַנע

משוררים — דײַנע ליבהאָבערס, אַרײַנצושפּאַנען אינעם טויער פֿון דײַן אוצר. און נעם אים אַרײַן אינעם אַרײַננעם פֿון לעבן צווישן אַלע דײַנע שאַפֿערס, ווײַל אָט דער מענטש איז דערצו ראוי און ס'זענען ראוי דערצו זײַנע שאַפֿונגען.

און כ'האָב נישט דעם מינדסטן ספק אַז אַזוי וועט עס זײַן און דײַן נאָמען, אריה, וועט אייביק לעבן.

(אַ וואָרט אויפֿן יזכור־אָוונט אין קיבוץ עין־שמר, ביים סוף פֿון דער שבעה)

מאַרץ, 1978

דער פּרײַז און זײַן נאָמען

א

אַרום דער פֿראַגע, וואָס איז אַזוינס אַ ליטעראַטור־פּרײַז און וואָס איז מען מיט אים אויסן — ד. ה. צי מיינט מען מיט אים און דורך אים אָפּצו־דאַנקען דעם שרײַבער פֿאַר זײַנע ביז־איצט געשאַפֿענע ווערק, צי גאָר אים דערמוטיקן, סטימולירן צו ווײַטערדיקע שאַפֿונגען — וועגן דעם איז שוין זייער אַ סך גערעדט און געשריבן געוואָרן, גאָר קלאָר האָט אָט די פֿראַגע אויפֿגעהויבן און זי אויך געפּרוווט פֿאַרענטפֿערן אויף זײַן דרך, אונדזער טײַערער בר־סמכא פּראָפֿ' דב סדן. ווער איך זיך, פֿאַרשטייט זיך, צו דעם איצט נישט אומקערן. אָבער, אַזוי ווי פּרײַזן זענען אויף אַ „נאַטירלעכן" אופֿן פֿאַרבונדן מיט מטבעות — אַמאָל גרעסערע, אַמאָל קלענערע — (לאָמיר זיך גוט אײַנהערן: מיר זאָגן שוין נישט פּריזן, נאָר... פּרײַזן!), וועלן מיר זיי טאַקע פֿאַרגלײַכן צו מטבעות. אַזוי ווי אַ מטבע פֿאַרמאָגט צוויי זײַטן, וויניקסטנס, אַזוי אויך אַ פּרײַז: ער איז אי פֿאַרגיטיקונג אי דערמוטיקונג. וויל איך זײַן רעאַל און עס אַזוי זען, האָפֿנדיק אַז אויך מײַנע צוטיילערס זענען אויסןביידע משמעותן...

אַנדערש אָבער, אַסך אַנדערש איז דער נאָמען פֿון אַ פּרײַז. דאָ קאָן שוין נישט געמאָלט זײַן וועלכער ס'איז פֿאַרגלײַך און אַוודאי און אַוודאי נישט קיין נאָרמאַטיווע אָנווענדונגען.

וואָרעם קודם כל איז באַקאַנט און באַוווּסט, אַז פֿאַנדן פֿאַר פּרײַזן און סטיפּענדיעס ווערן צום מערסטן אויפֿגעשטעלט, עטאַבלירט, ווי מ'רופֿט דאָס בײַ אונדז, פֿון פּריוואַטע פּערזאָנען, וואָס נישט תמיד האָבן זיי, אָדער די מענטשן וועמען זיי האָבן געוואָלט דורך אָט דעם פֿאָנד פֿאַראייביקן, געהאַט וועלכע ס'איז שייכות צו ליטעראַטור, מאָלעריַי אָדער מוזיק. דער בעסטער בײַשפּיל קאָן אונדז דינען דער פּרעסטיזשסטער פּרײַז אין דער וועלט,

וועמען עס האָט געלאָזט אויפשטעלן איינער אַלפרעד בערנהאַרד נאָבעל, דער דערפינדער און פּראָדוצירער פון ניטראָגליצערין און אַנדערע פּאַר־דאַרב־מיטלען, כדי איין פאָלק זאָל קאָנען דאָס אַנדערע וואָס „עפעקטיווער" אומברענגען. עס זענען אָבער פאַראַן פּרייזן וואָס טראָגן אויף זיך נעמען פון גרויסע, גײַסטרײַכע פּערזאָנען, ווי פון שרײַבער, מאָלער, מוזיקער, וואָס אַז מ'דערמאָנט אַזאַ נאָמען אויף וועמען מען קאָן פּאַראַפראַזירן דעם זאָג פון די חכמי־הקבלה מיטן אר"י בראש, אַז מיט יעדן וואָרט־שאַפן באַשאַפט ער גלײַכצײַטיק מלאכים, האָט איר אַפּט דאָס געפיל, אַז אָט די מתנות מלאכים זײַנע רינגלען אײַך אַרום, טוען אײַך אָן זייערע פליגל און העלפן אײַך זיך דערהייבן צו הייכן... ווערט פון אַזאַ נאָמען אַליין גוט אויף דער נשמה און לײַכט אויפן האַרץ.

וועט זײַן אויפן אָרט זיך צו באַוואָרענען און זאָגן: איך האָב נישט בדעה דאָ איצט צו קוואַליפיצירן אָדער קלאַסיפיצירן פּרײַזן בײַ אונדז, לויט די נעמען וואָס זיי טראָגן. כ'וויל בלויז באַמערקן, אַז כשם אַזוי ווי עס זענען פאַראַן פּרײַזן וואָס זיי אַליין זענען דער עיקר און נישט דווקא דער נאָמען וואָס זיי טראָגן, און פונקט אַזוי ווי עס זענען דאָ פּרײַזן וואָס גראָד זייער נאָמען איז דער עיקר און נישט דער על מנת לקבל... כּן אַזוי זענען פאַראַן פּרײַזן וואָס דער נאָמען רופט בײַ אונדז אַרויס אַסאָציאַציעס און ברענגט אונדז זיך צו פאַרטראַכטן, אַרײַנצוטראַכטן, נאָכצוטראַכטן.

ב

אַ נאָמען, ווי אַ ריח, ווי אַ ניגון איז בכוח אײַך צו דערמאָנען אין זאַכן, וועלכע איר האָט שוין לאַנג פאַרגעסן, אָדער, צוליב טאָג־טעגלעכע דאגות וועגן זיי נישט געטראַכט. דאָס איז אויך חל אויף אַ נאָמען פון אַ פּרײַז.

אַ פּרײַז וואָס טראָגט דעם נאָמען פון אײַערס אַ פּערזענלעכן פרײַנד, אַ לײַבלעכן חבר וואָס איז דערצו אַ גײַסטיקע העכערקייט, קאָן אַוודאי און אַוודאי דערמאָנען, און קודם כל אַז... דאָס איז אַ פּרײַז און מערער נאָך, ס'איז אַ נאָמען און אַ סך מערער.

אַ ריח.

ווער עס וווינט אין פּרדסים־געגנטן אין אונדזער לאַנד און זעטיקט זיך יאָר־יערלעך אָן מיטן ווונדערלעך־פאַרשיכּורנדיקן ריח פון מאַראַנצן־בלי אין חודש אדר, צי אַפילו ניסן, דער וועט שוין קיינמאָל דעם פּרדס נישט פאַרגעסן. די געגנט נישט פאַרגעסן, די איבערלעבונגען וואָס אָט

דער פרילינג־ריח ברענגט קיין מאָל און אין ערגעץ נישט פאַרגעסן. אור־מעטום, און ווען אַט דער ריח וועט אים אָנטקעגנקומען, וועט פאַר זײַנע אויגן אויפשטיין און אויפלעבן יענע צײַט ווען ער האָט זיך מיט אַט דעם ריח אָנגעזאַפּט.

אַ ניגון.

איר גייט אין גאַס, איר שפּאַצירט אין דער נאַכט, און איר דערהערט פּלוצים אַ ניגון. עס גיט אײַך אַ צופּ בײַם האַרץ: אוי, דאָס איז דאָך מײַן טאַטנס ניגון. כהרף עין זיצט איר שוין בײַם שבתדיקן טיש. דער טאַטע, די מאַמע, די זעקס־זיבן קינדער אַרומען טיש. די ליכט ברענען און אײַך ברענט אונטער די טריט: די אָרגאַניזאַציע רופט, עס רופט דער יוגנט־קלוב, דער שומרישער קן.

אַ נאָמען...

אַ נאָמען, אויב ער האָט געהאַט פאַר אײַך אַ העכערע באַדײַטונג, האָט איר אים אָנגערופן שם. שם איז גאָט: השם יתברך וועט העלפן... שם און בעל־שם האָבן פאַרנומען דעם אויבנאָן פון אונדזער לעבן. דער פאָלקלאָר אונדזערער איז פול מיט שם. מיר רעדן שוין נישט וועגן דעם גרויסן באַרימטן ר׳ ישראל בעל־שם, צי וועגן דעם בעל־שם ר׳ אליה פון מײַן שטאָט. אין זייער אַ סך פאָלקסלידער שמט ער דער שם. און ה. לייוויק — בעת ער טרייסלט אונדז אויף מיט זײַן ליד אין וועלכן ער דערציילט וועגן געשמיסענע לײַבער, גיט ער צו, אַז צווישן זיי איז געלעגן זײַן געשמיסע־נער שם. גייט מיר נאָך פון קינדווײַז אויף אַ ליד, וואָס אָרעמע, פּאַריאַושטע מיידלעך האָבן געזונגען אויף אונדזער גאַס און דערבײַ זיך באַגאָסן מיט ביטערע טרערן: „כ׳האָב אַמאָל אַ שם געהאַט פאַר אַן אָרענטלעך מיידעלע, / דער שם איז געווען טײַערער פון גאָלד, אוי, וויי!״

האָבן מיר, אריה שמרי און איך, שפּאַצירנדיק אַמאָל בײַם תל־אביבער ים־ברעג און אַמפּערנדיק זיך איבער פּראָבלעמען וואָס זענען דעמאָלט געשטאַנען ברומו של העולם, זיך אויך געשפּאַרט און זיך מתווכח געווען אַרום די דעמאָלטיקע „בעלי שם״, וואָס האָבן צעריסן און צעשיידט פעל־קער און מענטשן אויף מחנות, אויף וועלטן. און אַז אונדזער שפּאַציר האָט זיך פאַרצויגן ביז אין די גרויסע שעהען פון ערב טאָג, האָב איך, אַהיים־גייענדיק, דערזען פאַר זיך מײַן טאַטן ר׳ איטשעלע עליו השלום אין אַ תיקון־נאַכט, אודאי תיקון ליל שבועות געווען, לויכטנדיק אינעם געאַמפּער מיט זײַנע „בעלזער״ חברים איבערן מדרש „כפה עליהם את ההר כגיגית״...

אַז כ׳האָב דערוואַכט פון אָט דער זעונג האָב איך דערפילט די קראַפט פון אריה שמריס מוסר־און תיקון־וואָרט, וואָס האָט שפּעטער אַרויסגעשײַנט פון זײַן ליד, מיט „יאָך און תוך״.

אין יאָרן אַרום, אינעם אָנהייב־ליד צו זײַן ספר „דאָס ייִנגל פון דיזשאָן״, ווענדט זיך שוין, דער דיכטער, צו זײַן היסטאָרישן העלד עטיען קאָבע און זאָגט אים:

ס׳האָט ווער אַ פאַקל געבויגן צו מײַן ברעם
מיט פײַערן אי סודיק אי באַקאַנט,
ביז דערזען האָב איך: עטיען קאָבע — אַ שם
מיט רויט פון מאַרגנשײַן לויכטן אויף דער וואַנט.

איז עס מער ווי נאַטירלעך, אַז בעת עס גייט אַ רייד וועגן צוטיילן אַ פּרײַז וואָס טראָגט אויף זיך דעם נאָמען אריה שמרי, עס זאָלן זיך אויפֿוועקן הוריות און זכרונות, פאַרוויקלטע און פאַרקניפּטע מיט זײַן נאָמען, מיט זײַן שם.

ג

וואָס זאָגט אונדז, וואָס זאָגט מיר אָט דער נאָמען?
לאָמיר זיך דערמאָנען: —

אריה שמרי איז געווען אַ געטרײַער, איבערגעגעבענער זון פון ייִדישן פאָלק, פּונקט ווי ער איז געווען אַ געטרײַער, גלייביקער, איבערגעגעבענער חבר פון זײַן שטרענג־העברעיִשן קיבוץ עין־שמר, וווּ ר׳האָט אויפגעשטעלט און געפירט אַ פאַרצווײַגטע, פאַרוואָרצלטע שמרי־משפחה, אָן עין הרע, געאַרבעט און געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זײַן אַרבעט ביז גרויסער מומחהדיקייט, און דערבײַ געשאַפן אין ייִדיש הויכע, פּאַטעטיש־מאָראַלישע און סאָציאַל־דידאַקטישע לידער און פּאָעמעס, מיט שמרישער אײַנגעשפּאַרטקייט און מיט אַ שפע, וואָס האָבן אים אויסגעטיילט מיט אַ באַזונדערקייט און מיט אַן אייגענעם דרך. ער האָט געשאַפן אַ שלל לידער אין וועלכע דער מענטש, דער ייִד־מענטש, איז דער עיקר העיקרים. ליבע, לאַנדשאַפט, פּראָטעסט, מוסר, היימווי צום דאָרט און איבערנאַטירלעכע אַרײַנלעבונג און אַרײַנפלעכטונג אינעם דאָ, אין באַנײַטן פאָטערלאַנד, זענען די הויפּט־ניגונים פון זײַן שירה. און כאָטש זײַנע פאַרעפנטלעכטע לידער ציילן זיך אין מער ווי אין 900 בוך־זײַטן, זענען מיר נישט אַזוי פאַרכאַפּט פון אָט דעם כמות ווי פון דער איכות, פון דער קוואַליטעט פון

זײַן ליד, פֿון זײַן לשון, פֿון זײַנע אימאַזשן וואָס באַשײַנען אונדזער פּאָעזיע. אריה שמרי האָט אין זײַן שאַפֿן אָפֿט מאָל דערגרייכט הויכע נאַציאָנאַלע מדרגות. אויך אין זײַן אויסטענהן זיך מיט דער סביבה וואָס רינגלט אים אַרום, מיט דער וועלט, מיט וועלט־הערשערס און פֿירערס, האָט ער נישט איין מאָל דערגרייכט דעם אויסקלונג פֿון אַ מוכיח בשער, פֿון אַ שטראָפֿער און מאָנער. און נישט נאָר צו די „בני־אדם" אין ווען „גן" ער שטעלט זײַנע טריט און דערזעט דאָרט „דעם סוד פֿון פּײַן און סוד פֿון וואַקסן", און ווענדט זיך „צו דיר, וואָס ביסט נאָך נישט פֿאַראַנען, / וואָס קיינער ווייסט נאָך נישט דײַן נאָמען"... נאָר אויך צו אים, צו כביכול, טוט ער אַ זאָג מיט אומפֿאַרגלײַכלעכן מוט און כוח, אין זײַן ספֿר „אויף גרינעם פֿאַרמעט": —

ס'האָט זיך אָנגעזאַמלט ערדס געשריי
און אין מײַן אָדערוועב זיך טיף פֿאַרפֿרעסט.
צווישן טויזנט איובס אין אַ ריי
שטיי איך פֿאַר דײַן בלאָער הימלנעסט.
פֿאַר יעדער בריאה אין געווימל
מאָן איך אַצינד מיט פֿויסט און נעגל.
מיך קלעמט די בלאָקייט פֿון דײַן הימל
אַריבער מײַן צעפּליקטן זעגל.
איך קום — אַ צעבונטעוועטער שקלאַף —
שאָקלען די זײַלן פֿון דײַן באַשאַף.

ד

און די צווייטע זײַט פֿון דער שמרי־געשטאַלט —

דאָס אינטים חברישע צווישן אונדז, דאָס ידיד־נפשדיקע? און דאָס באַטייליקן זיך זײַנס אין די ליטעראַרישע אויסגאָבן, ווי אַ שטייגער „שטאַמען" א.אַ. ווו דער נושא בעול בין איך געווען, אָדער — מײַנס אין דער אַנטאָלאָגיע און אין „ישראל־בוך" פֿאַרלאַג ווו דער טוער, אויפֿטוער און באַשטימער איז שמרי געווען — האָט זיך דען דאָס נישט אײַנגעקריצט אין אונדזערע נשמות און הערצער, אויך אַז אונדזערע מיינונגען זענען נישט תמיד געווען אידענטיש און די כאַראַקטערס אונדזערע — פֿאַרשידענע? און אַז דאָס אַלץ גייט איבער פֿון לעבעדיק שאַפֿעריש לעבן און קאָלעגיאַל מיטלעבן און ווערט פֿאַרוואַנדלט, — ווען אַפֿילו מיטן העכסטן ווונטש פֿון פֿאַראייביקונג — אין אַ שם פֿון אַ פּרײַז, קאָן פֿאַרשטילט ווערן דער ווײ־

געשריי נאָך אַזאַ שעפּעריש ווערן, וואָס וועט שוין מער נישט זײַן צווישן אונדז?

פאַרוואָר, דער דיכטער פון טענה און תוכחה, פון מוסר און תיקון, פון פלאַנצן און פלאַנצערס, דער פאַנטעזיסט אויף אייגענעם שטייגער, האָט צוזאַמען מיט זײַנע אין־אײַך־טיף־אַרײַנקוקנדיקע אויגן אויך פאַרמאַכט און פאַרחתמעט דעם שפּרודלענדיקן קוואַל פון זײַן שירה, פון זײַן אייגנאַרטיקן זאַנג־געזאַנג.

זאָל זײַן אַז אריה שמרי האָט דאָס געגעבן פאַרגעזען און דאָס אונדז מיטגעטיילט דורך זײַן ליד, ווו ער זאָגט:

> אויך אויף מיר קומט די שעה פון זכרונות.
> אַזוי זאָגט דער געביטער פון יאָרן.
> אַלץ וואָס יונג איז, און שיין איז, און טרוים איז
> מוז ווערן זכּרון!

מעג איך, קאָן איך אין דעם פאַרגעסן?

דערפאַר בעת איך נעם אײַך אַרום מיט דאַנק פאַרן אָנטיילנעמען אין אָט דעם אָוונט, ווײַנט אין מיר דאָס קול, מיטן ניגון און וואָרטצייכן פון „חבל על דאבדין" און אָננעמענדיק דעם פּרײַז מיט כבוד וואָס איז זיכער אויסגעמישט מיט אַ שמץ גאווה, הייב איך אויף מײַן כוס לעלית זכרו פונעם פּאָעט אריה שמרי, דעם חבר און פרײַנד, ייִד און מענטש, וואָס דער אבן־טוב פון זײַן דיכטונג וועט אַרויסלײַכטן און אַרויסשײַנען פונעם אוצר פון דער אַל־ייִדישער יצירה ווי זײַן שם־טוב.

(געהאַלטן אין בית־לייוויק, בעתן באַקומען דעם שמרי־פּרײַז, יוני, 1980)

דער צווייִשפּראַכיקער שלמה שנהוד

צו זײַן באַערט ווערן מיט דער מאַנגער־פּרעמיע

א

דער נאָמען און דאָס ווערק איציק מאַנגער לײַכטן־אויף און באַלײַכטן די גראָע שעהען פון אונדזער לעבן. באַזונדערס אין מינוטן פון דערמאָנונג. נישט אומזיסט האָבן ייִדן־חסידים אין התלהבותדיקער דערהויבנקייט געטרונקען „לחיים" בעת אַ יאָרצײַט נאָך אַ „גוטן ייִד". אָדער בײַ אַן אַנדער דערמאָנונג־געלעגנהייט. אַז נאָך אַ רבין אַזוי, איז דאָך נאָך אַ דיכטער אוודאי און אוודאי, מחמת עס טוט דאָך אַ שוועב פאַר די אויגן די אותיות פורחות פונעם ליד און — אין אונדזער פאַל — פון די מקורותדיקע טיף־ייִדישע און אָרגאַניש־אַלמענטשלעכע לידער מאַנגערס, און מיר דערפילן מיט אַלע אונדזערע רמ"ח און שס"ה, אַז מאַנגער איז בפירוש „נישט שולדיק געווען" וואָס ליד גראַמט זיך מיט ייִד... עס איז פּשוט אַ זיווג מן השמים, און אָט דער זיווג טאָקע איז געווען איינע פון די אַן אַ שיעור אינספּיראַציעס וואָס האָבן דערהויבן מאַנגערן צו די אומגעהייערע הויכקייטן.

דער פּרײַז וואָס טראָגט זײַן נאָמען און די צוטיילונג זענען די אומ־פאַרגלײַכלעכע רגעס פון אָט דער דערמאָנונג.

ב

איינער פון די וואָס האָבן זוכה געווען, אַז בעת דער 11טער צוטיילונג פון פּרײַז אויף מאַנגערס נאָמען און אין זײַן זכר, זאָל ער מיט אים באַקריינט ווערן איז דער דיכטער וואָס זינגט אויס דאָס ייִדישע ליד אין ביידע לשונות אונדזערע, און גיסט איבער פון איין לשון אין אַנדערן — שלמה שענהויט — שנהוד.

דאָס אָטעמען מיט ביידע נאָזלעכער, כמאמר מנדלי, איז בײַ אונדז קיין מאָל נישט געווען קיין חידוש, קיין נאָווינע, און די זײַלן פון דער נײַער ייִדישער און העברעיִשער ליטעראַטור, ביז דער „מאָדערנער" — אפילו בעת דעם ריב הלשונות, — האָבן געשאַפן אין ביידע שפּראַכן, ווייניקסטנס — פון ביידע געווען באַווירקט. עס זענען אָבער, צו אונדזער

גרויסן באַדויער, געווען אַ סך, אַ סך אויסנעם־פאַלן, וואָס זענען געקומען ווי באַגלייט־דערשיינונגען צו דער קריגעריי און צערייסונג, צו דער דער־ווייטערונג און אַנטרינונג פון יסודות און התנהגות, און מיר האָבן זיך דערזען ווי צוויי מחנות.

נאָר גראָד דעמלט, אין די טעג ווען עס האָבן געווילדעוועט די שׂנאה־ און טעראָר־לײַט פון „גדוד מגיני השפה", איז געשען איינער פון די אַזוי־פיל ארץ־ישׂראל־ווונדער, און צו דער אויפגעקומענער אין יאָר 1928 ייִדיש־שאַפנדיקער גרופּע, מיט זייער אין ירושלים אַרויסגעגעבענעם „אָנהייב", האָבן זיך מצטרף געווען אויך צוויי־פּראַכיקע שרײַבערס, ווי דניאל לייבל (אלכסנדר), שמחה פּיעטרושקאַ, דער איבערזעצער פון דער משנה, אהרן קאָווע, י. ח. בילעצקי א. א. און אַביסעלע שפּעטער האָט זיך גאָר באַזונדער אַרויסגעבולט דער יונגער צוויי־שפּראַכיקער דיכטער שלמה שענהויט — שנהוד.

ג

שלמה שענהויט האָט צושטייער געגעבן די „אָנהייב"לער זײַנע אַן אָריגינעלע ייִדישע לידער־זאַמלונג א. נ. „צווישן בלאָ און ים" (1939). דאָס איז געווען אַ באַשיידענער אַרײַנגיי אין דער דעמאָלט יונגער, ייִדי־שער ליטעראַטור אין ארץ־ישׂראל. דאָס דאָזיקע געזאַמל האָט פֿאַרמאָגט מער צוזאָג ווי צײַטיקייט, מער אָנזאָג ווי אויסגעשטאַנענקייט, אָבער, אָט דער בלויער צוזאָג בײַם חיפהער ים האָט געגלעט און געווייעט ווײַל צוזאַמען מיטן נאַטירלעכן היימווײי־ניגון פון אַ נײַעם עולה: — די מאַמע, דאָס שטעטל, די ערשטע דורכגעלעבטע 25 יאָר זײַנע און דער פּחד פאַרן מאָרגן — דעם אייגענעם און דעם כללדיקן — האָט ער שוין געזונגען ליבע־לידער צום לאַנד, געשווירן דעם געטרײַקייט און דערקלערט: „מײַן לאַנד, / איך קען אַזוי שווײַגן / ווי ס'שווײַגט דײַנס אַ שטיין / אין פעלד, / און מיט פאַרקלעמטע ציין ווי דו / וואַרטן אויף טאָג". („צווישן בלאָ און ים", ז' 53). און וואַרטנדיק אויף טאָג האָט ער דערווײַל, צו זײַנע נאָך געבונג יונגע ייִדיש־לידער, געשליפן און געפּײַלט זײַן נײַ העברעיִש־ליד, וואָס האָט דערנאָך אַ זונג געטאָן מיט שטראַלונג און טרויער, („שירי העצב הקורן") און זיך אויסגעזונגען אַ וועג צום היכל פון דער נײַ־העברעיִשער שירה אין ארץ־ישׂראל.

האָט דער פאַל שלמה שנהוד באַוויזן, אַז ביידע שפּראַכן אונדזערע קאָנען ווידער הויזן צוזאַמען און זיי קאָנען ווירקן און באַווירקן איינע די אַנדערע, אפילו בעת הינטער דעם העברעיִשן לשון שטייט אַן אָרגאַני־

זירטע געזעלשאַפט מיט אַלע אירע הילף־מיטלען און אינסטיטוציעס און הינטער דעם יידישן — כמעט בלויז איסורים און פאַרניינונג; איינע קאָן דער אַנדערער אַ סך געבן, און איינע בײַ דער אַנדערער — אַ סך נעמען.

ד

דער דיכטער שנהוד האָט זיך, ווי באַקאַנט, אַרויסגעוויזן פאַר איינעם פון די אויסגערופנסטע איבערזעצערס פון יידיש אין העברעיש. בשעת עס זענען דערשינען, אין זײַן איבערזעצונג, יעקב גלאַטשטיינס אויסגעקליבענע פּאָעטישע יצירות א. נ. „מכל עמלי" (פון מײַן גאַנצער מי), האָט די העברעישע פּרעסע אין לאַנד אים באַרעגנט מיט שבחים, אַזש איינער אַ קריטיקער האָט אים באַצייכנט ווי דעם „אשף הלשונות" — כשוף־מאַכער פון אונדזערע צוויי שפּראַכן.

און —

ווידער האָט אין אים דערוואַכט דער שטילער ממעמקימדיקער יידיש־זינגער, און עס איז דערשינען (1961) זײַן בוך פון 224 זײַטן יידיש־דיכטונג א. נ. „מיט חלום איבער תהום". (זע: „פון אַנהייב אָן", 1977, זײַטן 98—103). אַ ווײַטער מהלך פאָרויס! די אַ זאַמלונג און אײַנזאַמלונג האָט אים אַרויסגערוקט צו דער פאָדערשטער ריי פון דעם שבט יידיש־דיכטערס פון איידער־מדינה, אין וועמענס אָדערן עס רינען און פליסן די ערשטיקע, מקורותדיקע מיט זון, ים און מידבר אָנגעגאָסענע בלוטן און זאַפטן: —

גוט —
אַז שקיעה־פּלייץ טוט בלאָ מיט ראָז פאַרפלעכטן,
און דעם בלומען־קוסט — חמסין צעפּרײַכט —
ליגט אין טעם
קראַנען־וואַסער נאָך פון נעכטן.

און גוט —
אַז פון דער איבערפלייציקער יצירה
(כ'האָב דערפון קיין פּינטל נישט גענאָסן)
האָב איך אויך נאָך וואָס צו שענקען.

אָט — בוקט זיך צו מײַן שויב אין בענקען
אַלעאַנדער־קרוין פון קנאָספּן,
און די בוגענווויליע אין דרימל
בעט נאָך אויפשפּריץ פון פאָנטאַנען,
ווי גרודעס ערד — גענאָד פון הימל.

איך —
האָב זייער תפילה־טון פֿאַרשטאַנען
און איך עפֿן־אויף די קראַנען.

(מיט חלום איבער תהום", ז. 28)

דער דיכטער עפֿנט דאָ אויף די קראַנען פֿון זײַן פּאָעטיש פֿאַרמעג, כדי צו זײַן געגאָדיק. ער לעבט־מיט דאָס תפילה־טון פֿון דעם אַלעאַנדער און דער בוגענווילייע. ער פֿאַרגעסט אָבער אויך נישט אין זיך און זאָגט, אַז ס'איז אים גוט וואָס פֿון דער איבערפֿלייציקער יצירה האָט ער נאָך אויך וואָס צו שענקען, כאָטש ער אַליין האָט „דערפֿון קיין פֿינטל נישט געגאָסן"...

איז געקומען דער מאַנגער־פּרייז, אין דער אונטערפֿירעכץ פֿונעם ווערטל „בעסער שפּעטער, איידער — קיין מאָל" און האָט עס ערלעך אויסגעלײַכט.

ה

פּראָפֿ' ש. ב. אורבאַך, אין זײַן מאַמר „בין החידלון והישע" („דבר" 18.12.64) זאָגט, אַז „די ייִדישע מיסטיק האָט פֿון תמיד אָן געוואָלט דעשיפֿרירן דעם סוד פֿון קיום פֿונעם שלעכטס אויף דער וועלט. די דיאַ־לעקטישע מחשבה פֿון דער ייִדישער מיסטעריע האָט געפּרוּווט אַרײַנ־שלייפֿן די „סיטרא אחרא" אינעם נויטווענדיקן פּראָצעס פֿון דער קאָס־מישער יצירה, ווו דאָס שלעכטס, דער שׂטן אַליין, איז אַן אומבאַדינגטער באַשטאַנדטייל אינעם קרײַז פֿון דער שאַפֿונג. די ספֿירה גבורה, וואָס מיינט אייגנטלעך דין, זי איז דאָס דער מקור פֿונעם שלעכטס, פֿון די טונקעלע כוחות, פֿון דער סיטרא אחרא. — — — און לייענענדיק שלמה שנהודס קבלה־לידער „שירי חקל תפוחין" — זעט ער אין זיי אַחידוש, אַ חידוש וואָס שפּאַרט אַרויס פֿון די ראַמען פֿון וועלכן ס'איז „נוסח" אין דער העברעיִשער „פּאָעזיה" ווײַל, זאָגט ער, שנהוד איז אַ שותּף צו אַלע זײַנע מיטצײַטלערס אין די אָן אַ שיעור פּחדימדיקע איבערלעבענישן. נישטאָ, זאָגט פּראָפֿ' אורבאַך, אַ גלײַכן צו אים וואָס זאָל אַזוי אונטערצייכענען די דערשלאָגנקייט וואָס איז גורם די דעמאָנישע הערשאַפֿט פֿון דעם „אדם בליעל" — — — אָבער שנהוד דערלאָזט נישט אָט די מוטנע אָנפֿלייצונגען פֿון ייאוש זיי זאָלן אים פֿאַרשווענקען, נײַערט ער איז פֿול מיט ווילן און גאַרונג נאָך „ווײַסיקייט און ריינקייט", עס ציט אים צו דעם „קוואַל פֿון דער זיך־פֿאַרשטאַרקנדיקער ווײַסיקייט" — — —

„שנהודס שירה איז אַ פײַנע מזיגה פון מיסטיש דענקען מיט ליריי־שער עמאָציע, פון אַבסטראַקטער מחשבה און תפילה פון אָרעמאַן״. — — —

אָט די שירה — „די לידער פון הייליקן עפּלפעלד״ — וואָס פראַגמענטן אירע האָט שוין שנהוד פאַרעפנטלעכט אין דער ייִדיש־פּעריאָדיק, וועט אין גיכן גאַנצערהייט דערשײַנען אין ייִדיש. איז עס אַוודאי געווען אַ גאַר־וויכטיקע מאָטיוואַציע פאַר צוטיילן אים דעם מאַנגער־פּרייז.

יולי, 1979

און זי איז דערשינען...

די „לידער פון הייליקן עפּלפעלד״ וואָס זייער ערשטער נוסח איז געווען עברית: „שירי חקל תפוחין״ און אַרויסגערופן פאַרווּנדערונג בײַ געלערנטע און קריטיקערס אין לאַנד, זענען איצט דערשינען אין זייער ייִדישן לבוש בײַם פאַרלאַג „ישראל־בוך״, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז סײַ דער צוויי־שפּראַכיקער פּאָעט שלמה שנהוד סײַ דאָס ייִדישע לשון זענען מסוגל און בכוח אויסצודריקן און אַרויסצוברענגען אָט די אומגעווײנטלעכע מיסטעריע־וועלט—קבלה און באַרײַכערן איינס דאָס אַנדערע.

איז לכבוד דעם דערשיינען פון אָט דעם בוך פאַרגעקומען אַן „אָוונט״ אין לייוויק־הויז אין תל־אביב, און פירנדיק דעם פאָרזיץ האָב איך דער־פילט, אַז דער דאַזיקער אָוונט איז אַנדערש פון אַנדערע ליטעראַרישע אָוונטן וואָס קומען דאָ פאָר. ס׳האָט אַ שוועב־געטאַן פאַר מײַנע אויגן די לעכצענישן און די גאַרונגען נאָך גאולה, וואָס אונדזער פאָלק האָט געטראָגן און טראָגט אין זיך פון ערשטן גלות אָן, און וואָס די קבלה האָט עס אַרויסגעברענגט און אויסגעטײַטשט אויף איר שטייגער, אין פאַרלויף פון דורות; כ׳האָב דערזען פאַר זיך מײַנע זיידעס און דעם טאַטן מײַנעם, ע״ה, אין זייערע אַטלעסענע אָדער אַלעפּאַגענע קאַפּאָטעס בײַם שבתדיקן קידוש־מאַכן, זייער אַרײַנוויטיקן זיך אין דער מעשה־מרכבה ביז צו געפינען דעם געטלעכן רמז וועגן קץ; ס׳איז געשטאַנען פאַר מײַנע אויגן דאָס ליד פון אָט דעם בוך, וואָס אויף זײַט מב׳:

דער טאַטע פון די שווײַגנדיקע ווײַטן ווייסט נישט,
אַז דער זון זײַנער גליט אַרײַן דאָ
אין זײַנע פאַרדבקעט
נישט־דערטרוימטע
טרוימען;

אַז צפת, צפת אין די רוימען,
פון יענעם בן־היכלא, וואָס געגײַסטיקט
האָט תמיד אויף זײַנע צעזונגענע
שבתדיקע טישן,
געוועלטיקט
אויך אויף מיר איצט
און לאָזט זיך פון מײַן וועלט נישט
פאַרווישן...

האָב איך דערזען מײַן טאַטנס אָרעמע־לויכטנדיקע שבתדיקע טישן און דערפילט, אַז זיי לאָזן זיך פון מײַן וועלט נישט פאַרווישן און — האָב געזאָגט אַזוי צו זאָגן:

...דער איצטיקער צונויפקום, דאָ, אינעם הויז וואָס טראָגט דעם נאָמען פון אונדזער ה. לייוויק; די דאָזיקע ליטעראַרישע אימפּרעזע, וואָס איז געווידמעט דעם דיכטער שלמה שנהוד און זײַן ווערק „לידער פון הייליקן עפּלפעלד", זעט מיר אויס צו זײַן אַנדערש פון אַנדערע אַזעלכע אָוונטן, צוליב דער אַנדערשקייט און באַזונדערקייט פון דער טעמע, פון דעם ווערק וואָס דאַרף דאָ באַהאַנדלט ווערן.

וואָרעם עס גייט דאָ אַ רייד וועגן אַ מחבר און זײַן אויסנעמלעכן חיבור — אַ בוך שירה וועמענס לשון און מעטאַפאָרעס עס זענען מחוץ די רעמען פון דער אָנגענומענער, געזעצמעסיקער דיכטונג אין אונדזער טעכ־נאָלאָגישער תקופה, ווען אַפילו דער מחבר פון אָט דעם בוך וויל דווקא דורך אָט דער נישט־היימישער ספערע אונדז שפּראַך אַרײַנפירן און אײַנ־גלידערן דאָס זײַן און באַשטיין פון אונדזער הײַנטיק לעבן, צוזאַמען מיט דער היימישער פירונג און אויפפירונג אונדזערע, און גראָד — מיט קלאָר־קלאָרע דידאַקטישע צילן, מעשה מוכיח בשער.

אָט זאָגט ער, שלמה שנהוד, אין זײַן לידער־רינג „מרכבה פון גײַסט" (זײַט קכא):

שפּאַנט־אײַן דאָס גאַרן, זאָל עס אונדז פירן.
און לאָזט נישט ס'זאָל נישטיקייט בײַ אונדז דאָ רעגירן —

גייט דאָ אַ רייד וועגן אַן איבערגיסונג, אָדער — איבערפלאַנצונג פון די מיסטישע און מיסטערישע סימבאָלן און באַגריפן פון דער קבלה און אירע ווערק און גענג אין דער עלטערער צײַט אירער, אין צפת שוין, ווען עס האָבן געשאַפן און געווירקט אין איר ר' משה קאָרדאָווערא, דער אר"י

הקדוש, ר׳ שלמה אלקבץ און זייערע תלמידים־נאָכגייערס. ס׳איז אַ פּרוּוו, און אַ גאָר ערנסטער, איבערצוזעצן דעמאָנישע־אַפּאָקאַליפּטישע שטאַנצן פון יענע צײַטן, אין אונדזער הײַנטיקן ייִדיש, אין דער נײַער ייִדישער פּאָעזיע.

דאָ רעדט זיך וועגן אַ פּאַרמעסט פון אַ דיכטער אין ישראל, וואָס שאַפט אין ביידע שפּראַכן אונדזערע, אַרײַנצברענגען אין אָט דער צוויי־שפּראַכיקער פּאָעזיע די קבלה־אַקסעסואַרן, זוהר־אימאַזשן, די ספירות און די ספערעס וועלכע האָבן פון זינט סוף בית שני דורכן מיטלאַלטער, ביז צו דער תקופה פון דער נײַער חסידות, געווירקט און באַווירקט אונדזער לעבן. וואָרעם, וואָס איז דען דער טײַטש פונעם וואָרט קבלה? — געגומען איבערגענומען, באַקומען. — יעדער דור האָט באַקומען, האָט איבערגענומען בײַם פריִערדיקן דור און איבערגעגעבן דעם קומענדיקן. עס גייט בלויז אינעם וואָס (וואָס האָט ער איבערגענומען) און אינעם וויאַזוי. אַמיין יעדער תקופה האָט דאָך אַרײַנגעפירט אירע אויסטײַטשונגען...

בײַ אונדז אין שטוב, למשל, האָט, אונטער די פאַרשלאָסענע באַגלאָזטע טירן פונעם טאַטנס ספרים־שאַנק, זיך געפונען אַ דין ספר, אַלבאָם־פאָרמאַט, וואָס מיר יונגוואַרג האָבן נישט געטאָרט אין דעם אַרײַנקוקן (כאָטש מיר האָבן ממילא נישט פאַרשטאַנען וואָס אין דעם טוט זיך...). דער נאָמען פון אָט דעם ספר איז געווען: מטטרון. דער טאַטע ז״ל האָט אונדז ייִנגלעך געלערנט, אַז דער דאָזיקער נאָמען איז אַזוי הייליק, אַז מ׳טאָר אים נישט אַרויסרעדן גאַנץ, ווי מ׳טאָר נישט אַרויסרעדן דעם שם. מ׳מעג בלויז זאָגן: מטט... נאָך האָט ער אונדז אויפגעקלערט, אַז אָט דער מטט איז דאָס דער אינערן־מיניסטער פון גאָטס הימלישן קיניגרייך, און זיצט אין דער הייך אויף אַ כסא־הכבוד, שיר נישט ווי כביכול אַליין. אָבער פרומע, חסידישע ווײַבער פון שטאָט, אַז זיי זענען געגאַנגען צו קינד, האָבן זיי געשיקט באָרגן בײַ אונדזער טאַטן אָט דאָס ספר, כדי צו לייגן עס אונטערן קישן בעתן האָבן... ווער האָט זיי אײַנגערעדט, פון וואַנען האָבן זיי גענומען, אַז גראָד דאָס ספר פאַרמאָגט אַזאַ מאַגישן כוח? איז דאָס די מיסטעריע. און זי לאָזט זיך נישט פאַרווישן.

זענען אַוודאי געווען און עס זענען דאָ ייִדישע פּאָעטן וואָס זענען געווען און זענען נאָך הײַנט פאַרכאַפּט פון אָט דער קאַבאַליסטישער פאַר־נעפּלטקייט און פאַרשטעלטקייט, פון אירע פאַרבאָרגענע לערעס, פון די טעאָ־זאָפישע שיטות אירע, און זיי אַרײַנגעפלאָכטן אין זייער ליד. דערפאַר טאַקע האָבן מיר געהאַט און האָבן לידער און פּאָעמעס וואָס רעדן צו אונדז דורכן בלאָען וואָל פון העכערער חסידות, צי דורכן פאַרוואָלקנטן טיול פון דעם

אילן היוחסין, וואָס ציט זיך, כביכול, פון אַ פיצל ווערעמל אין אַן ערדישן טאָל ביז צו דער העכסטער הייך פונעם כסא הכבוד. און ווי קאָן דאָס זײַן אַנדערש, אַז שוין בײַם חומש־מלמד האָבן מיר געלערנט, מיט אַזאַ אומפּאַר־געסלעכן ניגון, דעם שבועותדיקן אקדמות, און זיך „דערוווסט״, אַז... ובאתא קלילה, מיטן לײַכטסטן אות, און דער רבי האָט אונדז אויפגעקלערט, אַז דאָס מיינט מען די ה׳, אַז מיט אָט דער ה׳ האָט גאָט באַשאַפן די וועלט? אויב אַזוי איז דאָך שוין נישט מער ווי נאַטירלעך, אַז עס האָט זיך אין אונדז אײַנגעמאָסטעט די קבלה־שיטה, אַז מיט דער הילף פון אות, פון אותיות קאָן מען בויען און אומברענגען וועלטן.

דאָס און נאָך עפּעס.

אויב אַ יידישער פּאָעט איז אין זײַן ייִנגל־צײַט געזעסן בײַם שבתדיקן טיש און געזונגען מיטן טאַטן זמירות, וואָס אַ גרויסער טייל פון זיי איז געווען אין אַראַמיש, און ר׳האָט זיך אָנגעהערט וועגן די „בני היכלא דכטיפין״; צי אין די פּרײַטיק־צו־נאַכטסן געזאָגט צו די מלאכים, וואָס האָבן זיך „געפונען״ דעמלט אין יעדער ייִדישער שטוב, — „שלום עליכם מלאכי השרת״, ווי זשע זאָל זיך אָט די מיסטעריע לײַכט פּאַרווישן, אָפּטרעטן פון אים, און זיך נישט אַרײַנפלעכטן אין זײַנס אַ ליד?

זענען טאַקע געווען אויך פּרוון פון אַרײַנפירן אין אונדזער דיכטונג גאַנצע שטיקער קבלה און אויך איבערזעצונגען, פראַגמענטאַרישע, פון קאַבאַליסטישער התנהגות, און דער פּאַל י. ד. קאַמזאָנס „פון ספר רזיאל המלאך״ איז דאָס אַוודאי מוכיח.

דאָס איז געווען אַ דין, שיין־אַרויסגעגעבן ביכעלע, דערשינען אין ארץ־ישראל אין די מיט 20ער יאָרן, אַ שטיק קבלה־אימאַזש געשריבן אין אַ פײַנעם פּאָעטישן ייִדיש און... פאַרזען מיט אַן אַרײַנפיר פון דוד האָפּ־שטיין. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז י.ד. קמזון האָט אויף זיך גוזר געווען מער קיין ייִדיש אין ארץ־ישראל נישט אַרויסצוגעבן, און מ׳האָט אים דאָ געקענט ווי דעם מחבר פון פײַנע העברעיִשע לידער פאַר קינדער.

און מער האָבן מיר אַזעלכע פּרוון נישט געזען.

איז דעריבער אַנדערש, גאָר גאָר אַנדערש, — און דאָס האָבן מיר נאָך נישט געהאַט — אַז אַ ייִדיש־העברעיִשער דיכטער, ווי ס׳איז שלמה שנהוד, זאָל זײַן גאַנץ פּאָעטיש שאַפן פאַר די לעצטע יאָרן, פריִער אין עברית, דערנאָך אין ייִדיש, ווידמען דער קבלה — ווען אַפילו בלויז פון דער צפתער תקופה, — און זיך באַמיִען זי צו עפענען פאַר אונדז, מאַכן זי היימישער, אייגענער, הײַנטצײַטיקער.

האָבן מיר טאַקע געשטוינט און זיך געוווּנדערט הלמאַי די בעסטע געלערנטע און ליטעראַטור־קריטיקערס אין ישראל האָבן זיך אַזוי באַ־גײַסטערט און אומפּאַרגלײַכלעך געלויבט דאָס דערשײַנען פון ש. שנהודס צוויי ביכער קבלה־פּאָעזיע אין עברית: „שירי תיקון״ און „שירי חקל תפּוחין״ אַמיין עברית איז דאָך נישט זשעדנע אין אַזעלכע דערשײַנונגען. לידער פון דעם מין האָבן דאָך זוכה געווען אַרײַנגענומען צו ווערן אין סידורים און מחזורים. איז אויב אַזוי מעגן מיר טאַקע זאָגן: מה דאָך עברית, וואָס איז אַזוי רײַך דערמיט, איז אַזוי באַגײַסטערט געוואָרן פון זײַן קבלה־שירה, מכל־שכן יידיש, בײַ וועמען דאָס בוך לידער פון הייליקן עפּלפעלד איז דאָס ערשטע און דערווײַל — איינציקע. און אויב מיר ווילן דערצו נאָך צוגעבן דאָס „באַצווינגען״ אונדזער יידיש און דאָס אָנטאָן איר אַזעלכע מאַיעסטעטישע שפּראַך־לבושים, וועט שוין ווערן קלאָר פאַר וואָס איך זע דעם איצטיקן „אָוונט״ ווי אַן אויסנעם.

יאַנואַר, 1981

אפרים שרײַער און זײַנע „היימישע שוועלן״

אפרים שרײַער איז איינער פון אונדזערע באַשײַדנסטע פּען־מענטשן, וועמענס עניוות און שטילע טריט מיר טרעפן סײַ אין זײַן פּריוואַטן אויפֿפירן זיך און סײַ אין זײַן שאַפונג.

א. שרײַער פֿאַרמאָגט אויך איינע פון די בעסטע אייגנשאַפטן וואָס אַ קינסטלער דאַרף פֿאַרמאָגן — און אַ פּען־קינסטלער מער פון אַלע! — און דאָס איז זײַן פֿאַרגינערישער טאָן און ליבלעכער שמייכל, צום מיטמענטש און צו דער באַהאַנדלטער פּערזאָן אין זײַן סקיצע צי נאָוועלע וואָס גייען געקניפּט און געבונדן מיט פֿאַרטיפטן אַרײַנקוק אין אַ באַהאַנדלט דורך אים קונסט־ווערק און אַ פּשיטא שוין אין זײַן אייגענער שאַפונג.

דער וווּנדערלעכער זאָג אין עברית, דער מאַלעריש־בילדערישער „עינו לא צרה״ — וואָס באַטײַט: דאָס אויג זײַנס איז נישט שמאָל, נײַערט אָפן און צעפּראַלט מיט הרחבת הדעת, מיט זע־פרייד צו די וואָס שאַפן, דהיינו — עס איז פֿאַרגינעריש, איז אַזוי צוגעפּאַסט צו אונדזער בעל ה„היימישע שוועלן״, ווי ס׳וואָלט אַראָפּגעקומען פון די הימלען מיט אים צוזאַמען.

עס קאָן גרייַלעך זײַן, אַז מיך ציט צו שרײַערן אויך דער לאַנגאָניקער בשותּפותדיקער קוואַל, פון וואַנען מיר האָבן ביידע געשטילט אונדזער דורשט, אין אונדזער יוגנשאַפט. דער קוואַל פון „פּאַלטאַווער גאון״ און זײַן תורה, וואָס גיט חיות ביז הײַנט צו טאָג די שרײַבערס, וואָס זוכן אָן ענטפער אויף דער פֿאַרלוירנקייט, אויף דער צעטומלטקייט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. די דאָזיקע מענטאַליטעט, אויב עס האָט זיך איר נאָר נישט נאָכגעשלעפּט די „צוויטן״ פון פּאָליטיש־פּאַרטיייִש הערשן און באַהערשן, האָט אויפגעשטעלט אַ פּלעיאַדע שרײַבערס און וויסנשאַפטלערס פון זינט דער „פרײַער יוגנט״, „יונגער היסטאָריקער״ און דער אומפּאַרגלײַכלעכער „אַרבעטער צײַטונג״ (וואַרשע) און „נײַװעלט״ (תל־אביב).

און פון דאַנען צו דער שאַפונג זײַנער, צום וואָרט, אָדער, ווי מ׳וויל זאָגן, צום סוד פון וואָרט. עס איז קלאָר, אַז וואָרט פֿאַרמאָגט אויך סוד. אָבער אַז איך טיף זיך אַרײַן אין אפרים שרײַערס נישט־גאָר־גרויס ספר

דערמאָנט מיר זײַן לעקסיק, זײַן וואָרט, די אַלט־באַקאַנטע פראַגע: וואָס איז ווירקנדיקער — וואָרט צי קלאַנג? —

אָט גיט זיך ווער אַ זאָג: הוא שח ויהי ער האָט געזאָגט און די וועלט איז געוואָרן... קומט צו גיין אַ צווייטער (ר׳ מאיר בר׳ יצחק) און זאָגט אין „אקדמות״: ובאתא קלילא... מיטן לײַכטסטן אות, — און רש״י זאָגט: דאָס מיינט מען די ה — האָט ער באַשאַפֿן די וועלט... איז אויב מיר זאָלן זיך אַרײַנטראַכטן, קאָן דאָך גאַנץ מעגלעך זײַן, אַז בעת מיר זעען אַ שיינע נאַטור־דערשײַנונג, צי אַן אײַנדרוקספולע קונסט־שאַפונג, איז גענוג מיר זאָלן אַ מאַך טאָן: ה־הא! און מיר זאָלן דערמיט אויפבויען וועלטן, דאַקעגן, אויב מיר זאָלן זיך אָנשלאָגן אָן עפעס בייזס, מיאוס, שלעכטס, און מיר זאָלן בלויז אַרויסאָטעמען: אוי! זאָלן מיר דערמיט חרוב מאַכן וועלטן. קאָן דאָס וואָרט פאַרמאָגן סוד, כישוף, סוגעסטיע — ס׳גייט אין דעם ווי אַזוי עס ווערט אַרויסגעזאָגט און וואָס מ׳לייגט אין דעם אַרײַן.

אפרים שרײַער לייגט אין דעם אַרײַן דאָס גוטע זען, דאָס אָפענע אויג זײַנס און זײַן פאַרשטאַנדיק האַרץ. און דאָס איז דאָס בעסטע וואָס אַ שרײַבער קאָן אַרײַנלייגן.

*

און אַ פּאָר ווערטער וועגן דער קאָנסטרוקציע פונעם בוך.

למה הדבר דומה? —

צו אַ פאָלקס־מעשהלע, וואָס דערציילט: איינער איז געקומען אויפן מאַרק מיט אַ קאַסטן שפּילצײַג פאַר קינדער, אָדער געוואַנדן אויף קליידער פאַר ווײַבער. אַז מ׳איז צוגעקומען אַרײַנקוקן אין קאַסטן און זוכן, און קלײַבן, האָט דער בעל־הקאַסטן געהאַלטן אין איין צורעדן: אונטן, טיפער, איז דאָ נאָך שענערס. אַזוי לאַנג, ביז די קלײַבערס פלעגן אַרײַנטיפן זיך און נישט געקאָנט אַרויס פון אים.

אפרים שרײַער האָט געבוי אַזוי אויפגעבויט זײַן בוך. ער הייבט אָן מיט רײַזע־באַשרײַבונגען, מיט פאַרכאַפּנדיקע בילדער פון שטעט און לענ־דער, וואָס פאַרמאָגן שוין גאָר נישט ווייניק „מאַראַל״, און אַז ער איז דיר מרמז: טיפער, ווײַטער! — דערזעסטו ירושלים און דו געפינסט צפת, און דו ווערסט מיטגעצויגן גראַד מיט זײַן נישט־אָריגינעלקייט. אָט טוט ער אַ זאָג: „ס׳האָט מיך באַהערשט אַן אומרו״. „די שטיינער האָבן ווי אויס־געטרערט דאָס טויזנט־יאָריקע געוויין, וועלכן זיי האָבן אין זיך אײַנגעזאַפּט. דאָ זענען קוויטלעך, סודות אײַנגערעמטע אין די שפּעלטלעך צווישן די שטיינער״. „אַ יִחוס־אָבות וואָס דערציילט וועגן חורבן און גרויסקייט״... און וועגן צפת — „עס קען אַנדערש נישט זײַן. דער ניגון פון חורבן,

טרויער, ווערט פֿאַרדרענגט פֿון נײַעם ניגון פֿון בלי און אויפֿקום". נאָר אַז מיר קוקן ווײַטער און טיפֿער, דערזעען מיר פֿאַרטרעטן. דאָס זענען קינסטלערישע פֿאַרטרעטן אין ביידע משמעותן. דאָס קאָנען זײַן שרײַבער־ריש־אויסגעפֿאַנטאַזירטע, אָדער אמתע, רעאַלע באַגעגענישן, ס׳איז אַלץ איינס. ס׳איז אַ שיכט טיפֿער אין שרײַבערס פֿאַרמעג־קאַסטן אין וועלכן מיר פֿאַרטיפֿן זיך, שטוינענדיק אַפֿילו פֿון זייער שטילער, סאָלידער שיינקייט און ווערן אין זיי אַרײַנגעצויגן. דאָס זענען: „די פֿרוי אין ווײַסן", עלאַ, טעסאַ, אירענא (אײַכלער) און גרעטאַ (גאַרבאַ). נאָך טיפֿער קומען טע־אַטער־געשטאַלטן, בײַ וועלכע ער ווײַזט אַרויס אויך וויסן און געניטשאַפֿט. דאָס זענען, אין זייער מערהייט, פּראַקטיקע קרעאַציעס. אלא די פֿאַרטרעטן פֿון שרײַבערס און פּאַרטיי־טוערס? אויך זיי זענען געשילדערט מיט מאָס און וואָג, אָבער פֿאַר דער גאַנצקייט פֿון דער קאָנסטרוקציע האָבן זיי געדאַרפֿט קומען אין מיט בוך און נישט אין סוף.

אָבער — דאָס וועט שוין הייסן „מבֿינות" און „קריטיק", גיי איך צוריק צום אָנהייב און זאָג:

מײַן באַגריסונג צו אײַך, חבֿר אפֿרים שרײַער און מײַן באַגריסונג צום בוך, וואָס איז אינגאַנצן איר!

(אויפֿן שרײַער־אָוונט אין י. ל. פּרץ־פֿאַרלאַג, אין תּל־אָבֿיבֿ, יוני, 1976).

פון דעמלט ביז הײנט

פון תרפ״ח ביז תש״ח

געסט און דעקלאַראַציעס, קלאַנגען און אָפּרופן האָבן ווידער־אַמאָל אַקטועל געמאַכט די פראַגע: ווי איז דער מעמד פון ייִדיש אין ישראל? דער געטריי־געבליבענער ייִדישער ייִד, וויל וויסן: ווי האַלט עס דאָרט מיט אונדזער לשון? עס ווערט דאָך געשאַפן אַ גרויסער ייִדישער צענטער, די קליינע מדינה ישראל פּירט דאָך אויס אירע הבטחות און נעמט צונויף ייִדן; עס קומען דאָך אַהער ייִדן פון פּוילן און רומעניע, פון אונגאַרן און קאַרפּאַטאַרוס א. א. הונדערטער טויזנטער רעדן דאָך ייִדיש — ווי זעט עס אויס אין דער ווירקלעכקייט?

עס האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַרקערטע דערשיינונגען: די אָפיציעלע קרייַזן זענען געוואָרן מילדער, „רחמנותדיקער" אין זייער באַציִונג צו דער „אויסגייענדיקער שפּחה" און — ווי אַ פּאַראַדאָקס — פּראָמינענטע מחותנים אירע, קומענדיק אַהער ווי געסט, אָדער זייענדיק שוין גוט אײַנגעבירגערט דאָ — דערקלערן זייער אָוועקגיין פון ייִדיש מיט יראת־שמיימדיקע שמן־זיתדיקע רייד...

וועל איך פּרוּוון זיך אָוועקשטעלן אין דער לאַגע פון אַ „זײַטיקן" און אויסדערציילן די מערכה פון ייִדיש — פון דעמאָלט ביז הײַנט.

א

אַ האַלבער יאָרהונדערט — קאַמף קעגן ייִדיש

מיטן אויפקום פון דער ציוניסטיש־פּראָלעטאַרישער באַוועגונג אין טערקישן ארץ־ישראל, אין אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט, איז אָוועקגעשטעלט געוואָרן די פראַגע ייִדיש ווי אַ פּראָבלעם. ביז דעמאָלט איז העברעיִש געווען אַ גוטער ווונטש בײַ די אָרטיקע חובבי־ציון, ביל״ו־מענטשן אדג״ל. אָבער ייִדיש איז געווען די שפּראַך פון גאַנצן ייִדישן ישוב, פון אַלע תלמוד־תורהס און ישיבהס, פון די פּיק״אַ־פּלאַנטאַטאָרס און קליינע קרעמערס, פון האָרעפאַשנעם אַרבעטנדיקן ייִד. דער רוף פון אליעזר בן־יהודה

„דבר עברית והבראת" איז געהערט געוואָרן בלויז פון דער בירגערלעכער אינטעליגענץ, דער עיקר פון דער לערערשאַפט, וועלכע האָט געהאַט דערביי אָפענע צעכיסטישע כוונות. בלויז מיטן אויפקום פון אַ שטאַרקער, אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט, און ווען עס זענען דאַמאָלט געשטאַנען די „רעכטע פועלי־ציון" און דער גאָרדאָניסטישער „הפועל הצעיר", און וואָס זענען שפּעטער באַרייכערט געוואָרן מיט די אויסגעשפּראָכענע העברעיִשע השומר־הצעיר־גרופּעס, האָט זיך אָנגעהויבן דער געיעג קעגן יידיש און ס׳איז אַנטשטאַנען דער אָפיציעלער פּאַרבאָט קעגן דער דאָזיקער שפּראַך.

לאָמיר דאָ לאָזן רעדן, וועגן דעם ענין, אַ באַגלייבטן עדות, וואָס איז נישט חשוד אין „זייטיקע" כוונות, ווי דאָס איז די שרייבערין ברכה חבס. אין איר מאָנאָגראַפיע וועגן ערשטן פּרעמיער־מיניסטער פון דער מדינה ישראל, דוד בן־גוריון (גרין), רעדנדיק וועגן דער היסטאָרישער שטעלונג פון זיין פּאַרטיי אַמאָל — ווען דער היינטיקער פּרעמיער איז נאָך געווען אַ יונגער בחור — צו דער פראַגע מכוח אַרויסגעבן אַ פּאַרטיי־צייטונג אין יידיש, דערציילט זי נישט מער און נישט ווייניקער: —

„איינער פון די הויפּט־קעגנער (פון יידיש) איז געווען דוד גרין (בן־גוריון)".

בן־צבי האָט זיך פאַרענטפערט פאַר דער ביז־דעמאָלטיקער יידישטעטיקייט אין דער פּאַרטיי אויף אַזאַ אופן:

„צופיל זענען מיר געווען באַווירקט פון דעם ווינט, וואָס האָט געבלאָזן אויף דער יידישער גאַס אין גלות".

און די שרייבערין מאַכט פאָלגנדיקע קלאָרע און אָפענע אויספירן:

„אין לאַנד האָט דעמאָלט געהערשט יידיש, אַראַביש, שפּאַניאָליש א. א. זייער ווייניק האָבן גערעדט עברית. ווען נישט דער באַשלוס פון דער קאָנפערענץ, ווער ווייסט ווו מיר וואָלטן היינט געשטאַנען מיט העברעיִש"... (ברכה חבס: אחד ודורו, 16־טע פאָרזעצונג, „דבר השבוע").

אַלזאָ, ווי מיר זעען, קלאָרע דיבורים. — און פון באַשלוס צו מעשים: —

די הסתדרות, ווו די אויבנדערמאָנטע פּאַרטייען בילדן אַן איבערוועגנדיקע מערהייט, באַשליסט, און פירט דאָס דורך אין לעבן, אַז אַ חבר, וואָס געפינט זיך מער ווי צוויי יאָר אין לאַנד טאָר נישט רעדן קיין אַנדער שפּראַך ווי עברית!

עס הייבן זיך אָן בלוטיקע איבערפאַלן אויף יידיש־ליטעראַרישע אָוונטן אין תל־אביב, אויף טעאַטער־פאָרשטעלונגען אין תל־אביב און אין חיפה; עס ווערן געוואָרפן, אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן, טינט־פלעשער און שטינקבאָמבעס בעתן דעמאָנסטרירן אַ יידישן פילם, ביז עס דערגייט צו אַ מדרגה:

מ׳וואַרפט אַ באָמבע אויף דער „נײַוועלט״־דרוקערײַ אין רמת־גן! אמת, דאָס טוען די גדוד מגיני השפה־לײַט, אָבער דאָס שווײַגן פון דער הסתדרות אין אַזאַ מאָמענט, איז געווען — שתיקה כהודאה דמיא...

ווענן שיקאַנעס איז דאָך שוין אָפּגערעדט: ד״ר נ. י. ראַפּאַלקעס (ניר) ווערט אויסגעשלאָסן פון דער פאַרוואַלטונג פון אַדוואָקאַטן־פאַרבאַנד אין תל־אביב דערפאַר, ווײַל ער ווערט רעדאַקטאָר פון דער „נײַוועלט״; קיאָסקן, ווו עס פאַרקויפט זיך די צײַטונג ווערן אונטערגעצונדן; געשעפטסלײַט, אַנאָנסן־געבערס קריגן דראָונגס־בריוו, זיי זאָלן דאָס מער נישט טאָן; ייִדישע שרײַבערס א״י־אײַנוווינער ווערן נישט איבערגעזעצט אין עברית כאָטש זיי בעטן זיך דאָס, ווײַל... „ס׳איז שוין די העכסטע צײַט זיי זאָלן איבערגיין אויף העברעיִש״ אאַז״וו. עס שאַפט זיך אַ לאַגע פון רדיפות און בלבולים, פון פיזישער און גײַסטיקער אונטערדריקונג. ייִדיש ווערט געשטעלט אויסערן געזעץ.

ב

אַפּיטרופּסים און שיצער

די „גײַסטיקע פאָטערס״, די אַזוי־גערופענע אַפּיטרופּסים פון ייִדיש און די פּאַקטישע פאַרטיידיקער פון גערודפטן ייִדישן לשון אין ארץ־ישראל זענען געווען איינציק און אַליין די לינקע פּועלי־ציון.

זייער השפּעה אין דער דעמאָלטדיקער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט איז געווען מער אַ גײַסטיקע ווי אַ ממשותדיקע, אָבער יעדער טאַט זייערער האָט געלאָזט שטאַרקע שפּורן אין לאַנד און אַפילו אויך אויסער די גרענעצן פון ארץ־ישראל.

אין זייערע קלובן איבערן גאַנצן לאַנד האָט יעדער אַרבעטס־מענטש, וואָס האָט געוואָלט הערן אַ ייִדיש וואָרט, געפונען אַ וואַרעם ווינקל. דאָ זענען אויפגעטראָטן אַלטער קאַציזנע און פּרץ הירשביין, יוסף אָפּאַטאָשו און לייב מלאך א. א. זייערע קלובן זענען אָפט געוואָרן טעאַטער־„זאַלן״ פאַר ייִדישע פּיעסעס און איין־אַקטערס, פאַר ליטעראַרישע אָוונטן פון שרײַבער־אַנפאַנגער און פאַר אונטערנעמונגען פונעם „ייִדישן ליטעראַטן און זשור־נאַליסטן־קלוב״, וואָס איז אויפגעקומען אין יאָר 1928 מיט דער הילף און רודף די לינקע פּועלי ציון.

אונטער דער השפּעה פון די לינקע פּועלי ציון ווערט געשאַפן אין אַמעריקע די „ליגע פאַר רעכט פון ייִדיש אין ארץ־ישראל״, וואָס דערמור־טיקט די שרײַבערס און די טוערס פון ייִדיש אין לאַנד. די אָרגאַניזאַציעס פון

די לינקע פועלי־ציון זאַמלען פאָנדן אין פוילן, אַרגענטינע, אַמעריקע, קאַנאַדע א. א. לענדער פאַר דער איינציקער, צו יענער צײַט, ייִדישער צײַטונג אין ארץ־ישראל. מיט זייער הילף שטעלט זיך אײַן אַ געוויסער קאָנטאַקט צווישן דער עלנטער גרופּע ייִדיש־שרײַבערס אין לאַנד מיט איינצלנע אײַנפלוסרײַכע ייִדישע שרײַבערס אין אַמעריקע.

און זאָל דאָ פאַרצייכנט ווערן אַן אינטערעסאַנטער פאַקט: צווישן די מיטגלידער פון „קלוב" האָבן אין משך פון יאָרן זיך געפונען אַן איין־איינציקער סימפּאַטיזירער פון מפא"י און אַן איין־איינציקער קאָמוניסט! מיטן אָנקום פון דער פינפטער עליה (1935) האָט זיך דאָס בילד קוים־וואָס געענדערט, — די אַפּוטרופּסות און השפעה איז געווען און געבליבן ביי די לינקע פועלי־ציון.

אויך אַנדערע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס פלעגן טאָן עבודת־הייִדיש.— אין די אָנהייב צוואַנציקער יאָרן בעת די מו"פּסים (קאָמוניסטן) זענען נאָך געווען לעגאַל און האָבן געהאַט זייערע קלובן, פלעגט מען דאָרט אויך קאָנען הערן אַ ייִדיש וואָרט. זיי פלעגן אויך אַרויסלאָזן פלוג־בלעטלעך אין ייִדיש (וואַל־אויפרופן וכדומה), אויך געווען אויפשריפטן אין ייִדיש אין זייערע קלובן. מיט דער צײַט, מיט זייער אומלעגאַל ווערן — איז ייִדיש געוואָרן בײַ זיי אומלעגאַל! די „אחדות העבודה" און די „עולי פוילן" פלעגן אויך אָפּהאַלטן פאַרזאַמלונגען אין דער ייִדישער שפּראַך, אָבער דאָס איז אין נײַן־און־נײַנציק פּראָצענט פאַרגעקומען בײַ פאַרמאַכטע טירן.

די איינציקע עפנטלעכע זאַלן, וווּ ייִדישע אויפשריפטן האָבן באַצירט די ווענט, די איינציקע בײַ וועמען אַ ייִדישע צײַטונג האָט געמוזט דערשײַנען, וויינטיקסטנס לכבוד פּראָלעטאַרישע אָדער ייִדישע ימים־טובים, וווּ יעדער אויפרוף, בײַ פּאָליטישע און סאָציאַלע געלעגנהייטן, האָט געמוזט זײַן אויך אין ייִדיש — זענען געווען איינציק און אַליין די לינקע פועלי־ציון.

ג

צײַטונגען און זשורנאַלן

„דער אָנפאַנג" (ירושלים, תרס"ח) איז געווען די ערשטע ייִדישע צײַטשריפט אין ארץ־ישראל אַרום וועלכער עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוווסטזיניקער קאַמף פון „פּאַר" און „קעגן". ווי שוין פריִער דערמאָנט האָט „געזיגט העברעיִש". און „דער אָנפאַנג" — אָרגאַן פון די פועלי־ציון אין אָנהייב 20־טן יאָרהונדערט איז אויסגעגאַנגען „אַן עופעלע" נאָכן צווייטן נומער!...

מיטן אויפֿקום פֿון די לינקע פּועלי־ציון, אין די אָנהייב 20־ער יאָרן האָט ארץ־ישׂראל אָנגעהויבן צו דערזען צײַטונגען און בראָשורן אין פֿאַר־שידענע פֿאָרמען און גרייסן, און אונטער פֿאַרשידענע נעמען, בײַ יעדער סאָציאַלער אָדער נאַציאָנאַלער (יום־טוב) געלעגנהייט (ווי שוין פֿריער דערמאָנט). דאָס איז אַ הערא׳יש קאַפּיטל, וואָס האָט זיך שפּעטער אַרײַנ־געפֿלאָכטן אין דער פֿאַרלאַג־טעטיקייט פֿון דער קליינער באַשיידענער ליטעראַרישער גרופּע.

אין יאָר 1928 דערשײַנט אין ירושלים דער ערשטער ערנסטער ייִדישער ליטעראַרישער זשורנאַל „אָנהייב" אין וועלכן עס באַווײַזן זיך, צוזאַמען מיט דעם שוין־באַקאַנטן נאָמען יוסף פּאַפּיערניקאָוו — די ערשטע צוזאַ־גנדיקע נעמען פֿון אַן אָרטיקער עכט־ארץ־ישׂראלדיקער ליטעראַרישער גרופּע אין ייִדיש: מאָטל וועקסלער, ל. חיין, מנחם סטעמפּל און יעקב צבי שאַרגעל. דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פֿון נײַעם ארץ־ישׂראל ווערט באַזונגען און באַשריבן דער באַנאַנע־בוים און די טייטלען, די פֿײַ־גנביימער און די טרויבן, די פֿרייד פֿאַרטאָג און דער גאַנג צום לעבן אין ייִדיש, און דאָס דערשײַנט אין ארץ־ישׂראל פֿאַר... ארץ־ישׂראל. ווײַל פֿאַר עקספּאָרט האָבן דעמאָלט נאָך געשריבן אין ייִדיש משה סטאַווסקי און א. ראובני, שיטנדיק פּעך און שוועבל אויף דער דאָזיקער שפּראַך אין לאַנד גופֿא...

מיטן אויפֿקום פֿון „ייִדישן ליטעראַטן און זשורנאַליסטן קלוב" (1928), הייבן אָן דערשײַנען ליטעראַרישע זאַמלביכער און העפֿטן: עס דערשײַנען „איינס" (אַפּריל, 1929); „צוויי" (יולי, 1929); „צווישן צוויי און דרײַ" (דעצעמבער, 1929); „דרײַ" (סעפּטעמבער, 1931); „פֿיר" (סעפּטעמבער, 1932); „ווײַטער" (1935); „בלעטער" (אויגוסט, 1936); „ארץ־ישׂראל שריפֿטן" (1937) און אַ 10־12 ליטעראַרישע חודש־ביילאַגעס צו דער „נײַוועלט" — „בלעטער פֿאַר ליטעראַטור און קריטיק" (1941).

די „נײַוועלט" הייבט אָן דערשײַנען, ווי אַ צוויי־וואָכנשריפֿט אין האַרבסט 1934.

אין דער זעלבער צײַט ווערן אַרויסגעגעבן פֿאַרשידענע זשורנאַלן און העפֿטן אויך אויסער דעם „ליטעראַטן קלוב", וועלכע דערגאַנצן די בלויזן פֿון דעם „קלובס" אָרעמער פֿאַרלעגערישער טעטיקייט. אין פֿאַרלאַג „אין צוים" דערשײַנען זאַמלהעפֿטן: „מאַי" (מאַי, 1931): „יוני" (יוני, 1931); „אָקטאָבער" (אָקטאָבער, 1931) און „מיר" (מערץ, 1932). די חיפֿהער ח"ח פֿון „ליטעראַטן קלוב" גיבן אַרויס אַ זאַמלהעפֿט „חיפֿה" (פֿעברואַר, 1932). עס דערשײַנט דער באַקאַנט־געוואָרענער זשורנאַל „שטאַמען" מיט

פאַרשידענע ביי־נעמען (צוליב לעגאַליטעט־טעמים): „שטאַמען" (מערץ, 1936), „יונגע שטאַמען" (יוני, 1936); „אונדזערע שטאַמען" (יאַנואַר, 1937); „נײַע שטאַמען" (מאַי, 1938); „שטאַמען" (סעפטעמבער, 1942); „פעברואַר שטאַמען" (פעברואַר, 1943) און „מערץ־שטאַמען" (מערץ, 1943). אין חיפה דערשײַנען צוויי נומערן „העפטן" פאַר ליטעראַטור און קונסט (מערץ און יוני, 1946). עס דערשײַנען צוויי זאַמלביכער „אונדזערס" (אין 1940 און אין 1949). עס דערשײַנען 2 נומערן „די בריק" (דעצעמבער 1944 און מאַי 1945). די קאָמוניסטישע פּאַרטיי גיט אַרויס אין יאָר 1944 עטלעכע נומערן „פאָלקס אייניקייט", שפּעטער, אין יולי 1946, גייען אַרויס עטלעכע נומערן „פאָלקס־שטימע" איבערגעזעצט פון „קול העם".

אין די אַלע אויסגערעכנטע ליטעראַרישע אויסגאַבעס, וואָס זענען דערשינען ביז דער גרויסער עליה און דער אַנטשטייונג פון דער מדינה, — האָבן אָנטיילגענומען העכער זעכציק (60!) אָרטיקע ייִדישע שרײַבערס. הײַנט־צו־טאָג פעלן פון זיי: 3 וואָס זענען געשטאָרבן, 8, וואָס האָבן פאַרלאָזט דאָס לאַנד, 18, וואָס האָבן אויפגעהערט שרײַבן און 4, וואָס זענען איבערגעגאַנגען, אָדער צוריקגעגאַנגען, צו העברעיש. צו דער נײַער צײַט, בײַם אויפשטיין פון מדינת ישראל האָבן מיר פאַרמאָגט קרוב צו דרײַסיק (30) ייִדישע שרײַבערס, וואָס הגם אַ טייל פון זיי שרײַבן אויך עברית, לעבן זיי זיך אָבער אויס אין דער שאַפונג־ספערע פון ייִדיש.*)

מיטן זיג איבער היטלערן און מיטן אויפשטעלן די ייִדישע מדינה הייבט אָן די „נײַוועלט" דערשײַנען 2 מאָל אין וואָך; די „צבא הגנה לישראל" גיט אַרויס אַ געדרוקטן ייִדישן בולעטין אין טויזנטער עקזעמפּלאַרן א. נ. „אינדערהיים". די הסתדרות העובדים גיט אַרויס פאַר דעם נײַעם עולה אַן אילוסטרירט זשורנאַלעכל א. נ. „אגרת לעולה". די אצ"ל (רעוויזיאָניסטן) גיבן אַרויס „פרײַהײַט" און מפּא"י גיט אַרויס פאַר די נײַע עולים אַן אינפאָרמיר־בלאַט. עס דערשײַנט העכער אַ יאָר דאָס „אילוסטרירטע וואָכנבלאַט" מ. צאַנין, רעדאַקטאָר, געשטיצט פון דער מפּא"י.

און עס דערשײַנען: „נײַוועלט" (מפּ"ם־ריכטונג) — 3 מאָל אין וואָך; „לעצטע נײַעס" (מ. צאַנין, רעדאַקטאָר) 2 מאָל אין וואָך; „פרײַ ישראל" (קאָמוניסטיש) — 1 מאָל אין וואָך; „אונדזער מאָמענט" (פון דער לח"י

---

* אין יאַנואַר 1947 הייבט אָן די ההנהגה העליונה בישראל פון דער הסתדרות השומר הצעיר העולמית, אַרויסצוגעבן אין ייִדיש, אין אַ פאַרגרעסערטן פאָרמאַט איר צייטונג „משמר" אין ייִדיש.

שטערן־גרופּע) — 1 מאָל אין וואָך ; „אגרת לעולה" (הסתדרות העובדים) ; „ישראל" (פון פאַראייניקטן וועלטפאַרבאַנד פּועלי־ציון — צ. ס. התאחדות), אַ חודש זשורנאַל, גייט אַרויס אין ירושלים. עס זענען שוין דערשינען ביז איצט 6 זאַמלביכער „די גאָלדענע קייט" (א. סוצקעווער און א. לעווינסאָן — רעדאַקטאָרן) און דער „יידישער ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַראיין" פּלאַנט אַרויסצוגעבן אַ פּעריאָדישע אויסגאַבע.

דער דערמאָנטער „פאַראיין" ווערט באַרייכערט פון טאָג צו טאָג מיט נייע אָנגעזעענע יידישע שרייבערס, וואָס זענען עולה קיין ישראל. אַ פאַר־זאַמלונג פון „פאַראיין" (במקום „קלוב") ציילט היינט 70־80 חברים.

און דער לייענער־קרייז פון יידיש אין ישראל ווערט גרעסער מיטן גרעסער ווערן פונעם ישוב.

ד

ביכער

יידישע ביכער זענען דערשינען אין ארץ־ישראל אַ סך מער, ווי אין אַנדערע לענדער מיט אַזאַ קליינער יידישער באַפעלקערונג. דער פאָלקס־כאַראַקטער פון דער יידישער עליה, דאָס אַנטלויפן פון אַסימילאַציע און רדיפות, און דאָס שטרעבן צו אַ פרייַ נאַציאָנאַל יידיש לעבן האָט — צוזאַ־מען מיט אַ גרויסער צאָל שטרעבער צו דער באַנייטער העברעיִשער שפּראַך און קולטור — געבוירן אַ באַדייטנדיקע צאָל לייענער און ליבהאָבער פון יידישן וואָרט. אויב די ערשטע יידישע ביכער אין ארץ־ישראל זענען געווען מוסר־ספרים זענען דערפאַר די מערסטע טייל פון די אַרויסגעגעבענע ביכער אין דער צייט פון זינט דער פערטער עליה ביז היינט געווען לידער און דערציילונגען פון און וועגן ארץ־ישראל.

אין 1931 דערשיינען אין פאַרלאַג „אין צוים" די אָריגינעלע פּאָעמע פון אַראַבישן לעבן אין ארץ־ישראל: „אַ חתונה אין קאַטרע", פון יעקב שטאָל און די לידער־זאַמלונג „פאַרנאַכטן" פון ליובע וואַסערמאַן, וואָס האָט שפּעטער זיך באַזעצט אין בירא־בידזשאַן. אין 1934 דערשיינט יוסף פּאַפּיערניקאָווס לידער־בוך: „מיט לענדער גלייך". פון זעלבן מחבר דער־שיינען אין לאַנד אין משך פון די 20 יאָר אַ 10־12 לידער־זאַמלונגען. אין דער דאָזיקער צייט, ביי די ערגסטע און שווערסטע באַדינגונגען פון חרם, באָיקאָט, רדיפות און פיזישע איבערפאַלן דערשיינען: ביים פאַרלאַג „תומר" — „אַ זאַמלונג פון אַרטיקלען וועגן די דיכטערין אלישבע" (תל־אביב, 1930); ביים פאַרלאַג „תחיה" — אַ לידער־זאַמלונג פון יהושע מאַניק

לעדערמאַן: „מעטאַלענע קווייטן" (1935) און אַ פּאָעמע „איך" (1941): פון יעקב שטאָל — אַ לידער־זאַמלונג „אין דער אויפגעמאַכטער טיר" (1935); אין פאַרלאַג „פּרייַנט" — לידער פון אברהם לעוו: „אונטער בלויע הימלען" (1935) און „אין דיין טיר" (1937); דער „יידישער ליטע־ראַטן און זשורנאַליסטן־קלוב" גיט אַרויס, אין יאָר 1937, אַ בוך לידער פון יעקב צבי שאַרגעל — „אין בלויען ליכט"; י. ח. ביעלעצקי גיט אַרויס זיין ערשטע לידער־זאַמלונג „אומרו", אין פאַרלאַג „אייגענס" (1937), פון זעלבן מחבר גיט אַרויס דער „יידישער ליטעראַטן און זשורנאַליסטן קלוב" אַ לידער־זאַמלונג „שוועלן" (1938) און „ווי אזן גלויבן" (1944) און אין זיין אייגענעם פאַרלאַג „פאַר זיך" גייט אַרויס זיינס אַ לידער־זאַמלונג פון טאַשן־פאָרמאַט „יידישע ווערטער" (1928); אין פאַרלאַג „פּרייַנט" דער־שיינט אין 1939 אַ בוך לידער פון שלמה שענהויט: „צווישן בלוי און ים"; פסח גאָרדאָן גיט אַרויס זינט 1934 עטלעכע דיקע בענד „דער אוצר פון מיין געדאַנקען־וועלט" — אַפאָריזמען, עפּיגראַמען און גלייכווערטלעך; מ. וו. קאָכמאַן האָט אויך אַ פאַרלאַג „אייגנס" און גיט אַרויס אין 1939 אַ טראַ־געדיע אין איין אַקט „דירה־געלט"; ווידער קומט אַ פאַרלאַג „אייגנס" פון ל. פּאָפּיק און גיט אַרויס אַ זאַמלונג לידער „ליכט און שאָטן" (1937) און „פאַר באַגין" (1939); אין 1940 דערשיינט ביים פאַרלאַג „נייע קולטור" — ג. גרשוני „אין קאַמף פאַר באָדן"; אין דער זעלבער צייט דערשיינט דאָס גרויסע באַרימט־געוואָרענע מעמואַרן־בוך „דער אָנהויב" פון י. זרבבל; אין 1944 גיט אַרויס דער „יידישער ליטעראַטן־און זשורנאַליסטן־קלוב" אַ בוך מלחמה־און געטאָ־דערציילונגען פון ג. טשאַרנעזאָן — שאַיאַק „אין שאָטן פון האַקנקרייץ"; י. הייבלום גיט אַרויס אין פאַרלאַג „אַליין" „דזשיקע גאַס" — וועגן חורבן וואַרשע, און „תרבות לעם" גיט אַרויס אליהו גאַזשאַנ־סקיס אַ ביכל וועגן חורבן־גראָדנע א. נ. „גראָדנע" (1945); אין דער זעלבער צייט דערשיינט: מלך ניישטאָט: „חורבן און אויפשטאַנד פון די יידן אין וואַרשע", אַ בוך פון 720 זייטן גרויסער פאָרמאַט, מיט איבער 200 בילדער און מאַפּעס — יידיש: ד. ב. מאַלקין. דער פאַרלאַג „חרמון" אין חיפה — פון מ. פאַקנטרעגער „אויפן שוועל פון טאָג"; פאַרלאַג „נייַלעבן", תל־אביב, גיט אַרויס אין 1946 וואַנדאַ וואַסילעווסקאַס „רעגנבויגן", אין גיטל מייזלס איבערזעצונג; דער ליטעראַטור־פאָנד ביים יידישן ליטעראַטן און זשורנאַליסטן־קלוב גיט אַרויס אין 1947 א. ריוועסעס אַ באַנד דער־ציילונגען „איבערפלאַנץ"; אין 1947 דערשיינט אין מרחביה דורך דער „הסתדרות עולמית השומר הצעיר וספרית פועלים" אריה שמריס לידער־בוך „אין טויער פון טעג"; אין 1948 דערשיינט אין תל־אביב, אין צווי

טויזנט צוויי הונדערט עקזעמפּלאַרן, אברהם סוצקעווערס פּאָעמע „געהיימ־שטאָט"; אין יאָר 1950 גרינדעט זיך אין תל־אביב אַ פֿאַרלאַג פֿאַר קלענערע אויסגאַבעס אין ייִדיש „קליינבּיבּליאָטעק" און עס דערשײַנען ביז איצט: י. פּאַפּיערניקאָווס „אין אַן אַלט הויז" און אברהם בלייס אַ דערציילונג „בּלומעניאַוואַ".

און דאָ בעט זיך אַ קליינע באַמערקונג: אַלע וויכטיקע אינסטיטוציעס און פּאַרטייען גיבּן אַרויס ביכער, ביכלעך, בראָשורן און צײַטונגען אין ייִדיש, נאָר ווײַל זיי גייען דורכויס נאָר פֿאַרן גלות (ווי ס'איז געווען דער פֿאַל מיט דער פּרעכטיקער וואָכן־שריפֿט „קפּאַ"י־ידיעות", וועלכע האָט נישט געטאָרט געוויזן ווערן פֿאַר קיינעם נישט אין ארץ־ישראל, בעת די זעלבּע ערגערע אויסגאַבעס פֿון דער הסתדרות אין דײַטש און אין ענגליש זענען פֿאַרשפּרייט געוואָרן פֿראַנק און פֿרײַ אין גאַנצן לאַנד!), און אַזוי ווי הי טאָר זיי קיינער נישט זען, נעם איך זיי נישט אַרײַן אין מײַן רשימה, הגם זיי שטעלן מיט זיך פֿאָר אַן אוצר פֿון ייִדישער פֿאַרלאַג־טעטיקייט.

ה

געסט

געסט האָבּן נישט תמיד פֿאַרשאַפֿט כבוד און פֿאַרגעניגן דער היגער קליינער ייִדישער שרײַבּער־משפּחה. אויב ביז דער תקופֿה פֿון מדינת ישראל האָבּן באַזוכט דאָס לאַנד צענדליקער ייִדישע שרײַבּערס און אַ טייל פֿון זיי, ווי אַלטער קאַציזנע, דער טונקעלער, לייב מלאך, יוסף אָפּאַטאָשו, ד"ר יעקב שאַצקי, פּרץ הירשביין און ה. לייוויק האָבּן געהאַט מוט און פֿאַרשטענדעניש און זענען אויפֿגעטראָטן עפֿנטלעך און אַ טייל אויך אונטער דער פֿירמע פֿון „ייִדישן ליטעראַרטן־ און זשורנאַליסטן־קלובּ"; און אויב שרײַבּערס, ווי זלמן זילבּערצווײַג, הלל ראָגאָף, ב. סמאָליאַר, פֿאַלק האַל־פּערין און ז. סעגאַלאָוויטש האָבּן צוגעלאָזט, ווייניקסטנס, דעם „קלובּ" דאָס פֿאַרגעניגן פֿון אויפֿנעמען זיי ערגעץ־ווו אין אַ פֿאַרמאַכטן קאַפֿע־הויז אָדער אין ד"ר נירס ביוראָ־צימערן, זענען אָבּער געווען אַזעלכע געסט, וואָס האָבּן אונדז דעמאָנסטראַטיוו אויסגעמיטן און אַפֿילו, ווי ס'איז געווען דער פֿאַל מיטן באַרימטן אברהם מאָרעווסקי, ווען מיר האָבּן אויפֿגע־נומען אין אַ פֿאַרמאַכטן קאַפֿע־הויף, נישט ווײַט פֿון ים־ברעג אין תל־אביב (אין יאָר 1938) וואָס האָט אונדז עפֿנטלעך געזידלט פֿאַר אונדזער אַרבעט אין ייִדיש: „מיט אַ שטעקן איבּער די קעפּ דאַרף מען אײַך געבּן!"... און

מאַדנע גורלדיק איז דאַמאָלט געוועזן זײַן „אויפטריט״: אין דער זעלבער רגע, ווען ער האָט אַריסגערעדט די ווערטער האָבן אָנגעהויבן פאַלן שטיי־נער, וואָס די „שיצער פון העברעיִש״ האָבן געוואָרפן אויף אונדז פון איבערן פלויט.

שלום אַש איז צו אונדז, חלילה, נישט געקומען. אָבער אויך בײַ די העברעיִשע שרײַבערס האָט ער זיך אַרויסגעוויזן ווי דער נישט־רעפּרעזענ־טאַנט פון דער ייִדישער ליטעראַטור. ווי ס׳איז שוין, בשעתו, אין „נייוועלט״ דערציילט געוואָרן, אַז אויף זײַן אָנהייבן די רעדע אין העברעיִשן שרײַבער־פאַראיין אין „איווריס״ און ענדיקן זי אין „איווריס״ האָט מיר דאַמאָלט (אין 1928) פּרץ הירשביין געזאָגט: „ער וואָלט אייגנטלעך געקענט אָנהייבן מיט אַ ברכה איבער אַ דונער און ענדיקן מיט אַ ברכה איבער אַ בליץ... מ׳האָט זײַן עברית במילא נישט פאַרשטאַנען״...

צום אינטערעסאַנטסטן האָט עס געמאַכט דער טונקעלער. ער איז אויפגענומען געוואָרן, צוזאַמען מיט מאַרק שאַגאַלן בײַ אַן עפנטלעכן אָונט אין „אוהל שם״, אין תל־אביב (פּסח 1931) דורכן העברעיִשן שרײַבער־פאַראיין אונטער ח. נ. ביאַליקס פאָרזיץ. בעת ס׳איז געקומען זײַן ריי צו ענטפערן אויף די אָפּיציעלע באַגריסונגען, האָט ער אין אַ זאַפטיקן ייִדיש דערציילט אַזאַ מעשה: „צו אַ יונג פּאָר־פאָלק פלעגט זייער אָפט אַ חבר זייערער קומען צו גאַסט. אַז עס איז זיי שוין געוואָרן איבערדריסיק האָבן זיי באַשלאָסן: בײַם נאָענטסטן פאַל, אַז ער וועט קומען, הייבן זיי זיך אָן קריגן אין זייער קעגנוואַרט. נעמט זיך דער גאַסט אָן פאַר אים, פאַרן מאַן — וואַרפט זי אים אַרויס, נעמט ער זיך אָן פאַר איר, — וואַרפט ער, דער מאַן, אים אַרויס. און כך־הוה: ער קומט און זיי הייבן זיך אָן קריגן. שווײַגט ער. ווענדן זיי זיך צו אים ער זאָל זיך אַרײַנמישן, ענטפערט ער: ׳איך בין אײַנגאַנצן געקומען צו אייך אויף אַ זעקס חדשים, וויל איך זיך נישט מישן׳... דער משל ווי דער נמשל — דאָס נישט וועלן זיך אַרײַנמישן — האָט אויף די העברעיִשע שרײַבערס געמאַכט אַ זייער גוטן איינדרוק... און

— אַזוי האָבן אַ סך ייִדישע שרײַבער־געסט צוגעזען אונדזער פּײַן און זיך „נישט געמישט״, און אויסגעמיטן, ווער לחלוטין און ווער בלויז עפנטלעך, צו קומען אין באַרירונג מיט דער שאַפנדיקער און לײַדנדיקער ייִדישער שרײַבער־משפחה אין ארץ־ישראל!

צי האָט טאַקע ייִדיש, און די ייִדישע שרײַבער־משפחה אין לאַנד, אַזוי שלעכט געווירקט, אַז דאָס חברן זיך מיט זיי האָט געקאָנט שאַטן צום כבוד און נאָמען פון שרײַבער־גאַסט? —

לאָמיר דאָ ברענגען עטלעכע שורות פון אַ כראָניק־נאָטיץ אין „בייע שטאַמען" (מאַי 1938) און זען, ווי עס האָט אויסגעזען אין דער אמתן:

„אַ געהויבענער גאַסט איז ה. לייוויק געווען אין ארץ־ישראל. חדשים זענען שוין אַריבער זינט זײַן אָפּפאָר און דער רושם בײַ אַלעמען איז נאָך אַלץ שטאַרק. מיר פאַרנאָטירן די ערשט־ראַנגיקע וויכטיקייט פון זײַנע עפּנטלעכע אַרויסטרעטונגען אבערן לאַנד. זײַן ליד, זײַן קרישטאָל־ריין וואָרט האָט אַרײַנגעבראַכט יום־טובדיקייט אין טויזנטער הערצער. לייוויק איז געווען אַ פרייד פאַר דער היגער יִדיש־ליטעראַרישער משפחה, וועלכע לעבט זיך דאָ אויס אין אַ באַזונדערער ספּעציפישער אַטמאָספערע, מערער מאָל — פּײַנטלעכער. ער האָט בײַ די קאָלעגן פון ליטעראַטן־קלוב אַרײַנגעבראַכט לייטערונג, גלויבן".

אַלזאָ, מ'קאָן שוין דערפון אַליין זען בײַ וואָס פאַר אַ באַדינגונגען די היגע יִדישע שרײַבערס און זייערע שאַפונגען זענען געוואַקסן, האָבן געצויגן יניקה און חיונה, פון וועלכע קוואַלן זיי האָבן געשעפּט און וואָס פאַר אַ טויען עס איז אויף זיי געפאַלן...

ו

אויסזיכטן

ווי זעט עס אויס היינט, נאָך אַ האַלבן יאָרהונדערט קאַמף קעגן יִדישן וואָרט אין ארץ־ישראל?

מיטן אָנקום פון נײַע צענדליקער יִדישע שרײַבערס און קינסטלערס, מיט אָנקומען פון הונדערטער טויזנטער יִדיש־רעדנדיקע יִדן, מיטן אויפּ־קום פון דער מדינה־ישראל איז די לופט געוואָרן ריינער, לויטערער. הײַנט קאָן קיין רייד נישט זײַן פון בלוטיקע אָנפאַלן. הײַנט קאָן קיין רייד נישט זיין פון באָיקאָט אָדער פאָגראָם אויף אַ דרוקערײַ, וואָס דרוקט יִדיש. דער „יִדישער ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַראיין" קריגט אַפילו שטיצע פון ישראל־קולטור־מיניסטעריום. טייל יִדישע שרײַבער־פּליטים האָבן גע־קראָגן וווינונגען און אַנדערע שטיצעס פון אָפיציעלע אַנשטאַלטן. יִדישע לידער, יִדישע רעדעס, דעקלאַמאַציעס, קלענערע פאָרשטעלונגען זענען לעצטנס אָפטע און נאָטירלעכע דערשײַנונגען אין היגן יִדישן לעבן. פאַר זײַן אַ יִדישער שרײַבער ווערט מען הײַנט פון געזעלשאַפטלעכן לעבן נישט אויסגעשלאָסן. דער רעדאַקטאָר פון „נײַוועלט", ד"ר ניר־ראַפאַלקעס איז וויצע־פאָרזיצער פון ישראל־פאַרלאַמענט און פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע פאַר געזעץ און געזעצגעבונג. אין דער יִדישער ראַדיאָ־שעה (אויך אַ נײַעס

אין אונדזער היגן לעבן) ווערט איבערגעגעבן אויך וועגן יידיש־ליטעראַרישע דערשיינונגען. אמת, דאָס שטערט נישט אונדזער קאַדיש מאַלאָדאָווסקין צו אָפּזאָגן יידיש דאָס לעבן, פאַרגלייכן יידיש און יידיש־שאַפונג צו „מצבות, וואָס מ׳דעקט זיי איבער מיט טיכער, כדי ס׳זאָל זיך אויסדוכטן, אַז מ׳רעדט צו לעבעדיקע מענטשן"... (אירע ווערטער אויף דער פּרעסטיקער לייוויק־אויפנאַמע אין פּאַלאַטין־האָטעל, תל־אביב, איינגעאָרדנט דורכן „יידישן ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַראיין דעם 16־טן אַפּריל, 1950 !).

דאָס שטערט נישט דעם אָפּיציאָז פון מפא"י „הדור" אַרויסצוטרעטן מיט שענדלעכע ווערטער קעגן דעם ביסל פרייהייט און פרייד, וואָס די מדינה שענקט דער שפּראַך פון די פאַרגאַזטע מיליאָנען.

נאָר כדי נישט צו שוועבן אין די הימלען און פאַרשטיין קלאָר און דייטלעך, וואָס דאָס אָפּיציעלע ישראל מיינט און זאָגט וועגן גורל פון יידיש, וועגן איר נאָענטסטער צוקונפט, וועלן מיר לאָזן רעדן דעם „על המשמר" דעם אָרגאַן פון מפ"ם אין וועמענס רייען עס געפינען זיך אַלע די, וואָס האָבן יאָרן לאַנג געקעמפט פאַר די רעכט פון יידיש אין ארץ־ישראל און זאָל דאָס אילוסטרירן דעם מעמד פון יידיש און אירע אויסזיכטן אין דער יידישער מדינה: —

„אין געפאַנגענשאַפט ביים עבר.

דער העברעיִשער פּען־קלוב און שרייבער־פאַראיין האָבן מקבל־פּנים געווען ה. לייוויקן ביי אַ פייערלעכער מסיבה, וואָס האָט אויסגעדריקט כבוד און אמתע ליבשאַפט און האָבן אים געגעבן די געלעגנהייט צו לאָזן הערן זיין וואָרט פאַר די שרייבער פון ישראל. דער דיכטער פון יסורים, מענטשלעכע ליידן, חורבן פון פאָלק און יידיש־מענטשלעכע גאולה־וויזיע האָט כמעט אַ שעה צייט געהאַלטן געשפּאַנט די פאַרזאַמלטע, וואָס האָבן מיט גרויס אינטערעס זיך צוגעהערט צו דעם זאַפטיקן און קלאַנגען־רייכן יידיש, אין וועלכן ער האָט מיט אַ סך געפיל, מיט דורכבויערנדיקן ווייטיק און צעשטורעמטן גייסט אויפגעחשבונט דעם חשבון־האומה אין דער דאָזיקער דעצידירנדיקער גורלדיקער שעה.

די טיפע פרייד און אומגעצוימטע גליק־איבערלעבונג וועגן פאַקט, וואָס הייסט מדינת ישראל, וועגן קערנדל פון דער נאַציע, וואָס איז זעלבסטשטענדיק אויף זיין ערד, אונטער פרייע הימלען, בעת עס איז אינגאַנצן אַריינגעטאָן אינעם פּראָצעס פון קיבוץ־גלויות; די פרייד פון בליונג און אויפקום, מיטן גרויסן ווייטיק און עכטן טרויער, קוים וועט, חס וחלילה, זיך עפענען אַ תהום צווישן אונדז דאָ און צווישן די טיילן פון פאָלק, וואָס

געפינען זיך נאָך אין דער דיאַספּאָרע — די דאָזיקע טענער, וואָס האָבן אויפגעצייטערט אין די רייד פונעם דיכטער, האָבן פאַרמאָגט אין זיך אַזעלכס, וואָס האָט געקאָנט אויפשטורעמען אַ האַרץ און צושמידן אַ מחשבה צו די אייביקע פראַגעס פון דער אומה אין דער דאָזיקער רעוואָלוציאָנערער עפּאָכע, פון וועלכער עס וואַקסט אַרויס די צוקונפט פון אונדזער פאָלק!...

נאָר די סטרונע, וואָס האָט באמת אויפגעשטורעמט די געמיטער, דער טאָן, וואָס איז געקומען נישט אין דער געהעריקער צײַט און נישט אויפן געהעריקן אָרט, איז געווען „פאַרשטייט זיך, דאָס אָננעמען זיך די קריוודע פון ייִדיש אין לאַנד און דאָס וואַרפן אונדז די שולד אין פּנים אַרײַן, אַז כאילו מיר פרייען זיך מיט דעם, וואָס עס דערוואַרט איר אונטערגאַנג, און אַז מ׳דאַרף אונדז אָנרעגן ליב צו האָבן און צו שעצן דאָס פאָלקס־לשון — וועגן אָט דעם „מיסיאָנערישן טאָן" האָט זיך אָפּגערופן, י. ד. בערקאָוויטש, לייוויקס פרײַנט און חבר, אַרויסגייענדיק דאָס מאָל פון די ראַמען, אַרויס־זאָגנדיק שאַרפע ווייטוענדיקע דברי־אמת".

„אונדזערע הערצער זענען אָפן פאַר סימפּאַטיע צו ייִדיש, פאַר טיפן יראת הכּבוד פאַר איר, פאַר אמתער ליבשאַפט צו איר, ווי צו דער שפּראַך אין וועלכער עס זענען אײַנגעהילט די נשמות פון אונדזערע פאָטערס און מוטערס, די נשמות פון מיליאָנען אומגעקומענע ברידער, די נשמות פון אומאָפּשאַצבאַרע נאַציאָנאַל־מענטשלעכע ווערטן. אָבער ראַטעווען אָט די דאָזיקע שפּראַך אונדזערע פון איר היסטאָרישן גזר־דין, פאַרזיכערן איר דאָ אַ צוקונפט, דאָס הייסט צואײַגענען זי דעם דור, וואָס וואַקסט אויף אין ישראל — זאָל דאָס געזאָגט ווערן מיט דער גאַנצער אכזריות — דאָס איז אַ זאַך וואָס איז אוממעגלעך"..... („על המשמר", 15.5.1950).

סעפּטעמבער, 1950

אונדזער גנעזאַנגען־גאַנג צו תש״ח

א קאָסמישע הערזײַק דערלאָזט ניט אונדזער אומקום.
(אברהם סוצקעווער : לידער פון טאָגבוך)

א

אַ מאַכטיקע איבעראַנדערונג איז שטורמיש אַרײַנגעדרונגען אין אונדזער לעבן און זיך אין אים אײַנגעהיימט, פונקט דעמאָלט ווען די אימה פאַר פיזישן און גײַסטיקן אומקום איז געוואָרן ממשות. די דאָזיקע איבעראַנדערונג, וואָס איז אָנגעלאָפן מיט אַן אַפּאָקאַליפּטישער יחזקאל־וויזיע, בעת דער טאָל פון געיאָמער האָט געהאַלטן בײַם פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ טאָל פון ביינער, האָט נישט געלאָזט, נישט געקאָנט לאָזן אַז אַ זײַט די מענטשן פון פען און יצירה — כאָטש קיין יחזקאל בן־בוזי איז נישט געווען און ס׳איז אויך נישט געווען דער באַפעל פון כביכול: „גיי און זאָג נביאות צו די דאָזיקע ביינער און זאָג זיי: זעט, איך ברענג אין אײַך אַרײַן אַן אָטעם און איר וועט ווערן לעבעדיק״. זיי זענען לעבעדיק נישט געוואָרן. ס׳איז אָבער געווען, ווי עס זאָגט דער פּאָעט, אַ קאָסמישע הערזײַק פונעם פאָלק און פון זײַנע שאַפּנדיקע זין און טעכטער, וואָס האָט נישט געקוקט אויף דעם גרויליקן בראַך, נישט דערלאָזט אונדזער אומקום.

און קודם־כל איז דאָס געווען די קולטור. דאָס שאַפן, דאָס לשון. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער אוראַלטער זאָג: מות וחיים ביד הלשון (משלי יח, כא) — טויט און לעבן זענען אין דער מאַכט פון דער צונג — איז געווען געדרעכט אַ מאָל און איז גערעכט אין אונדזער צעפּײַניקטן הײַנט.

דאָס לשון פון דעם רוב מנין ובנין פון ייִדישן פאָלק, ייִדיש, די שאַפערס און מײַסטערס אין אָט דעם לשון, האָבן זיך באַמיט מיט זייערע אַלע כוחות אַרײַנצובלאָזן אַ רוח־חיים אינעם צעטרייסלטן אָרגאַניזם אונדזערן און אים געניגט צום לעבן.

און ס׳איז געוואָרן גרעסער און שטאַרקער דער ווילן און דער חלום צו אַן אייגענער היים, וואָס גרעסער און שטאַרקער עס איז געוואָרן די

סכנה פון טאָטאַלן פאַרלענד. אויך דאָ האָט דאָס וואָרט פאַרנומען דעם אויבנאָן, ווי אַ שליח פון דער קאָסמישער הערזיק.

די ייִדישע ליטעראַטור און אירע שאַפערס האָבן זיך באַטראַכט ווי די העראָלדן אויף באַלעגערטע מויערן, וועמעס אויפגאַבע עס איז צו שאַלן אין טרומייטן און רופן די דערשלאָגענע מחנות צום געראַנגל, צו אַ פאַרייִאושטן קאַמף פאַר קיום, פאַר לעבן.

וואָרעם — מות וחיים ביד הלשון.

ב

פון זינט דער „ותחזינה עינינו בשובך לציון" האָט אונדז געפירט איבער לענדער און קאָנטינענטן, און דער האַרבער ריח פון די צײַטיק־געוואָרענע זאַנגען אויף די פעלדער פון כנען האָט געריצט אונדזערע נאָזלעכער, האָבן תפילות און געזאַנגען צום לאַנד פון אונדזער וויג באַלייט אונדזערע יאָרן.

די שפּראַכן אין וועלכע ייִדן האָבן געלעבט פון זינט דעם ערשטן חורבן אָן — און ח. נ. ביאַליק האָט אויסגעציילט: זעכצן! — האָבן אַרײַנ־געצויגן און אַרײַנגעזאַפּט אין זיך דעם אומעט פון דעם צו לאַנגן חלומען און גאַרן, אים אַרײַנגענומען אין זיך אין דער פאָרעם פון קינות אויף חורבן און פורענויות, אין עלעגיעס און תפילות, אין ניגונים און פרייד, ליבע און האָפענונג, און מיט זיי געפירט דאָס פאָלק איבער אַלע עמק הבכהס, ביזן צריקקום אינעם לאַנד פון די אָבות.

אויב די דערמאָנטע ,פּופּצן' האָבן דאָס אַזוי געטאָן, האָט ייִדיש, די ,זעכצנטע' שפּראַך, נאָך מערער געשאַפן און דער ציון־חלום איז אין איר געווען איינער פון די וויכטיקסטע קאָמפּאָנענטן. אָט דער גרעסטער היס־טאָרישער שפּראַכוווּנדער אונדזערער, ייִדיש, וואָס ציילט שוין באַלד טויזנט יאָר, האָט אָן דער ברכה איבער ציון, איבער שיבת־ציון, אָן דעם שווערן און ווינטשן זיך צו „דערלעבן משיחן", צו דערלעבן „די גאולה שלימה" און אָן דער קללה „אויף אַלע שונאי־ציון געזאָגט" — זיך נישט גערירט. שוין אָפּגערעדט דערפון וואָס די לשון־קודשדיקע אויסרופן „לשנה הבאה בירושלים", „ותחזינה עינינו" און אַנדערע, זענען געווען אָרגאַניש פאַר־בונדן מיטן ייִדישן ייִד און מיט זײַן לשון, אָן אָפּצוטיילן.

עס געדענקט זיך: אין רעוואָלוציע־יאָר 1917־1918 אין אָדעס. לער־נענדיק אין דער דאָרטיקער ישיבה, האָב איך בײַ מײַן עלטסטן ברודער דאָרט, ר' שאול־מרדכי ז"ל, געהערט די זמירות אין די פרײַטיק־צו־נאַכטסן. איין מאָל האָב איך פון אים דערהערט די זמירה „מנוחה ושמחה" אויך אין

אַ ייִדישער איבערזעצונג. אָבער — די איבערזעצונג האָט זיך נישט באַנוגנט מיט דעם אַליין, נאָר אויך צוגעגעבן אַזאַ רעפריין: „אָבער ווײ, אין זכות פון שבת־קודש, פון יום־טוב און ראש־חודש וואָס מיר זענען מקיים, פון דײַנע תרי״ג מיצוות, פון דער הייליקער תורה, וואָס מיר טוען נישט פאַרמײַען... פיר אונדז שוין קיין ירושלים! אָ, ווען וועט זײַן מנוחה? ווען וועט זײַן ושמחה? — אוי מנוחה, אוי ושמחה, אור ליהודים״...

אָט דער פיר אונדז שוין קיין ירושלים איז אַרײַנגעוואָקסן אינעם ייִדישן לשון, אינעם פאָלקסליד און אין דעם קונסטליד און געוואָרן אַן אינטעגראַלער טייל פון דער שאַפונג אין ייִדיש.

אַוודאי זענען געווען אַ סך צווישן די עלף מיליאָן ייִדיש־ריידערס וואָס האָבן געגלייבט און גלייבנדיק געזונגען מיט זייערע קינדער אין די קינדער־גערטנער און שולן: „ווו ס׳איז אונדזער וווינונג, דאָרט איז אונדזער לאַנד״, אָבער ווײַל דער דאָזיקער פערז גראַמט זיך דאָרט מיט „זאַמד״ („קומט דער ליבער זומער, שפּילן מיר אין זאַמד״), האָט דאָס זאַמד פאַרשיט נישט ווייניק ייִדישע אויגן. נאָר דאָס פאָלק, וועמען דאָס ייִדיש־לשון, אין נאַטירלעכער קרובישאַפט מיטן קודש־לשון, האָט געפירט און פאַרהיט פון אומקום — האָט געגאַרט און געשטרעבט, געבענקט און געהאָפט, אויף כלערליי וועגן און אופנים, צו אַן אייגענער היים, צו אַ נײַ לעבן און דאָס אַרויסגעברענגט אין געשריבענעם וואָרט. מאָריס ראָזענפעלד האָט דאָס געזאָגט אין זײַן ליד „די חנוכה־ליכט״:

האָסט אַ מאָל אַ לאַנד געהאַט,
האָסט א מאָל אַ האַנט געהאַט!
אַך, ווי טיף דאָס רירט!

און פאַר אים האָט עס אליקום צונזער געזאָגט אין זײַן ליד וועגן אַ בלום, וואָס וואַלגערט זיך אויף די וועגן „ווו אַלע פאָרן״, און „שרײַט און וויינט מיט גרויס געבעט״:

אוי, טראָג מיך אַהין
פון וואַנען איך בין,
ווו מע האָט מיך צום ערשטן געפלאַנצט...

ג

עס איז זיכער פאַראַן אַ גרונטיקע סיבה, אַ סאָציאַל־היסטאָרישע, פאַר וואָס עברית, אַז זי האָט גערופן דעם עברי ער זאָל זען, הערן, לערנען

און זיך אָפּלערנען, האָט זי צו אים געזאָגט: צא וראה [= גיי און זע], צא ולמד [= גיי און לערן]. בעת דאָס שפּעטערדיקע אַרמיש האָט שוין געזאָגט: תא חזי [=קום און זע], תא שמע [= קום און ער]. גענוג זיך צו דערמאָנען אָן די פיר וואָס זענען געגאַנגען און אַרײַנגעגאַנגען אין אַ פּרדס, וואָס פון זיי איז געוואָרן. דער עיקר — פון אלישע בן־אבויה. זעען מיר טאַקע, אַז דאָס נאָך שפּעטערע ייִדיש זאָגט נישט אַנדערש ווי: קום און זע! זעט אויס אַז אונדז האָט געלערנט די צײַט, אַז דאָס גיין צו פרעמדע, פון דאָרט זיך אָפּלערנען און נישט ברענגען די לערע צו זיך, האָט אונדז צו פיל געקאָסט. אין פאַרלויף פון אונדזער גלות־געשיכטע האָבן מיר געהאַט נישט איין אלישע בן־אבויה, נאָר טאַקע אַ סך אחרס, וואָס נישט איינער פון זיי, ביז הײַנט צו טאָג, „לערנט" די גוים ווי מיט אונדז זיך צו באַגיין...

האָט נאָך וועלוול זבאַרזשער געזאָגט האַלב־שפּאַסיק צום „פילאָסאָף":
„קום אַהער דו פילאָסאָף, / מיט דײַן קעצישן מוחל, / קום אַהער צום רבינס טיש / און לערן זיך דאָ שׂכל..."

און יעקב גלאַטשטיין האָט אַ ביסל שפּעטער און מיט טיפן ערנסט געזאָגט „קום מיט מיר צו די געמאַרקן / מיט רייד פון דער ייִדנגאַס"..
און ס׳וועט נישט סטײַען דאָס אָרט אויף אויסצורעכענען אַלץ און אַלעמען.

האָט דער קום און זע, אַ געזאָגטער אין גלײַטערטסטן גלויבן דורך די באַדײַטנדיקסטע ייִדישע וואָרטמײַסטערס, גערופן דעם ייִד־יחיד ווי דעם ייִד־כּלל צו קומען צוריק צו זיך, צו אייגענע לויטערע קוואַלן, צו אייגן פעלד און היים, לערנען און טרינקען פון זיי. די ייִדישע שרײַבערס, וואָס האָבן שוין דאָ אין לאַנד זיך געגרייט צום תש״ח, האָבן גערופן די ייִדיש־לייענערס אין דער גאָרער וועלט און זיי געזאָגט: קומט און זעט — „נישטאָ נאָך אַן אָרט, נישטאָ נאָך אַ לאַנד" ווי ארץ־ישראל (יוסף פּאַפּיער־ניקאָוו). יעקב שטאָל האָט אין זײַן אויפגעמאַכטע טיר גערופן: „קומט אַרײַן — — / איך האָב ברויט, איך האָב קעז. איך האָב ווײַן..." אַברהם לעוו, וואָס האָט אויך געהאַלטן אָפן די טיר, האָט דערזען: — „דורך טויען: / מיליאָנען, מיליאָנען / שפּאַנען און שפּרייטן דעם זאָמען / ווי איך..." און אריה שמרי האָט מכריז געווען: „ס׳איז טאָג אויף די פעלדער פון כּנען / און זע: / אָט גייען זיי — — / די דאָרשטיקע לעמער פון שטעטלעך און שטעט".

ד

אַ יאָר צוואַנציק איידער דער חלום איז געוואָרן וואָר, זענען זיי געקומען, די „דאָרשטיקע לעמער פון שטעטלעך און שטעט", די וואָס האָבן

געגלייבט באמונה שלימה, אַז די אַלטע אײַנגעקוואַרטע מאַמע־ערד פון ארץ־ישראל וועט צוריק יונג ווערן און וועט עפענען אירע אָרעמס אַרומ־צונעמען און אויפצונעמען אירע קינדער, — געקומען און זיך גענומען צום אַקער־אײַזן, צום בויהאַמער און — צו דער פען, כדי מיט איר און דורך איר מעלדן דער וועלט, און קודם־כל דער ייִדישער, אַז עס וואַקסט און צעוואַקסט זיך אַ ייִדישער ישוב, וואָס פון אים וועט ווערן היים, וועט ווערן לאַנד, וועט ווערן דאָס אויסגעגאַרטע דורך אַזוי פיל דורות — פאָטערלאַנד.

און דער נס פון ייִדיש איז אַנטקעגנגעגאַנגען דעם נס פון ישראל.

ווי פלאַנצן פון פעלדזנשפּאַלטן האָבן זיך דורכגעריסן ליד נאָך ליד, דערציילונג נאָך דערציילונג, און אין יאָר 1928 האָט זיך באַוויזן אין ירושלים די ערשטע זאַמלונג פון צײַטיק־געוואָרענער ייִדיש־ליטעראַטור אין ארץ־ישראל, אונטערן נאָמען אָנהייב, אין וועלכער דער קום און זע האָט אַרויסגעהילכט פון יעדער שורה. און דער אָנהייב האָט געברענגט דעם איינס — דעם ערשטן אויסגאַב פון דעם נאָר־וואָס געגרינדעטן „ייִדישן ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־קלוב אין ארץ־ישראל״, און דער איינס דעם צוויי און פון דעמאָלט ביז תש״ח האָט זיך געזאַמלט און געמערט די צאָל ייִדיש־שרײַבערס אין לאַנד, ביז אַ מחנה פון ל״ו באַגײַסטערטע העראָלדן האָבן אין פאַרשיידענע פאָרמען און טענער אויסגעשאַלט דעם אָנקום פון דער ייִדישער היימשאַפט.

דערשלאָגענע און פאַראָבלטע אויפן פאַרלענד פון די זעקס מיליאָן, זענען מיר געגאַנגען אַנטקעגן דעם צווייטן בראשית — מיט געזאַנג, מיט געשאַל, מיט תפילה און מיט ליבשאַפט.

דער ערשטער פון די ל״ו איז געקומען אין לאַנד אַרײַן נאָך אין יאָר 1912. דאָס איז געווען דער אָריגינעלער, עכט־מזרחדיקער משורר אין ייִדיש יעקב שטאָל. אינעם גורלדיקן יאָר 1947 איז געקומען אין לאַנד אַברהם סוצקעווער און געהאַט די זכיה צו זײַן דער אָנהייבער פון אַ נײַער תקופה מיטן אַרויסגעבן די גאָלדענע קייט.

אַוודאי זענען געווען אין לאַנד און אין דער וועלט אַ סך ייִדיש־פּאָעטן וואָס האָבן געזונגען אָדעס צום לאַנד פון די אָבות נאָך איידער די זעקס און דרײַסיק האָבן זיך דאָ הי צונויפגעזאַמלט און באַגײַסטערט געוואָרן פונעם וווּנדערלעכן הימלבלוי, פון די גאָלדענע זאַמדן און זוניקע שוועלן. קיינער לייקנט נישט אין דעם. קיינער פאַרגעסט דאָס נישט. עס טאָרן אָבער אויך נישט אָפּגעלייקנט ווערן אָט די זעקס און דרײַסיק וואָס האָבן דאָ ביחידות און באַוואָפנטע מיט גלויבן אַז אַזאַ געשעעניש ווי תש״ח מוז און וועט קומען, מיט זייער שאַפונג גערופן און געוועקט: קומט און זעט,

קומט און לערנט, קומט און זײַט שותפים צו דעם נס וואָס געשעט. איז דאָס זייער אונדזער קענציײכן און דאָס — זייער באַזונדערער זכות: דער גע־זאַנגען־גאַנג צו תש״ח.

ה

— והיוצא לנו מדברינו?

שאַפערישקייט ברעכט צוימען. שאַפערישקייט, אויב זי איז אמתדיק און ערלעך, מוז זי זיך דורכשלאָגן איר וועג צו אָנערקענונג — און דער נס פון ייִדישער היימשאַפט, וואָס דאָס וואָרט פון ייִדישן פּאָעט און פּראָ־זאַיִקער איז איר געווען אַ באַטײַטנדיקער אָנשפּאַר, האָט געברענגט, כאָטש טיילווײַז, בכבודיקע אָנערקענונג. מיר ווערלן דאָ נישט אויסרעכענען אַלע פאַלן. מיר ווילן בלויז דערמאָנען די באַרימטע מאַנגער־פּרעמיע, וואָס איז איינע פון די אָנערקענונג־סימנים מצד די אָנפירנדיקע קרײַזן אין דער מדינה — מיט די נשיאים אונדזערע בראש — און אָפּצייכענען די 9־טע צוטיילונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין חודש יוני 1977.

דאָס מאָל האָבן די פּרעמיע באַקומען דרײַ ייִדיש־שרײַבערס, וואָס קומען פון דרײַ פאַרשיידענע ערטער און ספערעס. הירש אָשעראָוויטש — ברענגט זײַן רײַכע שפּעדיקע דיכטונג פון ראַטנפאַרבאַנד, פול מיט פּײַן־ און ווייַ־פּראָבלעמען; יהודה עלבערג — פון דעם גרויסן בראָך וואָס האָט געטראָפן דעם ייִדישן פאָלק אין אייראָפּע אין די יאָרן פון דער שואה, און מײַן ווייניקייט, — וואָס כאָטש דער זכרון באַפרײַט מיך נישט פון צו געדענקען און לעבן די אַלטע היים, לעב איך אָבער כולי אין ארץ־ישראל.

די פּרעמיעס האָט דערלאַנגט, אַ שטראַלנדיקע, די חברה גאָלדע מאיר בעת דער מלוכה פּרעזידענט, פּראָפ׳ אפרים קציר און דער תל־אביבער שטאָט־פּרעזידענט שלמה להט האָבן געהאַלטן זייערע רעדעס פאַר אַ 2000 קעפּיקער אוידיטאָריע אין ייִדיש.

אין מײַן דאַנק־וואָרט האָב איך געזאָגט:

...כ׳בין זיך מודה ומתודה: כ׳בין באַרוישט און באַרעשט פונעם וווּנ־דערלעכן כמעט־מלוכהשן מעמד פון דעם איצטיקן ליטעראַטור־יום־טוב, אין וועלכן אויך איך האָב אַזוי אומגעריכט זוכה געווען צו האָבן אין אים אַ חלק. קטונתי! עס פעלן מיר — איןביידע לשונות אונדזערע — די פּאַסיקע ווערטער אויף אויסצודריקן מײַן טיפסטן האַרציקסטן דאַנק צו די וואָס זענען אין דעם „שולדיק״, און די האַרצקלאַפּונג און צערודערונג וואָס דער אָ חלום האָט מיר פאַרשאַפן. אָבער, אויב איך וועלן זאָגן, אַז איך זע אין דעם דאָס וואָר ווערן פון חלום, וועל איך נישט גרייכן דעם אמת.

ווארעם בעת איך בין געקומען אין לאַנד אַריין, מיט 51 יאָר קעריק, אַדאַנק דעם חומש וואָס פליסט אין מײַן געבלוט און אַדאַנק דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער וויזיע — דער באָראָכאָוויזם — וואָס האָט דעמאָלט באַהערשט מײַן האַרץ און מײַן מוח, און מסתמא אויך דערפאַר, וואָס טאָג־איין טאָג־אויס האָב איך, צוזאַמען מיט מײַנע גלותדיקע זיידעס, געבעטן מיט עקזאַלטירטער פאַרבענקטקייט „ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים" — האָב איך נישט געחלומט, נישט געקאָנט חלומען, אַז אין 22 יאָר אַרום וועט אָט דער אויסגעגאַרטער „ותחזינה" באַקומען פלייש און הויט, וועט ווערן וואָר, כאָטש אָן דעם „ברחמים" — ווײַל ס'האָט דאָך אונדז געקאָסט אַזוי פיל צער, בלוט און לעבנס, וואָס האָבן זיך אַרײַנגעגאָסן אינעם פאַרלענד־בילאַנס פון די 6 מיליאָן — אַז אין אַזאַ קורצער צײַט אַרום, וועלן מײַנע אויגן זוכה זײַן צו זען ווי דורך אונדזער אַרבעט און מי, דורך אויפוועקן די ערד און אויפשטעלן יישובים, דורך אַזויפיל פּײַן און אומגעהייערע קאַמפן וועט אויפקומען די יידישע מדינה.

דאָס גלײַכן: —

בעת מיר, אַ גרופּע אָנהייבנדיקע יידיש־שרײַבערס, פאַרכליניעטע פון די „גאָלדענע זאַמדן" און פון „בלויען ליכט" פון אונדזער לאַנד, האָבן זיך פאַרזאַמלט אינעם צריף פון די פועלי־ציון אין תל־אביב, אינעם ברעטער־באַראַק וועמען די זון האָט געשרומפן און דער ים־ווינט האָט געטרייסלט און געשמיסן, אים, צוזאַמען מיט זײַנע יידישע און העברעישע אויפשריפטן אויף זײַנע אויסגעקוואַרטע ווענט, בעת מיר זענען זיך דאָרט צונויפגעקומען כדי צו שאַפן אַ רעם פאַר אָט דער גרופּע און איר אַ נאָמען געבן „יידישער ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־קלוב אין ארץ־ישראל", און דערפאַר פון דער אָרגאַניזירטער געזעלשאַפטלעכקייט פאַראורטיילט און פאַרפאָלגט געוואָרן, האָב איך דעמלט נישט געחלומט, נישט געוואַגט צו חלומען, אַז עס וועט קומען אַ צײַט, און גראָד אין דער אייגענער מדינה וואָס וועט אויפגעריכט ווערן, וועט איינער פון אירע נשיאים, אַ שטייגער ר' שניאור זלמן שזר ז"ל, ווערן פון די שיצערס און שטיצערס פון דער יידישער ליטעראַטור ביז ער וועט אַליין ווערן פון אירע שאַפערס: וועט העלפן שאַפן דעם מאַנגער־פּרײַז, וועט אַרויסגעבן אָן אייגענע לידערזאַמלונג א. ב. „פאַר זיך" א. אַ. און — נאָך מער — אַז עס וועט קומען איינער וואָס וועט אַרבן זײַן הויכע שטול, אין דער פּערזאָן פון אונדזער איצטיקן פּרעזידענט — פּראָפ' אפרים קציר יבדל לחיים ארוכים, וואָס שוין צוליב זײַן וויסן איז ער משכמו ומעלה, אַז אָט דער ווילגעלערנטער נשיא, וועט גיין אין די פוסטריט פון זײַן פאָרגייער, וועט ווערן ערן־

פרעזידענט פונעם מאַנגער־פּרײַז, און װעט אין זײַן דערהויבנקייט לאָזן הערן דאָס, װאָס מיר האָבן נאָך װאָס געהערט. און אין ייִדיש.

און אַז דער פּרינץ פון דער ייִדישער פּאָעזיע, איציק מאַנגער, מיט װעמען איך האָב זיך נאָך פאַרחברט אין טשערנאָװיץ, אויף מײַן אומלעגאַלן װעג קיין ארץ־ישראל, האָט זוכה געװען צו אַזעלכע פאַראייביקער און צו אַזאַ פאַראייביקונג — האָט װער פון אונדז געחלומט אַזאַ חלום? דעריבער איז גרויס אַזוי מײַן צערודערונג, און איך רוף אַרויס מײַנע לידער פון די זאַמלונגען „אין בלויען ליכט״, „פון װיי און גלויבן״, פון מײַנע „זוניקע שװעלן״, „טויערן אין די בערג״ און פון די „האַרבסטיקע טרויבן״, װאָס איז הײַנט דערשינען, און ברענג זיי דאָ פאַר עדות, אַז די דערלעבעניש מײַנע, די איבערלעבעניש מײַנע, איז שענער פונעם שענסטן חלום.

און אויב עס װעט פרעגן דער פרעגער: לשמחה מה זו עושה? דאָס הייסט — אין אונדזערע צײַטן, בײַם אָפּגיי פון קולטור, אין צײַטן פון דזשינס, דזשעז און אויסגעהוילטע װערטן, איז װעמען נייטיק פּאָעזיע, און אין ייִדיש דערצו? אפשר דאַרפן מיר גאָר, װי יל״ג בשעתו, שטאָט יומטובן, אויסװיינען דעם „למי אני עמל?״ װעט קומען די איצטיקע אימפּרעזע, אָט דער װוּנדערלעכער צונויפקום פון אַרבעטער און פּאָלקסמענטשן, פון קינסטלערס און אינטעליגענץ, מיטן נשיא און מיט אָט דעם אומפּאַרגלײַכלעכן פּרעזידיום מיטן טאַלאַנטפולן מענטש און רעדאַקטאָר שלום ראָזנפעלד אין דער שפּיץ, און װעט אַלץ פאַרענטפערן.

דערפאַר:

אַלע, אַלע דאַנק־אויסדרוקן װאָס װיברירן איצט אין מײַן האַרץ און נשמה — צו אײַך אַלע, אַלע.

*

איז אַזוי געװען אונדזער געזאַנגען־גאַנג אַנטקעגן תש״ח און אַזעלכע די דערװײַליקע רעזולטאַטן.

1978

פרץ הירשביין אין ארץ־ישראל

(מיט 20 יאָר קעריק)

.1928

אין האָטעל „ניו־יאָרק" אויף ראָטשילד בולוואַר אין תל־אביב. די פרילינג־שטאָט איז יונג, חנעוודיק און שיטער. די פּײַן פון אַרבעטסלאָזיקייט לאָזט זיך מערקן אָפן און נישט פאַרשלייערט, און ווערט פאַרלוירן אינעם חן פון די טאַנצנדיקע: גאַנצע נעכט טאַנצט יונגוואַרג אָן אויפהער! די וואָס קאָנען נישט וואַרטן אויפן „בעסערן מאָרגן" — קראַנקע, אומגעדולדיקע — ציִען צום יפו'ער פּאָרט, און אורי צבי גרינבערג, דער דעמאָלטיקער „משורר החצר של ההסתדרות העובדים העברים בא"י", ווי ער האָט זיך גערופן, זינגט וויינענדיק אַראָפּ פון די שפּאַלטן פון „דבר": „און אַז איך זע, ווי די שיפן גייען־אָפּ מיט די אַרויספאָרער, זאָג איך (אין ידיש): דער ליבער הייליקער שבת־קודש גייט אַוועק!"...

צו דער דאָזיקער הייליקער שבת־קודשדיקער באַפעלקערונג, צו דעם דאָזיקן ייִדיש־טאַנצנדיקן און ממשותדיקן, אין גרויסן טייל, הונגערנדיקן ישוב, איז געקומען צו גאַסט דער דיכטער און דראַמאַטורג, דער רײַזנדער און רײַזע־באַשרײַבער, דער דערציילער און ראָמאַניסט פּרץ הירשביין.

ער איז געקומען מיט גלויבן און נײַגיר. ער האָט מיטגעפירט מיט זיך אַ האַרץ אַן אָפנס, אַן אָפן אויג און אַן אָפן אויער — געוואָלט באַנעמען, געוואָלט זען, געוואָלט הערן.

*

אין האָטעל „ניו־יאָרק" אויף ראָטשילד בולוואַר אין תל־אביב האָט מיך אויפגענומען אַ צאַרטער, סאָלידער מיטל־יאָריקער אַריסטאָקראַט, וואָס האָסט אין אים תיכף דערקענט דעם רײַזנדער־פאָרשער. ער האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר זײַן איידעלער פרוי, די ייִדישע דיכטערין אסתר שומיאַטשער, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַן אינדישע אַדעליקע, און האָט מיך אַרײַנגעפירט אין אַ האַלב־פאַרמאַכטער טעראַסע — ווי אַ רײַכע רבנישע סוכה — זיך אויסגעדרייט צו מיר אין מיטן גיין, אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף מײַן לינקן אַקסל און אַ פרעג געטון: —

„און איר האָט נאָך אַלץ ליב ייִדיש?! — כאַטש איר זענט שוין עט־לעכע יאָר אין ארץ־ישראל?...

— כ׳בין נישט דער איינציקער, האָב איך געענטפערט, עס זענען פאַראַן דאָ טויזנטער ווי איך. אונדזער קרײַז (כ׳בין געקומען אין נאָמען פון א״ידיקן קרײַז „פרײַנט פון ייִוואָ״) האָט אָפּצווײַגונגען אין אַלע ייִדישע שטעט אין לאַנד... די מאַסן וועלן מיטברענגען ייִדיש״.

הירשביין האָט זיך ביטער צעשמייכלט — ווי אַזוי שטעלט איר זיך דאָס פאָר? זאָגט, ווי אַזוי? דאָס גאַנצע פאָלק האָט ליב ארץ־ישראל, אַלע ייִדן טוען פאַר ארץ־ישראל, אָבער אײַער אָנפירונג אַליין פאַרהאַלט און צע־טיילט!... וואָס וועט זײַן, לאָמיר זאָגן, מיט די דרײַ מיליאָן רוסישע ייִדן און מיט די וואָס האָבן אין דער שפּראַכן־פראַגע אַן אַנדער מיינונג ווי די היגע, די אָפיציעלע? „איר״ וועט זיי אָפּשנײַדן פון אונדזער גוף?!

— איך בין דאָך אַ „ייִדישיסט״, האָב איך זיך געפּרוווט באַזוו פאַר־טיידיקן, — איך און מײַנע חברים זענען דאָך נישט פאַר דעם. מיר האַלטן דאָך, אַז ייִדן וועלן קומען פון אומעטום, ארץ־ישראל איז אָפן פאַר אַלע ייִדן.

— נאַרישקייטן, אַז איך זאָג „איר״ מיין איך דעם ייִשוב, דעם לעבע־דיקן, שאַפנדיקן קיבוץ. דער יחיד, די קליינע גרופּע איז נישט באַשטי־מענדיק. אָט זעט: מיט מיר צוזאַמען איז געקומען אויך שלום אַש. דער העברעיִשער שרײַבער־פאַראיין האָט אונדז אויפגענומען, אונדז געמאַכט אַ קבלת־פּנים, האָט אַש אָנגעהויבן זײַן רעדע אין איווריס (עיברית) און זי געענדיקט אין איווריס. ער וואָלט פונקט אַזוי געקענט אָנהייבן מיט אַ ברכה איבער אַ בליץ און ענדיקן מיט אַ ברכה איבער אַ דונער. מ׳האָט דאָך זײַן איווריס נישט פאַרשטאַנען. נאָר וואָס? איר שאַפט דאָ אַרום זיך אַזאַ איבערשרעקנדיקע אַטמאָספערע... אַש האָט זיך דערשראָקן... עס חזרט זיך נאָך אַלץ איבער די מעשה זשיטלאָווסקי...

ער האָט זײַן שמאָל לענגלעכדיק געזיכט אַרײַנגענומען איןביידע הענט אַרײַן; זיך געשאָקלט אַהין און צוריק מיט אַ מין חסידישער התּ־להבות און גערעדט צו זיך, צו מיר, צום בולוואַר, צו תּל־אביב, צום יונגן ייִשוב:

— אַ פאָלק מוז זײַן גאַנץ, אייניק, אחד, שוין געווען אין אונדזער געשיכטע שפּאַלטונגען. שוין געווען, ס׳מוז זײַן גענוג! ארץ־ישראל וואָס בויט זיך מיט ווילן און אמונה דאַרף גאַנץ מאַכן, דאַרף פאַראייניקן. נישט צעשפּאַלטן אונדז דעם גוף און די צונג...

אַט וואַקסט אַ בוים, אַ קינד, אַ הויז — אַז איר וועט עס נישט דערציילן אין ייִדיש וועלן מיליאָנען ייִדן דערפֿון נישט וויסן".

— פּרוּוון מיר דאָך, מיטן דיכטער יוסף פּאַפּיערניקאָוו אין שפּיץ, באַזינגען אין אונדזער יונגן ליד און אין אונדזער זיך־אויספּיקנדיקער דערציילונג דאָס שײנס און דאָס גוטס וואָס דאָס אַלט־נײַע לאַנד פֿאַרמאָגט. איז דאָס ווייניק? —

„חלילה. פֿון אײַער זײַט איז עס נישט ווייניק. ס'איז אָבער אָפּילו נישט קיין טראָפּן אין ים וואָס דאַרף און מוז דערציילט ווערן אין ייִדיש פֿאַר די ייִדישע מאַסן. אַ, ווי ווייניק!...

*

און —

פּרץ הירשביין, אַן אָנגעזאַפּטער מיט איבערלעבונגען, מיט זען און הערן, מיט פֿילן און פֿאַרשטיין איז אַוועקפֿאָרן אַן אייגענער, אַ היימישער. מיט אים איז מיטגעפֿאָרן זײַן פֿרוי, די דיכטערין אסתּר שומיאַטשער. אויך שלום אַש איז אַוועקגעפֿאָרן. נאָר שלום אַש האָט זײַנע איינדרוקן ווידער אויסגעגאָסן אין אַ ליריש בוך וועגן ארץ־ישׂראל, אָן טענות. און ער, פּרץ הירשביין, דער דיכטער און דראַמאַטורג, זײַענדיק אָנגעזאָפּט און טיף־איבערגענומען מיטן שפּראַך־קאָנפֿליקט, מורא האָבנדיק פֿאַר צעפּרעמדקייט און צעשפּאַלטונג, האָט אין וואַרשע, אויפֿן וועג צו די דרײַ מיליאָן רוסישע ייִדן אָפּגעדרוקט אין די „ליטעראַרישע בלעטער" דעם דעמאָלט אויפֿרו־דערנדיקן אַרטיקל א. נ. „אונדזער צעשפּאַלטענע צונג".

און הגם ער האָט שפּעטער פֿאַרעפֿנטלעכט איידעלע האַרציקע רעפּאָר־טאַזשן וועגן ארץ־ישׂראל און אויך אַרויסגעגעבן זיי אין בוך־פֿאָרם, האָט אָבער דעם גרעסטן אינטערעס אַרויסגערופֿן דער דאָזיקער אַרטיקל, ווײַל אין אים איז געקומען אויף אַ שטאַרק־עמאָציאָנעלן אופֿן צום אויסדרוק די שווערע איבערלעבונג און דער גרויסער פּחד פֿונעם צאַרטן ייִדישן שרײַ־בער פֿאַר אַ שפּאַלטונג — אַ גײַסטיקע און אַ פֿיזישע — וואָס דער אָנגע־צויגענער שפּראַך־קאָנפֿליקט איז עלול אַרויסצורופֿן. ער האָט געוואָלט אחדות, איינהייט פֿון גאַנצן פֿאָלק. ער האָט דאָס פֿאַרלאַנגט פֿון זיך, פֿאַרלאַנגט פֿון אַלע שאַפֿערס אין ייִדישן פֿאָלק, האָט ער עס אויך פֿאַרלאַנגט פֿונעם לעבעדיקסטן, שאַפֿנדיקסטן ייִדישן טייל — פֿון דעם נײַעם זיך בויענדיקן ישוב אין ארץ־ישׂראל.

סעפּטעמבער 1948

וועגן ייִדישקייט און ייִדיש

אַרום „חול ורוח" און די בייזע רוחות *

ייִדישקייט גייט־דורך אַ שווערן קריזיס. אַ מוראדיקער תהום האָט צעעפֿנט זײַן פּיסק איַינצושלינגען, דערווײַל, די ייִדישקייט פֿון די ייִדן אין די תּפֿוצות. סײַ דאָרט ווו די מאַכט־אָרגאַנען זעען דאָס ווי זייער „הייליקן" חוב צו אינטעגרירן אין זיך מיליאָנען ייִדן און זיי מאַכן מיט „בירגער גלײַך", סײַ דאָרט ווו די אייגענע „אָרגאַנען", די ייִדן גופֿא, לויפֿן דעם אַמאָק־לויף צו די פֿעלקער און שפּראַכן, צווישן וועלכע זיי לעבן — דאָ ווי דאָרט ווערן וואָס־אַ־מאָל שמעלער און שמעלער די קוואַלן פֿון ייִדישקייט, און דער פּחד פֿאַר דער גאַנצלעכער אויסטריקענונג ווערט אַלץ מער ממשות־דיקער. דער באַראָמעטער דערפֿון איז ייִדיש. די פֿאַקטן זענען באַקאַנט.

איז נישט קיין וווּנדער, וואָס פֿון פֿאַרשיידענע זײַטן און קרײַזן הערן זיך לעצטנס פֿעסטשטעלונגען, מיינונגען און עצות, ווי אַזוי צו פֿאַרהיטן די ייִדישקייט פֿון אײַנברוך און... וועגן גורל פֿון ייִדיש.

אין מדינת ישׂראל זענען קאָנצענטרירט די ייִנגסטע כּוחות פֿון דער ייִדיש־ליטעראַטור. דאָ ווערן געשאַפֿן, און דערשיינען, ווערק פֿון פֿאַרשיידענעם אינהאַלט, גרייס און ווערט, וועלכע גיבן אָט־דעם־צענטער פֿון ייִדיש־יצירה די רעכט — און דעם חוב! — צו דאגה'ן און זאָרגן פֿאַר דער קעגנוואַרט און צוקונפֿט פֿונעם לשון אין וועלכן ער שאַפֿט.

איז עס געווען מער ווי נאַטירלעך, אַז דער ייִדישער ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פֿאַראיין אין ישׂראל זאָל „נעמען אַ וואָרט" אין דעם וואָרט־יריד פֿון אָט־דער אָנגעוויטיקטער פֿראַגע.

צי האָט אָבער דאָס „וואָרט" געבראַנגט צום אויסדרוק די מיי־נונג פֿון דעם אַחריותדיקן רוב ייִדיש־שרײַבער? און ווי איז די

---

*) חול ורוח, מאַסף. העורך: ג. קרסל. הוצאת עיריית חולון, תשכ"ד / 1964. 264 זײַטן. עברית, און אַ... ייִדיש־אַכסניה רעדאַגירט פֿון ל. אָליצקי — 59 זײַטן.

באַציִונג צום יִדיש־פּראָבלעם אין די הִיגע קרײַזן, אין אָט־אָ־דער גורל־צײַט ? —

א

אויב עס זאָל גיין אין דעם, ווי אַזוי עס באַציִען זיך הײַנט צו טאָג די יִדיש־רעדערס אַליין, און צווישן זיי — אַ היבשער טייל יידיש־שרײַבערס, צו זייער לשון, צו יִדיש, וואָלט שוין פון לאַנג געקאָנט מקויים ווערן די נבואָה פון אב. קאַהן און זײַנס גלײַכן וועגן סוף. אמת, געווען אַ צײַט ווען דער פּשוטער ייִד, האָט נישט געוווסט, נישט געטראַכט און נישט געדאגה׳ט וועגן זײַן נאַטירלעכן לשון. ער האָט געלעבט, זיך אַרײַנגעלעבט און זיך אויסגעלעבט אין יִדיש אָן שום קאָמפּלעקסן. אַ יִדיש קינד האָט זיך געלערנט אַ מלאכה אין יִדיש, פּונקט אַזוי ווי ער האָט געלערנט חומש, גמרא און פּוסקים אין יִדישער פּאַרטײַטשעכץ. ער האָט נישט געוווסט וויפל צונעמען זײַן שפּראַך פּאַרמאָגט און וואָס איז איר יחוס, אָפּשטאַם. ער האָט געלעבט זײַן אייגן לעבן, אין די אייגענע ד׳ אמות. ערשט מיטן אויפקום פון דער השכלה, וואָס איר עיקר־שטרעבונג איז געווען דאָס אַנטלויפן פון געטאָ־לעבן און — בײַ יענע באַדינגונגען — דאָס אַנטלויפן פון זיך, ערשט דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן דער אויסראָטונג־קאַמף קעגן יִדישן לשון, דאָס באַשענקען עס מיט פאַרשיידענע צו־נעמען. און אָט דער קאַמף און ביטול־באַציִונג ציִען זיך, אין פאַרשיידענע וואַריאַציעס, ביז הײַנט־צו־טאָג. דאַרף דאָס שטיין פאַר אונדזערע אויגן בעת מיר גייען רעדן וועגן אָט־דעם פּראָבלעם.

אַ ציטאַט פון דעם אָנדערקענטן געלערנטן אין חכמת ישראל, דער פּרעמירטער מיטן פּרס ביאַליק מ.ח. עמישי (משה מייזלש) וועט אונדז צוריקפירן צום מקור און העלפן באַווײַזן, ווי ווײַט מעגלעך, די ריכטיקייט פון אונדזער פעסשטעלונג.

אין צווייטן באַנד פון זײַן פּרעמירט ווערק „מחשבה ואמת״ (דף 429) זאָגט דער געלערנטער וועגן דער השכלה־באַוועגונג און איר באַציִונג צו יִדיש : —

„די השכלה־באַוועגונג — דער ערשטער אײַנברוך אינעם לעבן פון געטאָ — האָט אין מזרח ווי אין מערב (אייראָפּע — י.צ.ש.) זיך אַ ווענד־געטון צו עברית. אין דער דאָזיקער ווענדונג איז דער עיקר געקומען צום אויסדרוק דער ווילן צו מענטשישן, פאָלקישן רענעסאַנס פונעם ייִד, דער ווילן צו זען זיך אַליין און זיך באַווײַזן פאַר דער וועלט אין אַן אייגענעם לשון, אַ דערוואָרבנס דורכן פאָלק — און מערער נאָך ווי דער ווילן זיך

צוריקצוקערן צום עבר, ווי דאָס איז די פּאָזיטיווע כוונה אויפצולעבן דאָס אַלטע לשון, איז געווען אין דעם דער נעגאַטיווער מיין פּריווילי זיך אָפּצו־זאָגן פונעם קעגנוואַרטיקן לשון פון געטאָ. אויך די השכלה אין מערב פון דעם מענדעלסאָן־דור און די „מאספים" האָט פאַרמאַגט די פאָדערונג „עב־רית או גרמנית", כאָטש ס'איז אוממעגלעך איר צוצושרײַבן די ציל־באַוווּסטע שטרעבונג פון אויפלעבן העברעיִש. און דאָס ניצן זיך אירס מיט עברית איז געווען נישט מער ווי אַן אַרויסשטעלן אַ יחוס־בריוו פון אַ בכבודיקן פאָלק־אָפּשטאַם, פון נישט קיין געטאָ'דיקן. אויך אין דעם פאָדערן העברעיִש אין מזרח איז געווען, נישט נאָר אין די ערשטע טעג פון דער השכלה, נאָר אפילו אין די טעג פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג וואָס נאָך איר — צוזאַמען מיט דער פּאָזיטיווער באַדײַטונג וואָס האָט געהאַט אַליין און פאַר זיך דאָס אויפלעבן ס'העברעיִשע לשון — דאָס אַרויסשטופּן דאָס לשון פון געטאָ. אַרויסגייענדיק פון דער הנחה איז פאַקטיש עברית געווען אַ שלעפּ־קראַפט צו אַסימילאַציע, און די דאָזיקע נייגונג האָט זיך געפּאַסט נישט נאָר צו דער פריִערדיקער השכלה מיט איר אַסימילאַציע־באַגלייטונג, נײַערט אויך צו דער גאולה־באַוועגונג, וועלכע האָט געלייקנט אין די מעגלעכקייטן און אין די רעכט פון אַ נײַעם געטאָ־נאַציאָנאַליזם, סײַ זי האָט דאָס דערקלערט עפנטלעך, סײַ — נישט. העברעיִש האָט געקענט פאַרטראָגן לעבן זיך די רוסישע שפּראַך, אָדער וועלכע ס'איז אַנדערע אַסימילירנדיקע שפּראַך, ווײַל זי (די גאולה־באַוועגונג — י.צ.ש.) האָט נישט פאַרלאַנגט עפּעס־וואָס פאַר זיך אין דער קעגנוואַרט נאָר אויסן געווען דאָס צוגרייטן זיך צו דער צוקונפט, לייגנדיק דערבײַ אַלע אירע האָפענונגען אויף אָט דער צוקונפט. אַנטקעגן דעם דאָזיקן ציל פון דער גאולה־באַוועגונג איז אויפגעשטאַנען די באַוועגונג פאַר יִדיש — וואָס אָט דער נאָמען פּאַסט צום בעסטן די פאָדערונגען און די האָפענונגען פאַר נאַציאָנאַלע רעכט און פאַר דעם אויפהאַלט פון אַ יִדיש־נאַציאָנאַלן שטייגער אין דער פרעמד, אין אַלע זײַנע פאָרמען און אָנהאַלטן — צו באַנײַען די קעגנוואַרט דורך איר און פאַר איר און פאָדערן די רעכט פאַר איר עקזיסטענץ אַזוי ווי זי איז".

איז אויב מיר ווילן זײַן אויפריכטיק און נישט שפּילן שטרויס־פּאָליטיק קאָנען מיר ברענגען אָן שום ענדערונגען אָט דעם ציטאַט ווי אַ באַווײַז פאַר דער באַציִונג אויך פון דער איצטיקער „גאולה־באַוועגונג" אין די לענדער פון גלות. נאָר מיט איין „קליינעם" אונטערשייד, וואָס די אַסימילאַציע וועלכע פרעסט מיט פולע מײַלער, איז שוין ממילא דאָ און קיין געטאָ־לעבן — נישט. אָבער די רעזולטאַטן זענען די זעלבע. און די באַציִונג — אַוודאי און אוודאי.

פאַרשטייט זיך, אַז מדינת ישראל — אָט די גרויסע דערגרייכונג פון דער גאולה־באַוועגונג — טעמפּט־אָפּ די שאַרפקייט פון דער פונאַנדערטיילונג. קודם כל מצד דער ייִדיש־באַוועגונג. אויסער קליינע, אומבאַדײַטנדיקע קרײַזן איז נישטאָ אין גלות הײַנט קיין באַוועגונג, וואָס זאָל זיך אײַנשטעלן פאַר די „פאָדערונגען און האָפענונגען פאַר נאַציאָנאַלע רעכט און פאַר דעם אויפהאַלט פון אַ ייִדיש־נאַציאָנאַלן שטייגער אין דער פרעמד אין אַלע זײַנע פאָרמען און אינהאַלטן". הײַנט קאָן זיך געשיקן, אַז אַ ייִדישער סטודענט פון חוץ־לארץ, בײַ וועמען עס האָט דערוואַכט אַ נאַציאָנאַלער אָדער, זאָל זיך ווענדן קיין ישראל צו זײַנע פרײַנד, זיי זאָלן אים שיקן דאָס „נאַציאָנאַלע ישראלדיקע פאָלקס־ליד און פאָלקס־טאַנץ — דאָס ,שערעלע׳"... („דבר", 21.7.64).

איז אַן אַבסורד צו קומען הײַנט מיט פאַרשלאָגן וועגן „פונאַנדערטיילן די פונקציעס". דעם עבר — ייִדיש, און דער קעגנוואַרט — העברעיִש. צי: דעם גלות — ייִדיש, דער מדינה ישראל — העברעיִש. יעדע העברעיִשע שול, וואָס ווערט אויפגעשטעלט אין די עם הארציש־אַסימילירטע קרײַזן אין אַ לענדל ערגעץ פון לאַטײַן־אַמעריקע — אויב זי שטופּט נישט בײַזוויליק אַרויס דאָס ביסעלע ייִדיש דאָרט — שלעפּט שוין ממילא אַוועק פון פולער אַסימילאַציע און יעדעס ווערק וואָס ווערט געשאַפן אין ישראל אין ייִדיש פעסטיקט און שטאַרקט די נאַציאָנאַלע אַטריבוטן פון דער זיך־בויענדיקער מדינה און אוודאי פון די גלות־יישובים. דאַרפן געזוכט ווערן וועגן פאַר סאַנאַציע בײַ אַלע קרײַזן און — קודם כל — אין ביידע שפּראַכן.

עס איז קיין נײַעס נישט אַז ייִדיש גייט דורך אַ שווערן קריזיס. אַ קריזיס וועלכן די שוידערלעכע קאַטאַסטראָפע האָט גורם געווען און — וועלכן די ייִדיש־רעדנדיקע עלטערן האָבן אַליין געשאַפן, שווימענדיק מיטן ריזיקן אַסימילאַציע־שטראָם. צווישן זיי — אַ גרויסע צאָל ייִדיש־שרײַבער! — זייערע קינדער לייענען זיי נישט, זייערע קינדער פאַרשטייען זיי נישט. ווײַל זיי האָבן גאָרנישט געטאָן ס׳זאָל זײַן אַנדערש. אָבער פון דאַנען ביז דער טרויער־סעודה איז נאָך אַ ווײַטער מהלך. דעם בערס פעל קאָן מען נאָך דערוויײַל נישט טיילן. ער לעבט נאָך. און קיינער פון די ייִדיש־שרײַבער, וואָס שרײַבן אין דער דאָזיקער שפּראַך אָן צו פרעגן איר „ווי רופט מען דיך?" אָדער „פון וואַנען שטאַמסטו?" וועלן נישט אָננעמען וועלכן ס׳איז „מינימום־פּראָגראַם" — נאָר אין גלות, אָדער נאָר זכרונות. שוין די ווערק פון אַ יוסף פּאַפּיערניקאָוו; די ישראל־פּאָעזיע פון אַברהם סוצקעווער און די שאַפונגען פון די ארץ־ישראלדיקע דיכטער פון פּאַפּיערניקאָווס דור אין ייִדיש, ווי די דערציילונגען וועגן נײַעם ארץ־ישראל, וואָס אַ גאַנצע ריי

ייִדיש־שרײַבער האָבן דאָ־הי געשאַפֿן — זענען דער בעסטער באַווײַז, אַז נישט נאָר אין די גלות־לענדער, נאָר אויך אין ישראל, האָט נאָך ייִדיש וואָס צו זאָגן. און נישט נאָר וועגן דער פֿאַרגאַנגענהייט.

ב

אונדזער דור, דער דור פֿון רעוואָלוציעס, פּאָגראָמען און וועלט־מלחמות האָט אויסגעפּרוווט אויף זײַן אייגענער הויט דעם רעגנבויגן פֿון אידייעס אין שליחות פֿון איין גרויסן אידעאַל: אַ בעסערע, אַ גערעכטערע וועלט. מיר האָבן זיך געוואָרפֿן דעם שונא און דער שנאה אַנטקעגן, ווער מיט ביקס און ווער מיט וואָרט, כדי זוכה צו זײַן, נאָכן אײַנשטילן זיך פֿון קאַמף און געראַנגל, אַרײַנצוגיין אין טויער פֿון אַ נײַ, שענער און בעסער לעבן. אמת, נישט אַלע חלומות זענען מקויים געוואָרן. עס איז אָבער מקויים געוואָרן אַ גאָר גרויסער און וויכטיקער חלום: מדינת ישראל. נישט אַלע אונדזערע וויזיעס זענען אַרויסגעקומען פּונקט אַזוי ווי מיר האָבן געוואָלט. איינס איז אָבער געבליבן אויסער יעדן אָפּפֿרעג: דער אידעאַל, דאָס כסדרדיקע שטרעבן צו אַ בעסערער און שענערער וועלט.

אין אונדזער געראַנגל, אונדזער קאַמף תמיד געגאַנגען קעגן דער דרויסנדיקער רעאַקציע און אין אַ פּאַראַלעלער ריכטונג — קעגן די אינערלעכע קריכערישע, פּחדנותדיקע און אָפּט־מאָל שוואַרצע כוחות אין ייִדישן לעבן.

נישט בלויז אַקסנפֿעלד, לינעצקי, יל״ג און מענדעלע האָבן, יעדער אויף זײַן שטייגער, אַלאַרמירט קעגן דעם די אינערלעכע ייִדישע וועלט, נאָר די וואָס קומען הײַנט און רופֿן די ייִדישע ליטעראַטור זי זאָל זיך שטעלן מיטן פּנים צו דער רעליגיע ווײַל זי דערפֿון געגנעזן ווערן, דאַרפֿן געדענקען — און אויב נישט, דאַרף מען זיי דערמאָנען — אַז גראָד די „באַלעבאַטים״ פֿון דער רעליגיע בײַ אונדז זענען דאָס די, וואָס האָבן געברענט ביבליאָטעקן מיט זייערע ביכער, וואָס האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט יעדן פּרוווו, סײַ אין וואַרשע, סײַ אין מונקאַטש, אין בעלז ווי אין גער, אַרויסצורײַסן די ייִדישע מאַסן פֿונעם מיטלאַלטערלעכן חושך. אָבער אויף וויפֿל מיר קענען די ייִדישע ליטעראַטור איז גראָד אין איר בלי־פּעריאָד נישט געווען קיין פֿאַל פֿון אַ קינסטלערישער אַטאַקע קעגן דער רעליגיע, אָדער קעגן דער מסורה. פֿאַרקערט, אַפֿילו שלום אַש, וואָס האָט אַרויסגערופֿן אַ טומל מיט זײַן אַנטי־מילה אַרויסטריט האָט אין זײַנע ווערק געשילדערט דעם ייִדישן לעבנסשטייגער אידיליש און אַפּאָלאָגעטיש, פֿון אָפּאַטאָשו שוין אָפּגערעדט. הײַנט־צו־טאָג, אין דער תקופֿה פֿון שווערן ייִדיש־קריזיס, איז אַוודאי נישט צו זען אַ באַדײַטנדיק ווערק וואָס זאָל אַרויסטרעטן קעגן דעם ייִדישן לעבנסשטייגער, קעגן דער

ייִדישער מסורה. קיינער פון די יידיש־שרײַבער איז זיכער נישט קעגן דעם, אַז „צדיק באמונתו יחיה״. וואָס־זשע פאַר אַ זין האָט אַט אַזאַ רוף, בעת ער קומט פון אַ מאָדערנעם מענטש, אַ ייִדישן שרײַבער?

אמת, אין געוויסע „ייִדישיסטישע״ קרײַזן לייגט מען האָפענונגען אויף די ישיבות און תלמוד־תורה׳ס, אַז זיי וועלן דאָס ליפערן די רעזערוון פון די קומענדיקע ייִדיש־לייענער. והא ראיה: די „כנסת ישראל״ פון די באַרימטע שלומי אמוני איז געפירט געוואָרן על טהרת היִדיש...

איז דאָס נישט מער ווי אַ פסיידאָ־רעצעפט, אַ סוראָגאַט אויף צו „ראַ־טעווען״, מיט גאָר שוואַכע אויסזיכטן עפּעס צו געווינען, דערבײַ אָבער מיט גאָר־גרויסע געפאַרן פאַר דעם וואָס איז געווען און איז דאָ.

ג

צי צוליב דעם וואָס העברעיִש איז פעסט־פּאַרפעסטיקט אין ישראל און איז דער וויכטיקסטער פאַקטאָר אויף צונויפנעמען און צונויפגיסן אַלע שבטים און עדות אין איין ייִדיש (אָדער — ישראל־) פאָלק, צי דערפאַר וואָס דער פחד פאַר ייִדיש איז אַוועק צוזאַמען מיט די זעקס מיליאָן, אַזוי צי אַזוי — דער אָפענער שנאהדיקער קאַמף קעגן ייִדיש געהערט שוין דער פאַרגאַנגענהייט. הײַנט דערשײַנען הי ביכער, צײַטונגען און זשורנאַלן אין ייִדיש און פאַרנעמען זייער אָנגעזען אָרט אין דער היגער געזעלשאַפט־לעכקייט, מ׳שפּילט דאָ פרײַ און אומגעשטערט ייִדיש־טעאַטער, מ׳האַלט רעפעראַטן אין אָט דער שפּראַך, מ׳טיילט שוין אַפילו צו פּרעמיעס ייִדיש־שרײַבער. פונדעסטוועגן, און אפשר דערפאַר, פילט זיך אַ קלאָרע טענדענץ מצד געוויסע קרײַזן צו פאַרשפּאַרן איר די וועגן, פאַרהאַלטן איר גאַנג און אפילו באַנײַען די „הייליקע״ מלחמה פונעם באַרימטן „גדוד״. דאָס כסדר־דיקע אײַנשרומפּן די אוידיציעס אין ייִדיש אין היגן ראַדיאָ איז איינס פון די בולטסטע סימפּטאָמען דערפון. דאָס אַרײַנשטעלן ייִדיש, דורך די אָפי־ציעלע ישראל־פירער, אין דער רובריק לע״ז (לשון עם זר!) און אַפילו דער ענטפער אין כנסת פונעם וויצע־פּרעמיער, ווו ער שטעלט אַוועק ייִדיש אויף איין ברעט מיט לאַדינאָ — איז אַ שאַרפער רעקאָרד דערפון.

נאָר שאַרף ווי אַ האַק און שווינדלענדיק קלאָר איז אָט די טענדענץ אויסגעדריקט געוואָרן דורך געוויסע פערזאָנען בײַ דער געלעגנהייט פון דערשײַנען „חול ורוח״, אַ זאַמלבוך אַרויסגעגעבן דורכן חולונער שטאָט־ראַט, ווו אַ טייל פון דעם בוך איז געדרוקט אויך אין ייִדיש.

בייזע רוחות האָבן זיך אַ וואָרף־געטאָן אויף אָט דעם זאַמלבוך, ווי אין יענע צײַטן ווען קעגן וועלן גרינדן אַ קאַטעדרע פאַר ייִדיש אין ירושלימער

אוניווערסיטעט, עס האָט זיך באַוויזן אַן אַליאַרם־אויפֿרוף: „צלם בהיכל!״...
דער פֿאָרויסלויפֿער, דער חלוץ העובר לפני המחנה איז דער ‚באַקאַנטער׳
יונגער „שרײַבער״ משה דור, וואָס איז, ווײַזט אויס, דער מוסטער פֿונעם
אַלטן זאָג: פני הדור... אויף זײַן פּיפּיקן קריגערישן אופֿן באַפֿאַלט ער דאָס
זאַמלבוך, די אַרויסגעבער, דעם שטאַט־פּרעזידענט פֿון חולון, דערפֿאַר ווײַל
עס זענען דאָרט אויף אַ הכנסת־אורחימדיקן אופֿן אַרײַנגעקומען שאַפֿונגען
אויך אין ייִדיש. גייט אונדז נישט אין פּאַרטיידיקן דעם עצם עקספּערימענט.
עס קאָן זײַן אַז ער איז אַ געלונגענער, אַ בייטיקער און קאָן זײַן, אַז ניין.
אָבער חוזקן און באַפֿאַלן דערפֿאַר — ווער ווייסט ווהין דאָס רופֿט און פֿירט...

קומט אים טאַקע באַלד צו הילף אשר נהור אין די „ידיעות אחרונות״,
נאָר שוין נישט מיט חוזק און שפּאָט, נאָר אָן אָנגעגורטער מיטן גאַנצן פֿאַר־
זשאַווערטן כלי־זין פֿון שנאה און קאַמף: „האָמנם נחדש את המלחמה על
עברית שש־עשרה שנה לאחר תקומת ישראל? (נישט שוין ווען מיר טאַקע מוזן
באַנײַען דעם קאַמף פֿאַר עברית, זעכצן יאָר נאָכן אויפֿשטעלן די מדינה?)...

און דאָ קומט, פֿאַרשטייט זיך, די דראָענדיקע אָפּרעכענונג מיטן חולו־
נער שטאָט־פּרעזידענט, מיט די העברעיִשע סופֿרים פֿאַרוואָס זיי האָבן אין
אַזאַ שעטנז־בוך (־ זײַן אויסדרוק ־) אָנטייל־גענומען, מיטן הויפּט־רעדאַק־
טאָר דעם היסטאָריקער און באַרימטן העברעיִשן ביבליאָגראַף געצל קרעסל,
מיטן פּראָפֿעסאָר דב סדן און אַזוי ווײַטער און ווײַטער.

טראַכטן מיר זיך גוט־גוט אַרײַן אין אָט דער דערשײַנונג און מיר זאָגן:

אין דער תקופֿה פֿון כטוב בעיניך קאָנען און מעגן אַפֿילו אַזעלכע „דיכ־
טער״ און שרײַבער ווי משה דור און אשר נהור חוזקן, אָפּשפּעטן פֿון אַזאַ
פּרווו און אַפֿילו זיך גרייטן און רופֿן צום קאַמף, צו אַ נײַער־באַנײַטער מלחמה
קעגן ייִדיש, וואָס זיי זענען גראָד די ערשטע צו מעלדן דער „וועלט״, אַז
ייִדיש לעבט שוין נישט. אָבער אויב זיי חוזקן, אויב זיי, דער עיקר אשר
נהור, שטעלט אַרײַן די שאַרפֿער אין ייִדיש אין געגנזנפּיסלעך — „יוצרים״,
דערביי שאַנעוועט ער אַפֿילו נישט אַזאַ דיכטער ווי לייב אָליצקי — איז
שוין דאָס בשום אופֿן נישט קיין אָנגענעמען זיך פֿאַר דער רעכט פֿון טריומ־
פֿירנדיקן העברעיִש, נײַערט אָן אָפּגרעבץ (כ׳בעט איבער אײַער כבוד) פֿון
יענער השכלה־צײַט, ווען ייִדיש איז אין זייערע אויגן, אין זייערע מײַלער
און אין זייערע פּענעס געווען — געטאָ, זשאַרגאָן. און אויב די „גדוד״־
נאָסטאַלגיע באַווײַזט זיך אָן בושה, בפרהסיה, איז דאָס זיבן מאָל געפֿער־
לעכער ווי די פֿראַגע: וואָס וועט זײַן דער גורל פֿון ייִדיש, און וואָס פֿאַר אַן
אויפֿגאָבן זאָלן מיר איר פֿאַרגעבן. עס גייט שוין גיכער אין דער פֿראַגע:
וואָס וועט ווערן פֿון דער ייִדישקייט?

יולי, 1964

כל המצר ליידיש...

(אַ בריוו און אַ ענטפער)

פון אַ באַקאַנטן יידישן שרײַבער, וואָס פאַרלאַנגט און בעט מיר זאָלן נישט פאַרעפנטלעכן זײַן נאָמען, איז אָנגעקומען אַ בריוו צו דער רעדאַקציע „ישראל שטימע", וועמענס ליטעראַטור־זײַטן מיר קומט אויס צו רעדאַגירן, מיט אַן ערנסטן און שטרענגן אָנפרעג, הלמאַי מיר פאַרשווײַגן דעם אָנפאַל אויף דער יידישער ליטעראַטור און אירע שעפער מצד דעם באַקאַנטן העברעיִשן שרײַבער חיים הזז. דאָס זעלבע אין פאַרשיידענע נוסחאות, האָבן אונדז אויך געפרעגט צוהערער אויף פאַרזאַמלונגען לכבוד 500 נומערן „ישראל שטימע". ווען מיר ברענגען דעם „בריוו" (געקירצט) און פרווון אַרויסברענגען אונדזער מיינונג.

דער בריוו

„ליבע חברים רעדאַקטאָרן,

שוין אַ מעשה פון וואָכן ווי דער העברעיִשער שרײַבער, דער וואָס „פאַרברענט" ס'גלות אין זײַן „בקץ הימים" און וואָס ווײַזט אַרויס דורך זײַנע „העלדן" שנאה און פאַראַכטונג צו יידן און צו זייער געשיכטע (דאָ קומען אַ גאַנצע ריי ציטאָטן פון „הדרשה", נעמען פון העלדן א. א. — י. צ. ש.) — **חיים הזז**, האָט אויף אַן אומדערהערטן אופן באַפאַלן די יידישע ליטעראַטור און אירע שעפערס און זיי פאַרגעוואָרפן, אַז זיי, די יידישע שרײַבער, האָבן דאָס געברענגט אויפן יידישן פאָלק די היטלער־ אָדער די סטאַלין־שחיטה. דער וואָס וועט נישט גיין אין די וועגן פון די פאַרענטפערערס, ווי יעקב רבי אין „על המשמר", צי פון די פאַרטיידיקערס, ווי דער העברעיִשער דיכטער נתן אלתרמן אין „מעריב", נאָר וועט איבערלייענען הזזס דרשה אַזוי ווי זי שטייט און גייט, וועט מיינען אַז מיר, די יידישע שרײַבער פון אליהו בחור אָן, דורך א. מ. דיק, לינעצקי, מענדעלע, שלום עליכם, פרץ, אַנסקי,

לייוויק ביז צו גלאַטשטיינען, סוצקעווערן און ישעיהו שפיגל, זענען ווייניקסטנס געווען די מחברים פון די נירנבערגער גע־זעצן און פון סטאַלינס אויסשנייד־אַקציעס. נישט אַנדערש. וויזשע מעגט איר שווײַגן? זאָל איך זאָגן, אַז פּאָליטיש־פּאַרטייִשע אַנגעהעריקייט שטערט אייך צו זײַן אויפריכטיק, צו גיין מיטן אמת, צו זײַן גערעכט? (דאָ קומען אַ גאַנצע ריי באַשולדיקונגען און עפּיטעטן, וואָס צוליב געזעלשאַפטלע־כער היגיענע מײַדן מיר אויס זיי צו ברענגען פאַרן לייענער).

זײַענדיק איבערצײַגט און זיכער, אַז עס וועט אײַך סטײַען מוט אויף צו פאַרעפנטלעכן מײַן בריוו, בלײַב איך מיט די בעסטע יִדיש־גרוסן.

אײַער י. ב."

דער ענטפער

חשובער י. ב.,

נישט מיט אַ לײַכט געמיט — איר ווייסט די צײַט אין וועלכער מיר לעבן! — און נישט מיט קריגערישן געשאַל גייען מיר צולייגן אַ וואָרט צו דעם „דאָזיקן" ענין. ווילט איר, איז דאָס שוין אַלט ווי דער גלות. ווילט איר, איז עס אַ באַנײַטער אומדערהערטער אַרויסרוף צו די געבליבענע ייִדיש־שרײַבערס, מצד אַ ברודער, אַ ייִד, אַליין אַן אָפּשטאַמיקער פון תחום המושב, פון אַ קליין שטעטעלע הינטער קיִעוו — סידראָוויטשע. נישט מער, זײַן טאַטע איז געווען אַ וואַלד־סוחר און אַנדערע טאַטעס — נישט.

אָן שום ספק, אַז מיר וואָלטן געווען רעאַגירט אויף די שפּאַלטן פון אונדזער צײַטונג מיט מוט און מיט דרך ארץ. נאָר, עס איז נישט אונדזער שולד, וואָס אונדזער צײַטונג דערשײַנט איין מאָל אין צוויי וואָכן, און ביז מיר האָבן באַוויזן אַרויסצוגעבן דעם נומער, וואָס איז געווען נאָענט דעם פאַל איז שוין געווען אָפּגעדרוקט אין „על המשמר" אונדזער ישראל חיים בילעצקיס אָפענער בריוו צום בעל הדרשה און מ. צאַנינס, רעדאַק־טאָר פון „לעצטע נייעס", שאַרפער אָנפאַל. באַלד איז געקומען י. ח. בילעצקיס רעאַגירונג אויף צאַנינס נישט שטאַרק־בכבודיקן מאמר און עס איז דערשינען יעקב רבי'ס אַרטיקל, וועלכן איר דערמאָנט מיט אַזויפיל ציין־קריצונג. אין דער זעלבער צײַט איז דערשינען אַ וואָגיקע, בכבודיקע, גוט־דורכגעטראַכטע רעאַגירונג פון יונגן העברעיִשן געלערנטן דן מירון. דער דאָזיקער וויכוח צווישן דעם יונגן באַדײַטנדיקן ליטעראַטור־לעקטאָר אויפן תל־אביבער אוניווערסיטעט דן מירון מיטן מיליטאַנטישן דיכטער־

פּאָליטיקער נתן אלתרמן איז אפשר געווען דאָס כדאַיסטע, דאָס וויכטיקסטע אין דעם גאַנצן אומווירדיקן ענין. דאָ איז אומאָפּפרעגלעך מקויים געוואָרן שמשונס זאָג: מעז יצא מתוק...

וואָרעם וואָס איז אייגנטלעך געשען?

אין „מעריב" פון 9־טן פעברואַר ה. י. געפינט זיך די רעדע פון דעם באַקאַנטן העברעיִשן שרײַבער חיים הזז, וואָס ער האָט געהאַלטן אין ירו־שלים בײַ דער געלעגנהייט פון אַ פײַערונג לכבוד דעם דערשײַנען פון אַ באַנײַטער אויפלאַגע פון אַלע זײַנע ווערק און צו זײַן ווערן אַ בן שבעים.

וואָלט געסטײַעט אָרט וואָלט כדאי געווען איבערצודרוקן די „רעדע" ווי זי גייט און שטייט, און זאָל דער לייענער לייענען און, ווי מ'זאָגט, משפּטן. נאָר ווײַל דאָס איז נישטאָ, וועלן מיר ברענגען בלויז עטלעכע ציטאַטן פון איר, וואָס וועלן עדות זאָגן מער ווי הונדערט עדות, וועגן אַן אומדערהערטער שטעלונג פון אַ גוט־געהערטן שרײַבער, וואָס האָט אָבער זיך אַליין גאָר שטאַרק אין זינען.

„איך האָב נישט ליב צו רעדן וועגן זיך און כ'קאָן דאָס נישט. נאָר אַ געוויסער ראַביי פון סינסינעטי איז געקומען און האָט געצויגן שטריקלעך ווי אַן אײַגנטימער פון אַ מאַריאָנעטן־טעאַטער און אַרויסגעבריינגט פאַרן פּובליקום צוויי אָפּגעכוימלטע ליאַלקעס: מענדעלע מוכר ספרים און יצחק לייבוש פּרץ און זיי געוויזן ווי באַרויבטע און באַגזלטע. און דער ראַביי שטייט זיך אַזוי צווישן זיי ווי אַ ליטעראַרישער קלאָץ און די מלוכהשע קולטור־אינסטאַנצן אונדזערע קוויקן זיך און האָבן הנאה. נאָר איך פאַר־לאָז זיך אויפן העברעיִשן לייענער וואָס איז געניט, און בין זיכער, אַז ער וועט וויסן אונטערצושיידן פון אַ קלאָץ ביז אַן עמוד אש"...

„פון שטענדיק אָן האָט דאָס פאָלק געזייעט זײַן ענערגיע אויפן ווינט, געלעבט אין עולם הדמיון, געגלייבט אין ביאת המשיח א.א.וו. און פּונקט ווי דעמלט, אין אָנהייב, האָט דאָס פאָלק זיך באַנוצט מיט צוויי לשונות און געשאַפן צוויי ליטעראַטורן: עברית און אַראַמיש, עברית און גריכיש, עברית און אראַביש, עברית און שפּאַניש, אַזוי אויך צום סוף האָט זיך דאָס פאָלק געשאַפן אַ העברעיִשע ליטעראַטור און אַ ייִדישע ליטעראַטור. — — — און ווען נישט אָט די דאָזיקע גזלנישע פאַרשווענדונג וואָלט די העברעיִשע ליטעראַטור געווען הײַנט די רײַכסטע ליטעראַטור צווישן די ליטעראַטורן פון די אייראָפּעיִשע פעלקער".

„די ביידע ליטעראַטורן, די העברעיִשע און די ייִדישע, זענען געווען איינע אַנדערש פון דער צווייטער. האָבן געקעמפט איינע מיט דער אַנדערער און איינע האָט אַרויסגעשטויסן די צווייטע. די ליטעראַטור אין ייִדיש איז

געווען אַ פשרהדיקע פון איר נאַטור אויס, אַ באַלעבאַטישע, אַ צופרידענע און הנאהדיקע, אַרײַנגעטון אין דער וואַכעדיקייט פון שטייגער, אײַנגעטונקען אין סענטימענטאַלישקייט און אין סטיליזירטער חסידישער ראָמאַנטיק. זי האָט כמעט נישט געוווּסט פון קיין פּראָבלעמען און ראַנגלענישן און נישט פון קיין ספקות און וואַקלענישן, אָן מחשבה און דענקען, און דער ייִד אין איר איז געווען אַ גאַנצער"...

„ביאַליק, ברענער, בערדיטשעווסקי — דאָס זענען געווען אַזאַ מין סאָרט דאָן קישאָטן בײַ וועמען עס האָט זיך פאַרביטן די פאַנטאַזיע מיט דער ווירקלעכקייט. זיי האָבן נישט געקעמפט מיט ריזן, זיי אַליין זענען געווען ריזן, זיי האָבן געקעמפט מיט די לעצטע כוחות זייערע קעגן די ווינטמילן פון בית ישראל און געמאָלן פּלעווע און שטויב"...

„איר ווייסט וואָס די לײַט פון דער ייִדישער ליטעראַטור האָבן אָפּגעטון דעם ייִדישן פאָלק און וואָס עס איז צום סוף מיט איר געשען. דאָס איז איינס פון די גרוילִיקסטע קאַפּיטלען אין אונדזער געשיכטע"...

און דאָ מישט ער ווידער אַרײַן זײַן אייגענע שמחה מיט דער שמחה וואָס העברעיִש האָט דערלעבט און ייִדיש — נישט...

קומען מיר צוריק צו אײַער „בריוו", פרײַנד י. ב. און פרעגן: ווילט איר טאָקע אײַנרעדן זיך און עמעצן אַנדערש, אַז אונדזער „פּאַרטייִישע אָנגעהעריקייט" צווינגט אונדז אָנצונעמען אָט די דורכאויס פאַלשע אַנטי־היסטאָרישע מיינונג? איז דאָך י. ח. בילעצקי אויך אַן אָנגעהעריקער און דאָס זעלבע — יעקב רבי. האָט דען נישט י. ר. געשריבן אין „על המשמר" פון 1.3.68 שוואַרץ אויף ווײַס: „אַפילו דער וואָס איז נישט טאָג־טעגלעך געבונדן אין ליבע צו דער ייִדיש־ליטעראַטור — האָט אויפגעציטערט הערנדיק אַזאַ „כאַראַקטעריסטיק" וואָס הזז האָט איר אָנגעקלעפּט בעתן אַנטקעגנשטעלן זי שאַנדהאַפטיק דער העברעיִשער ליטעראַטור. מער פון אַלץ האָבן דערשטוינט זײַנע רייד וועגן דער היסטאָרישער שולד, כּאילו, פון דער ייִדיש־יצירה, גלייך זי האָט דאָס אַליין געברענגט אויף זיך דעם אומקום און אויף דעם פאָלק וואָס האָט אין איר געדענקט און זי געלייענט. די דאָזיקע רייד זענען אַזעלכע געפערלעכע, אַז דו ביסט בשום אופן נישט גרייט צו גלייבן, אַז דער באַזאַכטער און פאַרשטאַנדיקער שרײַבער האָט ממש און פּשוט געמיינט אַזוי ווי ער האָט גערעדט". אמת, י. רבי גיט צו, אַז „דאָס הייסט נישט, אַז אין די דאָזיקע אומגליקלעכע זאַצן וועגן דער ייִדיש־ליטעראַטור וואָס אונדזער שרײַבער האָט אַרויסגערעדט אויף דער ירושלימער פאַרזאַמלונג, ליגט נישט באַהאַלטן אַ קערנדל פון ביטערן אמת. ווען ער וואָלט נאָר שׂכל געהאַט נאָך אַמאָל דורכצוטראַכטן דעם געדאַנק

און אים אָנקליידן אַ באַשיידנערן לבוש״... קאָן דאָס אַרן און פאַרדריסן. איר וועט דאָך אָבער נישט אָפּלייקענען דעם פאַקט, אַז אַ גאַר גרויסער טייל פון די ייִדיש־שרײַבערס זענען געווען קריגערישע קעגנער פון ציוניזם, פון עליה און געלערנט די קליינע קינדער: „קומט דער ליבער זומער שפּילן מיר זיך אין זאַמד, / ווו ס׳איז אונדזער ווינונג, דאָרט איז אונדזער לאַנד!״ און י. ר. טײַטשט דאָך דאָס טאַקע אַזוי אויס. מוז דען אָבער דערפון זײַן געדרונגען, אַז מיר באַציִען זיך צו הזז׳ס מײַנונגען שיר נישט פּאָזיטיוו, ווי איר ווילט האָבן אין אײַער „בריור״?

און פון י. ח. בילעצקין איז דאָך אָפּגערעדט. זײַן אַרויסטריט איז שאַרף, הייס, אימפּולסיוו און לייקנט־אָפּ הזז׳ס „טעזיסן״ פון א׳ ביז ת׳. וואָסזשע האָט איר געוואָלט — מיר זאָלן אין וואָכן אַרום איבערקײַען דאָס אַלץ, כדי צו קראַצן די אייגענע ווונדן?

אָבער דעם חשבון: וואָס איז ריכטיקער — די קעגנזײַטיקע קאַמפּן צי די קעגנזײַטיקע באַווירקונגען וואָס ציִען זיך פון מענדעלען אָן און פריִער נאָך, — דעם דאָזיקן חשבון האָט געמאַכט, ווי שוין דערמאָנט, דער יונגער העברעיִשער ליטעראַטור־וויסנשאַפטלער דן מירון. און דאָס אַליין איז דער גרעסטער געווינס פאַר אונדזערעביידע ליטעראַטורן. דאָס זיך־אַליין־לויבן אין דער ייִדישער פּרעסע האָט אָן אַ פאַרגלײַך אַ קלע־נערע באַדײַטונג, ווי די קלאָרע, עכטע, וויסנשאַפטלעך־פּעדאַנטישע אויפ־קלערונג אין העברעיִש. ובפרט פאַרן היגן יונגן לייענער און לערנער. מיר וועלן דאָ נישט אויסרעכענען אָדער איבערזעצן דן מירונס צוויי באַדײַטנדיקע מאַמרים, אין וועלכע ער ווײַזט־אויף סײַ הזזן, סײַ זײַנע פאַרגלעטערס און פאַרטיידיקערס, אַז די גאַנצע „טעאָריע״ זײַנע וועגן מהות פון דער ייִדישער ליטעראַטור קלעפּט זיך ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט. זי האָט נישט קיין האַפט, ווײַל דעם וואַלד־סוחרס זון פונעם שטעטעלע סידראָוויטשע האָט די ייִדישע ליטעראַטור נישט געלייענט און נישט געזען. ער קען זי נישט און ווייסט זי נישט. וואָלט ער זי געקענט, כאָטש פאַר־בײַלויפנדיק, וואָלט ער אַפילו מיט זײַן גרעסטער שנאה און בייזוויליקייט נישט געוואָגט אַזוי צו פּסקענען. גיבן מיר צו: מ׳קאָן זײַן אַ באַדײַטנ־דיקער שרײַבער אין איין שפּראַך און פון דער אַנדערער — זאָל מען גאָרניט נישט וויסן.

וואָס האָט אים געברענגט דערצו?

מיר זענען פונדעסטוועגן, נישט באַפרײַט פון צו פרעגן זיך: וואָס האָט אים געברענגט דערצו? —

פאַרוואָר, שוין געווען בײַ ייִדן שרײַבערס, און דער עיקר טאַקע אין העברעיִש, וואָס האָבן צוליב ווייטיק און שאַנד פאַרן ייִדישן שטאַנד אין גלות, געשילדערט שוואַרץ און פינצטער דאָס דאָרטיקע ייִדישע לעבן. שווער צו דערמאָנען זיך כאָטש אין איין באַדײַטנדיקן העברעיִשן שרײַבער פון יענער צײַט ר׳זאָל האָבן געהאַט איין גוט וואָרט, איין טרייסט־וואָרט פאַר די אָרטיקע ייִדן. תמיד זענען זיי געווען די מוכיחים בשער. פאַרקערט, אויב עמעץ האָט געוואָגט צו קומען מיט מילדערונג־רייד, מיט בילדונג־רייד, מיט פאַרווײַלונג־און פאַרלײַכטערונג־ווערטער צו די געשלאָגענע, דער־שלאָגענע מאַסן, און נאַטירלעך האָט ער דאָס געמאַכט אין ייִדיש, כדי די מאַסן זאָלן עס פאַרשטיין — איז ער פאַרזידלט און פאַרשנידלט געוואָרן דורך זײַנע קאָלעגן די געלערנטע העברעער. און אַז די תוכחות זענען שוין דערגאַנגען צו ווײַט, איז געקומען מענדעלע, אַליין אַ מוכיח, און געשריבן אַ בריוו צו ח. נ. ביאַליק און אים אויסגערעדט פאַר זײַן צו פיל באַפאַלן די געפאַלענע...

די תקופה פון משה מענדעלסאָן אָן, אין דער צווייטער העלפט פון 18־טן יאָרהונדערט, דער פעריאָד פון דער השכלה, קאָן אונדז דערציילן פון שווידערלעכע, ביטערע קאַמפן קעגן ייִדיש. פאַרשטייט זיך, אַז בײַ אַזאַ אַטמאָספערע פון „ליבשאַפט" איז געווען נאַטירלעך עס זאָל קומען אַ שונא פון ייִדיש דוד פרידלענדער (1750—1839), וואָס איז נאָך דעם טויט פון זײַן גרויסן לערער משה מענדעלסאָן געוואָרן דער אָנדערקענטער פירער פון פרײַסישן ייִדנטום, און פאַר איין וועגס, באַשמוצנדיק די ייִדישע שפּראַך, פאַרלייגן, אַז ייִדן אין דײַטשלאַנד זאָלן אויפהערן דאַווענען אין לשון קודש, נאָר... אין דײַטש. שפּעטער זאָל קומען דער משכיל ש״י איש הורוויץ, אין יאָר 1903, און פאַרשלאָגן דעם ייִדישן פאָלק אָן אָדער — אָדער: אָן אייגן לאַנד, אָדער שמד, קריסטנטום.

און פונקט ווי אַ „ביסל" פריִער — בעת ייִדן האָבן גערעדט אַראַמיש — איז פאַרגעקומען אַ קאַמף פון די שומרי החומה קעגן די וואָס באַניצן זיך מיט אַראַמיש און געהייסן רעדן אָדער העברעיִש אָדער די שפּראַך פון די הערשער (רבי האָט געזאָגט: „בארץ־ישראל לשון סורסי [אַראַ־מיש] למה? או לשון הקודש או לשון יוונית"... און ר׳ יוסי: „בבבל לשון ארמי למה? או לשון קודש און לשון פרסי [ב״ק פב. פג.] און דער „ייִדישיסט" ר׳ שמואל בר נחמן האָט זיי געענטפערט אין יוחנס נאָמען: „אַל יהא לשון סורסי קל בעיניך, שבתורה ובנביאים ובכתובים מצינו שהקדוש־ברוך־הוא חולק לו כבוד" [ב״ר עד]), אַזוי אויך אַ „ביסעלע" שפּעטער זענען געקומען טײַערע ייִדן ווי מנחם אוסישקין א. א. און

געפסקנט: „ברוסיה לשון יידיש למה? אוי איוורים אוי רוסים״... אַזוי אַז עס איז נישטאָ קיין שום נײַס אין פײַנט האָבן יידיש. עס פאָדערט זיך בלויז איינס אונטערצוצייכענען, אַז נישט יידיש ווי אַ קאָמוניקאַטיווער און גײַסטיקער פאַרבינד צווישן יידן האָט געקעמפט קעגן העברעיִש, און נישט די וואָס האָבן זיך מיט איר גענוצט. פאַרקערט, ווי שוין דערמאָנט, פון שטענדיק אָן זענען דאָס געווען די משכילים העברעיִש־שרײַבערס. ביז עס זענען אויפגעקומען פאַרטייען מיט ליבשאַפט און דאגה פאַרן פאָלק, ווי דער „בונד״, און שפּעטער „פּאָלקיסטן״ און „לינקע פּועלי ציון״ און האָבן אין אַנטקעגנשטעל אַנטוויקלט אַ ליבע און אַ קולט פון יידיש, ביז עס איז אויפגעקומען די „יעווסעקציע״ און כלומרשט אין נאָמען פון יידיש, פאַרמסרט פאַר די גויים־באָלשעוויקעס, אַז העברעיִש איז אַ רעאַקציאָנער לשון און עס אויסגעריסן פון צווישן די דאָרטיקע יידן.

און פונקט ווי הזז וויל נישט וויסן, צי ער ווייסט טאַקע נישט, אַז אויך „יידישיזם״ איז דורך דער יעווסעקציע גערודפט געוואָרן עד חורמה (ווער געדענקט נישט די אינערלעכע שטרייטערײַען צווישן די דאָרטיקע יידיש־טוערס און יידיש־שרײַבערס, וואָס האָבן זיך אָפּט געענדיקט מיט תפיסה, פאַרשיקונג, ווערנדיק באַשולדיקט אין „יידישיזם״?), אַזוי האָבן די „פּאָלקיסטן״, „בונדיסטן״ און על אחת כמה וכמה די יעווסעקציע נישט געוואָלט וויסן, אָדער נישט געוווסט, אַז די „פּראַקציע״—פּ.ק.פּ. אין ארץ־ישראל האָט געפירט אַ בשותפותדיקע בלוטיקע אַקציע מיטן מופתי קעגן ציוניזם, קעגן די יידן — אין אַ ריינעם אויסגעצאַצקעטן העברעיִש.

און, להבדיל אלף אלפי הבדלות, מעג דערמאָנט ווערן, אַז עס זענען געווען באַדײַטנדיקע העברעיִשע שרײַבערס, ווי בערדיטשעווסקי, גנעסין, פרישמאַן, ראובן ברײַנין, אחד העם א.א. וואָס זענען געווען מײַלן ווײַט פון רופן דאָס יידישע פאָלק עס זאָל זיך אַריבערפּעקלען קיין ארץ־ישראל. און, פאַרקערט, ס׳איז גענוג צו דערמאָנען בלויז איין שלום עליכם, אַז די גאַנצע אַנטי־ציון־טעאָריעס וועגן יידיש־שרײַבער זאָל איינפאַלן ווי אַ קאָרטן־הײַזל.

אָבער דאָס פאָלק האָט אַ גוטן זכרון. מיר געדענקען גוט די חורבנות וואָס דער אַנטי־יידיש האָט אָנגעמאַכט אין יידישן לעבן. דאָס דערפירן צו אַסימילאַציע, שמד. און עס געדענקט זיך אַפילו וואָס מיט אַנטי־יידיש מ׳האָט שיר־שיר „אויפגעטון״ אין דער באַנײַטער יידישער היים. גענוג צו דערמאָנען, אַז בעת אַ צאָל מזרח־יידן, וואָס האָבן זיך געפילט באַעוולט אין דער מעברה און זיך געלאָזט מיט מעסערס און שטעקנס נקמה נעמען אין דער אײַנגעזעסענער באַפעלקערונג אין דער קאָלאָניע, איז זייער

קאַמפּס־רוף געווען: ייִדיש! ייִדיש! און נישט אומזיסט קאָן דאָ יעדער עם האָרץ זיצן רויִק און צופרידן אין אַ וועלכן ס'איז זאַל און הערן לידער אין שפּאַניש, גריכיש, איטאַליעניש, ענגליש, פראַנצויזיש, פון וועלכע ער פאַרשטייט נישט קיין וואָרט, אָבער ווערט אויפגעקאָכט און „פּראָטעסטירט״ ווען מ'זינגט פאַר אים ייִדיש.

און אַז דאָס פאָלק ווייסט און פאַרשטייט וווהין דער ריב אחים און ריב לשונות קאָן פאַרפירן, איז געגוג צו דערמאָנען, אַז „בקץ הימים״ ווו חיים הזז „פאַרברענט״ סימבאָליש ס'גלות, איז אַראָפּגענומען געוואָרן פון דער בינע נישט דורך ציון־פּײַנט און „ייִדישיסטן״, נײַערט דורך די העברעיִשע טעאַטער־גייערס אין לאַנד ישראל.

דאָס דאַרפן מיר געדענקען און דאָס מוז געדענקען יעדער קולטור־מענטש, ווען אַפילו ער איז אין זײַן לשון אַ באַדייטנדיקער אָנגעזעענער שרײַבער. חכמים, הזהרו בדבריכם!

דערפון אונדזער אויספיר:

כל המצר לייִדיש — פאַרגעסט, אָדער: פאַרלייקנט באַוווסטזיניק די היסטאָרישע אמתן און — די היסטאָרישע נויטן פון אונדזער פאָלק.

פון איינס ביז הונדערט

צום דערשײַנען „די גאָלדענע קייט" נומער 100

א

ס׳איז געווען ווינטער 1949. אונדזער אויסגעחלומטע מדינה איז נאָך נישט אַלט געווען קיין גאַנץ יאָר. די שלאַכטן און שטרייטן פאַר איר ווערן און זײַן זענען נאָך גורלדיק אָנגעגאַנגען. דער אַרײַנשטראָם אין לאַנד אַרײַן פון געבליבענע האַלעוועשקעס נאָך אַן אומגעקומענער אייראָפּעיִשער ייִדנשאַפט האָט זיך געשטאַרקט פון טאָג צו טאָג. גראָד דעמלט — און ווי מיר אַלע האָבן דאָס געוווּסט: אַדאַנק אברהם סוצקעווערס קומען אַהער, דאָ צו ווױנען און דאָ צו שאַפן — האָט די העכסטע אָנפירונג פון דער אַרבעטער־הסתדרות אַרויסגעגעבן דעם ערשטן נומער פון איר „פערטליאָר־שריפט פאַר ליטעראַטור און געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען" אין ייִדיש, און איר אַ נאָמען געגעבן אַ נאָמען פון י. ל. פּרצס באַרימט ווערק — די גאָלדענע קייט.

— און זע אַ וווּנדער.

די בײַשטײַלעך פון די שוועלן פון דער יונגינקער מדינה האָבן זיך נישט צעטרייסלט. ס׳איז אויך אין די מוחות פון די מדינה־בויערס קיין צעטרייסלונג נישט פאָרגעקומען. פאַרקערט, ווער ס׳האָט געהאַט אַן אויג און אַן אויער צו ייִדיש לעבן, צו ייִדיש שאַפן, האָט אין דעם דערזען נאָך איינס פון די אָנגעצונדענע ליכטער וואָס דער נײַער אויפקום האָט אָנגעצונדן, כּדי צו באַלײַכטן דעם וועג צו זיך פונעם צעפּײַניקטן ייִדישן פאָלק.

האָט שוין טאַקע געזאָגט אברהם סוצקעווער אין זײַן פּאָעטישן אַרײַנפיר צום יום־טובדיקן נומער, אַז „ברייטהאַרציקע פּעסימיסטן" האָבן דער שריפט קיין אריכות־ימים נישט צוגעזאָגט. און מסתמא ווייסט ער וואָס ער זאָגט. ווען מיר נאָר צוגעבן דערצו, אַז בײַ אַ גרויסער צאָל ייִדיש־שרײַבערס אין לאַנד, און מסתמא אויך אין די תפוצות, איז די דערשײַנונג געווען איבערראַשנדיק און אומגלייבנדיק. ואני הקטן, וואָס האָב כּסדר געפּילט, סאָליד געזאָגט, די פאַרביסענע קעגנערשאַפט צו ייִדיש מצד דעם

מערסטן טייל פירערס פון דער הסתדרות; איך, וואָס האָב געדענקט צו־גוט ווי אַזאַ ערנסט־שיינער יידיש־זשורנאַל „קפאַ״י־ידיעות״ האָט אין לאַנד נישט געטאָרט קיינעמען געוויזן ווערן, מיך, וואָס עס האָט געגרווילט אין מײַן אויער דער זאָג פון דוד בן־גוריון אויף אַ מאַסן־אסיפה: „מיר האָבן נאָר־וואָס דאָ געהערט די רייד פון דער חברטע... אין אַ פרעמדער און גרילצנדיקער שפּראַך״, פאַר מיר איז זיכער געווען שווער פאָרויס־צוזען אַזאַ מאַכטיקן גאַנג פון אַ יידיש־שריפט אין ישראל, ובפרט אונטערן פּראָטעקטאָראַט פון דער הסתדרות. דערפאַר אַז כ׳האָב דערזען מיט מײַנע אייגענע אויגן און געלייענט דעם ערשטן פּסוק, אין דעם ערשטן בוך, געשריבן פון יוסף שפּרינצאַק, אַז... „די הסתדרות האָט געפונען פאַר נייטיק אַרויסצוגעבן אַ ליטעראַרישן זשורנאַל אויף יידיש מיטן נאָמען „די גאָלדענע קייט״, האָבן טרערן מיר פאַרגאָסן די אויגן און דאָס האַרץ — איבער־געגאַנגען.

ב

דערגרייכן צו 100 נומערן פון אַ פּעריאָדישער שריפט אין יידיש איז כלל וכלל נישט קיין וווּנדער, און קיין נס — אוודאי און אוודאי נישט. „די צוקונפט״, „יידישע קולטור״, „סאָוועטיש היימלאַנד״ האָבן דאָס באַ־וויזן און באַוויזן עס. נאָר אויב מיר באַוווּנדערן עס און ציטערן איבער דעם ווי אויף אַן איינציק־טײַערס, באַשטייט דער וווּנדער אין דעם ווו און אין דעם וואָס.

ווו? — האָבן מיר שוין אויבן דערמאָנט. ארץ־ישראל, מדינת ישראל. צו דעם איז דאָס לאַנד בפירוש נישט געווען געוווּנט, נישט נאָר אין יידיש, נאָר אַפילו אויך נישט אין עברית. גענוג צו דערמאָנען א. שלאָנ־סקיס „אורלוגין״ און אַנדערע פּרוּוון.

וואָס? — דאָ גייט אויף אַ גרויסע פרייד געמישט מיט טיפן צער. אָט, אַ שטייגער, נעמען מיר בלויז דעם נומער 1 פון די גאָלדענע קייט און מיר געפינען דאָרט אַזעלכע יידיש־שרײַבערס ווי: יוסף אָפּאַטאָשו, שלום אַש, מנחם באָריישאָ, ה. לייוויק, א. לעיעלעס, שמואל ניגער, אַהרן צייטלין, א. א. ראָבאַק, מלך ראַוויטש, ישראל רובין, אריה שמרי, און העברעיִשע סופרים, ווי נתן אַלטערמאַן, ח. נ. ביאַליק, י. ד. בערקאָוויטש, לאה גאָלד־בערג, שאול טשערניכאָווסקי, ש״י עגנון, יעקב פיכמאַן, גרשון שאָפּמאַן און איצט זענען זיי אויפן עולם האמת. איז דאָך שוידערלעך קלאָר, אַז זיי פעלן אויף דער שמחה לכבוד דעם 100־סטן נומער. אוי, ווי זיי פעלן!

און פון דעסטוועגן, און דאָך — נישט נאָר נעמען וויכטיקע געפינען מיר דאָ, נייערט אויך וואָגיקע שאַפונגען. שוין דער „בריוו" פון דב סדן צו אברהם סוצקעווער, מיט וועלכן דער רעדאַקטאָר הייבט אָן דעם אָנהייב פון נר' 100, איז דאָרויף מעיד כמאה עדים. נאָר עס באַפאַלט אונדז אַ צער און אַ מרה־שחורה: יענע זענען נישטאָ מער, די וואָס זענען אין פאַרלויף פון אָט די 30 יאָר געוואָקסן, צײַטיק געוואָרן, דערגרייכן איצט צו הויכער עלטער — עד מאה ועשרים! — און קיין נײַע, יונגע זעט מען נישט. קומט אויפן זינען דער פסוק אין יעקב גלאַטשטיינס אַ ליד — „די טרויעריקע חשיבות פון דײַן צאַנקנדיק וואָרט / ווער וועט אָפּשאַצן"...

ג

אָבער — פון די הונדערט רינגען אין אָט דער קייט שפּאַרט אַרויס פרייד פון יצירה און גלעטנדיקע טרייסט. אַ גרויסער טייל װערק אין אָט די הונדערט ביכער זענען, אָן שום ספק, אונטערלעגנערס פאַר די משה־הענט בשעתן געראַנגל פאַר אונדזער קיום, פאַר אונדזער המשך.

און מיר האָבן צו פאַרדאַנקען דערפאַר קודם כל און ראשית כל דעם גרויסמײַסטער פון אונדזער שירה, דעם פּאָעט אברהם סוצקעווער, וועמענס אייננציקאַרטיקע יידיש־עשירות איז שוין דעמאָלט געווען אַ שם־דבר. א. סוצקעווער וואָס איז פּאָעט אויך אין זײַן פּראָזע און אין זײַן עסיי, האָט דאָ באַוויזן, אַז אויך רעדאַגירן איז קונסט, און זײַן הויכקינסטלעריש געמיט איז אים דאָ בײַגעשטאַנען. אויך זײַנע מיטרעדאַקטערס און סעקרע־טאַרן האָבן צו דעם גאָר פיל צוגעהאָלפן. און עס דאַרף דערמאָנט ווערן די הסתדרות. אָן איר וואָלט אַ סך פּאָזיטיווס אין היגן לעבן נישט געווען, און די קייט אוודאי נישט. און אחרון אחרון חשוב: די שפע מיטאַרבעטערס, כן ירבו! זיי, זייערע שאַפונגען און זייער טאַלאַנט, אָנגעהויבן פון ערשטן נומער אָן ביזן עשירותדיקן הונדערסטן נומער, זענען דער באַווײַז און דער אויסדרוק פאַר דער עכטקייט פונעם גאָלד אין אָט דער גאָלדענער קייט. און פאַרן אײַזערנעם ווילן צו דאַווענען בציבור מיטן פנים צו דער מזרח־וואַנט... דאָס האָט אַ פאָלק „צווישן פאַלנדיקע ווענט" און אין די אויפגעהויבענע פעסטע מויערן אינעם באַנײַטן לאַנד באַוויזן און באַווײַזט, אַז דאָס יידישע וואָרט, אויב עס פאַרמאָגט אין זיך אמונה און דויער, ליבשאַפט און אמת, וועט עס לײַכטן ווי דער עמוד־אש און באַלײַכטן אונד־זערע מידבר־גענג אין דער הײַנט־צעטומלטער צײַט. און דער אינאיינעם די קאָנצענטרירונג — לאו מלתא דזוטרתא היא.

בלעטערן מיר די ביכער פון אָט דער קייט, האָבן מיר דאָס געפיל פון אַ העכערער דערגרייכונג, פון אַן אויסנעמישער דערהויבנקייט. עפּעס זעט דאָ אויס יעדער פּובליקאַציע ווי זי וואָלט דורכגעגאַנגען אַ לייטערונג; ווי אַ האַנט און אַן אויג וואָס זענען בבחינת האַרץ און מוח האָבן אָט די שאַפונג געגלעט און אויסגעגלעט, כדי זי זאָל ראוי ווערן אַרײַנצוקומען אין אָט דעם היכל.

נישט אומזיסט (ווי עס ברענגט דאָס דב סדן אין דעם אויבנדערמאָנטן „בריוו״) איז שלום אַש, — לויט ווי עס דערציילט דאָס דער שרײַבער תלוש, בעת שלום אַש און תלוש זענען איין צײַט געווען אין מיאַמי־ביטש — אין איינעם אַ פרימאָרגן געקומען צו לויפן אויף דער פּלאַזשע, געהאַלטן אין די הענט „די גאָלדענע קייט״ ווו ס׳איז געווען געדרוקט זײַנע אַ דערציילונג און... „געהאַט טרערן פון פרייד אין די אויגן און שבח צו מדינת ישראל אין מויל״.

נישט אומזיסט.

50 יאָר פון „אָנהייב" ביז הײַנט

די פאַרוואַלטונג פון **יידישן ליטעראַטן־און זשורנאַ־ליסטן־פאַראיין** אין ישראל האָט מיט מזל באַשלאָסן און אין אַ גוטער שעה דורכגעפירט אַ שיינעם יום־טובדיקן אָוונט אין לייוויק־הויז אין תל־אביב, געווידמעט דעם יובל זינט ס'איז אויפגעקומען דאָס ערשטע אָרגאַניזאַציע־קעמערל פון יידיש־־שרײַבערס אין לאַנד, וואָס האָט זיך דעמלט אַ נאָמען געגעבן: „יידישער ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־קלוב אין ארץ־ ישראל".

געפירט דעם אָוונט און אַרײַנגעפירט האָט דער עסייִסט און ליטעראַטור־פאָרשער **ליזער פּאָדריאַטשיק**, דעם אידעאָלאָגיש־היסטאָרישן הינטערגרונט האָט תמציתדיק באַלויכטן דער שרײַבער און רעדאַקטאָר **מרדכי צאַנין**, דער פאָרזיצער פון פאַראיין; די באַגריסונג פונעם העברעיִשן שרײַבער־פאַראיין האָט געהאַלטן דער באַקאַנטער העברעיִשער שרײַבער־דראַמאַטורג **בן־ציון תומר** און עס האָבן געלייענט פון זייערע ווערק, געשאַפענע **דעמלט**, די ערשטע מיטגלידער פון **קלוב**: **אהרן קאָוועו, מנחם סטעמפּל** און **יוסף פּאַפּיערניקאָוו**, און ס'האָט אַ שוועב געטון פאַר די אויגן דאָס בילד פון אָנהייב...

האָט זיך דערוועקט אין מיר און ס'איז אויפגעשטאַנען ווי לעבעדיק פאַר מײַנע אויגן דאָס **בילד**, פון יענער צײַט און ווי פון חלום אַרויס האָב איך געזאָגט אַזוי צו זאָגן: —

א

...הײַנטיקן חודש איז געוואָרן 51 יאָר זינט מיר, אַ קליינע גרופּע כמעט־אומבאַקאַנטע יידיש־שרײַבערס — חוץ יוסף פּאַפּיערניקאָוו, דניאל לייבל און שמואל איזבאַן — זענען זיך צונויפגעקומען אין דער אַדוואָקאַט־ביוראָ אין תל־אביב, פון איינעם פון די לינקע פּועלי־ציון פירערס אין ארץ־ישראל,

ד״ר נחום־יצחק ראַפּאַלקעס — ני״ר, און דאָרט באַשלאָסן זיך צו זען ווי אַן אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפט פון יידיש־שרײַבערס אין ישוב, און זיך אַ נאָמען געגעבן: יידיער ליטעראַטן־און זשורנאַליסטן קלוב אין ארץ־ישראל.

אַזוי ווי קיין פּראָפּעסיאָנעלע רעכט אויף צו „פּאַרטיידיקן" האָבן מיר דעמלט נישט געהאַט — און האָבן נאָך הײַנט אויך נישט!... — לאָזט זיך אין רעטראָספּעקטיוו דערזען די סיבה דערצו, ווי דעם חזון, די וויזיע מכוח צוגרייטן זיך און דעם באַדן פּאַר די קומענדיקע מיטגלידער, אַז מיר זאָלן ווערן און זײַן די בריק און די פאַרבינדונג צווישן דעם דעמלט גרויסן, שאַפנדיקן גלות־יידנטום און דער קליינער, זיך בויענדיקער צוזאָג־היים אין אַלט־נײַ־לאַנד.

לויטן פּועלי־ציוניסטישן פּראָגנאָז, אַז דער ציוניזם וועט פאַרווירק־לעכט ווערן נאָר דורך אַ גרויסער, סטיכישער מאַסן־עליה, אָדער — אין גאַנצן נישט, און אַ גרויסע מאַסן־עליה מיינט: די מיליאָנען יידן וואָס לעבן, רעדן און שאַפן אין יידיש — וועלן מיר, די „אָנהייב"לער זײַן, אויב אַזוי, די אויפנעמערס, די אַנטקעגנקומערס מיט אונדזער אייגנאַרטיקן, ארץ־ישראלדיקן ליטעראַרישן וואָרט, און די טראַנסמיטירער פון אָט דעם וואָרט צו די יידן אונדזערע אין די תפוצות.

דאָס, ווי אַן אידעאָלאָגישער הינטערגרונט. ווי אַ זעונג. די צײַט אָבער איז צײַטיק געוואָרן צוליב דעם ערשטן געלונגענעם פּרווו אַרויסצוגעבן אַ יידיש־ליטעראַרישע זאַמלונג — „אָנהייב" (ירושלים, אויגוסט 1928) און צוליב דער „אָנערקענונג" וואָס די פּײַנט פון יידיש האָבן אונדז געגעבן: אַ פּאָגראָם, ווי אַלע קלאַסישע פּאָגראָמען, — דער בלוטיקער איבערפאַל אויפן ליטעראַרישן אָוונט, אײַנגעאָרדנט אין קלוב פון די לינקע פּועלי־ציון, אויף דער אַלנביי־גאַס אין תל־אביב, אין אַ חודש אָרום. שמחת־תורה 1928.

ב

מיר זענען בסך־הכל געווען דעמלט בײַ אַן אַנדערהאַלבן מנינים פּען־מענטשן, וואָס נישט אַלע זענען געקומען צו דער דערמאָנטער פאַרזאַמ־לונג. מיר האָבן אויסגעקליבן דעם שרײַבער שמחה פּיעטרושקאַ, דעם שפּעט־טערדיקן איבערזעצער פון דער משנה, ווי דעם פאַרזיצער, ווי דעם יורי־דישן זאָרגער און פאַרזאָרגער — דעם פירער פון די לינקע פּועלי־ציון, ד״ר ראַפּאַלקעס־ניר, און ווי דעם סעקרעטאַר — מײַן וויינקייט. און ווײַל דאָס אַלץ וויל נישט אָפּטרעטן פון מײַן זכרון, וואָלט איך וועלן ברענגען דאָ

אַזויפיל ווי מעגלעך דעם פּאַן און דאָס געפיל, וואָס גייט מיר נאָך די גאַנצע 51 יאָר.

דער נעסטאָר אונדזערער, דער ערשטער און חשובסטער, דער דיכטער יוסף פּאַפּירעניקאָוו, האָט שוין דעמלט מכריז געווען אין זײַנעם אַ שיר, אַז... „נישטאָ נאָך אַזאַ אָרט און נישטאָ נאָך אַזאַ לאַנד", און אין זײַן ליד „דאָס איינציקע" האָט ער פּאַטעטיש און קלאָר פּראָקלאַמירט: „דאָס איינציקע וואָס איך זע דאָ, זענען טעג פון לויטער גאָלד, / און ליכטיק בלאָלעך־ווײַסע נעכט, ווי חתונות געגרייט, / און יונגע זין און טעכטער פון דער שטאָט, פון דאָרף און פעלד, / וואָס טראָגן אין די לײַבער אום די פּרוכטבעריקע פרייד". נאָר אים, אונדז, האָט מען די פרייד נישט פאַרגונען. נישט דערלאָזט. און נישט נאָר אונדז.

אין יענער צײַט זענען גראָד געקומען אין לאַנד אַריין ווי געסט שלום אַש, פּרץ הירשביין און אסתר שומיאַטשער. זענען זיי אויפגענומען געוואָרן דורכן העברעיִשן שרײַבער־פאַראיין, ווו ח. נ. ביאַליק האָט זיי וואַרעם באַגריסט און דערבײַ געזאָגט, אַז עברית און יידיש זענען ווי נעמי מיט רותן... גאָט אין הימל, וואָס האָט זיך דאָ געטאָן! שלאָנסקי, שטיינמאַן א.אַ. האָבן געקערט וועלטן און ממש געוואָלט מאַכן פון דעם גײַסטיקן ריז ביאַליק, אַ קליין פאַררעטעריש מענטשעלע... און ווײַל מיר הערן און זעען ווי די נאָר־וואָס געקומענע אין לאַנד אַרײַן, מיט ידיעות קאַרגע און ניט־קאָנטראָלירטע, ווילן פאַרשטיין יענע צײַט און יענע מענטשן, און בלײַבן, אָפּט מאָל, אין יענער זײַט פון געוועזענעם, מוזן מיר זיך, צום ווייפלטן מאָל, איבערחזרן און זאָגן: —

...בלוי איז געווען דער הימל, וואָס האָט דעמלט באַשירעמט און באַשיצט דעם ייִד—מענטש, וואָס איז געקומען אַהער אַרבעטן, פּויער זײַן, לויפן פּיאָנעריש פאָרויס צו אומבאַקאַנטס, כדי דאָס פאָלק זאָל זײַן, זאָל אָנגיין ווײַטער, זאָל ציִען דעם פאָדעם פון בענקשאַפט ביז דערגרייכונג.

בלוי איז געווען דער הימל, וואָס האָט געהיימט און געשירעמט די יונגע ייִדיש־שאַפערס, די מיט באַגײַסטערונג אָנגעשכורטע, וואָס האָבן אויף זיך גענומען פון אייגענעם ווילן, אָן אָנווײַזונגען פון כוח־האָבנדיקע אָנווײַזערס, און לא על מנת לקבל פרס — מ'האָט נאָך דעמלט קיין פרײַזן נישט געטיילט! — צו באַזינגען און באַשרײַבן דאָס לאַנד פון די אָבות און די בנים, אין די טעג פון אויפגיי און אויפלײַכט, ווי אין טעג פון אָפּגאַנג און ירידה — און ס'איז געווען ירידה אויך אין יענע טעג! — אין צײַטן פון רחמים און גנאָד, ווי אין שעהען פון ווייַ און פון פּײַן — און ס'איז געווען פּײַן, אַ סך פּײַן אויך אין יענע טעג!

וווּנדערלעך בלוי איז געווען דער הימל אין די אויגן פון די פֿאַר־פּישופּטע ייִדיש־זינגערס, וואָס האָבן נישט איין מאָל זיך פֿאַרכלינּיעט אינעם הונגער־העמד און אינעם סדום־בעטל, וואָס די באַהערשערס פון דעם דעמלטיקן ייִשוב האָבן זיי צוגעטיילט, און אַרויסגעשאָלט פֿאַר דער ברייטער און גרויסער ייִדישער וועלט — און ס׳איז געווען אַזאַ דעמלט! — דאָס געזאַנג פון אויפקום און אויפבוי פון אַ היים וואָס איז אונדז צוגעזאָגט געוואָרן פון בראשית אָן.

דער באַרוועסער גאַנג פון די זינגערס — בעת יעדער איינער באַזונ־דער האָט געחלומט פון אַ שרײַבער־קרוין און אַלע אין איינעם זענען געווען כמעט איין האָמאָגענער אַנאָנים — האָט אַרײַנגעגומען אין זײַן געגיי יעדן צוגעקומענעם מאמין, וואָס האָט זײַן אמונה געפּרווּווט אויס־זינגען אין ליד, אָדער אויסדערציילן אין דערציילונג, און מיט אומבאַ־גרענעצטן ווילן זיך דורכגעריסן אַ וועג צו ייִדישע הערצער אין אַ זיך צעפּאַלנדיקער וועלט...

אָט וואָס מיר האָבן צו זאָגן און צו דערציילן.

איז לאָמיר לכן באַערן די אַוועקגעגאַנגענע ערשטע: מנשה אונגער, אברהם בליי־ציפּורי, יעקב זרובבל, לייבל חיין־שמעוני, י. טריוואַקס, דניאל לייבל־אַלכסנדר, י. לעדערמאַן־מאַניק, א. לעוו, מ. ערעם, ריקודה פּאָטאַש, ש. פּיעטרושקא, אליעזר קאַליר, מרדכי קאָסאָווער, נחום־יצחק ראַפּאַלקעס־ניר, ישראל רובין, אברהם ריוועס, יעקב שטאָל (שמחה אייזן) און אריה שמרי, זכרונם לברכה, און לאָמיר ווינטשן לאַנגע, לאַנגע יאָר מיט אַ סך, אַ סך שאַפונגען אין אונדזערעביידע לשונות, די ערשטע וואָס זענען דאָ מיט אונדז — יעדער איינער עד מאָה ועשרים! — שמואל איזבאַן, ישראל חיים בילעצקי, אברהם ליס, גיטל מײַזיל, מנחם סטעמפּל, יוסף פּאַפּיערניקאָוו, הלל שאַרגעל און שלמה שנהוד. אויב כ׳האָב וועמען פֿאַר־געסן, זאָל עס מיר פֿאַרגעבן ווערן.

ג

וואָס שייך מיר, בין איך מחויב דאָ, בײַ אָט דער פֿייערלעכער געלע־גנהייט, צו זאָגן, אַז דאָס שרײַבן ייִדיש איז בײַ מיר קיין מאָל נישט געווען אין סתירה צו מײַן שאַצן, כבוד האָבן און ליב האָבן העברעיִש. פֿאַרקערט, איך האָב תמיד געזען אין זיי ביידע, אין אָט די צוויי לשונות אונדזערע, אַ מין אוניע, אַ פֿאַראייניקונג, וואָס יעדע איינע באַמיט זיך אַרײַנצוטראָגן אין דער שותפות וואָס מערער און וואָס בעסערס. אַ פּסוק פון דער תורה, אַ מאַמר חז״ל האָבן חשובער געמאַכט נישט נאָר דאָס לשון אונדזערס,

נאָר אויך אונדז דערהויבן און צונויפגעבונדן מיטן נצח ישראל, בעת אַ ייִדיש ווערטל, אַ ייִדישער קרעכץ און אַ תחינה־ניואַנס וואָס איז אַרײַנגענומען געוואָרן אינעם שטײַפן, אַריסטאָקראַטישן עברית, האָבן דאָס העברעיִש ווייכער געמאַכט, היימישער, נעענטער און עס מתקרב געווען צו די שלאָגנדיקע קוואַלן פון לעבעדיקער פאָלקישקייט.

אַז איך בין אַלט געווען אַ יאָר זעקס, האָט מיך מײַן טאַטע, דער חסיד ותמים ר׳ איטשעלע ז״ל, גערופן צום טיש בעת ר׳האָט געשריבן אַ בריוו צו אַ קרוב. מיר געגעבן אַ פעדער אין האַנט אַרײַן און מיר געהייסן שרײַבן: גם אני דורש בשלומך הטוב... הייסט דאָך דאָס, אַז כ׳האָב אָנגעהויבן „שרײַבן״ עברית. פלעג איך זיך אָבער צוהערן, נאָך איידער כ׳האָב געוווּסט וועגן אַ ר׳ לוי־יצחק מבאַרדיטשעוו, ווי מײַן טאַטע, דער בעל הספר ולשון, רעדט, אין מיטן הייליקן דאַווענען, צו גאָט אויף ייִדיש: „אוי, טאַטע אין הימל!״, און מײַן מאַמע, די קוזמערער חסידיתטע, וואָס האָט געצויגן איר ייִחוס פונעם ב״ח (בעל „בית־חדש״), זאָגט אַלע אין דער פרי „ברכה״ מיט מײַן עלטער שוועסטערל, ביידן עליהן השלום, כהאי לשנא: אדוני גאָט, ליבער גאָט. עד האָף צי דיר און צי דאַן געבאָט: יעך זאָל טיען ווי דאַ טאַטע הייסט, ווי די מאַמע הייסט, ווי אַלע גיטע פרימע לאַאַט הייסן מיך טיען. צי גיטן זאָל יעך טיען. אַ ברכה און אַ הצלחה וועט קימען אָף מיר אין אָף מאַאַן קעפּאַלי, אמן סלה. — האָט ביי מיר ייִדיש אויסגעזען ווי די אינטימסטע שפּראַך אין וועלכער ייִדן רעדן זיך אויף מיט גאָט.

און אַז צו דער דערהויבנקייט פון אָט דעם לשון איז נאָך צוגעקומען שפּעטער דער פּועלי־ציוניזם, וואָס האָט מיך געלערנט ליב צו האָבן און צו זאָרגן פאַר מײַן פאָלק און לאַנד, בעת דאָס חומש האָט געפּלאַטערט אין מײַנע ביינער ווי דער סנה, איז שוין גאָרנישט אַזוי שווער צו פאַרשטיין, פאַרוואָס איך, דער ייִנגסטער דעמלט פון דער שרײַבער־גרופּע האָב זיך געשטעלט בלב ונפש פאַר דעם מעמד פון ייִדיש אין מײַן אַלט־נײַער אייגענער היים.

דער אָן־פּניותדיקער אָביעקטיווער פאָרשער וועט זייער לײַכט אויסגעפינען, אַז די אַ סיבות, און ענלעכע צו זיי, אָן וועלכן ס׳איז „קאַמף״, זענען געווען דאָס אייגנס, דער אני מאמין פון דער גאַנצער ערשטער ייִדישער שרײַבער־משפּחה אין לאַנד און וועגן ווײַטערס וועט נאָך דערציילט ווערן.

אויגוסט, 1979

אינהאַלט

אַרײַנפיר זײַט 5

מכוח געאָגראַפישע שייכותדיקייט (2 בריוו פון ב. אַלקוויט־בלום) 7

א. קוואַלן אַרום געצעלט

די „וואַלפיש" פון שמואל איזבאַן 11

ברוך אַליצקי 16

אויפן וועג צום פּרץ־סקווער (אליעזר בלום־אַלקוויט) 22

מכוח ווידער און ווייטער (י. בורשטיין־פינער) 26

שלמה ביקל 31

ב ע ן אין ישראל 34

יעקב גלאַטשטיין (א. אין ישראל, ב. אין העברעיִשן לבוש, ג. טיפקייט, ברייטקייט, הויכקייט) 37

חיים גראַדע 52

מרדכי געבירטיג 61

אַן אויסשטעלונג וואָס לאָזט נישט גלייכגילטיק (מאַרעק האַלטער) 66

פערל האַלטער (א. די דיכטערין פון דערמאָנונגען, ב. פערעלע, זכרונה לברכה!) 68

מלכה חפץ־טוזמאַן (א. „לידער", ב. מילד מײַן ווילד", ג. צו גאַסט אין ישראל) 72

מיטן „פרינץ פון דער מיניאַטור" (דוד טושינסקי) 78

דער אמת זאָל זײַן דײַן שטערן (שיִע טענענבוים) 82

אַ זינגערין אַ ייִדישע (בינה לאַנדאַו) 86

ה. לייוויק (א. אונדזער לייוויק, ב. תוך און עיקר אין ה. לייוויקס שאַפן, ג. איז אַוועק דער זינגער צו אָפענע הימלען) 88

ביים סקולפּטאָר מיכאל מילבערגער 105

„פון די טיפענישן" און „דער גורל פון ייִדן צווישן די אומות העולם" (גרשון סאַפּאַזשניקאָוו) 110

„טרובאַדורישע לידער" פון שמשון פערשט 118

אַ באַגעגעניש מיט אַרטור קאָלניק 121

מעינקע קאַץ — דער דיכטער פון פשוטן חלום 124

מלך ראַוויטש (א. ווי איך האָב אים געזען, ב. עיקר שכחתי, ג. נישטאָ שוין מלך ראַוויטש) 128

אונדזער גאַסט משה שולשטיין 135

משה שטאַרקמאַנס „געקליבענע שריפטן" 140

ב. פון „אָנהייב" אָן (המשך פון בוך 1)

יובל פון אַן אייגנאַרטיקן קינסטלער (שמעון דזשיגאַן) 145
גבריאל ווײַסמאַן און זײַנע עסייען 147
ניגון, צײַט, ירושה (דאָרע טייטלבוים) 152
די בשׂמים־ריחות פון היימישן וואָרט (יצחק יאַנאַסאָוויטש) 159
אין לאַנד פון אליהו הנביא (משה יונגמאַן) 163
דור און תקופה (מאיר יעלין) 169
דאָס מאָלן און די מאָלערין (פרומע יעקובאָווסקי־בעקער) 173
צוויי דיכטערס, איין פּרעמיע (יאָסל לערנער, אמיר גלבע) 175
רפאל מאַהלער (א. בעל פּרס ישראל, ב. פון אַפּריל ביז
אָקטאָבער) 180
דאָס בוך „צער און פרייד" און זיין מחבר לייב מאָרגנטוי 183
אין מלכות פון שײַן און שיין (א. אברהם סוצקעווערס
געזאַנגען אין עברית, ב אברהם סוצקעווערס פּראָזע) 186
דאָס משולם סורקיס־בוך 193
„שפּאַצירן אין דער נאַכט" פון דוד ספאַרד 197
יצחק פּאַנער — אין דערמאָנונג 202
יוסף פּאַפּיערניקאָוו, פּרס ראש הממשלה און „אָנהייב" 50 יאָר 207
יעקב פרידמאַן, פּאָעט פון פּאַסטער־שטאָם 212
מרדכי צאַנין און זײַן יידישער ראָמאַן 219
שמעון קאַנץ און דער כּוח פון זײַן אות 228
צווישן געדאַנק און געפיל (אפרים רויטמאַן) 232
טיפער ניגון (שלמה רויטמאַן) 237
אין דער ריכטיקער צייט (צבי שור) 243
אריה שמרי (א. „אין אַזאַ פּאַרנאַכט וועל איך נישט
שטאַרבן", ב. דער פּרײַז און זײַן נאָמען) 246
דער צווייספּראַכיקער שלמה שנהוד (א. צום צוטיילן אים
די מאַנגער־פּרעמיע, ב. און זי איז דערשינען...) 257
אפרים שרײַער און זײַנע „היימישע שוועלן" 266

ג. פון דעמלט ביז הײַנט

פון תרפ"ח ביז תש"ח 271
אונדזער געזאַנגען־גאַנג צו תש"ח 284
פּרץ הירשביין אין ארץ־ישראל אין 1928 292
וועגן יידישקייט און יידיש (אַרום „חול ורוח" און די
בייזע רוחות...) 295
כל המצר לײדיש... 302
פון איינס ביז הונדערט (100 נומערן „די גאָלדענע קייט") 310
50 יאָר פון „אָנהייב" ביז הײַנט 314